STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10382

POYLISHE YIDN IN DI VELDER

Shlomo Strauss-Marko

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה שטראַוס־מאַרקאָ

☆

פאַראַשוטיסטן

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער הילף פון:
ההסתדרות הציונית העולמית, קרן תל־אביב לספרות ולאמנות
און יידישן שרייבער פאַראיין אין ישראל

דעם אָנדענק פון די העלדן, וואָס זייערע קברים זענען צעזייט איבער די פוילישע, אוקראינישע, רוסישע און ווייסרוסישע וועלדער, פון די אַלע, וואָס האָבן מיט זייער לעבן באַצאָלט פאַר דעם כבוד פון זייער פאָלק — ווידמע איך די דאָזיקע אַרבעט.

דער מחבר

שלמה שטראַוס־מאַרקאָ

פוילישע יידן אין די וועלדער

2־טער באַנד

פאַראַשוטיסטן

תל־אביב, — 1981

SHLOMO STRAUSS-MARKO

POILISZE IDN IN DI WELDER

שלמה שטראַוס־מאַרקאָ

פוילישע יידן אין די וועלדער

2־טער באַנד

פּאַראַשוטיסטן

PARASZUTISTN

פאַרלאַג „ניי־לעבן"

©
by Shlomo Strauss-Marko

נדפס בישראל תשמ"א

Printed in Israel 1981

דפוס „אור" בע"מ, תל־אביב, שד' הר־ציון 104, טל. 822481

הקדמה

אונדזערע אָפיציעלע אַנשטאַלטן צו פאַראייביקן די תקופה פון אונדזער חורבן אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה (1945—1939) זענען טעטיק בעיקר אויף צוויי געביטן: רעפּרע־זענטאַנץ און צוזאַמענשטעלן די דאַטן וועגן די געטאָס, אַרבעט־לאַגערן, קאַצעטן און אַנדערע פייניקונגס־פּלעצער, פון וועלכע „יידן זענען געגאַנגען צום טויט ווי שעפסן צו דער שחיטה", ווי עס איז בייזוויליק אויסגעטראַכט געוואָרן אַ בלבול אויף די געפייניקטע און אומגעבראַכטע. אין אימפּאָזאַנטע בענדער זענען צונויפגעזאַמלט געוואָרן די נעמען פון קאָנצענטראַציע־ און פייניקונגס־פּלעצער, אַפילו פון די קלענסטע, זייער געאָגראַפישע לאַגע, די צאָל קרבנות, די לענדער פון וועלכע די קרבנות זענען איינגעזאַמלט געוואָרן און ענלעכע דאַטן.

קיינער וועט נישט לייקענען, אַז אָט דער טעכנישער מאַטע־ריאַל איז פון היסטאָרישער וויכטיקייט, כדי צו געבן אַ בילד וועגן דעם פאַרנעם פון דער דייטשער מאַסן־מאָרד־מאַשין, אָבער צווישן אַלע אָפיציעל־אַרויסגעגעבענע ביכער און אַלבומען איז נישט פאַראַן קיין איין איינציקע אויסגאַבע, אין וועלכער עס זאָלן זיין איינגעזאַמלט די אַקטן פון דעם וואונדערלעכן העראָיזם פון די יידן, וואָס זענען פאַרפייניקט און אומגעבראַכט געוואָרן. נאָר דער ייד, וואָס האָט כאָטש איין איינציקן חודש געלעבט אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע, איז פעיק צו באַגרייפן, אַז דאָס איבערלעבן אַ טאָג אין דער אייביקער טויט־געפאַר, דער טאָג־טעגלעכער ווידערשטאַנד פון יעדער פרוי, מאַן און קינד איז געוועזן אַ העלדישקייט. די קאָנווענציאָנעלע מענטשלעכע שפּראַך זעט

נישט קיין העלדישקייט אין איינשטעלן דאָס לעבן, כדי צו דעראַ־בערן אַ שטיקל ברויט און אַ פּאָר קאַרטאָפל פאַר הונגעריקע קינדער אין דער צייט ווען די נאַצישע פּאָליטיק איז געווען אויס־צוהונגערן די יידישע באַפעלקערונג, כדי זי פיזיש אָפּצושוואַכן אַזוי אַז זי זאָל מער קיין כוח נישט האָבן פאַר דעם מינדסטן ווידערשטאַנד. אָבער ווי דער דייטשער באַרבאַריזם אין יענער תקופה שטייט באַזונדער און אויסער די ראַמען פון דער פעיקייט פונעם מענטש צו באַנעמען אים, אַזוי שטייען באַזונדער אויך די באַגריפן פון העלדישקייט אין די געטאָס, אַרבעטסלאַגערן און פאַרניכטונג־לאַגערן.

ווען אַ זעלנער אויפן פראָנט גראָבט זיך אונטער די פאַר־שאַנצונגען פונעם שונא כדי איינצוזאַמלען אינפאָרמאַציע, איז דער אַקט אַ העלדישער און ווען אַ קינד אין געטאָ גראָבט זיך אונטער אונטער דער געטאָ־מויער, כדי פון דער אַרישער זייט צו ברענגען אַביסל קאַרטאָפל, צי ברויט, איז נישט העלדישקייט? לויט מיין מיינונג איז דאָס די קלאַסישע העלדישקייט אין די באַדינגונגען, וואָס האָבן פאַר יידן געהערשט אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע. גיין קעגן די מזימות פון די נאַציס און טאָן אַלץ כדי צו בלייבן לעבן און וועלן איבערלעבן אין באַדינגונגען ווען דאָס לעבן איז געווען אַ גיהנום — דאָס איז העלדישקייט.

מיט אָט דעם לעבנסווידערשטאַנד האָט זיך ווייט נישט געענדיקט דער יידישער העראָיזם. יידן האָבן מיט געווער אין די הענט אין די געטאָס, אין די וועלדער, אויף די וועגן און דורך אויפשטאַנדן אין די פאַרניכטונגס־לאַגערן געפירט אַ פערמאַנענטן קאַמף קעגן די נאַציס: אָרעם־באַוואָפנטע אין אַ פיינטלעכער סביבה קעגן אַ מאַכט באַוואָפנט ביז איבער די ציין און מיט דער מערדערישער אָפּט קאָאָפּעראַציע פון אָרטיקע עלעמענטן. נישט אויסצורעכענען איז די צאָל פון די העלדישע מעשים פון יידישע קעמפער קעגן די דייטשן. אָט די העלדישע מעשים זענען

ביז איצט נישט איינגעזאַמלט געוואָרן אין די אויסגאַבן פון די אָפיציעלע אַנשטאַלטן, וואָס דווקא דאָס קאַפּיטל פון יידישן ווידערשטאַנד און אַקטיוון קאַמף האָט געדאַרפט זיין זייער ערשטע אויפגאַבע. אָבער אַזאַ בוך וואָלט געוועז דער צעשמעטערנ־דיקער פאַרלייקענונגס־עדות קעגן דעם בלוט־בלבול, אַז „יידן זענען געגאַנגען צום טויט ווי די שעפּסן צו דער שחיטה", דאָס וואָלט נישט געשטימט מיט אַ געוויסער פערפידער קאָנצעפּציע בנוגע אונדזער אומגעבראַכט פאָלק.

דער געזונטער אינסטינקט פון דער שארית הפליטה, אויס־געשאַרפט צו אויסערגעוויינטלעכער פילבאַרקייט, האָט נישט געקענט משלים זיין מיט אָט דעם בלויז — אַז אין דער כראָניק פון דעם גרעסטן חורבן אין אונדזער געשיכטע זאָלן בלייבן נישט מער ווי רעגיסטערס פון געטאָס, אַרבעט־לאַגערן, פאַרניכ־טונג־לאַגערן און גאַז־קאַמערן. דער געזונטער אינסטינקט פון די לעבנגעבליבענע האָט געמאָנט אויפצושטעלן אַן אמתדיק בילד פון יידישן געראַנגל פאַרן לעבן און העלדן־מעשים אין קאַמף קעגן די דייטשע באַרבאַרן. אָט די העלדישע מעשים האָבן פאַר־צייכנט און פאַרצייכענען ווייטער איינצלנע יידן מתוך יחידישער איניציאַטיוו. און דאָס טוט אויך שלמה שטראַוס־מאַרקאָ, דער מחבר פון אַ ריי ביכער אויף דער טעמע און אויך פון דעם בוך „יידישע פּאַראַשוטיסטן", וואָס ליגט פאַר אונדז.

שטראַוס־מאַרקאָ האָט דורכגעמאַכט די מלחמה־יאָרן אין אַ פערזענלעכער זאַגע פון קאַמף און ווידערשטאַנד. דער געוועז־ענער ישיבה־בחור, וואָס האָט אין דער מלחמה געשפּילט די ראָל פון אַן אוקראַאינישן נאַציאָנאַליסט און ווי אַ מלחמה־געפאַנגענער ביי די דייטשן מיטגעאַרבעט מיט דעם אַנטי־נאַצישן אונטערגרונט, כדי צו סאַבאָטירן די מלחמה־פּלענער פון די דייטשן, האָט זיך געשטעלט פאַר זיין לעבנסציל צו פאַראייביקן די העלדישקייט פון יידישע העלדישע קעמפער קעגן די נאַציס. דאָס טוט ער אויך,

אין דעם בוך „יידישע פּאַראַשוטיסטן‟, וואָס ליגט פאַר אונדז, פון די דרייסיק קאַפּיטלעך אין דעם בוך גייט אויף אַ וווּנדערלעך בילד פון יידישער גבורה, פון אַבסאָלוטער קרבנות־גרייטקייט אין קאַמף קעגן דעם נאַצישן מאָנסטער, וואָס האָט כמעט נישט זיין גלייכן אין דער מענטשלעכער געשיכטע מיט דעם פאַרנעם פון זיין פעלקער־מאָרד.

שלמה שטראַוס מיט זיינע פּערזענלעכע מעשים און מיט די מעשים פון די העלדן וואָס ער באַשרייבט אָן וועלכער עס איז פאַרפּוצונג — איז נישט בלויז די פולע פאַרלייקענונג פון דעם בלוט־בלבול, אַז „יידן זענען געגאַנגען צום טויט ווי שעפּסן צו דער שחיטה‟, נאָר איז די זאַגע פון זין פון אַ פאָלק, וואָס כמעט מיט ליידיקע הענט, און אָפט בלויז מיט ליידיקע הענט, האָט געפירט זיין אייגענע העראָישע מלחמה קעגן זייער גרעסטן שונא און דעם שונא פון דער גאַנצער מענטשהייט.

מ. צאַנין

אַ וואָרט פון אויטאָר

גרויס איז די צאָל פון יידישע לופט־פּליִער, פּאַראַשוטיסטן, וועלכע האָבן אָנטייל גענומען אין קאַמף אין דער תקופה פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, קעגן די ברוינע באַרבאַרן. אין דעם ערשטן באַנד „פּוילישע יידן אין די וועלדער" זענען שוין דערמאָנט געוואָרן אַ סך געוואַגטע, יידישע בחורים און מיידלעך — פּאַראַשוטיסטן, וועלכע זענען אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן, אויף פאַרשידענע באַזעצטע געביטן אין רוקן פון שונא, פאַרשטעלטע אַלס אַריער, כדי צו טראָגן הילף זייערע מיטבירגער נישט יידן. נישט איין מאָל האָבן זיי באַצאָלט מיט זייער יונג, בליִענדיק לעבן, אָדער אויסגעהויכט זייער נשמה אין די קעלערן און קאַזעמאַטן פון דער געסטאַפּאָ.

כראָניקעס דערציילן וועגן מוטיקע יידן, וועלכע האָבן איינשטעלנדיק זייער קאָפּ געטראָגן הילף סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע הינטער שטעכיקע דראָטן. זייער מוט און גבורה, זייער שרעקלאָזיקייט און אומבויגזאַמער ווילן צו קעמפן קעגן די נאַצישע קאַניבאַלן, אַלס זעלנער־פּאַרטיזאַנער, כדי צו נעמען נקמה פאַר די טראַגיש־אומגעקומענע טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער, קרובים און פריינד, פאַר די חרוב געוואָרענע יידישע היימען, האָב איך באַשריבן גענוי לויט די דערציילונגען פון לעבן־געבליבענע קעמפער־פּאַרטיזאַנער, ווי אויך אויפן סמך פון פאַרשידענע מאַטעריאַלן פון אַרכיוון און דאָקומענטן.

איך האָב די דאָזיקע באַשיידענע אַרבעט געהאַלטן פאַר מיין נאַציאָנאַלן און מענטשלעכן חוב. איך האָב דערמיט געוואָלט אויפווייזן אונדזער גוואַלדיקן צושטייער פון בלוט, וואָס מיר האָבן געגעבן אין קאַמף, צו באַפרייען נישט נאָר דאָס יידישע פאָלק, נאָר די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט, פון דער דראָענדיקער איר געפאַר פון פאַרניכטונג.

מיט זייער בלוט האָבן זיי אַריינגעשריבן אַ הערלעך בלאַט פון מוט און שטאָלץ אין דער געשיכטע פונעם יידישן פאָלק.

אין דעם בוך זענען שוין דערמאָנט געוואָרן אַזעלכע העלדישע פּאַראַשוטיסטן ווי:

מאַיאָר עדוואַרד לאַסט — אינסטרוקטאָר אין „שטורעם באַטאַליאָן".

פּאָדפּאָרוטשניק סענדער קאַני — זעלנער פונעם „שטורעם־באַטאַליאָן".

פולקאָווניק יצחק גוטמאַן־סקוטעלי פסעוודאָנים „זיגפריד" — אָנפירער פון דער פּאַרטיזאַנער אָפּטיילונג „זאַ וואָלנאָשטש אויטשיזני".

קאַפּיטאַן לוצינאַ הערץ — פאַרטרעטער פונעם אָנפירער פון דער פיזיליערן־קאָמפּאַניע פון 9־טן פּאָלק אינפאַנטעריע.

פּאָדפּאָרוטשניק באָריס טראָקי — זעלנער פון „שטורעם־באַטאַליאָן".

פּאָדפּאָרוטשניק שמואל קאָניוכאָווסקי — זעלנער פון „שטורעם־באַטאַליאָן".

פולקאָווניק אַדאַם קאָרנעצקי — שטאַב־שעף פון דער ערשטער בריגאַדע א. ל.

גענעראַל יולעק היבנער — העלד פון ראַטנפּאַרבאַנד.

פולקאָווניק יולעק קאָנאַר־קאָן — אינסטרוקטאָר אין „שטורעם־באַטאַליאָן" און שפּעטער אָנפירער ביי די פּאַרטיזאַנער.

פּאָדפּאָרוטשניק בערנאַרד שוואַרץ — זעלנער פון „שטורעם־באַטאַליאָן".

פּאָדפּאָרוטשניק הערש שלייפער — זעלנער פון „שטורעם־באַטאַליאָן".

עלטערער סערזשאַנט שמואל זענדעל — זעלנער פון „שטורעם־באַטאַליאָן".

פּאָדפּאָרוטשניק באָריס זאַנגער — זעלנער פון „שטורעם־באַטאַליאָן".

לעאָן קאָסמאַן פסעוודאָנים „יאַנאָווסקי" אָנפירער פון אַ פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג־פאַרבינדלער צווישן פוילישן אונטערגרונט און מאָסקווע.

לעאָן ביעלסקי פסעוודאָנים „ראָמאַן" — אַראָפּגעוואָרפן צו די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען אין די יאַנאָווער וועלדער.

שמעון קראַקאָווסקי פון לאָדזש — אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן אין די בילגאָראַיער־וועלדער (געפאַלן אין יוני 1944).

יאַדוויגאַ לודווינסקאַ „העלענאַ" — סאַבינאַ גאָלדשלאַק — אָנפירער פון דער אונטערגרונט־באַוועגונג אין דרומדיקן טייל פון פוילן... און נאָך אַ סך אַנדערע.

אָבער די צאָל פון די קעמפער־פּאַראַשוטיסטן, קעגן די היט־לעריסטישע מחנות, איז ווייט, ווייט נישט אויסגעשעפּט. דערפאַר האָב איך באַשלאָסן, אויף וויפל איך וועל זיין בכוח, די דאָזיקע אַרבעט פאָרצוזעצן, מיט דעם צווייטן באַנד אונטערן נאָמען — פּאַראַשוטיסטן.

מגר שלמה שטראַוס־מאַרקאָ

וואַרשע, דעם 18 אָקטאָבער 1966

די פּאַראַשוטיסטין חנה סענעש פּסעוודאָנים „הגר"

אַ סך האָט מען שוין געשריבן וועגן דער העלדישער יידישער טאָכטער, די חברטע פון קיבוץ שדות־ים, קיסריה, חנה סענעש פּסעוודאָנים „הגר". עס ווידמעט איר זיין בוך, דער קאָמענדאַנט פון דער גרופּע פּאַראַשוטיסטן, יואל פלגי „רוח גדולה באה" (אַ גרויסער גייסט איז געקומען), עס דערשיינט דאָס בוך „חנה סנש — חייה שליחותו ומותה" (איר לעבן שליחות און טויט) אין פאַרלאַג הקיבוץ המאוחד, מיט דער פאָררעדע פון משה בערעס־לאַווסקי. עס איבערזעצט די לידער פון חנה סענעש, די יידישע דיכטערין רחל בוימוואַל, עס דערמאָנט זי איר קאַמפּס־חבר חיים אַנצו סרני און נאָך אַ סך אַנדערע קעמפער און שרייבער — אויך מיר ווילן אָפּגעבן כבוד און פאַראייביקן דעם נאָמען פון דער יונגער דיכטערין, וועלכע האָט אָפּגעגעבן איר בליענדיק לעבן אין קאַמף, קעגן דעם גרעסטן שונא פון דער מענטשהייט — דעם דייטשן פאַשיזם.

חנה סענעש איז געבוירן געוואָרן דעם 17 יולי 1921 אין בודאַפּעשט, ביי יידישע פאַרגעשריטענע עלטערן. איר טאַטע בעלאַ סענעש, אַ באַגאַבטער יידיש־אונגאַרישער שרייבער, שטאַרבט זייער יונג, ווען חנה איז נאָך געווען אַ קליין קינד. פון דאַנען קומט אויך די גרויסע צוגעבונדנקייט פון דעם פאַריתומטן קינד צו דער מאַמען — קאַטערינאַ סענעש.

חנה, אַניקאַ — ווי מ'האָט זי גערופן, איז דערצויגן געוואָרן אין אַן אַסימילירטער סביבה, אָבער באַלד ווי זי מאַכט אירע ערשטע טריט אין איר לעבן, שטויסט זי זיך אָן אויף אַן אַנטיסעמיטישער כוואַליע, וועלכע קומט פון דעם פאַעטישן קרייז פון איר שולע. עס קומט צו איר באַוווסטזיין, אַז טראָץ אירע גרויסע פעיִקייטן און טאַלאַנט, טראָץ דעם, וואָס זי פאַר־ענדיקט פון יאָר צו יאָר די שולע, מיט די בעסטע אויסצייכענונגען זענען פאַר איר אַלע טויערן אין לעבן פאַרמאַכט, אַפילו דער באַשיידענער טרוים, צו ווערן אַ לערערין, קאָן אויך נישט פאַרווירקלעכט ווערן. זי הייבט אָן פילן, וואָס דאָס הייסט צו זיין אַ ייד אין אַ פרעמדער געזעלשאַפט.

אַ דיכטערישע נשמה, אַ זייער איידל און פילבאַר וועזן, מיט אַן אָפן האַרץ פאַר אַלע ליידנדיקע, קומט חנה צום אויספיר, אַז אויך פאַר דעם

ייד מוז זיין אַ פּלאַץ אויף דעם ערד־קיילעך, און דאָס קאָן זיין נאָר איינס — אַ יידיש לאַנד, אַ יידישע מדינה — ארץ ישראל...

פון דער אַסימילירטער טאָכטער, ווערט אַן איבערגעגעבענע טרוימערין פון דער ציוניסטישער אידעע. חנה הייבט אָן לערנען עברית. זי איז פעסט אַנטשלאָסן צו פאַרבינדן איר צוקונפט, מיט דעם אַזוי געררופענעם דעמאָלט — פּאַלעסטינע.

ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, פאַרלאָזט חנה סעגעש איר באַקוועמע היים און רעפּאַטריאירט זיך קיין ארץ ישראל.

מיט אַ גוואַלדיקן יוגנטלעכן ברען שליסט זי זיך אָן אין די רייען פון דער קיבוצישער געזעלשאַפט.

אירע ערשטע טריט זענען אין מושב נהלל, ווו זי בלייבט אַן ערך פון צוויי יאָר. דאָ פאַרענדיקט זי די לאַנדווירטשאַפטלעכע שולע, און טרעט צו, צו פּראַקטישער, פיזישער אַרבעט.

ווי חנה דערציילט אונדז אין איר טאָג־בוך, הייבט זי אָן אַרבעטן אין אַ מילך־פערמע, און ווי געוויינלעך איז דער אָנפאַנג ביי אויפּרוימונגס־אַרבעטן, צו וועלכע אירע איידעלע הענטלעך פון אַ דיכטערין זענען נישט שטאַרק צוגעפּאַסט, אָבער חנה נעמט דאָס אָן פאַר ליב, אַפילו פריידיק, ווייל זי זעט אין דעם איר אַנטייל אין בויען די צוקונפטיקע יידישע היים.

באַלד טרעפן מיר זי ביי דער אַרבעט אין דער קוך, ביים צוגרייטן דאָס עסן, ביים וואַשן דאָס געשיר. מיר זעען חנהן אויך אויף אַ בילד, ביי דער הינערצוכט, ביי נישט קיין לייכטער אַרבעט אין דער וועשעריי, אין פעלד, ביים פרעסן דאָס שטרוי, און נאָך אַזעלכע אַרבעטן, וואָס זענען פאַראַן אין אַ קיבוץ.

אין איר טאָגבוך לייענען מיר אויך מאָמענטן וועגן איר אינערלעכן קאַמף — אַ קאַמף מיט זיך אַליין... חנה וואַרפט צופעליק אַ בליק אויף אירע פון דער אַרבעט צעקאַלטשעטע הענט. אויף אַ ווײַלע שטעלט זי זיך אַליין די פראַגע, צי איז דאָס אַלץ נישט געווען בלויז אַ נאַרישע ראָמאַנטיש־לייכטזיניקער איינפאַל, קעגן מיין אינסטינקט? פאַרלאָזן די היים, די מאַמע, איבערלאָזן אַ לייכט באַקוועם לעבן, און אויסווילן אַ לעבן פון אַ געוויינלעכער פיזישער אַרבעטערין?... נאָר דער ענטפער איז געקומען פון זיך אַליין: יאָ! אָבער איך האָב נישט געקאָנט ווייטער לעבן אין גלות, מיר איז געוואָרן ווידערווילִיק יענע סביבה. מיין אָרט איז דאָ, אין דעם יידישן לאַנד — אין ארץ־ישראל...

אויך אויף דער פראַגע, צי האָט זי אויסגעווילט דעם ריכטיקן וועג,

איז געקומען דער זעלבער פּאָזיטיווער ענטפער: יאָ!... מיין ציל איז צו פאַרבעסערן דאָס לעבן, וואַקסן, העלפן אַנדערע, און דאָס אַלץ וועט נאָר דאָ מעגלעך זיין צו דערגרייכן...

איר טרוים און באַגער איז געווען צו זיין ראוי דעם טאָטן, נישט נאָר אין איר דיכטונג, נאָר אויך מיט איר לעבן... כאָטש אויף אַ קליינעם שריט ווי מעגלעך דערנענטערן די מענטשהייט צו גליק. און ווידער קומט דער געדאַנק — אַליין זיך לערנען כדי צו קענען אַנדערע לערנען...

די צוואַנציק־יעריקע חנה סענעש באַגעגענען מיר דעם 22 דעצעמבער 1941 אין קיבוץ שדות־ים, קיסריה. חנה איז שוין אין אַ געוויסער מאָס אַ רייפע חברטע פון דער קיבוצישער געזעלשאַפט און חלוצישער באַוועגונג. זי האָט שוין אַ סך באַקאַנטע, זי מאַכט קאָלעקטיווע אויספלוגן, זי לערנט מוזיק און אויך זייער אַ סך פון דער פרייער צייט גיט זי אָפּ אויף צו שרייבן לידער. גלייכצייטיק גיט איר נישט קיין רו דער געדאַנק וועגן דער מאַמען, וועמען זי האָט איבערגעלאָזט אין אונגאַרן, און וועגן איר ברודער גיאָרי, וועלכער געפינט זיך אויף אַ שטודיום אין פראַנקרייך.

דאָס איז די צייט ווען דער אכזריותדיקער נאַציזם האָט זיך אַלץ מער צעשפּרייט, אַ לאַנד נאָך אַ לאַנד, אונטעראָכנדיק די וועלט.

אין דעם דערווייל נאָך פאַרהעלטנישמעסיק רויִקן לאַנד, אָפּגעטיילטן פון קריגס־אָפּעראַציעס מיט אַ ברייטן ים — דערטראָגן זיך טרויעריקע ידיעות, וועגן דעם פאַרויסמאַרש פון די היטלעריסטישע חילות, אויף אַלע פראָנטן אין אייראָפּע, וועגן זייער באַרבאַרישער באַציונג צו דער יידישער באַפעלקערונג. מע ווייסט שוין אַז היטלער האַלט פאַר זיין היסטאָרישער מיסיע דאָס ענדגילטיקע אויסראָטן די יידן פון אייראָפּע.

עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש די פּאַצעפיסטישע שטעלונג פון אַזאַ יונג מיידל צו דער גרויזאַמקייט פון מלחמה, צו דעם מאָרד אויף די שלאַכטפעלדער, צום צעשטערן קולטור־אוצרות, צום חורבן פון דער וועלט וואָס האָט גאַרנישט געלערנט פון דעם וואָס איז שוין געווען אין עבר... פאַר וואָס — פרעגט חנה — פירט מען יונגע מענטשן צו דער שחיטה שטאָט זיי צו פירן אויף דעם וועג פון שלום?... פאַר וועמען?... וואָס פאַר אַ גרויסע זאַכן צום גונסטן פון דער מענטשהייט, וואָלט די דאָזיקע יוגנט נאָך געווען אימשטאַנד אויפצוטון...

עס איז אויך ווערט צו אונטערשטרייכן איר נעגאַטיווע שטעלונג צום ענגלישן אָקופּאַנט. חנה איז שטאַרק אויפגעברויזט און פאַרביטערט, פון דעם פאַקט, וואָס מען האָט נישט אַריינגעלאָזט קיין ארץ־ישראל די אָפּ־

גערראַטעוועטע פון דער דערטרונקענער שיף. אַ סך יידן זענען אומגעקומען, און די וועלכע זענען ניצל געוואָרן האָט מען צוריקגעפירט קיין איטאַליע. חנה שליסט זיך אָן צו די פּראָטעסטן פון די יידן אין לאַנד. ווו איז די גערעכטיקייט ? צי האָבן די מענטשן נאָך ווייניק געליטן ? וווהין ווילט איר זיי שיקן ? אין די הענט פון די נאַציס ? צום טויט ? זיי זענען דאָך געקומען צו זיך אַהיים... ווער האָט דאָס רעכט זיי צו פאַרהאַלטן ?...

חנה מעלדעט זיך שפּעטער צום „פּלמ״ח״ און ווערט פרייוויליק מאָבּיליזירט אין דער גרופּע פאַראַשוטיסטן, כדי אַראָפּגעוואָרפן צו ווערן אין רוקן פונעם שונא, דורכצופירן אַ ספּעציעלע אויפגאַבע.

מאָדנע נביאותדיק זענען אירע ווערטער: „מעגלעך איך וועל פרי שטאַרבן, אָבער איך פיל, אַז איך האָב נאָך אַ סך צו טאָן פאַר מיין טויט״.

חנה איז פעסט אַנטשלאָסן צו קומען אויף דעם באַזעצטן געביט אין אייראָפּע, כדי דאָרט צו העלפן אירע שוועסטער און ברודער אין זייער בלוטיקן קאַמף קעגן דער ברוינער בעסטיע.

אָנהייב 1944 קומט חנה קיין קאַיר אין דער פאַראַשוטיסטן־שולע. דאָרט געפינען זיך צוויי־און־דרייסיק (32) יידישע קורסאַנטן, אַלע פרייוויליק מאָביליזירטע פאַר דער דאָזיקער פאַראַנטוואָרטלעכער שליחות, וועלכע זיי האָבן אויסצופירן.

דאָס זענען :

יואל פּלגי — דער אָנפירער פון דער גרופּע.

חנה סענעש — קיבוץ שדות־ים, קיסריה.

חיים אַנצו סירני — קיבוץ גבעת ברנר.

חביבה רייק — קיבוץ מענית.

רפאל רייס — קיבוץ חוליות.

אבא בערדיטשעוו — קיבוץ במאבק.

פּרץ גאָלדשטיין — קיבוץ מעגן.

צבי בן יעקב — קיבוץ החותרים.

ליובה גוקאָווסקי — קיבוץ יגור.

אריה פיכמאַן — קיבוץ בית אורן.

דב בערגער, הררי — קיבוץ בית אורן.

שלום פינטשי — קיבוץ גת.

ראובן דפני.

און אַנדערע.

זיבן פון זיי זענען פון דעם קאַמפּספעלד נישט צוריק געקומען.

דאָס זענען: חנה סענעש, חיים סירני, חביבה רייק, רפאל רייס, אבא בערדיטשעוו, פרץ גאָלדשטיין און צבי בן יעקב. זיי זענען אומגעקומען פון די הענט פון די נאַצישע מערדער.

כבוד זייער אָנדענק!

☆

דעם 11 מערץ 1944 קומט חנה סענעש, אין מונדיר אַלס ענגלישער אָפיציר, קיין איטאַליע. און אין צוויי טעג שפּעטער ווערט זי אַראָפּגעוואָרפן מיט אַ פּאַל־שירעם, אין יוגאָסלאַוויע, צו די פּאַרטיזאַנער פון יוזעף בראָז טיטאָ.

ביי אַ דריי מאָנאַטן געפינט זיך חנה און נאָך אַנדערע פּאַראַשוטיסטן אין דעם פּאַרטיזאַנישן לאַנד. איר וועג פירט קיין אונגאַרן, ס'איז אָבער נישט לייכט זיך דורכצושלאָגן צו איר ציל אויף די וועגן פון יוגאָסלאַוויע, וואָס איז געווען באַזעצט מיט די היטלעריסטן. אין דער צייט טרעט זי אויף מיט פאַרטראָגן פאַר טיטאָס פּאַרטיזאַנער. אירע אַרויסטרעטונגען ווערן איבערגעזעצט און זייער וואַרעם און מיט גוואַלדיקע אַפּלאָדיסמענטן אויפגענומען דורך די קעמפערישע יוגאָסלאַווישע איינהייטן.

ענדלעך איז געקומען דער אויסגעבענקטער טאָג פון 9 יוני 1944. חנה גייט אַריבער די גרענעץ און קומט אויף דעם אונגאַרישן באָדן...

צום ביטערן באַדויערן און צער פאַלט זי אַריין אין דער נעץ פון די נאַצים, און ווערט איבערגעגעבן אין די הענט פון דער טרויעריק־באַרימטער געסטאַפּאָ...

חנה באַגעגנט זיך מיט דער מאַמען

די ידיעה וואָס קאַטערינע סענעש האָט מיט באַקאַנטע וועגן באַקומען פון איר טאָכטער „צו זיין גרייט"... איז געווען פאַר איר ווי אַ ליכטיקער שטראַל, אויף דעם פאַרוואָלקנטן הימל פון די אונגאַרישע יידן. איר גאַנץ וועזן איז איצט געווען פאַרכאַפּט פון דעם טרוים צו באַגעגענען זיך מיט איר קינד אין דעם יידישן לאַנד. נאָר דאָ קומט דער אַריינמאַרש פון די היטלעריסטישע חילות, וואָס פאַרזייען זייער מאַרשרוט מיט מאָרד און פאַרניכטונג. די דאַטע פון 19 מערץ 1944 איז דער אָנהייב פון דעם סוף, פון די אונגאַרישע יידן.

די פליכט צו טראָגן די געלע שאַנד־לאַטע האָט פאַראַליזירט יעדע באַוועגונג, יעדע טעטיקייט פון אַ יידישן בירגער אין דער אונגאַרישער געזעלשאַפט. אַרעסטן און אויסזידלונגען זענען איצט געווען אויף דער טאָג־אָרדענונג.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז די פרוי סענעש ממש אויפגעציטערט געוואָרן פון דעם פּלוצעמדיקן באַזוך ביי איר אין הויז, פון אַ פאַרשטייער פון דער אונגאַרישער פּאָליציי, מיט אַן אויפפאָדערונג צו שטעלן זיך אין שטאַב פון דער אונגאַרישער מיליטערישער אָנפירונג.

טרויעריקע געדאַנקען האָבן גענומען שוועבן אין קאָפּ, און אין דער ערשטער ריי די פראַגע וועגן דעם זון גיאָרי, וועלכער האָט זיך געפינען אויף לינקע דאָקומענטן אין שפּאַניע... דער מאַמעס האַרץ האָט געהאַט שווערע פאָרגעפילן, זי האָט זיך אָבער נישט פאַרגעשטעלט פון וועלכער זייט עס קאָן קומען דער שרעקלעכער קלאַפּ.

אין דער מיליטערישער קאָמאַנדע איז מען גלייך צוגעטרעטן צו דער אויספאָרשונג. ווי איבערראַשט איז זי געוואָרן, ווען וועגן דעם זון גיאָרי האָט מען איר געשטעלט בלויז עטלעכע פאָרמעלע פראַגן, אָבער אָן אַ סוף זענען די פראַגן געווען וועגן דער טאָכטער אַניקאָ — ווי זי האָט חנהן גערופן.

די פראַגע ווו חנה געפינט זיך האָט זיך ווידער און ווידער איבער־געחזרט. פאַר וואָס האָט זי פאַרלאָזט די היים? מיט וועלכע וועגן זי באַקומט פון איר נאַכריכטן?... און נאָך און נאָך ענלעכע פראַגן.

ווען די פרוי סענעש האָט אונטערגעשריבן דעם פּראָטאָקאָל, האָט זי באַמערקט אַז אויבן איז געווען די אויפשריפט „די טעקע וועגן חנה סענעש". איר האַרץ האָט גענומען האַסטיקער קלאַפּן, און מיט אַ ציטערנדיקער שטימע האָט זי געפרעגט — איז מיט מיין קינד עפּעס געשען? נאָר גלייך האָט דער אויספאָרשער זי געוואָרנט, אַז זי האָט אונטערגעשריבן אונטער אַ שבועה, און ער פרעגט נאָך אַ מאָל — ווו געפינט זיך חנה?...

קאַטערינע האָט אָן באַוואָרענישן איבערגעחזרט — אין פּאַלעסטינע, אין חיפה...

גוט! האָט שטרענג געענטפערט דער אויספאָרשער. אייער טאָכטער געפינט זיך דאָ, אין צווייטן צימער — און גלייך צוגעגעבן — און מיר ווילן, אַז איר זאָלט אויף איר ווירקן, אונדז אַלץ צו דערציילן, און אויב נישט, וועט דאָס זיין אייער לעצטע באַגעגעניש מיט איר...

די אַלטע מאַמע איז געוואָרן ווי פאַרגליווערט, זי האָט געפילט ווי די ערד עפנט זיך אונטער איר, און אַלץ פאַלט זיך צוזאַמען — איר האָפנונג, גלויבן און באַגער, בכלל דער ציל פון איר גאַנץ לעבן...

קאַטערינע האָט זיך קראַמפּיק אָנגעכאַפּט ביים ראַנד פונעם טיש... אין דעם מאָמענט האָט זיך ברייט געעפנט די טיר. פיר געהיים־אַגענטן האָבן אַריינגעפירט חנהן...

מיט פאַרנעפּלטע אויגן האָט זי געקוקט אויף איר קינד, ווי זי וואָלט זי נישט דערקענט. חנה איז געווען בלאַס. איר געזיכט האָט געזאָגט, וועגן די שווערע איבערלעבונגען פון די לעצטע טעג. די צעשויבערטע האָר, אונטערגעשלאָגענע אויגן און די בלוט־צייכנס אויף דעם האַלדז האָבן דער־ציילט וועגן די דורכגעלעבטע פּייניקונגען אין דער תפיסה...

דער מאַמעס האַרץ איז געוואָרן פאַרקלעמט — דערזעענדיק אין וואָס פאַר אַ מצב עס געפינט זיך איר אויסגעציטערט קינד... אין דעם מאָמענט האָט זיך חנה אָפּגעריסן פון אירע באַגלייטער — צוגעלאָפן צו דער מאַמען, זי אַרומגענומען און מיט אַ ביטער געוויין אויסגערופן — מאַמע, מאַמע פאַרציי מיר!...

די הענקער האָבן נאָר אויף דעם געוואַרט... און געגלויבט אַז זי וועט זיך צוזאַמענברעכן...

כמעט פינף מאָנאַטן האָט זיך חנה סענעש געמאַטערט אין די היט־לעריסטישע געפענגענישן... אויסגעהאַקטע ציין, איינצלקאַמערן, הונגער און פאַרשונגען מיט ראַפינירטע געסטאַפּאָ־מעטאָדן האָבן זי נאָר צעבראָכן פיזיש, אָבער איר גייסט, איר מאָראַל האָבן זיי ביי איר נישט געקאָנט

רויבן. איר אידעע איז זי געבליבן טריי ביז די לעצטע מינוטן פון איר העלדיש לעבן.

אַ דאַנק גוטע מענטשן איז איר נאָך עטלעכע מאָל געלונגען זיך צו זעען מיט דער מאַמען, וועלכע איז געווען פאַרשפאַרט אין דער זעלבער תפיסה. שפּעטער איז חנה איבערגעפירט געוואָרן צו דער דיספּאָזיציע פון דער געסטאַפּאָ.

דעם 7 נאָוועמבער 1944 האָבן מערדערישע הענט איבערגעריסן דאָס גייסטרייכע, יונגע לעבן פון חנה סענעש.

כבוד איר הייליקן אָנדענק!

די פּאַרטיזאַנישע פֿאַראייניקונג „נאָך איז פּוילן נישט פֿאַרלוירן" און איר אָנפֿירער דער פּאַראַשוטיסט פּולקאָווניק ראָבערט סאַטאַנאָווסקי*)

דער גרונט־קערן צו דער גרויסער פּאַרטיזאַנישער פֿאַראייניקונג, וועלכע האָט געטראָגן דעם נאָמען „נאָך איז פּוילן נישט פֿאַרלוירן", איז געווען די אַנטיפֿאַשיסטישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז אַנטשטאַנען אין דאָרף וויעלון, סטאָלינער קרייז אין דעצעמבער 1941. דער איניציאַטאָר איז געווען דער דירעקטאָר פֿון דער דאָרטיקער גרונט־שול, דער לאָדזשער יידישער בחור ראָבערט סאַטאַנאָווסקי.

דאָס יאָר 1942 ברענגט שוין אַ גרויסע אויסברייטערונג פֿון דער אָרגאַניזאַציע און נעמט אַרום מיט איר טעטיקייט אַ גרויסן קרייז דערפֿער. אויסער דער אָרגאַניזאַטאָריש־פּראָפּאַגאַנדיסטישער טעטיקייט טרעט שוין די אָרגאַניזאַציע צו צו געוויסע דיווערסיע־אַרבעטן. אין דער צייט — נאָך אין קליינעם פֿאַרנעם, צוליבן מאַנגל אין געווער. די גאַנצע אויסשטאַטונג איז באַשטאַנען פֿון קוים העכער אַ צענדליק ביקסן און רעוואָלווערן און צוויי מאַשין־ביקסן פֿון „דיאַכטיאַראָוו"־טיפּ, וואָס איז אויפֿגעזאַמלט געוואָרן אויף די שלאַכטפֿעלדער פֿון די לעצטע דייטש־סאָוויעטישע קאַמפֿן.

די אַקציעס זענען באַשטאַנען בלויז אין איבערפֿאַלן אויף קליינע דייטשע פּאַטראָלן, אָדער אויף אוקראַיִנישע פּאָליציאַנטן. די לאַגע האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט, ווען עס זענען אויפֿן געביט פֿון סטאָלין און סאַרנע אָנגעקומען סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנער. ראָבערט סאַטאַנאָווסקי שטעלט זיך גלייך אין קאָנטאַקט מיט זייער אָנפֿירונג אין דער פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג, וועלכע האָט דעמאָלט געטראָגן דעם נאָמען „טאַדעוש קאָשטשושקאָ", ווערט אַ טייל פֿון דער סאָוויעטישער פּאַרטיזאַנישער פֿאַראייניקונג אונטער דער אַלגעמיינער אָנפֿירונג פֿון גענעראַל סאַבוראָוו.

*) א. ז. ה. פּ. — אַרכיוו פֿון היסטאָרישן אינסטיטוט ביים צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּוילישער פֿאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי.

די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונג פון ראָבערט סאַטאַנאָווסקי האָט דעמאָלט געציילט זיבן און דרייסיק פּאַרטיזאַנער. זייער אויסגאַנגס־באַזע איז געווען דאָס דאָרף יעזשאַרי, קרייז סטאָלין.

די אָפּטיילונג א. נ. „טאַדעוש קאָשטשושקאָ" הייבט אָן זייער שנעל וואַקסן. אַ גרויסע ווירקונג האָבן דאָ די איבערפאַלן פון די אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטן, אונטערשטיצטע דורך די דייטשן, אויף דער ציווילער פּוילישער באַפעלקערונג. אַ סך יוגנטלעכע פאַרלאָזן זייערע היימען און שליסן זיך אָן אין די פּאַרטיזאַנישע רייען. אַ טייל קומט מיט געווער און דאָס גיט אַ מעגלעכקייט אָנצוהייבן גרעסערע דיווערסיע־אַקציעס.

אין דער צייט פון 10 ביזן 14 מערץ 1943 האָט די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונג פון ראָבערט סאַטאַנאָווסקי אויפגעריסן זעכצן קליינע באַן־בריקן און דורכגעפירט צוועלף צעשטערונגען אויף די באַן־ליניעס סאַרנע — ביאַלע, אַריינברענגענדיק אַ דעזאָרגאַניזאַציע אין דעם באַן־פאַרקער אויפן גאַנצן אָפּשניט.

דעם 22 מערץ האָט די דיווערסיע־גרופּע צוזאַמען מיט אַ סאָוויעטישער גרופּע אַראָפּגעלאָזט פון די רעלסן אַ מיליטערישן צוג אויף דער ליניע סאַרנע — קאָראָסטען. ס'איז פאַרניכטעט געוואָרן דער לאָקאָמאָטיוו, פיר וואַגאָנען, דערפון צוויי מיט אויפרייס־מאַטעריאַלן...

דעם 18 אַפּריל האָט אַ גרופּע אונטער דער פּערזענלעכער אָנפירונג פון סאַטאַנאָווסקין אויפגעריסן אַ צוג אויף דעם אָפּשניט קלעסווו — ראָקיטנע, וואָס האָט געפירט אַמוניציע צום מזרחדיקן פראָנט. עס זענען פאַרניכטעט געוואָרן דער לאָקאָמאָטיוו און זעקס וואַגאָנען. אין דער קאַטאַסטראָפע זענען אומגעקומען צוואַנציק היטלעריסטן.

די אָפּטיילונג א. נ. „טאַדעוש קאָשטשושקאָ" מאַכט איצט דורך פאַר־שידענע רעידן־נסיעות אויף מזרח, דורך אַ סך פּוילישע ישובים, ווי: לאַדאַ, טאַטיננע, בלעזאָוו, קופּיעל, בודקי, וווּ עס ווערט געזאַמלט געווער, פאַרשידענע ידיעות, וואָס האָבן געקאָנט דינען דער רויטער אַרמיי. גלייכ־צייטיק גיבן די דאָזיקע ישובים אַ גרויסן טייל יוגנטלעכע, וועלכע שליסן זיך אָן אין די פּאַרטיזאַנישע רייען.

דעם 7 מיי 1943 פליט סאַטאַנאָווסקי צוזאַמען מיט זיין פּראָפּאַגאַנדע־שעף קיין מאָסקווע, כדי דאָרט זיך צו דערערדן וועגן באַקומען געווער פאַר זיין אָפּטיילונג. אויף דער צייט פון זיין אָפּוועזנהייט פאַרטרעט אים דער פּוילישער לערער פון דאָרף זשאַרען, אַן אָפיציר פון דער געוועזענער פּוילישער אַרמיי — ווינצענטי ראָזשקאָווסקי.



אַ גרופּע אָפיצירן, וועלכע זענען צוזאַמען אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן אַלס דיווערסאַנטן אויף דעם פּוילישן באַזעצטן געביט. דער ערשטער פון רעכטס יצחק גוטמאַן, הענריק סטעפּאַניאַק און ראָבערט סאַטאַנאָווסקי

אויפֿן באַפֿעל פֿון שעף פֿון אוקראַיִנישן פּאַרטיזאַנער־שטאַב, גענעראַל סטראַקאַטש, האָט ראָבערט סאַטאַנאָווסקי באַקומען פֿינף און פֿופֿציק געווער־איינהייטן. נישט געקוקט אויף דער פֿאַרהעלטנישמעסיק קליינער צאָל האָט דאָס אָרויסגערופֿן אַ גרויסע פֿרייד. עס איז געווען מיט וואָס צו באַוואָפֿענען אַ געוויסע צאָל פֿרייוויליקע, וואָס האָבן זיך געריסן צום קאַמף קעגן דעם אָקופּאַנט און זיינע אוקראַיִנישע מיטהעלפֿער.

גרויס איז געווען דער צופֿלוס פֿון פֿרייוויליקע נאָך דעם טראַגישן איבערפֿאַל פֿון די אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטן אויף דעם פּוילישן דאָרף סטאַריקי, ווו זיי האָבן אויסגעמאָרדעט דעם גרעסטן טייל פֿון דער דאָר־טיקער באַפֿעלקערונג.

דאָס איז שוין געווען סוף מאַי 1943. די אָנפֿירונג פֿון אַלע סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען אויף דעם ראָוונער געביט, נעמט איבער דער גענעראַל בעגמאַ און אין זיין באַשטאַנדטייל קומט אויך אַריין די פּוילישע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונג פֿון ראָבערט סאַטאַנאָווסקי. צוזאַמען מיט זיי טוט די אָפּטיילונג א. נ. „טאַדעוש קאָשטשושקאָ" זיך רוקן ווייטער אויף מערב, דורך האָריִן, אין דער ריכטונג פֿון ראַפּאַלווקע, מאַראַטשנע, מאַניעוויטש, קאַמיען־קאָשירסק און פֿאַרנעמען נייע אָפּעראַציע־געביטן אויף דער ליניע קאָוועל — סאַרנע.

סאַטאַנאָווסקי טוט איצט אָרגאַניזירן ספּעציעלע עקספּעדיציעס, מיט דעם ציל צו ראַטעווען די דאָרטיקע פּוילישע באַפֿעלקערונג מצד איבער־פֿאַלן דורך די באַוואָפֿנטע אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטישע אָפּטיילונגען, די אַזוי גערופֿענע „באַנדעראָווצעס". אַזוי אַרום קומען נאָך צו אויסער די שלאַכטן קעגן דעם אָקופּאַנט — צוזאַמענשטויסן מיט באַוואָפֿנטע דורך די דייטשן „באַנדעראָווצעס" אין אַ סך דערפֿער, ווי: טריפּוטניאַ, מאַידאַן, הינטער באַנאַטשעס, קזשיווייצע, טאַטראַטש, וויסאָצק און אַנדערע.

אויפֿן באַפֿעל פֿון מאָסקווע ווערט די פּוילישע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונג „טאַדעוש קאָשטשושקאָ" אויסגעטיילט פֿון גענעראַל בעגמאַס פֿאַראייניקונג, אַלס זעלבשטענדיקע פּוילישע פּאַרטיזאַנישע פֿאַראייניקונג, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון פּולקאָווניק ראָבערט סאַטאַנאָווסקי. אַלס שעף פֿון זיין שטאַב ווערט באַשטימט דער קאַפּיטאַן ווינצענטי ראָזשקאָווסקי.

אין דער צייט אַנטשטייען נאָך צוויי אָפּטיילונגען, איינע אויפֿן נאָמען פֿון „ראָמואַלד טראַוגוט" און די צווייטע פֿון „עמיליע פּלאַטער". אַלע דריי פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען ווערן איבערגעשטאַלטיקט אין אין פּוילישער

פאַרטיזאַנער פאַראייניקונג אונטערן נאָמען: „נאָך איז פּוילן נישט פאַרלוירן".

די פּאַרטיזאַנישע פאַראייניקונג טרעט צו צו גרויסע קאַמפן און דיווערסיע־אַרבעטן. צווישן אַנדערן איז כּדאַי צו דערמאָנען:

דעם 12 סעפּטעמבער 1943 — אַ שלאַכט קעגן גרויסע היטלעריסטישע אָפּטיילונגען הינטער לוטינסק ביי וויסאָצק, ווו די היטלעריסטן האָבן אָפּגעצײלט אַכט און זעכציק טויטע און פאַרווונדעטע;

דעם 19 סעפּטעמבער — אונטערמינירט אַ צוג אויף דער ליניע ראָקיטנאָ — אָסטקי. עס ווערט פאַרניכטעט דער לאָקאָמאָטיוו און פיר וואַגאָנען;

דעם 21 סעפּטעמבער — עס פליט פון די רעלסן אַ צוג אויף דער ליניע סאַרנע — ראָקיטנאָ;

דעם 26 סעפּטעמבער — עס ווערט פאַרניכטעט אַ בריק אויף דער ליניע טאָמאַשגרוד — קאָשמיצק.

אַ גרויסן נאָמען האָט זיי געמאַכט די איבערזידלונגס־אונטערנעמונג. דאָס איז געווען אַן אַקציע פון אַ גרויסן מאָראַלישן באַדייט. עטלעכע הונדערט פּוילישע פאַמיליעס ווערן אַרויסגעפירט פון די געביטן באַדראָטע דורך די אוקראַיִנישע באַנדעס פון „באַנדעראָווצעס" און ווערן געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט. ביי דער דאָזיקער אַקציע קומט צו פּילצאַליקע צו־זאַמענשטויסן מיט די „באַנדעראָווצעס", אָפּטיילונגען פון זשאַנדאַרמעריע און אוקראַיִנישער פּאָליציי.

נאָך דער גרויסער איבערזידלונגס־אַקציע האָט די אָנפירונג פון דער פאַראייניקונג „נאָך איז פּוילן נישט פאַרלוירן" פאַראָרדנט אַ קאָנצענטראַ־ציע פון אַלע אירע כּוחות און באַשלאָסן דעם 21 סעפּטעמבער 1943 אַרויס־צומאַרשירן ווייטער אויף מערב, כּדי אָנצוהייבן זייער טעטיקייט אויפן אָקופּירטן פּוילישן געביט, אויף דער צווייטער זייט פונעם טייך בוג...

נאָך אַ קאַמף ביים איבערשניידן די באַן־ליניע סאַרנע — לונינעץ און דעם טייך האָרין, דערגרייכנדיק דעם פּינסקער ראַיאָן, זענען זיי געצוווּנגען געווען דעם מאַרש אויפצוהאַלטן. אין די פּאַרטיזאַנישע רייען ברעכט אויס אַ טיפוס־עפּידעמיע... די לאַגע איז געווען אַ שווערע. מען האָט אויך אָפּגעפילט אַ מאַנגל אין דאָקטוירים און מעדיקאַמענטן. נישט געקוקט אָבער אויף אַלעם פירט די פאַראייניקונג ווייטער איר טעטיקייט. דאָ, אין דער געשאַפענער לאַגע הייבן זיי אָן צו פירן אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדיסטישע טעטיקייט צווישן דער אָרטיקער באַפעלקערונג, ווו עס קומט אַפילו צום אָנשליסן זיך פון אַן אָפּטיילונג פון א. ק. אין זייערע רייען.

עס אַנטשטייט אַ נייע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונג אויפן נאָמען פון „זאַווישאַ פשאַרנעגאַ".

די פאַראייניקונג „נאָך איז פוילן נישט פאַרלוירן" האַלט אין איין וואַקסן. אין יאַנואַר 1944 שליסט זיך אין איר אָן אונגאַרישע פּאַרטי־זאַנישע אָפּטיילונג פון העכער אַ צענדליק מענטשן, אונטער דער אָנפירונג פון ד. ראַצאַ. זייער אויפגאַבע איז געווען צו פירן אַן אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן די אונגאַרישע זעלנער, וועלכע האָבן געקעמפט אויף דער דייטשער זייט.

עס ווערט אויך נישט איבערגעריסן די דיווערסיע־אַרבעט. אין יאַנואַר 1944 ווערן דריי מאָל אונטערמינירט דייטשע מיליטערישע צוגן אויף דער ליניע ברעסט — לוניניעץ;

דעם 8 יאַנואַר — עס ווערט אַראָפּגעלאָזט פון די רעלסן אַ צוג אויף מערב פון מינסק, ווו עס ווערט פאַרניכטעט דער לאָקאָמאָטיוו און צוויי וואַגאָנען;

דעם 10 יאַנואַר — עס פליט פון די רעלסן אַ צוג הינטער יאַנווו. עס ווערן פאַרניכטעט צוויי וואַגאָנען מיט אַמוניציע און צוויי מיט מיליטער. די צאָל טויטע און פאַרווונדעטע האָט דערגרייכט ביז פופציק היטלעריסטן;

דעם 19 יאַנואַר — ביי דער סטאַציע ליפּינקי ווערט אונטערמינירט אַ צוג, ווו עס ווערט פאַרניכטעט דער לאָקאָמאָטיוו און זעקס וואַגאָנען מיט מיליטער.

אין דאָלסק ווערט אויך שנעל אָרגאַניזירט אַ שפּיטאָל, ווו עס ווערן צוזאַמענגענומען ביי אַ זעכציק טיפוס־קראַנקע פּאַרטיזאַנער. די אויפזיכט איבער דעם שפּיטאָל נעמט איבער די מינסקער פּאַרטיזאַנישע בריגאַדע אונטער דער אָנפירונג פון דעם גוטמוטיקן גרוזינישן יאַט — שוביטיאַדזע...

דער פולקאָווניק ראָבערט סאַטאַנאָווסקי מיט זיין פאַראייניקונג מאַר־שירט ווייטער אויף מערב — אויף ווייטערדיקע גרויסע אַקציעס.

דעם פופצנטן מערץ 1944 קומט צו אַ רעאָרגאַניזירונג פון דער פאַר־אייניקונג. אין דער צייט קומען צו נאָך דריי אָפּטיילונגען: „באַרטאָש גלאָוואַצקי" „סטעפאַן טשאַרנעצקי", און „יאַן קילינסקי". סאַטאַנאָווסקי דעצידירט צו שאַפן צוויי בריגאַדעס מיטן ציל צו קאָנען זיך פאַרשפּרייטן אויף אַ גרעסערן שטח. די ערשטע בריגאַדע נעמט איבער זיין שטאַב־שעף, דעמאָלט שוין מאַיאָר — ווינצענטי ראַזשקאָווסקי. זיין קאַמפּס־געביט ווערט באַשטימט דער דרייעק: קאָוועל — קאַמיען־קאַשירסק — מאַניע־וויטשע. די צווייטע בריגאַדע בלייבט אונטער דער אומדירעקטער אָנפירונג

פון פּולקאָווניק ראָבערט סאַטאַנאָווסקי, מיט דעם געביט פון קעניגלעכן קאַנאַל און איבערהויפּט די דיוועָרסיע־אַרבעט אויף דער באַן־ליניע ברעסט — לוניניעץ.ביידע בריגאַדעס האָבן זיך געגרייט גלייכצייטיק אַריבערצוגיין דעם בוג...

נישט שטענדיק איז אויפן פראָנט לויטן פּלאַן. אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט דער 95־טער סאָוויעטישער אינפאַנטעריע־רעגימענט איבערגעריסן די דייטשע פראָנט־ליניע, וועלכע האָט זיך געצויגן נישט ווייט פון טייך האָרין, אַריינהאַקנדיק זיך מיט אַ קליין נעענטער צו קאָוועל. דער דאָזיקער פאַקט האָט אַלאַרמירט די דייטשע מיליטערישע אָנפירונג. נישט וויסנדיק מיט וואָס פאַר אַ כוח די סאָוויעטן אַטאַקירן, האָבן זיי אויף דעם אָפּשניט געוואָרפן דריי רעזערוו־דיוויזיעס, כדי אויפצוהאַלטן דעם סאָוויעטישן פאַרויסמאַרש. אַזוי ווי דאָס איז געווען אויפן געביט, אויף וועלכן ס׳האָט אָפּערירט די פּאַרטיזאַנישע פאַראייניקונג „נאָך איז פּוילן נישט פאַרלוירן״, זענען זיי אויטאָמאַטיש אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ נאָרמאַלן קאַמף.

דעם 26 מערץ 1944 קומט צו אַ פאַרביסענער שלאַכט ביי קאַרטעליס, ווו די פּאַרטיזאַנישע פאַראייניקונג פון סאַטאַנאָווסקין טוט דעקן דעם ריק־צוג פון דעם 95־טן אינפאַנטעריע־רעגימענט און עס געלונגט זיי זיך צו דערשלאָגן צו די באַפרייטע געביטן...

די פּאַרטיזאַנישע פאַראייניקונג אונטער דער אָנפירונג פון פּולקאָווניק ראָבערט סאַטאַנאָווסקי האָט דעמאָלט געציילט 943 פּאַרטיזאַנער, נישט רעכענענדיק די צוויי אָפּטיילונגען א. נ. „זאַווישאַ טשאַרני״ און „סטעפאַן טשאַרנעצקי״, וואָס האָבן געציילט צוזאַמען 230 פּאַרטיזאַנער און זיך שוין געפונען אויף דער צווייטער זייט פון טייך בוג.

סוף אַפּריל ווערט סאַטאַנאָווסקי אַרויסגערופן קיין קיִעוו, כדי אָפּצוגעבן אַ באַריכט פון דער טעטיקייט פון זיין פּאַרטיזאַנער פאַראייניקונג. דאָ ווערט אים מיטגעטיילט וועגן דעם אַנטשטיין פון דעם פּוילישן פּאַרטיזאַנער־שטאַב.

אין דער באַראַטונג, אין וועלכער עס האָבן אָנטיילגענומען דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר פון אוקראַיִנע — ניקיטאַ כרושטשאָוו און דער גענעראַל סטראָקאַטש, רוקט סאַטאַנאָווסקי אַרויס אַ פאָרשלאַג — אַראָפּצווואַרפן אַ גרעסערע גרופּע אויסגעשולטע אָפיצירן אויף דעם פּוילישן אָקופּירטן געביט, ווו עס געפינען זיך שוין צוויי פון זיינע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען, מיטן ציל צו שאַפן דאָרט אַ גרויסע דיוועָרסיע־באַזע.

דער פאָרשלאַג ווערט אין דער גאַנצער ברייט אונטערגעשטיצט סיי פון כרושטשאָוון, ווי פון דעם גענעראַל סטראָקאַטש... אין דער צייט גיט

סאַטאַנאָווסקי אַ באַפעל צו די אָפּטיילונגען, וועלכע געפינען זיך אויף דרום פון קאָוועל צו מאַרשירן אין דער ריכטונג פון ראָוונע, ווו זיי ווערן איינגעגלידערט אין דער רעגולערער פוילישער אַרמיי, אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל זיגמונט בערלינג.

אויף דעם פּוילישן באַזעצטן געביט*)

פאַר דער פּאַרטיזאַנישער פאַראייניקונג פון פּולקאָווניק סאַטאַנאָווסקי הייבט זיך איצט אָן אַ נייע געשיכטלעכע ערע... דעם 2 יוני 1944 ווערט ראָבערט סאַטאַנאָווסקי מיט נאָך 32 אָפיצירן, אונטעראָפיצירן און אינס־טרוקטאָרן, ווי אויך אַ געוויסע צאָל געווער, אַמוניציע און אויפרייס־מאַטעריאַלן אַראָפּגעוואָרפן אין דער געגנט פון לאָווישווו, צו זיינע צוויי פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען „זאַווישאַ טשאַרני" און „סטעפאַן טשאַרנעצקי".

מען טרעט גלייך צו צו פאָרמירן נייע אָפּטיילונגען פון צווישן דער דאָרטיקער באַפעלקערונג. אַ גרויסער טייל פון די נייע פּאַרטיזאַנער זענען פויערים פון די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען פון די „באַטאַליאָני כלאָפּסקע" (ב. כ.).

דער פירער פון דער פאַראייניקונג „נאָך איז פוילן נישט פאַרלוירן" — פּולקאָווניק סאַטאַנאָווסקי באַקומט אַ פאַרטרעטער — איינעם פון די אָפיצירן, וועלכע זענען מיט אים צוזאַמען אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן, דעם כעלמער בחור, באַקאַנט אַלס אַלטער קאָמוניסטישער טוער, דעם קאַפּיטאַן יוסף קראַטקאָ. שטאַב־שעף איז ווייטער דער מאַיאָר ווינצענטי ראָזשקאָווסקי.

די פאַראייניקונג טרעט צו אָנצוקניפּן קאָנטאַקטן מיט די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען פון דער אַרמיאַ לודאָוואַ (א. ל.), וועלכע זענען טעטיק אין לובלינער געגנט, ווי אויך מיט אָפּטיילונגען פון אַרמיאַ קראַיאָוואַ (א. ק.). עס איז כדאַי אונטערצושטרייכן, אַז נישט געקוקט אויף דעם גרויסן ווידער־ווילן מצד דער אָרטיקער אָנפירונג פון א. ק., ווי אויך מצד דער 27־טער דיוויזיע פון א. ק., וועלכע איז געקומען אַהער פון וואָלינער געביט — איז דאָך געלונגען צו פאַרשטענדיקן זיך מיט זיי און אַזוי אַרום אויסצומיידן פאַרשידענע קאָנפליקטן.

עס וואַקסט די שנאה צום אָקופּאַנט און מיט איר — די רייען פון פּאַרטיזאַנער. די אכזריותדיקע מעשים, דאָס רויבן און מאָרדן, דאָס אַרויס־פירן אויף צוואַנגס־אַרבעט קיין דייטשלאַנד, טרייבט די מענטשן אין די וועלדער, צו זוכן נקמה. אין אַ קורצער צייט שטייען שוין קאַמפס־גרייטע נאָך פינף פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען א. נ.: „סטעפאַן באַטאָרי", „קש. בזשוסקי", „זיעמיאַ לובעלסקאַ". „קש. יוזעף פּאָניאַטאָווסקי" און „אָזשעל

ביאַלי״. מען טרעט צו צו גרויסע אַקציעס אין די געביטן פון וולאָדאַווע, פּאַרטשעוו, ביאַלאַ־פּאָדלאַסקאַ און אַנדערע, לייגנדיק אַ גרויס געוויכט אויף דיוועריסיע פון די באַן־ליניעס.

אין משך פון נישט קיין פולן יוני־חודש 1944 ווערן צוו. אנד. דורכ־געפירט אַזעלכע אַקציעס, ווי:

דעם דריטן יוני — ווערן פאַרניכטעט צוויי מיליטערישע לאַסט־אויטאָס אויפן שאָסיי וולאָדאַווע — כעלעם. עס ווערן פאַרווונדעט און געטויט 33 היטלעריסטן;

דעם פערטן יוני — אויפן זעלבן אָפּשניט ווערט פאַרניכטעט אַ מאַשין און דערהרגעט די זעקס געפינענדיקע זיך אין איר אָפיצירן;

דעם פינפטן יוני — ווערט אונטערמינירט אַ טראַנספּאָרט־צוג אויף דער ליניע ברעסט — לוקאָוו. דער איבעררייס פונעם באַן־פאַרקער דויערט צען שעה;

דעם פינפטן יוני — דאָס איז דעם זעלבן טאָג און אויף דער זעלבער ליניע, ווו ס׳ווערט אונטערמינירט אַ מיליטערישער צוג!

דעם זעקסטן יוני — ביי דער סטאַציע סאָקולע פּליט אין דער לופטן אַ רעטונגס־צוג;

דעם זיבעטן יוני — דריי קילאָמעטער פון דער סטאַציע כאָטילוו ווערט אונטערמינירט אַ מיליטערישער טראַנספּאָרט־צוג. דער לאָקאָמאָטיוו און פיר וואַגאָנען ווערן פאַרניכטעט. עס זענען געהרגעט געוואָרן צען היטלעריסטן און פינף און דרייסיק זענען פאַרווונדעט געוואָרן. דער איבער־רייס פונעם באַן־פאַרקער האָט געדויערט צוועלף שעה;

דעם אַכטן יוני — אויף דער זעלבער ליניע, ווערט אונטערמינירט אַ צוג מיט פאַרנדיקע אויף אורלויב דייטשע מיליטערלייט. עס זענען פאַראַן ניין טויטע און פערציק פאַרווונדעטע דייטשן;

דעם אַכטן יוני — פינף קילאָמעטער פון ביאַלאַ־פּאָדלאַסקאַ ווערט איבערגעקערט אַ דרעזינע. עס זענען פאַראַן דריי טויטע און צוויי פאַר־ווונדעטע דייטשן;

דעם ניינטן יוני — ביי דער סטאַציע סאָקולע ווערט איבערגעקערט אַ טראַנספּאָרט־צוג;

דעם צענטן יוני — אַכט קילאָמעטער פון ביאַלאַ־פּאָדלאַסקאַ ווערט אונטערמינירט אַ צוג. דער לאָקאָמאָטיוו און דריי וואַגאָנען ווערן פאַרניכ־טעט, צוויי וואַגאָנען באַשעדיקט. עס זענען פאַראַן זעכצן טויטע און זעקס און צוואַנציק פאַרווונדעטע;

דעם עלפטן יוני — אויף דער זעלבער ליניע ווערט אונטערמינירט אַ צוג מיט דײַטשע און אוקראַינישע זעלנער, וואָס פאָרן צום מזרח־פראָנט;

דעם פערצנטן יוני ווערט אונטערמינירט אַ פראַכט־צוג אויף דער ליניע וולאָדאַווע־כעלעם, בײַם דאָרף סאָביבור. דער צוג מיט אַמוניציע פליט אין דער לופטן. מיט דער אַקציע פירט אָן דער לאָדזשער בחור פּאַרוטשניק יצחק גוטמאַן־סקוטעלי;

דעם פופצנטן יוני ווערן אויפגעריסן צוויי לאַסט־אויטאָס מיט דײַטשן אויף דעם שאָסיי וולאָדאַווע־כעלעם, הינטער דעם דאָרף טאָמאַשווקע;

דעם 16 יוני — אויפן אָפּשניט כעלעם־דאָראָהוסק — ווערט אונטער־מינירט אַ צוג. דער לאָקאָמאָטיוו, דרײַ וואַגאָנען און איין ציסטערנע ווערן צעשטערט;

דעם אַכצנטן יוני — אויפן שאָסיי וולאָדאַווע־קאָפּלאָנאָסי — ווערט פאַרברענט די בריק (געבויטע דורך דײַטשע סאַפּערן);

דעם זעקס און צוואַנציקסטן יוני — אויף דער ליניע ברעסט־לוקאָוו — ווערט אונטערמינירט אַ צוג. עס ווערן פאַרניכטעט דער לאָקאָמאָטיוו און זעקס וואַגאָנען. די צאָל טויטע און פאַרוווּנדעטע איז נישט פעסטגעשטעלט געוואָרן. דער איבעררײַס פון באַן־פאַרקער האָט געדויערט עלף שעה. מיט דער אַקציע האָט אָנגעפירט יצחק גוטמאַן־סקוטעלי;

דעם ניין און צוואַנציקסטן יוני — בײַ דער סטאַציע ביאַלאַ־פּאָד־לאַסקאַ ווערט אונטערמינירט אַ סאַניטאַר־צוג. דער לאָקאָמאָטיוו, זעקס וואַגאָנען און איין פּלאַטפאָרם ווערן פאַרניכטעט;

דעם ניין און צוואַנציקסטן יוני — דאָס איז דעם זעלבן טאָג — ווערט אויפגעריסן אַ צוג מיט אַ שטראָף־עקספּעדיציע, וואָס איז געפאָרן פון ברעסט קיין ביאַלאַ־פּאָדלאַסקאַ. די פאַרלוסטן פון די דײַטשן האָבן באַטראָפן אַכציק טויטע און הונדערט צוואַנציק פאַרוווּנדעטע;

דעם דרײַסיקסטן יוני — בײַ דער סטאַציע כאָטילווו ווערט פאַרניכטעט אַ לאָקאָמאָטיוו און זעכצן וואַגאָנען.

אין דער זעלבער צײַט קומען פאָר פאַרשידענע צוזאַמענשטויסן מיטן שונא. איינע אַזאַ שלאַכט קומט פאָר דעם 16־טן יוני 1944 בײַם דאָרף זאַטשישע, וולאָדאַווער קרײַז. די דײַטשן לאָזן דאָ איבער ניין טויטע און פאַרוווּנדעטע.

לויט די ראַפּאָרטן פון דער אָנפירערשאַפט פון דער פאַרטיזאַנישער פאַראייניקונג „נאָך איז פוילן נישט פאַרלוירן" צום פוילישן פאַרטיזאַנער־שטאַב — האָבן זיי אויף דעם געביט בלויז פון ווײַסרוסלאַנד דורכגעפירט

פינף און דרייסיק שלאַכטן מיטן שונא, פאַרניכטעט פופצן לאָקאָמאָטיוון, ניין און פערציק וואַגאָנען, פינף לאַסט־אויטאָס, איין דרעזינע, אויפגעריסן זעכצן אַייזערנע בריקן, צען הילצערנע און אומשעדלעך געמאַכט צוויי פּאָליציי־וואַך־הייזער.

אין דער צווייטער פּאַזע... דאָס איז שוין אויפן פּוילישן אָקופּירטן געביט — זענען דורכגעפירט געוואָרן זיבעצן שלאַכטן מיטן שונא. עס זענען פאַרניכטעט געוואָרן זיבן און צוואַנציק לאָקאָמאָטיוון, הונדערט פינף און פערציק וואַגאָנען, איין דרעזינע, צוואַנציק לאַסט־אויטאָס, פיר פּאַסאַזשיר־אויטאָס, איין פּאַנצער־וואַגאָן, דריי קאַנאָנען, אָנגעגריפן און צעקלאַפּט צוויי מיליטערישע גאַרניזאָנען.

*) א. ז. ה. פּ. — אַ בריוו פון היסטאָרישן אינסטיטוט ביים צענטראַל קאָמיטעט פון דער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי.

צוויי מאָל אין דייטשער געפאַנגענשאַפט

דערציילט פון דעם פּאַראַשוטיסט מאַיאָר יעקב מיקאַנאָווסקי, פסעוודאָנים „יאַשאַ״

מיין לעצטן שמועס מיט דעם העלד פון דער דאָזיקער פאַרצייכענונג, מיט דעם העלדישן פּאַרטיזאַנישן פירער יעקב מיקאַנאָווסקי — „יאשא״ האָב איך דורכגעפירט שוין דעמאָלט, ווען ער איז געלעגן אויפן טויטן־בעט.

— גוט, מאַרקאָ, וואָס דו ביסט געקומען — האָט ער געזאָגט מיט אַ געבראָכענער שטימע — ווער ווייסט אויב איך וועל דאָס בוך בכלל נאָך זען מיט מיינע אויגן. איך וויל אָבער, דו זאָלסט פאַרשרייבן מיינע ווערטער... אַ סך וויסן נישט ווער איך בין און ווער ס׳האָט זיי אַרויסגעפירט פון לאַגער אין נאָווי־שוויערזשען... זאָלסטו זיי זאָגן, אַז מיקאַנאָווסקי יאַשאַ איז אַ ייד און הייסט יעקב בן שלמה...

דעם 4 יוני 1963 האָט דער געוועזענער פּאַרטיזאַנישער קאָמאַנדיר יעקב מיקאַנאָווסקי, דער מוטיקער און שרעקלאָזער קעמפער אין דער שטיל אויסגעצאַנקט ווי אַ ליכט.

כבוד זיין ליכטיקן אַנדענק!

דער מחבר

✡

אויף דער אייגענער הויט האָט ער אָפּגעפּילט די היטלעריסטישע בייטש. מעגלעך דערפאַר איז ער שפּעטער אַזוי פילבאַר געווען אויף אַלע ליידן און פּיין פון געפאַנגענע. צוויי מאָל איז אים אויסגעקומען צו זיין הינטער די דראָטן ביי די דייטשן און ביידע מאָל איז אים געלונגען פון דאָרט צו אַנטלויפן. דאָס ערשטע מאָל אַלס אונטעראָפיציר פון דער פוילישער אַרמיי, אין יאָר 1939, אינעם לאַגער פאַר קריגס־געפאַנגענע אין דזשאַל־דאָוואָ. צוקוקנדיק זיך צו דעם ברוטאַלן טראַקטירן דורך די „איבער־מענטשן״ די פוילישע געפאַנגענע, דאָס פאַרגוואַלטיקן יעטוועדן פונקט פון אינטערנאַציאָנאַלן רעכט לגבי מענטשן, וואָס האָבן שוין געלייגט דאָס

געוועד, און אָפּגעבנדיק זיך אַ דין וחשבון, וואָס ס׳קאָן נאָך קומען — האָט ער באַשלאָסן פאַר יעדן פּרייז פון דאָרטן זיך אַרויסצורייסן...

זיין וועג פירט אויף מזרח. ער קומט אין לאָמזשער־געביט און שפּעטער קיין ביאַליסטאָק.

ביים אויסברוך פון דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה אין יאָר 1941, געפינט ער זיך אין דער רויטער אַרמיי. אָבער לאַנג איז אים נישט אויסגעקומען צו קעמפן. דאָס איז געווען דעם 27 יוני 1941. ער געפינט זיך מיט אַ מאַשין פול מיט פאַרווונדעטע סאָוויעטישע זעלנער, וועלכע ער האָט אַרויסגעפירט ווייטער פונעם פראָנט־אָפּשניט. זיי זענען אויף דער ליניע מינסק־באָריסאָוו. ער פאָרט ביינאַכט, אָן ליכט... פאַר זיי יאָגן שוין דייטשע טאַנקען. זיי שניידן דעם וועג איבער פון דער מאַשין מיט די פאַרווונדעטע נישט קלערנדיק לאַנג שאַרט מיקאַנאָווסקי מיט זיינע זעלנער זיך אַראָפּ אין אַ ראָוו, ווו זיי וואַרטן ביז די געפאַר וועט פאַרביי און זיי וועלן קאָנען פאַרזעצן דעם וועג... זיי הערן זייערע רופן, באַפעלן, דאָס קלאַפּן פון שווערן אייזן אויפן ברוק, וואָס דריקט ווי אַ פּרעס אויף דעם האַרצן ביי יעדן פון זיי. די הערצער שלאָגן האַסטיקער, אַלע האַלטן איין דעם אָטעם, ווי דאָס אַריינציען די לופט וואָלט זיי געקאָנט פאַראַטן...

אַזוי זענען זיי אָפּגעזעסן עטלעכע שעה. די טאַנקען זענען פאַרביי און זיי האָבן זיך דערשלאָגן ביז צום ישוב סטאַלאָוויטשע... דער פּלאַן צו ראַטעווען די פאַרווונדעטע איז צום גרויסן באַדויערן נישט געלונגען... פון דאַנען האָבן זיי שוין ווייטער נישט געקאָנט פאָרן. זיי זענען אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַלע זייטן... מיקאַנאָווסקי פאַלט דאָס צווייטע מאָל אַריין אין דער דייטשער געפאַנגענשאַפט.

די היטלעריסטישע לאַווינע גיסט זיך פאַרויס מיט איר גאַנצן ברען און גרויזאַמקייט. עס קומען אונטער אַלץ נייע און נייע מחנות. יעקב איז אַן עדות פון אויפטרייסלענדיקע פאַקטן. עס הייבן זיך אָן געוואַלדיקע אַרעסטן. די אַלע וואָס האָבן נאָר אַן אָפּראַזירטן קאָפּ, ווערן אונטערן פאַרדאַכט, אַז דאָס זענען צוריק געבליבענע זעלנער, גלייך דערשאָסן. אומעטום זעט מען אומרואיקע און צעשראָקענע פּנימער. די אָרטיקע באַפעלקערונג איז אין גרעסטן טייל פאַרצווייפלט און וואַרפט זיך אונטער פּאַסיוו איר גרויזאַמען גורל. עס געפינען זיך אויך אַזעלכע, וואָס כדי צו ראַטעווען זייער אייגענע הויט זענען מפקיר זייער נשמה און געוויסן, שטעלנדיק זיך אין דינסט פונעם אָקופּאַנט. אַ טייל גייט איבער צו אונטערערדישער אַרבעט.

„יאַשאַ״ באַקומט אַ באַפעל פון די היטלעריסטן צו ברענגען



יעקב מיקאנאָווסקי, פסעוודאָנים „יאַשאַ"

זיינע פאַרוווּנדעטע אין אַ דאָרפישער שול, ווו עס דאַרף כלומרשט זיין אַ סאַניטאַר־פּונקט. אָבער זייער „גוטהאַרציקייט” איז אים פאַרדעכטיק... די קראַנקן שוועסטער רוימט אים איין דעם געדאַנק ער זאָל זיך ראַטעווען... איר געדאַנק שטיצט אונטער איינער פון די פאַרוווּנדעטע, אַ קאַפּיטאַן, וועלכער גיט אים זיין נאַגאַן...

די זעלבע נאַכט געלונגט יעקב מיקאַנאָווסקין דאָס צווייטע מאָל זיך אַרויסצורייסן פון היטלעריסטישן גיהנום... ער לאָזט זיך אין דער ריכטונג פון מאָגילעוו (מאָהילעוו) איבער דער בערעזינע, איבער באַגנעס, דורך וועלדער, אָן דער מינדסטער באַשפּייזונג. דער יונגער שטאַרקער אָרגאַניזם האַלט אָבער אַלץ אויס.

אין איינער אַזאַ ביינאַכטיקער וואַנדערונג דערגייט צו אים אַ געשפּרעך פון עטלעכע מענטשלעכע שטימען: — ווער קאָן דאָס זיין, דאָ אין טיפן וואַלד, אין אַזאַ פינצטערער נאַכט?... ער ציט אַרויס דעם נאַגאַן. פאַרשטעקט אונטער אַ בוים הערט ער זיך איין אין די זיך דערנעענטערנדיקע טריט... יאָ, ער הערט די רוסישע שפּראַך... עס איז פיל בעסער, ער זאָל זיין דער אַנגרייפער — האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין.

— סטאָי! ווער איז דאָרט?! — האָט ער אויסגערופן אויף רוסיש.

— אייגענע — איז געפאַלן אַן ענטפער פון עטלעכע שטימען מיטאַמאָל.

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס זענען געווען פינף סאָוויעטישע אָפיצירן פון דער גרענעץ־וואַך אין ברעסט־ליטאָווסק. דערזעענדיק אין זיין האַנט אַ רעוואָלווער, האָבן זיי זיך באַצויגן צו אים מיט רעספּעקט. אַזאַ באַגעגעניש אין וואַלד האָט צוויי אַספּעקטן — אָדער זיך פאַרבינדן און ווערן איבערגעגעבענע פריינד... אָדער זיך שיידן, און דאָס — אויף אייביק... יאשא האָט גענומען וואַנדערן צוזאַמען מיט זיי...

קרוב צוויי חדשים האָבן זיי געלעבט אין די שווערסטע וואַלד־באַדינגונגען טאַקע ווי די חיות. ביז זיי האָבן זיך דערשלאָגן איבער פראָנט־ליניע, צו די סאָוויעטישע אָפּטיילונגען.

פון דעם טאָג אָן הייבט זיך אָן אַ נייע ערע אין זיין לעבן. אויסנוצנדיק זיינע מיליטערישע דערפאַרונגען און דאָס וואָס ער קען אַ סך טיילן פון די אָקופּירטע געביטן — איז ער צוזאַמען מיט די אָפיצירן אַרויסגעשיקט אויף אַ דיווערסיע־קורס, הינטער טולע, כדי שפּעטער אַראָפּגעוואָרפן צו ווערן אויפן רוקן פון שונא.

דער קורס איז מער ווי אַ פּראָוויזאָרישער. זיי באַקומען אַ ביסל טעאָ־רעטישע צוגרייטונגען. מיטן ציל אויסצופּרוון זייערע אויסדויער און מעג־

לעכקייט אַראָפּגעוואָרפן צו ווערן מיט פאַלשירעמס. עס ווערן אויפגעשטעלט אַזעלכע הייב־שטאַנגען (זשיראַפן), אויף וועלכע מען טוט זיי וויגן, זיי זאָלן האָבן דעם איינדרוק, אַז זיי הענגען אויפן פאַלשירעם. נאָך זעקס וואָכן ווערן זיי אַראָפּגעוואָרפן אויפן אָקופּירטן געביט צווישן אָרשע און וויטעבסק.

דאָס איז געווען אין מערץ 1942. אַ גרופּע פון אַכצן פּאַראַשוטיסטן זענען זיי געשפּרונגען. נישט האָבנדיק קיין אַנונג וואָס פאַר אַ שפּיצלען דער גורל טוט זיי דאָרט צוגרייטן... צוליב דער שוואַכער אויסשולונג און אויך דערפאַר, וואָס קיינער האָט אונטן אויף זיי נישט געוואַרט — האָבן זיי זיך צעשפּרייט אויף אַ גרויסן שטח. ס׳האָט געדויערט לאַנגע וואָכן ביז זיי האָבן, נאָך מיזאַמע אַרומזוכונגען, זיך ווידער צוזאַמענגעטראָפן.

קאַמפּספּעיקע זענען זיי געבליבן בלויז פופצן. ווי זיי האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט, איז איינער פון די אָפיצירן לעבעדיקערהייט אויף דער ערד נישט געקומען: זיין פאַלשירעם האָט זיך נישט געעפנט. אַ צווייטער איז געבליבן הענגען אויף אַ בוים און די דייטשן האָבן אים אַראָפּגענומען... דעם דריטן האָט מען אַ קראַנקן געבראַנגט אין שפּיטאָל. זיי האָבן שלום געמאַכט מיטן גורל, ווייל מיט אַ יעדן פון זיי האָט געקאָנט דאָס זעלבע פּאַסירן. זיי האָבן געשיקט אַ שיפרירטע מעלדונג צום שטאַב, אַז זיי זענען צוגעטראָטן צו דער אָנפּאַרטרויטער אַרבעט...

זייער אויפגאַבע איז געווען: אָרגאַניזירן פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען אין די געביטן פון לובאַנסק, מינסק, סלוצק, סלאָנים, באַראַנאָוויטש און אַנדערע. אין דער ערשטער ריי — צוזאַמענגעמען די זעלנער, וואָס בלאָנקען זיך אַרום אין די וועלדער און קאָנען זיך נישט דערשלאָגן אויף דער סאָוויעטישער זייט, אָרגאַניזירן פּאַרטיי־קעמערלעך און אנבינדן קאָנטאַקטן מיט דער אָרטיקער ציווילער באַפעלקערונג...

מאָדנע, וואָס שטענדיק האָט ער זיך געטראָגן מיטן געדאַנק און געלייגט גרויס געוויכט אויף באַפרייען קריגסגעפאַנגענע פון די לאַגערן, אַרויספירן מענטשן פון די געטאָס, אַנטקעגנשטעלן זיך און פאַרטרייבן פאַרשידענע שטראָף־עקספּעדיציעס פון די דערפער. יאַשאַ האָט געשטרעבט צו אונטערנעמונגען, וואָס זאָלן דירעקט זיין פאַרבונדן מיט באַפרייען מענטשן פון אַ נישט־זיכערן מאָרגן... צו איינער אַזאַ אַקציע איז געקומען שוין פרילינג 1942 יאָר. ווי געוויינלעך פלעגן זיי וואַנדערן איבער די דערפער, מיטן ציל צו מאָביליזירן צו אַ ווידערשטאַנד די דאָרטיקע פּויערים, אויפזוכן ערגעץ ווו באַהאַלטן געווער, אין וועלכן זיי האָבן זיך אַזוי שטאַרק גענייטיקט, זאַמלען פאַרשידענע ידיעות וועגן שונא און זיי איבערגעבן דעם שטאַב... אין דאָרף

טראַיאַנאָווא האָבן זיי זיך גראָד אָנגעשטויסן אויף אַ שטראָף־עקספּעדיציע, פֿאַר נישט צושטעלן דורך דעם דאָרף דעם באַשטימטן דורך די דייטשן קאָנטינגענט.

דער ציל פֿון אַזאַ עקספּעדיציע איז געווען צו באַשטראָפֿן דאָס דאָרף מיט די שאַרפֿסטע מיטלען, אַפֿילו אויספֿירן טויט־אורטיילן, כּדי דערמיט אָנצוּוואַרפֿן אַ שרעק אויך אויף אַנדערע, וועלכע וועלן פּרוּוון נאָכטאָן זייער ביישפּיל.

זיי זענען דעמאָלט געווען צוויי פּלוטאָנען פֿון אַן ערך פֿערציק פּאַרטיזאַנער. מיט איין פּלוטאָן האָט אָנגעפֿירט דער רוסישער בחור בעזרוקאָוו און מיטן צווייטן — מיקאַנאָווסקי. די כּוחות פֿונעם שונא זענען געווען פֿילפֿאַכיק גרעסער סיי אין מענטשן און איבערהויפּט אין קריגס־מאַטעריאַלן. זיי זענען געווען אַ כּוח פֿון אַ באַטאַליאָן. נישט געקוקט אויף דעם אַלעם האָבן זיי באַשלאָסן אויסצונוצן דעם מאָמענט און נעמען אין שוץ די פּויערים... זיי גרייפֿן אָן...

דאָס איבערראַשנדיקע פֿייער אין מיטן העלן טאָג, אין אַ דאָרף ווו זיי זענען געקומען ווי די האַרן פֿון לעבן און טויט, שטראָפֿן און רויבן די „אונטערמענטשן", די שקלאַפֿן — איז געווען אַ געוואַלדיקע שאָקירונג. איבערהויפּט האָט זיי געקרענקט דאָס בלוט פֿון זייערע ערשטע קרבנות. די פּויערים האָבן זיך פֿלוצעם דערפֿילט מונטערער, דערזעז, אַז זיי זענען נישט פֿאַראיינזאַמט. דאָס איז געווען אַ געוואַלדיקער מאָראַלישער כּוח פֿאַר די דאָרטיקע איינוווינער.

די פּאַרטיזאַנער אָבער האָבן זיך לאַנג נישט געקאָנט אַריינלאָזן אין אַ קאַמף, כּדי די דייטשן זאָלן נישט אויפֿדעקן די דעמאָלט נאָך שוואַכע זייטן פֿון זייער קאַמפּס־טאַקטיק און אויך זייער קליינע צאָל... ביז די דייטשן האָבן זיך צוזאַמענגענומען, זענען די פּאַרטיזאַנער צוגעטראָטן צום אַרויסציִען זיך פֿונעם דאָרף, מיטנעמענדיק מיט זיך איין טויטן און צוויי פֿאַרוווּנדעטע...

די „פּאַציפֿיקאַציע" פֿון די דייטשן איז אָבער שוין געווען געשטערט און דאָס האָט שטאַרק געהויבן דעם פּרעסטיזש פֿון די פּאַרטיזאַנער אין די אויגן פֿון דער אַרומיקער באַפֿעלקערונג.

דער לאַגער אין נאָווי־שוויערזשען

אַ גרויסער איבערלעבונג ביי יאַשען איז געווען דאָס אַרויספירן ביי אַ צוויי הונדערט יידן פונעם לאַגער אין נאָווי שוויערזשען. זיי האָבן שוין דעמאָלט געהערט צו דער 19־טער בריגאַדע פון דער דרומדיקער ווייס־רוסישער פּאַרטיזאַנישער פּאַראייניקונג, אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל־מאַיאָר „פּלאַטאָן".

אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז צו זייער באַזע געקומען דער וואַרשעווער בחור הערשל פּאַסאַסאַרסקי און פאַרגעשטעלט די לאַגע פון די יידן אין דעם לאַגער נאָווי־שוויערזשען, ווי אויך זייערע צוגרייטונגען פון דאָרט זיך צו באַפרייען.

זיי האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, לויט וועלכן ס'איז אויך אין אַכט גענומען געוואָרן דער פּלאַן צו פאַרברענען דעם טאַרטאַק, אין וועלכן די יידן האָבן געאַרבעט. די אָנפירונג האָט דעם פּלאַן באַשטעטיקט און באַשטימט די דאַטע פונעם אַרויסמאַרש — דעם 21 יאַנואַר 1943.

הערשל פּאַסאַסאַרסקי, אָנגעטאָן אַלס פויער איז אויף אַ וואָגן אַריינ־געפאָרן אין טאַרטאַק, כדי צו פאַרשטענדיקן די אָרגאַניזאַציע וועגן דער הילף פון דער זייט פון די פּאַרטיזאַנער. ס'איז געווען אַ פּראָסטיקער נאָך מיטאָג — האָט דערציילט מיקאַנאָווסקי — ווען זיי האָבן אַרויסמאַרשירט אין אַ כוח פון אַ גאַנצן באַטאַליאָן. יאַשע איז געגאַנגען האָפערדיק, פול מיט מוט, אָבער גלייכצייטיק מיט גרויס שפּאַנונג פאַר דעם געוואַלדיקן אחריות, וואָס די פּאַרטיזאַנישע אָנפירונג האָט אויף אים אַרויפגעלייגט אין שייכות מיט דער דאָזיקער אונטערנעמונג.

ווען זיי זענען אָנגעקומען צו דעם נישט ווייט ליגנדיקן לאַגער, איז שוין געווען גוט פינצטער. די גאַנצע אָפּטיילונג האָט זיך פאַרהאַלטן אין וואַלד און אַרויסגעשיקט אויסשפּירער, וועלכע האָבן געדאַרפט פעסט־שטעלן דאָס צוטרעטן צו דער אַקציע דורך דער אָרגאַניזאַציע אין לאַגער גופא...

מיט אומגעדולד האָבן זיי געוואַרט אויף זייער צוריקקער. יאַשא איז געשטאַנען ביים ראַנד פון וואַלד און אין דער ווייטקייט געזוכט די קאָנטורן פון די מעלדער. מיט האַרצקלאַפּונג האָט ער זיך איינגעהערט אין דער

שטילקייט פון דער נאַכט, זי זאָל נישט איבערגעריסן ווערן דורך אַ פּריציי־טיקער שיסעריי... ער האָט געקוקט אויף דעם לויכטנדיקן ציפערבלאַט פון זיין זייגער און ס'האָט זיך אים געדאַכט אַז עפּעס מאָדנע פּאַוואָליע האָבן זיך געררוקט די ווייזערס... דער אַרויסמאַרש פונעם לאַגער איז באַשטימט געוועז אויף 9 אַזייגער אָוונט... און אפשר איז פּאַסאַסאָרסקי אַריינגעפאַלן ?!...

פאַר יעדן פּרייז האָבן זיי באַשלאָסן צו אַטאַקירן... אַ קליינע גרופּע פּאַרטיזאַנער האָט מיקאַנאָווסקי באַשטימט צו פאַרבלייבן אויפן אָרט כדי אויפצונעמען און ווייטער אַוועקצופירן די געראַטעוועטע מענטשן. די איבע־ריקע האָט ער צעטיילט אין צוויי אָפּטיילונגען און זיי געשטעלט אין אַלאַרם־גרייטקייט...

מיט אַן אומבאַשרייבלעכער פרייד האָט ער אויפגענומען די מעלדונג וועגן דער אָנגעהויבענער אַקציע. מיט איין קאָמפּאַניע און איין פּלוטאָן מיט מאַשינ־געווער האָט ער געצויגן הינטער דעם לאַגער, צו דער זייט, ווו ס'איז געווען די דייטשע באַוואַכונג, און גענומען אַטאַקירן זייער פייער־נעסט. די פּאַרטיזאַנער האָבן מיט גראַנאַטן באַוואָרפן די דייטשע בונקערס. אין דער זעלבער צייט האָט איין קאָמפּאַניע גענומען מיט טערמישע קוילן אונטער־צינדן דעם לאַגער...

ס'איז קיין וווּנדער נישט, וואָס די היטלעריסטן האָבן אין גרויס פּאַניק זיך גענומען ראַטעווען, ווי איינער האָט נאָר געקאָנט, איבערלאָזנדיק שוין אַלץ אויף הפקר...

אין דער זעלבער צייט האָבן ביי די צוויי הונדערט יידישע מענער און פרויען פון נאָווי שוויערזשענער שקלאַפן־לאַגער געצויגן צו די אָרליצער וועלדער, כדי זיך אָנצושליסן אין די פּאַרטיזאַנישע רייען און קעמפן קעגן די ברוינע קאַניבאַלן...

דער מינירער פּאַרוטשניק יאיר קירשענבאום פּסעווד. „יורעק"

דער אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה האָט אים געטראָפן אין וואַרשע. יאיר איז דעמאָלט אַלט געווען 18 יאָר. דערצויגן אין אַ פּראָלעטאַרישער היים, ביי אַ טאַטן אַ מעטאַל־אַרבעטער, האָט ער זייער פרי דערפילט דעם יאָך פון זיין קלאַס און דראַנג צו קעמפן פאַר זיין באַפרייאונג. ס׳איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס ביים אַנטשטיין פון דעם קאַמפּס־באַטאַליאָן פון די פּאַרטיידיקער פון וואַרשע קעגן די פאַשיסטישע האָרדעס האָט ער זיך גלייך געפונען אין זיינע רייען. מאָביליזירט האָט אים, די מיט קוים צוויי יאָר עלטערע פון אים און שפּעטערדיקע אָרגאַניזאַטאָרין פון ז.וו.מ. — האַנקע סאַוויצקאַ־שאַפּיראָ. ליידער האָט זי דעם זיג איבער די היטלעריסטישע באַנדעס נישט דערלעבט. אין יאָר 1943 איז זי שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן און אין דעם צושטאַנד אַרעסטירט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ ביי מאָסטאָווע־גאַס אין וואַרשע און דאָרט אויסגעהויכט די נשמה אין דער תפיסה אויפן פּאַוויאַק.

לאַנג איז זיי נישט אויסגעקומען צו קעמפן. באַצוווּנגען פון דער געוואַלדיקער איבערמאַכט פון מענטשן און געווער, איז די הויפּטשטאָט געפאַלן. ביים אַריינמאַרש פון די דייטשן, האָט ער די שטאָט פאַרלאָזט און געקומען קיין פּאַוואָרסק ביי קאָוועל.

ס׳איז געווען אַן אויגוסט־טאָג פון 1942. די דייטשן מיט דער הילף פון די אוקראַינישע פאַשיסטן האָבן אַרומגערינגלט דאָס שטעטל. אַ פּחד און אימה האָט באַהערשט די יידישע באַפעלקערונג פון פּאַוואָרסק. יידן האָבן דערפילט, אַז ס׳האָט געשלאָגן די לעצטע שעה.

די רוצחים האָבן באַשלאָסן די יידן צו ליקווידירן אויפן אָרט. דאָס יידישע לעבן, די יידישע הייזער זענען געווען פריי און הפקר פאַר יעדן דייטשן און אוקראַינישן סאַדיסט. די געוויינען און יללות האָבן זיך געטראָגן ביזן זיבעטן הימל. דורך די אויפגעבראָכענע טירן און פענצטער זענען געפלויגן פעדערן פון בעטגעוואַנט, און פאַרדעקט דאָס גאַנצע שטעטל.

אין דעם קאָשמאַר האָט אַ גרופּע מענטשן באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די שטאָט און אַוועק אין די בעריטשער וועלדער, ווו ס׳איז שוין געווען אַר־

גאַניזירט אַ גאַנצע גרופּע יידן צווישן די פּאַרטיזאַנער אונטער דער אָנפי־רונג פון דעם פּוילישן בחור יוזעף סאָביעשיאַק — פּסעוודאָנים „מאַקס".

זיי זענען געווען 21 פּערזאָן, צווישן וועלכע פיר פרויען. דער פירער פון דער גרופּע איז געווען אַ יונגער, בלאָנדער און פּעיִקער בחור מיטן נאָמען שיע גרושקאָ. זיין פּאַרטרעטער איז געווען יצחק רייכמאַן־אַווידאָוו. צווישן אַנדערע זענען אין דער גרופּע געווען גרושקעס ביידע ברידער, נחמיה און בנימין, יצחק רייכמאַנס פרוי דאָרע, ליאָווע און ראַיע פלוס, דער בלאָנדער יוזשעק, וואָס האָט זייער גוט געקענט די אַרומיקע וועלדער, ראובן און חיים שליווקע, משה־מישקאָ עדעלשטיין פון קאַליש.

זייער גאַנצע אויסשטאַטונג איז געווען פיר אָפּגעשניטענע ביקסן און אַ פינפטע, וואָס זיי האָבן שפּעטער דעראָבערט ביי אַן אוקראַיִנישן פּאָליציאַנט.

דער קאַמפס־מוט און דער ווילן צו נקמה איז ביי זיי געווען זייער גרויס. יעדער האָט זיך אין האַרצן געגעבן אַ שבועה קיינמאָל זיך נישט אונטערצוגעבן דעם שונא.

שוין אין די ערשטע טעג האָט צו זיי זיך אָנגעשלאָסן אַ גרופּע סאָוויעטישע מענטשן. דאָס זענען געווען אַנטלאָפענע פון די אַרבעטס־לאַגערן, געוועזענע סאָוויעטישע זעלנער, וואָס האָבן איינציקווייז אַרומגע־בלאָנקעט אין די וועלדער, אָדער קריגס־געפאַנגענע, וואָס זענען אַנטרונען פון אונטער די דייטשע שטעכל־דראָטן.

ס'איז אויפגעקומען דאָס פּראָבלעם זיך צו שאַפן אַ באַזע, פון וועלכער זיי זאָלן קאָנען מאַכן פאַרשידענע איבערפאַלן אויף קליינע דייטשע גרופּן, אָדער פּאַטרולן פון דייטשע און אוקראַיִנישע מיליטערלייט. פאַר אַלעם אָבער איז אַנטשטאַנען די פראַגע פון לעבנסמיטל און געווער.

צופעליק האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אָפּטיילונג פון דעם באַקאַנטן פּאַרטיזאַנער־פירער פון די פּאַלעסיער וועלדער — אַ הויכער רוסישער מאַן, וועלכער איז געווען באַקאַנט אונטער דעם פּסעוודאָנים „דיאַדיאַ פּיעטיאַ". מיט דער הילף פון די סאָוויעטישע מענטשן, וועלכע זענען איצט געווען מיט זיי, איז צווישן ביידע צדדים געקומען צו אַ גיכער פאַרשטענדיקונג און זיי זענען געוואָרן אַ טייל פון „דיאַדיאַ פּיעטיאַס" פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד. זיי האָבן אויך דאָ געטראָפן דעם געוועזענעם קאַפּיטאַן פון מיליטערישן גאַרניזאָן אין פּאָווארסק אין דער צייט פון דער סאָוויעטן־מאַכט, דעם חבר מאַהאַמעד. דער הויכער שוואַרצער בחור האָט איצט אין דעם אָטריאַד פון „דיאַדיאַ פּיעטיאַ" אויסגעפירט די פונקציע פון פּאָליטישן קאָמיסאַר.

יאיר קירשענבאַום

זיין ערשטן טויף־קאַמף האָט קירשענבאַום דורכגעמאַכט אין דעצעמבער 1942. זייערע אויסשפּירער האָבן צו וויסן געגעבן, אַז דייטשע און אוקראַיִנישע אָפּטיילונגען דערנענטערן זיך פון עטלעכע זייטן צו דער באַזע. אַלע זענען גלייך געשטעלט געוואָרן אויף די פיס. זיי זענען שוין דעמאָלט געווען צוגעטיילט צו דער אָפּטיילונג פון קאַרטוכינען, פון וועלכער עס איז שפּעטער געשאַפן געוואָרן די מינער־ און דיווערסיע־גרופּע. זיי האָבן גלייך פאַרנומען אַ פּאָזיציע ביי דעם וועג, וועלכער איז טאַקע געווען דורך די פּאַרטיזאַנער אונטערמינירט. יאיר איז געלעגן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם און געוואַרט אויף דעם מאָמענט, ווען די באַנדע וועט אַרויף אויף די מינעס און פליִען אין דער לופטן. דאָ און דאָרט האָבן זיך שוין געהערט שאָסן פון איינצלנע ביקסן, וואָס זענען אָפּגעגעבן געוואָרן פון די דייטשן סתם, אין דער לופטן, אָן שום ציל, נאָר כדי זיך אַליין צוגעבן מוט און גלייכצייטיק אָנוואַרפן אַ שרעק אויף די פּאַרטיזאַנער.

אָט הערן זיי שוין זייערע קולות, זייערע רופן און געשרייען, נאָר ביי די פּאַרטיזאַנער איז דאָ אַ פאַראָרדענונג — קיין איין קויל טאָר נישט פאַלן אומזיסט. אַמוניציע איז אויף דער וואָגשאָל פון גאָלד. זיי וואַרטן די דייטשן זאָלן זיך דערנעענטערן.

ענדלעך איז געקומען דער אויסגעבענקטער מאָמענט און ס׳פאַלט אַ באַפעל: — פייער!...

אַ האָגל פון קוילן האָט זיך אַ שאָט געטאָן אויף די קעפּ פון די היטלעריסטן, וועלכע האָבן פאַר איבערראַשונג גענומען זיך צוריקציִען אויף דעם פאַרמינירטן וועג. איצט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די אמתע קאַנאָנאַדע פון מיִנעס.

אין גרויס פּאַניק האָבן די דייטשן גענומען פאַרלאָזן דאָס שלאַכטפעלד, איבערלאָזנדיק אויפן וועג טויטע און פאַרוווּנדעטע.

אויך די פּאַרטיזאַנער האָבן פאַרלוירן איינעם פון זייער גרופּע, דעם יונגן פּאַרטיזאַנער חיים שליפּקע, און צווישן די פאַרוווּנדעטע איז געווען דער חבר יצחק רייכמאַן־אַווידאָוו, וועלכער האָט געהאַט אַ דורכגעשאָסענעם אָרעם.

די מינערישע אַרבעט

די דיווערסיע־מינערישע אַרבעט איז אַלעם געווען צום האַרצן. די ערשטע צייט איז אַלץ אויסגעפּירט געוואָרן אָן טעכנישע מיטלען. מען האָט בלויז צעשרויפט די באַן־רעלסן, איבערגעשטעלט די זווראַטניצעס (וועקסלער), אונטערגעלייגט אויף די רעלסן קלינעס, וואָס האָבן אַראָפּ־געוואָרפן די וואַגאָנען פון דער באַן־ליניע. אָבער מיט דער צייט האָט מען אָנגעהויבן אַרבעטן מיט טריטאָל און מינעס פון אייגענער אויסאַר־בעטונג — געמאַכט פון אַרטילעריע־קוילן. דאָס האָט געגעבן בעסערע עפעקטן. אין די קאַמפּס־מעטאָדן זענען פאַרגעקומען שטענדיקע ענדע־רונגען און אויסבעסערונגען, אויך מצד דעם שונא. די דייטשן האָבן אָנ־געהויבן צו קאָנטראָלירן די באַן־ליניעס, באַנוצנדיק זיך דערביי מיט אויסגעשולטע הינט, וואָס האָבן זייער שנעל אויסשפּיאָנירט לויט דעם ריח דאָס אָרט, ווו עס איז געווען אונטערגעלייגט טראָטיל.

נאָר די פּאַרטיזאַנישע אָנפירער זענען אויך נישט געשלאָפן. מען איז געפאַלן אויף אַ פּאַרטל און מען האָט באַגאָסן די רעלסן מיט פליסיקן טראָטיל אויף הונדערטער מעטער. די הינט האָבן אָנגעוויזן אויף די ערטער, ווו מען האָט קיין מינעס נישט געפונען.

ווען די פּראָבן מיט די הינט האָבן שוין נישט געגעבן קיין רעזולטאַטן האָבן די דייטשן גענומען שיקן ליידיקע וואַגאָנען פאַר דעם לאָקאָמאָטיוו און אַזוי אַרום דערפירן צום אויפרייסן די אונטערגעלייגטע מינעס. אַ סך מאָל איז דאָס זיי געלונגען. דעמאָלט האָבן די דיווערסאַנטן אָנגעהויבן פאַרלייגן מינעס, וואָס האָבן נישט רעאַגירט אויף קיין לייכטער לאַדונג און אויפגעריסן ערשט אונטער דעם דרוק פון דעם לאָקאָמאָטיוו.

יעדער ניי־אָנגעווענדטער מעטאָד פון די דייטשן איז גלייך פון די דיווערסאַנטן איבערגעגעבן געוואָרן אין דער באַזע פון די פּאַרטיזאַנער. דעם שטורעם־באַטאַליאָן אין די ביעלאָמוטער וועלדער, אונטער דער אָנ־פירונג פון פּולק. העניק טאַראַנטשיק. צווישן אַנדערן איז דאָרט געווען אַ קאָמפּאַניע צו שולן מינירער. מען האָט זיך געלערנט און געטיילט מיט די דערפאַרונגען מיט פּאַרטיזאַנער פון אַנדערע אָפּטיילונגען.

שפּעטער, ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אַריינלייגן שטיינער אין

די ערשטע וואַגאָנען, האָבן די דיווערסאַנטן גענומען אונטערלייגן מינעס מיט פּאַרשפּעטיקטע צינדערס און דייטשע טראַנספּאָרטן זענען ווייטער געפלויגן אין דער לופטן. טייל מאָל האָט דאָס אָפּרייניקן אָדער פאַרריכטן די באַן־רעלסן געדויערט מער ווי אַ גאַנצן טאָג.

דעמאָלט האָבן די דייטשן אָנגעהויבן אַרויסשיקן דרעזינעס פאַר דעם דורכלויפנדיקן צוג. אָבער אויך אין דעם פאַל האָבן די מינירער זיך אַן עצה געגעבן. מען האָט אָנגעהויבן צו פּראָדוצירן ספּעציעלע מינעס, ביי וועלכע ביים אַריבערפאָרן פון דער דרעזינע האָט זיך פאַרמאַכט דער ערשטער קרייז און דער צווייטער אימפּולס איז געקומען, ווען ס׳איז איבער זיי אַרויף דער צוג, דעמאָלט איז ערשט אַנטשטאַנען דער אויפרייס.

מיט אַזעלכע מינעס, וואָס האָבן געהאַט פּאַרשפּעטיקטע צינדערס, זענען די פּאַרטיזאַנער געגאַנגען אויפרייסן דעם וואַסער־טורעם אויף דער ליניע קאָוועל — קיווערצע.

עס איז געווען זומער 1943. זיי האָבן באַקומען אַ באַפעל אויפצורייסן דעם טורעם. צו דער אַרבעט זענען באַשטימט געוואָרן אַכט מאַן אונטער דער קאָמאַנדע פון אַ יידישן, זייער אינטעליגענטן בחור פונעם שטעטל מאַניעוויטש מיטן פּסעוודאָנים „מאַלינקאָ״. עס איז געווען אַ וואַרעמער אָוונט. זיי האָבן מאַרשירט דורך שמאָלע סטעזשקעס אין אַ געדיכטן וואַלד, וועלכער איז פאַר דעם גרעסטן טייל פון זיי נישט געווען באַקאַנט. אָבער מען האָט זיך גערוקט איילנדיק און מיט זיכערע טריט פאָרויס. אונטער דער אָנפירונג פון „מאַלינקאָ״ איז יעדער געווען רויק, האָבנדיק די איבערצייגונג, אַז אַלץ מוז געלונגען. דער יונגער, שלאַנקער, שוואַרצער בחור פון מאַניעוויטש האָט זיך דאָ געפילט ווי ביי זיך אין דער היים. ער האָט דאָ געקענט יעדעס טאָלעכל און יעדעס בערגעלע, יעדן וועג און יעדן בוים.

עס איז שוין געווען אַרום איינס ביינאַכט, ווען זיי האָבן זיך דערנעענטערט צו דעם אָפּשניט פון דעם וואַסער־טורעם.

— צוויי מאַן מיט די מינעס מיט מיר! — האָט באַפוילן „מאַלינקאָ״ — און איר — האָט ער געזאָגט צו די איבעריקע — טיילט אייך אין צוויי גרופּן, לינקס און רעכטס פון אונדז, און טוט אויפּפּאַסן אויף די זייטן. איר זענט אויף אַ גויט־פאַל, כדי אונדז צו באַשיצן...

ווען „מאַלינקאָ״ מיט די צוויי מינערס זענען אַריבער די פאַרצוימונג פון דעם טורעם, זענען שוין אַלע געלעגן מיט די ביקסן גרייט צום שיסן צווישן די שיטערע קוסטן, וואָס זענען דאָרט אַרום געוואַקסן.



NA PODSTAWIE DEKRETU PREZYDIUM
KRAJOWEJ RADY NARODOWEJ
Z DN. 26 PAŹDZIERNIKA 1946 R.
MINISTER OBRONY NARODOWEJ
nadał
Ob. Kirszenbaum Jerzy
s. Ksyla

KRZYŻ PARTYZANCKI
1939–1945

Turski
gen. bryg.

Nr 19757

W-wa dn. 10 paźdz. 1952 r.

די לעגיטימאַציע וועגן דער אויסצייכנונג פון יאיר קירשענבאום מיטן פּאַרטיזאַנער קרייץ

ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט, ווי „מאַלינקאַ״ און זיינע מענטשן זענען געוועזן צוריק, טראַגנדיק נאָך איין ביקס אין דער האַנט.

— זיי זענען דערליידיקט — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל — דער וואַסער־טורעם און זיין וועכטער. נו, וואָס קוקט איר אַזוי אויף דער ביקס? דאָס איז דאָך זיינע, דעם דייטשס, ער דאַרף זי דאָך שוין נישט מער — האָב איך זי מיטגענומען...

ווען די מינירער זענען שוין געווען טיף אין וואַלד, האָבן זיי געהערט עטלעכע שווערע דעטאָנאַציעס, וואָס האָבן ווייט אָפּגעהילכט אין דער ביינאַכטיקער שטילקייט.

צופרידענע פון דעם גוט־אויסגעפירטן באַפעל, האָבן זיי זיך געלאָזט אין וועג, צוריק צו דער באַזע פון „דיאַדיאַ פיעטיאַ״.

אין אָקטאָבער 1943 זענען זיי געוואָרן אַרומגערינגלט פון גרויסע אָפּטיילונגען גוט־באַוואָפנטע דייטשן און באַנדעראָווצעס. זיי האָבן זיך געפונען אונטער אַ שטאַרקן פייער פון אַלע זייטן. די גאַנצע אָפּטיילונג פון „דיאַדיאַ פיעטיאַ״, צו וועלכער ס׳האָט אויך געהערט זייער אָטריאַד, אונטער דער אָנפירונג שוין פון „קרוקן״, איז געוואָרן גענצלעך צעשלאָגן. די לעבנגעבליבענע פּאַרטיזאַנער האָבן זיך צעשפּרייט אין פאַרשידענע ריכטונגען און זיך שפּעטער אָנגעשלאָסן אין אַנדערע גרופּירונגען, כדי ווייטער צו קעמפן.

יצחק רייכמאַן־אַווידאָוו האָט זיך שפּעטער געפונען אין דער גרופּירונג פון דעם גענעראַל „בעגמאַ״. קירשענבאַום דאַקעגן האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער פּוילישער פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג אויפן נאָמען פון „טאַדעוש קאָשטשושקאָ״.

דאָרט האָט ער זיך געטראָפן מיט אַ סך אַלטע באַקאַנטע. ער האָט זיך ווידער געפונען אין אַן אייגענער סביבה. צווישן אַנדערע האָט ער אין דעם דאָרף קאָלאַנאָ ביי פּינסק געטראָפן אַ פריינד פון וואַרשע, דעם פּאַרטיזאַנער משה פּלאַמענבאַום־„וולאַדעק״. פון אים האָט ער זיך אויך דערוווסט וועגן העלדישן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און אומקום פון זיינע נאָענטסטע.

פון דאַנען איז ער אָפּגעשיקט געוואָרן קיין שפּאַנאָוו ביי ראָוונע צו דער דעמלטיקער באַזע פון דעם שטורעם־באַטאַליאָן און שפּעטער שוין צו דער רעגולערער פּוילישער אַרמיי.

אין דער פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג א. נ. פון וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ

דערציילט פון דעם פּאַראַשוטיסט
פּולקאָווניק יוסף קראַקאָווסקי, פּסעוודאָנים — „פּערדעק"

די טרויעריקע טעג פון דעם דייטשן איבערפאַל אויף סאָוויעט־רוס־לאַנד אין יאָר 1941 האָבן אים געטראָפן אין לעמבערג. דאָ האָט מען אים מאָביליזירט און צוגעטיילט צום 179 פּולק אינפאַנטעריע, מיט וועלכן ער מאַכט מיט די שווערע שלאַכטן — דאָס צוריקציִען זיך, די איבערגרופּי־רונגען נאָך די פאַרלוסטן ביים אַרויסרייסן זיך פון די אַזוי גערופענע „דייטשע קעסלען" ביז צו דער שלאַכט ביי סטעפּאַנוווקאַ, קרייז טשער־קעסי, וווּ ער ווערט פאַרוווּנדעט.

זייענדיק אין שפּיטאָל האָט צו אים דערגרייכט די פריילעכע ידיעה, אַז אויף דער סאָוויעטישער ערד איז אַנטשטאַנען אַ פּוילישע אַרמיי אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל אַנדערס, וועלכער וועט קעמפן אויף דער זייט פון דער רויטער אַרמיי. ווען ער איז אַרויס פון שפּיטאָל, האָט ער זיך געמאָלדן צו דער ניי־אָרגאַניזירטער פּוילישער אַרמיי.

נישט לאַנג איז אים אָבער אויסגעקומען זיך צו פרייען. די סאַנאַציע־אָפיצירן, וועלכע האָבן דאָ געהאַט די הויפּט־דעה, האָבן געהאַלטן, אַז אין דער אַרמיי זענען פאַראַן צופיל יידן, וועלכע קאָנען שטערן זייער פּלאַן צו פאַרלאָזן די סאָוויעטישע ערד. זיי זענען געפאַלן אויף פאָלגנדיקער המצאה: גערופן אַ קאָמיסיע פון דאָקטוירים, וועלכע האָבן מאַסנווייז גענומען באַ־פרייען די יידן, כלומרשט אַלס נישט־פעיִקע צו מיליטערישער דינסט.

אויך קראַקאָווסקי איז געווען צווישן די בראַקירטע. אַ־די בראַקיר־אָפּעראַציע איז געווען אַ שווערער קלאַפּ פאַר דער יידישער יוגנט, וועלכע האָט זיך געריסן צום קאַמף מיט די מערדער פון זייערע טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער, פרויען און קינדער. איז דעריבער נישט קיין וווּנדער, וואָס גלייך ווען דער פאַראיין פון די פּוילישע פּאַטריאָטן האָט דעם 14 מאַי 1943 געמאָלדן וועגן דער אָרגאַניזירונג פון דער ערשטער דיוויזיע אויף דעם נאָמען פון טאַדעוש קאָשטשושקאָ, איז אין אירע רייען געקומען אַ גרויסע צאָל יידן.

אַלס פאַרטרעטער פון אָנפירער פון דריטן באַטאַליאָן אין דריטן פּולק אין דער דערמאָנטער דיוויזיע, נעמט קראַקאָווסקי אָנטייל אין דעם היס־טאָרישן קאַמף ביי לענינאָ.

וועגן דער העראָישקייט פון קאַמף אויף דעם אָפּשניט האָט מען אָ סך געשריבן, דאָך איז ווערט צו דערמאָנען די ווערטער פון וואַנדע וואַסי־לעווסקאַ אין אָרגאַן פון ז. פּ. פּ. — „פריי פוילן״ וועגן יידן: „מיט בלוט און העלדישקייט האָבן יידן פון דער ערשטער דיוויזיע באַוויזן זייער פּאַטריאָטיזם און צוגעבונדנקייט צו פוילן״...

אין דער זעלבער צייט האָט דער אָקופּאַנט געזייט טויט און פאַרניכ־טונג אויף דער פוילישער ערד. אַלס ערשטן קרבן האָט מען געברענגט די יידישע באַפעלקערונג. דערנאָך, ווי באַוווסט, זענען געקומען אין דער ריי די אַנדערע...

אויף זייער אָ ראַפינירטן אופן האָבן די דייטשן גענומען באַוואָפענען די אוקראַאינישע נאַציאָנאַליסטן אונטער דער אָנפירונג פון אַנדרע מעלניק און סטעפּאַן באַנדערע, אָרגאַניזירן אַן אוקראַאינישע פּאָליציי, אונטערטיצן די אָרגאַניזירטע באַנדעס, די אַזוי גערופענע בולבאָווצעס, באַהונאָווצעס, שיטאָווצעס, וועלכע האָבן גענומען מאַסנווייז מאָרדן די פוילישע באַפעל־קערונג.

די ווילדע העצע איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ברידער האָבן געמוזט אַדורכפירן טויט־אורטיילן אויף אייגענע שוועסטער, וועלכע זענען געבוירן פון דער זעלבער מאַמען, וואָס איז געווען אַ פּוילישע. עס זענען געווען פאַלן, ווען געמישטע פאַרפעלקער האָבן זיך קעגנזייטיק אויסגעקוילעט. אין איין נאַכט זענען דערמאָרדעט געוואָרן עלף פערזאָן אין דעם קליינעם גאַליצישן שטעטל וואַריש, לעמבערגער וואָיעוואָדשאַפט, נאָר דערפאַר, וואָס זיי זענען געווען פון געמישטע חתונות.

די אוקראַאינישע נאַציאָנאַליסטן האָבן דעם געוועזענעם מזרחדיקן טייל פון פוילן פאַרוואַנדלט אין אַ געביט פון מאַסן־שחיטות.

מיט פאַרגעניגן האָבן זיך די פעלקער־מערדער צוגעקוקט צו דעם גוט־אָרגאַניזירטן שטיקל אַרבעט. אַ ביסל קאַלעמוטנע איז זיי אָבער גע־וואָרן, ווען די אוקראַאינישע פאַשיסטן האָבן געפּרוּווט אויפשטעלן אין לעמבערג אַ זעלבשטענדיקע רעגירונג מיט דעם פּראָפעסאָר סטעצקי בראש און מיט סטעפּאַן באַנדעראַ אַלס פּרעמיער — פאַר דעם פּרייז, וואָס זייער „דיוויזיע עס. עס. האַליטשינאַ״ האָט געקעמפט אויפן סאָוויעטישן פראָנט.

ווען זיי האָבן אָנגעהויבן פאַרלאַנגען, אַז נאָך דעם קריג זאָל אויך די

יוסף קראַקאָווסקי, פּסעוו. „פערדעק״

סאָוויעטישע אוקראַיִנע צו זיי אָנגעשלאָסן ווערן אַלס גאַנצע „סאַמאָסטינאַ אוקראַיִנאַ", איז דאָס פאַר היטלערן געווען שוין אַ ביסל צופיל... אַלס ענטפער האָט מען אויפגעלייזט די רעגירונג פון דער „סאַמאָסטינאַ או־קראַיִנאַ". אַ סך פון די אָנפירער אַרעסטירט און גלייכצייטיק גענומען אָרגאַניזירן קעגן זיי פוילישע נאַציאָנאַליסטן, כלומרשט צו שיצן די באַ־פעלקערונג קעגן די איבערפאַלן פון די אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטן.

די באַפעלקערונג האָט איצט געליטן פוןביידע זייטן און גענומען מאַסנווייז אַנטלויפן אין די וועלדער.

צו הילף דער געדרודפּטער באַפעלקערונג אויף דעם געביט פון לוביע־שוּווּ קומט דער פּאַרטיזאַנישער פירער פון דער פאַראייניקונג "0015", דער גענעראַל־מאַיאָר אַלעקסיי פיאָדאָראָוו. דעם 8־טן אויגוסט 1943 גיט ער אַרויס אַ באַפעל צו אָרגאַניזירן ביי זיינע גרופּירונגען אַ פוילישע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונג, וועלכע ווערט באַשטעטיקט פון דעם אוקראַיִנישן פּאַרטיזאַנער־שטאַב אין קיִעוו — אויף דעם נאָמען פון „וואַנדאַ וואַסי־לעווסקאַ". אַלס פירער און אָרגאַניזאַטאָר ווערט גערופן דער וואַכמייסטער פון דער געוועזענער פוילישער אַרמיי סטאַניסלאַוו שעלעסט.

סוף אויגוסט האָט די אָפּטיילונג געציילט זעכציק מאַן, דערונטער אויך אַ סך יידישע יאַטן. זייער באַזע איז געווען אין די בערעזיצקער וועלדער. שעלעסטן צו הילף, אַלס פּאָליטישן קאָמיסאַר פון דער אָפּטיילונג, האָט דער גענעראַל פיאָדאָראָוו צוגעטיילט דעם דערפאַרענעם רוסישן פּאַרטיזאַן וויקטאָר קרעמיעניעצקי.

עס דויערט נישט לאַנג און די דייטשן מאַכן דעם ערשטן פּרוּוו צו פאַרניכטן די אָפּטיילונג און רינגלען אַרום דעם בערעזיצקער וואַלד. צוזאַמען מיט די אָפּטיילונגען פון גענעראַל פיאָדאָראָוו ציִען זיך די פוי־לישע פּאַרטיזאַנער אַרויס אין דער ריכטונג פון טייך סטיר — און דאָ זענען געווען די ערשטע קרבנות. ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז דער פּראָם געווען אונטערמינירט דורך די אוקראַיִנישע באַנדעס, גלייכצייטיק האָבן זיי געעפנט אַ פייער פון דער אַנדערער זייט טייך.

נאָכן פאַרענדיקן די אָבלאַווע קומען די פּאַרטיזאַנער צוריק צו דער פּריִערדיקער באַזע, ווו עס ווערט אָרגאַניזירט אַ ציווילער לאַגער פאַר אַלטע לייט, פרויען און קינדער — צוזאַמען עטלעכע הונדערט מענטשן.

ביז דעם 15 פעברואַר 1944 איז די אָפּטיילונג געווען אונטער דער אַלגעמיינער אָנפירונג פון גענעראַל פיאָדאָראָוו, שפּעטער איז זי אויס־געשטאַט געוואָרן מיט נייסטן וואָפן און באַקומען אַ באַפעל אַרויסצומאַר־

שירן אויף זעלבשטענדיקער דיווערסיע־אַרבעט אויף דער צווייטער זייט בוג אין דער געגנט פון פּאַרטשעוו אויף דער באַן־ליניע ברעסט — לוקאָוו, לוקאָוו — לובלין און לובלין — כעלעם.

דער גאַנצער וועג איז דורכגעמאַכט געוואָרן מיינסטנס ביינאַכט. אויף אַ סך ערטער, ווו זיי האָבן זיך פּאַרהאַלטן, זענען געפירט געוואָרן פּאָלי־טישע אויפקלערונגס־אַרבעטן צווישן דער באַפעלקערונג. עס האָבן זיך אויך אָנגעשלאָסן אין די פּאַרטיזאַנישע רייען אַ סך פּאַטריאָטיש־געשטימטע יוגנטלעכע.

טראָץ דער גרויסער פּאַרזיכטיקייט איז נישט געווען מעגלעך אויס־צומיידן עטלעכע צוזאַמענשטויסן מיט דייטשע און אוקראַיִנישע אָפּטיילונ־גען. נאָר די ערשטע גרעסערע זעלבשטענדיקע אַרבעט האָבן זיי דורכגע־פירט דעם 4 מערץ 1944. דאָס איז געווען דער אויפגעריסענער צוג אויף דער ליניע ברעסט — לוקאָוו, אויף דעם אָפּשניט ביאַלאַ־פּאָדלאַסקאַ — כאָטילווו.

קראַקאָווסקי האָט זיך דעמאָלט געפונען אין דער פּאַרטיזאַנער־אָפּ־טיילונג פון דעם פוילישן חבר יוזעף סאָביעשיאַק — „מאַקס" אין די מאַניעוויטשער וועלדער.

דער גורל האָט געוואָלט, אַז צו דער צענטער יאָרצייט פון פּאַרלירן דאָס רעכט אַלס פּאָליטישער אַרעסטירטער, לויטן אורטייל פון דעם סאַ־נאַציע־געריכט, זאָל ער באַקומען אַ באַפעל פון פוילישן פּאַרטיזאַנישן שטאַב אין שפּאַנווו צו שפּרינגען אויף דער פוילישער ערד, צו קעמפן קעגן דעם שונא, וואָס האָט באַזעצט דאָס לאַנד.

אין די יאַנאָווער וועלדער צו דער פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג פון „וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ". ווערט צוזאַמען מיט אים אַראָפּגעוואָרפן אויך דער לאָדזשער בחור הערש שלייפער.

דאָס איז געווען דעם 12 יוני 1944.

דער אָנטייל אין דעראָבערן יאַנוּוו־לובעלסקי

שווערע קאַמפן האָט די בריגאַדע פון „וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ" געמוזט דורכמאַכן צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען אין די טעג פון 9 ביז 25 יוני 1944. דאָס זענען געווען די אַזוי גערופענע קאַמפן אין די ליפּסקער און יאַנאָווער וועלדער. די שלאַכטן זענען אַריין אין דער געשיכטע פון פּוילישן פאָלק אַלס קאַמפן פון גרויסער באַדייטונג. די דייטשן זענען געווען געצוווּנגען אָפּציִען דריי דיוויזיעס פון מזרחדיקן פראָנט אין דער צייט, ווען די סאָוויעטן האָבן געגרייט די אָפּענסיווע אויף דער ווייסרוסלענדישער ערד.

נאָך דעם אָפּרייסן זיך פון שונא אין די יאַנאָווער וועלדער און אַריינגיין אין די בילגאָרייער איז גערופן געוואָרן אַ באַראַטונג פון די פירער פון די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילן, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין דער געמיינזאַמער אַקציע. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז זיי גייען צוריק צו דער אַלטער באַזע, בלויז די סאָוויעטישע אָפּטיילונגען זענען לויט זייער פּלאַן געגאַנגען אין דער ריכטונג פון די קאַרפּאַטן.

דאָס איז געווען פאַרטאָג פון 22 יוני 1944. זיי האָבן דעמאָלט געלאַגערט אויף אַ צייטווייליקן אָפּרו אין דער געגנט פון טערעספּאָל. פּלוצעם ווערן זיי אַלאַרמירט, אַז גרויסע מיליטערישע כוחות האָבן אָנגעגריפן דעם איבונגס־לאַגער פון א. ק. אין ראַיאָן פון מאַרגאַלע. דער אומגעריכטער איבערפאַל האָט געצוווּנגען די א. ק. פאַרלאָזן זייער לאַגער. דאָס איז אָבער פון די דייטשן געווען אויך אַ מאַנעווער, אין דער ווירקלעכקייט האָבן זיי געמיינט די פּאַרטיזאַנער פון א. ל. נאָך כמעט נישט אָפּגעאָטעמט פון די ביז־איצטיקע שלאַכטן זענען זיי דאָ געצוווּנגען פּלוצעם אויפצונעמען אַ קאַמף מיט אַ שונא, וואָס האָט אָנגעגריפן מיט דריי פּולקן, אויסגעשטאַט מיט דעם נייסטן מיליטערישן וואָפן.

די דייטשע אַרטילעריע און מערזער האָבן געדונערט מיט אַ פאַרטויבנדיק פייער, וואָס האָט ממש צעאַקערט די ערד. זיי האָבן גענומען דעם אָנגריף אין דער ריכטונג פון אַלקעסאַנדראָוו און טערעספּאָל. די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען האָבן זיך פאַרביסן פאַרטיידיקט, כאָטש אַלע זענען



אַ גרופּע זעלנער פון דער פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג א.ג. פון „וואַנדאַ וואַסילעווסקא". עס שטייען פון לינקס הערש שלייפער דער דריטער י. קראַקאָווסקי

שוין געווען אויסגעמאַטערט פון דער צוויי־וואָכנדיקער פאַרפאָלגונג פונעם שונא.

עס איז שוין נאָך האַלבן טאָג, די זון האַלט שוין אין אַראָפּנידערן צום האָריזאָנט. די היטלעריסטן און שיכורע קאַלמוקן הערן נישט אויף צו אַטאַקירן. זיי ווילן זיך, ווייזט אויס, אָפּרעכענען פאַר די צוויי שוואַדראָנען קאָזאַקן, וועלכע די פּאַרטיזאַנער האָבן דעם 15 אויסגעשניטן נישט ווייט פון דעם דאָרף טשיאַסמי — נעמענדיק זיי אין קלעם.

די פּאַרטיזאַנער האָבן שוין אַ סך טויטע און פאַרווונדעטע, צווישן זיי אויך דעם פירער פון דער בריגאַדע שעלעסט. עס איז אוממעגלעך ווייטער אויפצוהאַלטן די פּאָזיציעס. גרופּנווייז הייבן זיי זיך אָן צוריקציִען אין דער ריכטונג אויף מזרח, כדי שפּעטער זיך ווידער צו טרעפן אין די יאַנאָווער וועלדער. ווי איבערראַשט זענען אַלע געוואָרן, ווען גראָד פון דער זייט האָבן די דייטשן באַקומען פאַרשטאַרקונג פון אינפאַנטעריע און טאַנקען.

דער רינג אַרום די פּאַרטיזאַנער ווערט יעדעס מאָל אַלץ ענגער. ביי אַ סך פעלט שוין אויס אַמוניציע. דאָס אַרויסרייסן זיך פון קלעם קאָסט שוין אַ סך קרבנות. די גרופּע דעקט דער העלדישער רוסישער פּאַרטיזאַנער ביעלקאָוו מיט זיין באַזעצונג פון אַ שווערן מאַשינגעווער. ווען עס ענדיקט זיך די לעצטע טאַשמע פּאַטראָנען פאַרניכטן זיי מיט אַ בינטל גראַנאַטן דעם צ. ק. מ., ער זאָל נישט אַריינפאַלן אין די הענט פונעם שונא.

אין דעם טרויעריקן טאָג פון 22 יוני 1944 זענען געפאַלן 35 פּאַרטיזאַנער. אַ סך פאַרווונדעטע, וועלכע זענען נישט געווען אימשטאַנד זיך אַרויסצורייסן פון דער אַרומרינגלונג, האָבן די לעצטע קויל געציטל אין דער אייגענער ברוסט... פּאַרטיזאַנער האָבן זיך נישט איבערגעגעבן לעבעדיק אין די הענט פון שונא...

דעם צווייטן טאָג האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע סאָוויעטישע אָפענסיווע. מען האָט זיך אויך שנעל איבערגרופּירט און זיך צוגעגרייט צום אָנגריף אויף יאַנאָוו־לובעלסקי צוזאַמען מיט דער פאָרויסמאַרשירנדיקער סאָוויעטישער אַרמיי.

אַלס פירער פון דער בריגאַדע ווערט באַשטימט דער מאַיאָר וויקטאָר קרעמיעניעצקי, אַלס זיין פאַרטרעטער און פּאָליטישער לייטער — דער קאַפּיטאַן יוזעף קראַקאָווסקי, אַלס פירער פון די אויסשפּירער — דער פּאַרטיזאַנער ביעדאַ, אַלס פירער פון דער מינערן־אָפּטיילונג — פּאַד־פּאָרוטשניק הערש שלייפער. עס ווערט אויך אָרגאַניזירט אַ פּאַרטיזאַנישע

אָפּטיילונג פון העכער זעכציק מאַן פון דער אַרומיקער געגנט, וועלכע נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין באַפרייען די שטאָט.

נאָך דער איבערגרופּירונג איז אויך עלימינירט געוואָרן די פונקציע פון קאָמיסאַרן און פּאָליטרוקן, וועלכע זענען געוואָרן פאַרטראָטן דורך „פּאָליטישער דערציִער". די בריגאַדע איז שוין דעמאָלט אונטערליגן דער אָנפירונג פון דער פאָלקס־אַרמיי.

דאָס איז געווען דעם 25 יולי 1944. די בריגאַדע טרעפט זיך מיט אַן אָפּטיילונג קאַוואַלעריע פון די פאַרויסגייענדיקע סאָוועטישע מיליטעריש אָפּטיילונגען, וועלכע גרייטן זיך אַנצוגרייפן יאַנווו. די פּאַרטיזאַנער באַקומען די אויפגאַבע צו שיצן דעם טראַקט יאַנווו — ניסקאָ, כדי נישט אַריינלאָזן די היטלעריסטן אין וואַלד אַריין און זיך אַריבערציִען איבער דעם טייך סאַן.

הערש שלייפער מיט זיין אָפּטיילונג טרעט גלייך צו אונטערמינירן דעם שאָסיי אויף דעם אָפּשניט יאַנווו — פּוקולאַ. די רויטע אַרמיי פירט איצט איר אָנגריף אין דער ריכטונג מאָדליבאָזשיצע און גאָדזישעוו.

די היטלעריסטן, פאַרוואונדיק אַנטלויפן אויף די לאַסט־אויטאָס, פאַלן אַריין אין דער נעץ פון דעם אונטערמינירטן וועג. די ברוינע רוצחים שפּרינגען פון די מאַשינען. יעדער פּרוווט אַנטלויפן אויף אייגענער האַנט, אָבער די בריגאַדע ליקווידירט די צעזייטע באַנדיטן.

אין קאַמף פאַר יאַנאָוו־לובעלסקי האָט די בריגאַדע פאַרניכטעט פופציק היטלעריסטן, צוויי לאַסט־אויטאָס, איין טאַנק און דעראָבערט זעקס לאַסט־אויטאָס, אַ מאָטאָציקל און אויך אַ סך געווער און אַמוניציע.

אין דער העלדישער פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פון „וואַנדאַ וואַסילעווסקאַ", איז געווען אַ גרויסער פּראָצענט יידן. אין אַרכיוו האָט זיך געפונען אַ רשימה פון אַ טייל פון זיי:

נאָמען און פאַמיליע־נאָמען	נאָמען פון פאָטער
1) קראַקאָווסקי יוזעף	יצחק
2) שלייפער הערש	מאַריאַן
3) אַלעף גוסטאַוו־באַלקאָוויאַק	
4) ברייטבלאַט טאַדעק	לייבוש
5) צוקער שמואל	פּייוול
6) צוקער יעזשי	הערש
7) עלענבוגען שמעון	אברהם

נאָמען און פאַמיליע־נאָמען	נאָמען פון פאָטער
8) פרידמאַן דוד	אליהו
9) געלמאַן	
10) גרינוואַלד מרדכי	יחיאל
11) האַלפּערן מאיר	שמעון
12) הערמאַן הערש	
13) קנאָפּמאַכער יעקב	נחמן
14) קנאָפּמאַכער משה	יצחק
15) קאַם גרישאָ	אהרן
16) קרימאַן שרה	יוסף
17) קאַדענטשוק הערש	אברהם
18) קאָט געלביש	פסח
19) לערנער הענריק	
20) לערנער דוד	
21) מילך משה	
22) מילך אברהם	
23) מילך דוד	
24) מאָנדרי משה	
25) ניימאַן אהרן	אברהם
26) ניימאַן מיעטשיסלאַוו	"
27) נעלקענבאַום באָריס	הערש
28) ראָזענבלאָט שמעון	מרדכי
29) ראָזענבלאָט טאַדעק	"
30) ראָטענבערג יעקב	יהודה
31) רובינשטיין	
32) רובאן יוסף	אהרן
33) שפּול יוסף	פּנחס
34) טארבינער מרים	מאָטל
35) ווילבאַום בראָניסלאַוואָ	אברהם
36) וויסמאַן חיים	שמואל
37) מעלמאַן לייבוש	משה

די געהיימע דרוקעריי אויף דער דלוגאַ־גאַס אין קראָקע

הערא:ש איז געווען דער קאַמף פון די יידישע מיידלעך און בחורים, אויף אַלע פראָנט־אָפּשניטן, קעגן די היטלעריסטישע באַצווינגער — אָבער מער זעלבסט־אָפּפערונג און געוואַגטקייט האָט זיך פאַרלאַנגט פון די אַלע, וועמען ס׳איז אויסגעקומען צו קעמפן אין רוקן פון שונא.

איינע פון זיי איז געווען די ניינצניעריקע צעשי לאַנדאַו־בודינסקאַ, פסעוודאָנים — „באַנדאַלאָווסקאַ".

צעשי האָט געשטאַמט פון אַן אָרעמער יידישער משפּחה. ביי איר טאַטן דעם גלעזער איז איר אויסגעקומען נישט איין מאָל נישט צו דערעסן צו דער זעט. פון דעם פאַרדינסט וואָס איר טאַטע פלעגט אַהיים ברענגען, האָט אַ סך מאָל נישט געסטאַיעט צו באַצאָלן דירה־געלט. זיי האָבן געוווינט אין די פאַרוואָרפנסטע געסלעך פון דער יידישער אָרעמקייט אין לעמבערג.

ווי אַ סך קינדער, אויסגעוואַקסענע אין אָרעמקייט — האָט אויך איר וועג געפירט צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

גלייך ביים אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אַנטפּלעקט זיך פאַר איר מיט דער גאַנצער אכזריות דער מהות פון די היטלערישע אויבער־מענטשן. אויף אירע אויגן ווערט דערמאָרדעט דורך די ברוינע קאַניבאַלן, איר טאַטע. דער שרעקלעכער מאָרד לייגט אַ חותם אויף דער לוסטיקער נאַטור פון דעם יונגען, צאַרטן מיידל. עס פאַרשווינדט איר וווילויונגעריש־קייט און הילכיק געלעכטער. צעשי ווערט ווי מיט איין מאָל ערנסט און מאָדנע פאַרטראַכט און אין האַרצן גיט זי זיך אַ שבועה צו נעמען נקמה אין די שולדיקע אין איר גרויסן אומגליק.

עס דערנענטערן זיך די טעג ווי די היטלעריסטן טרעטן צו צו דער טאָטאַלער ליקווידאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לעמבערג.

עס ווערט געשאַפן דאָס אַרבעטס־לאַגער אויף דעם יאַנאָווער, ווו עס געפינען זיך איבער פינף טויזנט יונגע, פעיקע מענטשן, וועלכע זענען פאַראורטיילט צו אַ סיסטעמאַטישער פאַרניכטונג.

צעשי לאַנדאַו באַשליסט נישט אויסצוגעבן זיך אַלס יידישקע. זי פאַר־שאַפט זיך אַ דאָקומענט אויפן נאָמען באַנדאַלאָווסקאַ, פאַרבט זיך ליכטיק

די האָר און מיט איר חנעוודיקן שמייכל און פּאַרריסענעם נעזל, הייבט זי אָן שפּילן די געפערלעכע ראָל פון אַן אַריערין.

דאָס האָט אָבער געדויערט נישט לאַנג. אין אַ שיינעם פרימאָרגן ווערט זי אויף דער גאַס דערקענט, פון אַן אוקראַאינישן פּאָליציאַנט. צעשי ווערט אַרעסטירט און געברענגט אין לאַגער אויפן יאַנאָווער.

צעשי טראָגט די געלע לאַטע. אָבער אויך דאָ העלפט איר צו איר אויסערלעך אויסזען. ...זי גייט דורך ממש אַ ראַסן־קאָמיסיע און עס געלונגט איר אַרויסצורייסן זיך פון די רוצחישע הענט. ...

דער באָדן אין לעמבערג איז שוין פאַר איר אַ צעגליטער. זי פאַרלאָזט איר היימשטאָט און לאָזט זיך אַוועק אויף מערב. דער וואַנדער־וועג ציט זיך איבער פאַרשידענע שטעטלעך און דערפער, ווו זי טאָגט, דאָרט טוט זי נישט נעכטיקן, און ווו זי נעכטיקט טוט זי נישט טאָגן. פון צייט צו צייט טוט זי ביי וועלכן פויער אַרויסהעלפן ביי דער ווירטשאַפט אין פעלד — צוזאַמען נעמען דאָס היי, אויסגראָבן קאַרטאָפל, קאָכן, וואַשן, אָדער באַ־שטעלט זיך אַלס געהילף־מיידל צו קינדער, ווייל אין דער ריכטונג האָט זי געוויסע קוואַליפיקאַציעס פון אַ דורכגעמאַכטן קורס פון פ.צ.ק. (פוילישער רויטער קרייץ). אויף אַזאַ מין אופן פאַרדינט זי עפּעס אויף אַ מינימאַלער אויסהאַלטונג, אַבי נאָר איבערצוקומען דעם טאָג.

אַזוי פליסט די צייט ביז אויגוסט 1942. צעשי קומט קיין קראָקע. דאָס לעבן דאָ אין דער גרויסער שטאָט, אין אַזאַ שווערער און ספּעציפישער צייט, איז באַזונדערס שווער פאַר אַ יידיש קינד מיט פאַלשע דאָקומענטן. איינמעלדן זיך איז געווען פון די שווערסטע זאַכן. כדי דאָס צו באַקומען דעצידירט זי אָנצונעמען אַן אַרבעט ביי אַ דייטשן גדול אַלס קעכין.

די אַרבעט איז נישט קיין לייכטע, איבערהויפּט ווען דער „איבערמענטש" דערפילט נאָך אַ פיזישע שוואַכקייט צו דעם מיידל פון דער נישט „אַרישער" ראַסע. פאַר דעם קעגנשטעלן זיך דעם ווילן פון איר הערשער באַצאָלט זי מיט נישט ווייניק שמיץ, פאַר דעם מינדעסטן חטא ביי דער אַרבעט. זי פאַרקריצט די ציין און וואַרט ביז צו דער איינמעלדונג און אויף דער אַזוי גערופענער „קענקאַרטע", אויף דעם שוין באַקאַנטן נאָמען באַנדאַלאָווסקאַ...

דאָס לעבן, ווייזט אויס, געהערט צו די געוואַגטע און צעשי באַנדאַ־לאָווסקאַ אַנטלויפט פון דעם דייטש... אין דעם הויז אויף שטשעלעצקאַ־גאַס נומער 15, ביי דער באָבע מאַריאַ געפינט זי איר צווייטע היים. דאָ ביי דער נאָבעלער פוילישער פרוי, מאַריאַ בודינסקאַ באַגעגנט זיך צעשי

צעשי לאַנדאַו פסעוו. „באַנדאַלאָווסקאַ"

מיט דער באַקאַנטער פּאַרטיזאַנערין, סאַבינע גאָלדשלאַק, פּסעוודאָנים יאַדוויגא לודווינסקאַ, „העלענאַ".

די פּאַראַשוטיסטן סאַבינע גאָלדשלאַק, איז אַ טאָכטער פון אַ יידישן פויער פון שאַניעץ — אַ גרויס דאָרף נישט ווייט פון פּינטשעוו. נאָך דעם אויסברוך פון דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה, קומט זי קיין ראַטנפאַרבאַנד. סאַבינע אַרבעט אין אַ קאָלכאָז אַלס געוויינלעכע פעלד־אַרבעטערין.

אין דער פּוילישער איניציאַטיוו־גרופּע אין ראַטנפאַרבאַנד, וועלכע איז געווען באַרופן צו אָרגאַניזירן קאַדרען פון אַגיטאַטאָרן, סאַבאָטאַזש און דיווערסיע גרופּעס, אויסשפּירער און אַנדערע ספּעציאַליסטן, וועלכע זאָלן שפּעטער אַראָפּגעוואָרפן ווערן אויף די באַזעצטע געביטן און דאָרט אַריינציען וואָס מער מענטשן אין דער דאָזיקער אַרבעט — זענען געווען די צוויי אויסגעפּרוּווטע רעוואָלוציאָנערן — פּאַוועל פינדער און מאַרצעלי נאָוואָטקאָ, וועלכע האָבן געקאָנט סאַבינען פּערזענלעך נאָך פון איר פּאָליטישער טעטיקייט אין פּוילן.

נישט ווייט פון מאָסקווע, אין דעם קליינעם ישוב פּושקינאָ האָט זיך געפינען די שולע. סאַבינע גאָלדשלאַק באַקומט אַ באַפעל דאָרט זיך צו שטעלן אַלס שילערין.

אין דער נאַכט פון 19 אויפן 20 מאַי 1942, זענען מיט פאַל־שירעמס געשפּרונגען אַכט פּערזאָן אויף דעם פּוילישן אָקופּירטן געביט, צווישן זיי — סאַבינע גאָלדשלאַק, אַלס יאַדוויגאַ לודווינסקאַ פּסעוודאָנים „העלענאַ". איר קאַמפּס־טעטיקייט איז געווען באַשטימט אין דרומדיקן געביט פון פּוילן.

צעשי באַקענט זיך אויך מיט אַ צווייטער יידישער קעמפּערין פון דער אונטערערדישער באַוועגונג, וועלכע מען האָט גערופן „סטאַסיאַ ווילק" — און זי שליסט זיך אָן אין זייערע רייען.

דאָס הויז אויף דער סטשעלעצקאַ־גאַס ווערט ממש אַ מקום־מקלט פון געפּלאָגטע מענטשן און דער צענטער פון קאָנספּיראַטיווער אַרבעט.

עס הייבט זיך איצט אָן אַ נייע ערע אין לעבן פון דעם יונגן אָבער שוין רייפן אין דערפאַרונגען מיידל...

אַ סך ווירקט אויך דאָ דער זון פון דער אַזוי גערופענער באָבע מאַריאַ־וולאַדיסלאַוו בודינסקי פּסעוודאָנים „גראַניט", אַ לערער פון פאַך, וועלכן דאָס חנעוודיקע מיידל איז שטאַרק צוגעפאַלן צום האַרצן...

ס׳האָט טאַקע נישט לאַנג געדויערט און צעשי ווערט זיין געזעצלעכע פרוי.

װלאַדיסלאַװ בודינסקי איז שוין דעמאָלט געװען אַן אַלטער קאָנספּי־ראַטיװער טוער. זיין שטעלע אַלס טראַנספּאָרט־לייטער, ביי דער דייטשער פירמע קראַוס־עט קאָמפּאַניע װערט דורך אים אויסגענוצט צום איבערפירן ליטעראַטור, װי אויך צו באַקומען בלאַנקעטן, װעלכע װערן אויסגעשטעלט פאַר די מענטשן, װעלכע גייען דורך די „פּשעיאַזדװוקע" ביי זיין מאַמען און װערן שפּעטער אַריבערגעפירט צו דער פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג אויפן נאָמען „באַרטאָש גלאָװאַצקי", אונטער דער אָנפירונג פון דעם פּוילישן בחור טאַדעוש גראַבאַל, פּסעװדאָנים „ביאַלי".

אויף די פראָנטן גייען אָן שװערע קאַמפן. די ידיעות זענען נישט קיין פריילעכע. די היטלעריסטן װאַרפן אויף אַלע אָפּשניטן אַלץ פרישע כוחות. זיי זענען דערמיט געצװוּנגען אַרויסצופירן אַרבעטס־כוחות פון די באַזעצטע געביטן, כדי צו פאַרטרעטן אין רייך זייערע מענער, מאָביליזירטע צו דער אַרמיי.

אומפּאַרהאָפּט װערן אַרומגערינגלט די גאַסן און דורכגעפירט אַזוי־גערופענע „לאַפּאַנקעס". יונגע בחורים און מיידלעך װערן געפאַנגען, פאַרלאָדן, אין די, צו דעם צװעק צוגעגרייטע װאַגאָנען, און אַרויסגעפירט קיין דייטשלאַנד אויף צװאַנגס־אַרבעט. אַזוי אַרום װערן ממש פאַרשװוּנדן מענטשן און די משפּחה װייסט אפילו נישט װוּ זיי זענען אַהינגעקומען.

יעדע אַזאַ „לאַפּאַנקע" האָט אַ נעגאַטיװע װירקונג אויף דער באַפעלקע־רונג אין באַצוג צום אָקופּאַנט. עס שאַפט זיך אַ נאָך מער געדריקטע שטימונג הויפּטזעכלעך ביי דער יוגנט. אַ גרויסער טייל אַנטלויפט צו די פּאַרטיזאַנער, אָדער שליסט זיך אָן אין דער קאָנספּיראַטיװער אַרבעט.

ביי דער באַבע מאַריאַ אויף דער שטשעלעצקאַ־גאַס װערט מיט יעדן טאָג „היימלעכער"... צוליב דער גרויסער צאָל מענטשן, װעלכע שיבן זיך איצט דורך אין דער „פּשעיאַזדװוקע" װערט די װוינונג אַלץ מער אויפ־פאַלנדיק. צעשי איצט שוין בודינסקאַ מיט איר מאַן װלאַדיסלאַװ זענען געצװוּנגען אַריבערצוגיין אויף אַן אַנדער װוינונג, װעלכע געפינט זיך אויף דער דלוגאַ־גאַס נר' 7.

צעשין האָט דאָס לעבן נישט געבאַלעװעט. זי קריגט שלעק, זי גיט אָבער צוריק. װי עס װייזט זיך אַרויס האָט זי געהאַלטן פון דעם אַלטן זעלנערישן כלל: „פאַר דעם דרייסטן האָט מורא די קויל"... און טאַקע ביי זיך אין שטוב אויף דער דלוגאַ־גאַס, ריכטעט זי איין די קרייז־טעכניק פון קראָקע, פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי (פּ.פּ.ר.).

צוזאַמען מיט דער פּאַראַשוטיסטין יאַדװיגאַ לודװינסקאַ — סאַבינע

גאָלדשלאַק פּסעוודאָנים — „העלענאַ" און העלענאַ פּאַיאַנק פּסעוודאָנים — „באַשקאַ" הייבן זיי אָן דרוקן פֿאַרשידענע אויפֿרופֿן און שפּעטער אויך דעם פּאַרטיי־אָרגאַן פֿון קרייז־קאָמיטעט אין קראָקע — „טריבונאַ לודאָוואַ".

ס'איז ווערט צו דערמאָנען, אַז די גרויסע, שווערע און פֿאַראַנטוואָרט־לעכע אַרבעט ווערט אויסגעפֿירט מיט דער הילף פֿון אַ געוויינלעכער שרייב־מאַשין און העקטאָגראַף.

די ליטעראַטור ווערט פֿאַרשפּרייט אין דער גאַנצער געגנט פֿון קראָקע, ריישע, מיעכוּוו, יאַשיעלסק און אַנדערע אָרטשאַפֿטן. איינע פֿון די קאָלפּאָר־טערין איז די באַקאַנטע שוין יידישע טאָכטער, וועלכע מ'האָט גערופֿן „סטאַסיאַ ווילק".

די אַרבעט גייט אָן מיט דער גאַנצער פּאַרע, שוין עטלעכע חדשים. די געגנט איז פֿאַרשיט מיט פֿלוגבלעטלעך, אויפֿרופֿן, וועלכע וועקן צום קאַמף מיט די נאַצישע הערשער. היטלעריסטישע שפּיצלען און געהיימ־אַגענטן נישטערן אין אַלע ווינקעלעך און מיט אַלע מיטלען אַבי נאָר אויפֿצודעקן די געהיימע דרוקעריי — אָבער אָן דערפֿאָלג.

אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן קומט אָן אַ טרויעריקע ידיעה — „סטאַסיאַ ווילק" לעבט נישט מער... „סטאַסיאַ" איז געווען אַ שלאַנק, בלאָנד מיידל, פֿון אַ יאָר פֿינף און צוואַנציק. זי איז לחלוטין נישט געווען ענדלעך צו קיין יידישקע. זי איז געווען איינע פֿון די געוואַגטסטע קאָלפּאָרטערינס און געשיקטסטע פֿאַרבינדלערינס. „סטאַסיאַ ווילק" איז געווען איר פּסעוודאָנים, דעם אמתן נאָמען האָט זי מיטגענומען מיט זיך אין קבר...

געפֿינענדיק זיך אויפֿן כאַרטניצער באַנהויף, מיט אַ פּאַק ליטעראַטור, ווערט „סטאַסיאַ" דערקענט דורך אַ געהיים אַגענט און אַרעסטירט. אָפּגעבנדיק זיך אַ דין־וחשבון, וואָס זי קאָן פֿון די מערדער דערוואַרטן, באַשליסט זי גלייך אויפֿן באַנהויף אַ סוף צו מאַכן צו איר לעבן און שלינגט אַראָפּ אַ צוגעגרייטע — אויף אַזאַ פֿאַל — דאָזע ציאַנקאַלי...

די געסטאַפּאָ קאָן זיך נישט פֿאַרגעבן דעם פֿאַקט, וואָס ס'איז זיי נישט געלונגען צו נעמען „סטאַסיען" לעבעדיקערהייט און פֿון איר אויסצופּרעסן דאָס אָרט פֿון דער געהיימער דרוקעריי... זיי זענען אָבער אין באַזיץ פֿון אירע דאָקומענטן, פֿון וועלכע איינער איז אויסגעשטעלט אויף אַ בלאַנקעט פֿון דער פֿירמע אין וועלכער ס'איז באַשעפֿטיקט צעשי בודינסקיס מאַן — וולאַדעק. דערצו נאָך די איינמעלדונג, וועלכע פֿירט צו דער וווינונג פֿון זיין מאַמע...

זיי ווערן אַרעסטירט... וואָלט זיך געדאַכט, אַז אַלץ איז שוין פֿאַרלוירן,



Polska Zjednoczona Partia Robotnicza

Komitet Centralny

Tel. 21-44

Zakład Historii Partii Warszawa, dnia 6 lipca 196 5.

L. dz. 81/412/65

Zaświadczenie

Zakład Historii Partii przy KC PZPR na podstawie posiadanych materiałów zaświadcza, że tow. Władysław Budyński od czerwca 1943 r. był członkiem PPR. Za działalność konspiracyjną w szeregach PPR został w dniu 15 czerwca 1944 r. aresztowany przez gestapo i zesłany do obozu koncentracyjnego w Gross-Rosen, a następnie w Mauthausen i Dachau. Członkiem PPR była też jego żona Czesława z d. Bandałowska, również aresztowana przez gestapo w dniu 15 czerwca 1944 r. i zesłana do obozu w Ravensbrück. Obecnie rencistka z tyt. szczególnych zasług dla PRL, odznaczona Krzyżem Kawalerskim Orderu Odrodzenia Polski.

W mieszkaniu ttow. Władysława i Czesławy Budyńskich przy ul. Długiej 7 w Krakowie przez okres kilku miesięcy /w r. 1943/ mieściła się technika obwodu krakowskiego PPR. Drukowano tam ulotki, odezwy, a także "Trybunę Ludową" organ Komitetu Obwodowego PPR w Krakowie.

Za Dyrekcję

Zakładu Historii Partii przy KC PZPR

די באַשטעטיקונג פון צענטראַל קאָמיטעט פּ.ז.פּ. ר. וועגן דער געהיימער טעטיקייט פון צעשין און איר מאַן וולאדיסלאַוו בודינסקי

אָבער נישט ביי צעשין. זי גיט זיך אַן עצה אויך ווען דער שליף איז שוין אויפן האַלדז. זי געפינט אַן אליבי און אויך דאָס מאָל געלונגט איר זיך אַרויסצודרייען פון די מערדערישע הענט און אויך ראַטעווען איר מאַן...

ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן איז דאָס נאָר געווען אַ פּאַרטל פון דער געסטאַפּאָ, דערמיט צו קאָנען זיי אָפּסערווירן און אויפדעקן די קאָנטאַקטן, וועלכע זאָלן דערפירן צו דער געהיימער דרוקעריי...

די דרוקעריי געפינט זיך שוין אויף אַ צווייט אָרט און הייבט אָן אַרבעטן מיט נאָך אַ גרעסערן פאַרנעם. ס'ווערט אָרגאַניזירט די רעדאַקציע פון דער צייטשריפט „יעדנאָשטש כלאָפּסקאָ־ראָבאָטניטשאָ", דער קרייז פון פּ.פּ.ר. „נאָפּטאָ" גיט אַרויס די „טריבונאַ פּאַדקאַרפּאַצקאָ". אירע רעדאַקטאָרן זענען סאַבינע גאָלדשלאַק — לודווינסקא און פּאַוועל קאַרפּ.

אויך צעשי און וולאַדעק בודינסקי זענען געצוווּנגען צו טוישן די וווינונג זיי ציען זיך אַריבער אויף דער סאַלוואַטארסקאַ־גאַס. זיי האָבן אָבער נישט לאַנג אויסגעוואַרעמט דאָס נייע ווינאַרט...

אין מיטן נאַכט פון 15 יוני 1944, ווערט דאָס הויז אויף דער סאַלוואַ־טארסקאַ־גאַס ארומגערינגלט מיט פּאָליציי און געסטאַפּאָ. עס דערהערט זיך אַ גוואַלדיק קלאַפּן אין דער טיר און נאָך איידער זיי עפענען, איז די טיר שוין אויפגעבראָכן...

מיט אַ ווילדער רציחה און געשרייען, דרינגען אַריין עטלעכע געס־טאַפּאָ־לייט. זיי קערן איבער די גאַנצע וווינונג מיטן קאָפּ אַראָפּ. מען נישטערט אין אַלע ווינקעלעך. צעשי בודינסקי און איר מאַן וולאַדעק ווערן צום צווייטן מאָל אַרעסטירט. אין נאַכט וועש ווערן זיי אַוועקגעפירט אין געסטאַפּאָ, אויף דער פּאָמאָרסקאַ־גאַס...

מיט ראַפינירטע געסטאַפּאָ־מעטאָדן, דויערט די אויספאָרשונג אומ־אונטערבראָכן דריי טעג. צעשי מיט וולאַדעקן זענען דעצידירט אויף אַלעמען... זיי ברעכן זיך נישט צוזאַמען, גיבן אויך קיינעם נישט אויס...

אויף אַ חודש צייט ווערן זיי נאָך איבערגעפירט אין דער תפיסה אויף מאָנטעלופּע. שפּעטער ווערט צעשי אַרויסגעשיקט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער ראַווענס־בריק — און איר מאַן וולאַדעק קיין גראָס־ראָזען...

ביידע האָבן דערלעבט די מפּלה פון די היטלעריסטן און נאָך דער מלחמה זיך צוריקגעקערט קיין פּוילן...

דער פּאַראַשוטיסט יעקב באַנק — סעוודאַנים „מאַזור"

אין די הונדערטער יידישע בחורים און מיידלעך זענען צוגעשטעלט געוואָרן צו די העכסטע מלוכה־אויסצייכענונגען, פאַר זייער גבֿוראָגטקייט, מוט, פאַר זייער העלדישער האַלטונג אין קאַמף קעגן די נאַציס, אויף די שלאַכט־פעלדער פון רוסלאַנד, פּוילן, יוגאָסלאַוויע, ווי אויך אין די וועלדער אין פּאַרטיזאַנישע רייען. די קאָמאַנדירן פלעגן שטאָלצירן מיט אַזעלכע קעמפער — פּאַרטיזאַנער און זיי ברענגען ווי אַ ביישפיל פאַר אַנדערע. צום ביטערן באַדויערן זענען זייער ווייניק פון זיי געבליבן צווישן די לעבע־דיקע. מיט זייערע קברים זענען פאַרזייעט די וועלדער און פעלדער פון רוסלאַנד, פּוילן, אוקראַינע, יוגאָסלאַוויע; אָדער געפלאַסטערט דער וועג, מיט זייערע יונגע קערפּערס און דורכגעזאַפּט די סטעזשקעס מיט זייער וואַרעמען בלוט, וואָס האָט געפלאָסן פון זייערע וווּנדן, באַקומענע אין קאַמף, לענגאויס דעם שליאַך צו דער מערדער־הייל בערלין. איינער פון זיי איז דער פּאַראַשוטיסט יעקב באַנק פּסעוודאַנים — „מאַזור"...

יעקב באַנק אָדער יאַנקעלע ווי מען האָט אים ליבלעך גערופן אין די אַרבעטער־קרייזן, האָט געשטאַמט פון דער ווילנער יידישער אָרעמקייט. אַלס לערן־יינגל ביי אַ קאָמאַשן־שטעפּער האָט ער זייער פרי דערפילט דעם יאָך פון אַ געזעלשאַפט אַ צעטיילטער אויף קלאַסן, די לאַסט פון עקספּלואַטאַציע. אַנגעשלאָסן אין דער יוגנט־סעקציע ביים לעדער־פאַראיין, געפינט ער זייער שנעל דעם וועג צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

מיט יוגנטלכן ברען וואַרפט זיך, יאַנקעלע אין די פאָדערשטע רייען פון קאַמף, פאַר אַ גערעכטן, פאַר אַ יושרדיקן מאָרגן. ער איז דרייסט און אומדערשראָקן. מיט זיינע ברייטע פּלייצעס טוט ער נישט איין מאָל פאַרשטעלן אַ חבר פאַר פּאָליציייִשע־שטעקענס, בעת אַ שטרייק אָדער דעמאָנסטראַציע.

אַלס 17 יעריק יינגל טרעט ער אַריין אין קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד. אין אַ קורצער צייט טרעפן מיר אים שוין אין דער פאַרוואַלטונג פונעם פאַראיין פון די לעדער־אַרבעטער. יעקב באַנק פירט אָן מיט אָרגאַ־ניזירטע דורכן פאַראיין שטרייקן פאַר לוין־הוספות. בעת די שטרייקן איז נישט איין מאָל אויסגעקומען צו קעמפן מיט פאַרעטער, שטרייקברעכער

און אפילו מיט דער פּאָליציי, וואָס האָט זיך ווי געווייגלעך פאַרענדיקט אין תפיסה.

יאַנקעלע וויל זיין אַ ווירדיקער נאָכפאָלגער אין קאַמף פאַר דער אַרבעטער־זאַך, ווי זיינע צוויי באַרופס־חברים — הירש לעקערט און נפתלי באָטווין...

עס איז דאָס יאָר 1928. אין ווילנע ברעכט אויס אַ שטרייק, וועלכער נעמט אַרום צוויי טויזנט אַרבעטער פון דער לעדער־בראַנזשע. עס שליסן זיך אויך אָן אַלע כאַלופניקעס, שטעפּערס, עס סאָלידאַריזירן זיך מיט זיי די אָנגעשטעלטע פון די שיכוואַרג־קראָמען און מאַגאַזינען. דער שטרייק דויערט גאַנצע זעקס וואָכן. דער ווילנער אַרבעטער־קלאַס דערטיילט אַ גרויסע מאַטעריעלע הילף זייערע שטרייקנדיקע חברים. עס קומט אויך צו צוזאַמענשטויסן מיט אונטערגעקויפטע לומפּן־פּראָלעטאַריער און שטרייק־ברעכער. עס באַגייט זיך אויך נישט אָן דער אַריינמישונג פון דער פּאָליציי, וועלכע נישטערט גלייך אַ פּאָליטישע אונטערלאַגע אין די שטרייקן. עס קומען פאַר מאַסן־אַרעסטן. צענדליקער אַרבעטער פאַרשפּאַרט אין תפיסה, צווישן זיי אויך יעקב באָנק, וועלכער נעמט זייער אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער ריזיקער אַקציע.

אין דער זעלבער צייט קומט אויך צו אַ שטרייק פון די לעדער־אַרבעטער אין וואַרשע, אָנגעפירט פון די זעלבע לינקע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען.

די פּראָטעסטן, דעמאָנסטראַציעס און לוין־שטרייקן טרעפן אויף אַ זייער גינסטיקן באָדן, הויפּטזעכלעך ביי די יידישע האַרעפּאַשניקעס, וועלכע זענען דאָפּלט געקריוודעט אין דעם סאַנאַציע־פּוילן

דאָס פּוילישע פאָלק, וואָס האָט איר אומאָפּהענגיקייט דעראָבערט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און זיך אויסגעפּאַרעמט אַלס אַ נאַציאָנאַלע בורזשואַזע מלוכה, האָט נישט אָפּגעשאַפט די פּאָליטיק פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג און דיסקרימינאַציע לגבי די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין לאַנד; די פּאָליטיק האָט זי איבערגענומען פון די צאַרישע הערשער, באַמיִענדיק זיך צו פאַרסמען די צוריקגעשטאַנענע שיכטן פונעם פּוילישן פאָלק מיט דעם גיפט פון אַנטיסעמיטיזם. פון יעדער אונטערנעמונג וואָס איז איבערנומען געוואָרן דורך דער מלוכה, זענען תיכף באַזייטיקט געוואָרן די יידישע אַרבעטער. אַזוי למשל איז געשען אין דער טאַבאַק, ספּירט און שוועבעלעך־אינדוסטריע, די יידישע אַרבעטער זענען תיכף רעדוצירט געוואָרן, ווי נאָר די דאָזיקע אינדוסטריע־צווייגן זענען אַרונטערגעפאַלן אונטערן מלוכהשן מאָנאָפּאָל.

די נאַציאָנאַלע מינדערהייט אין דעם פאַרמלחמהדיקן פּוילן, וואָס האָט געבילדעט 10 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג און אין די שטעט 30 פּראָצענט, האָט אַ דאַנק דער אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק פון די הערשנ־דיקע קרייזן נאָך מער פאַרגרעסערט די אַרבעטסלאָזיקייט און די נויט פון די אָרעמע שיכטן. דאָס איז טאַקע געווען איינע פון די וויכטיקסטע סיבות, וואָס האָט געשטויסן גרויסע טיילן פון דער יידישער יוגנט אין די אָרעמס פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וועלכע האָט געזען אין דעם אויפ־גייענדיקן שטערן פון דער „אָקטאָבער־רעוואָלוציע״ זייער דערלייזונג...

די יידישע ברייטע מאַסן האָבן שטאַרק אָפּגעפילט דעם אונטערשייד צווישן זיך און פּאָליאַקן. אָבער אין דער זאַך פון עקספּלואַטאַציע איז קיין חילוק צווישן זיי נישט געווען. הגם, זי האָט דאָך פאַרמאָגט עפּעס אַ ספּע־ציפישן טעם, וואָס איז אפשר אַ פּועל־יוצא פון דער יידישער איזאָלירטקייט. ס'איז דאָך אַ טרויעריקער פאַקט, אַז קיין שום פּויליש־בורזשואַזע, אָדער קליינבירגערלעכע פּאַרטיי האָט זיך קיין מאָל נישט אָפּגעגרענעצט פון אַנטיסעמיטיזם. אַפילו די שוין רעוואָלוציאָנערע פּ.פּ.ס. האָט זיך נישט געוואָגט צו קעמפן קעגן דעםווילדן אַנטיסעמיטיזם און נישט איין מאָל ממש קאַפּיטולירט, לגבי די אַנטיסעמיטישע שטימונגען אין זייערע רייען.

עס איז דעריבער קיין וווּנדער, אַז דאָס האָט שטאַרק זיך אָפּגעפילט און געשטויסן אויך אַ גרויסן טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ, צו דער, ווי זיי האָבן גערופן „זשידאָ־קאָמונאַ״ און טאַקע די ברייט צעפלאַקערטע שטרייקן איבער דעם גאַנצן לאַנד, זענען געווען גלייכצייטיק אַ קאַמף פאַר בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען, ווי אַ העכערונג פונעם לוין, אַ קאַמף פאַר אַן אַכטשעהדיקן אַרבעטס־טאָג, פאַרזיכערונגען ביי דער אַרבעט און גלייכצייטיק אַ פּראָטעסט קעגן דער הערשנדיקער אָרדנונג.

די אַרעסטן און פּאָליציייִשע קאָלבעס און גומי־שטעקנס האָבן קיינעם נישט אָפּגעשראָקן. אויך יעקב באַנק, ווי אַ סך אַנדערע האָבן זיך נישט איינגעבראָכן, פאַרקערט, נאָכן אַרויסגיין פון תפיסה האָט עס אין אים זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט זיין איבעצייגונג, אַז ער קעמפט פאַר אַ גערעכטער זאַך און מיט נאָך אַ גרעסערן ברען אַריינגעוואָרפן אין דער אונטערערדי־שער אַרבעט.

אין יאָר 1932 טרעפן מיר שוין יאַנקלען אין דער צענטראַלע פון דער פּראָפּעסיאָנעלער אָפּטיילונג. ער פאָרט אין דער פּראָווינץ אונטער דעם נאָמען „מאָזור״, ער איז אויך טעטיק אין ביאַליסטאָק, פירט אָן מיטן

שטרייק אין היינוווקער טאַרטאַק, ווען עס איז דערמאָרדעט געוואָרן אַן אַרבעטער דורך דער סאַנאַציע־פּאָליציי.

נאָך דעם טעקסטיל־שטרייק פון די ביאַליסטאָקער אַרבעטער אין יאָר 1936 און נאָך זיין צוגרייטן דעם גרויסן אַלגעמיינעם שטרייק אין יאָר 1937, ווערט יעקב באַנק ווידער אַרעסטירט און בלייבט שוין אין געפענגעניש ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

דער איבערפאַל פון היטלער־דייטשלאַנד אויף פּוילן האָט אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע געגעבן אַ האָפנונג, צו קאָנען קעמפן מיט געווער אין האַנט קעגן זייער גרעסטן שונא, דעם דייטשן פאַשיזם. ווי עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, האָט די פּוילישע פּאָליציי געוואָלט אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע איבערגעבן אין די הענט פון די היטלעריסטן און אויף איין מאָל פון זיי פּטור ווערן.

עס איז פרייטיק דער ערשטער סעפּטעמבער. מען הערט אָפּהילכן פון שיסעריי. אַנשטאָט די טורמע־וועכטער האָבן זיך באַוויזן ציווילע מענער מיט ווייסע אָרעמבענדער... די טירן זענען אַלע פאַרשלאָסן. עס קומט אַ באַפעל פון דער תפיסה־קאָמונע אַליין זיך צו באַפרייען. מיט וואָס מען האָט נאָר געקאָנט האָט מען גענומען אויפברעכן די טירן און קראַטעס...

די ערשטע טריט מאַכן זיי צו אַ מיליטערישער איינהייט, מיטן ציל צו באַקומען געווער און קאָנען אַנטייל נעמען אין קאַמף קעגן דייטשן אָקופּאַנט. צום באַדויערן זענען זייערע באַמיאונגען געבליבן אָן רעזולטאַטן. איבעראַל האָט געהערשט אַ נישט באַשרייבלעכער כאַאָס.

אַ גרויסער טייל פון די געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטירטע לאָזן זיך אויף מזרח. יעקב באַנק מיט אַ גרופּע חברים קומען אָן קיין ביאַליסטאָק...

איצט האָט זיך געשטעלט די פראַגע: וואָס ווייטער ?... אייניקע זענען געווען ביי דער מיינונג צו בלייבן אין לאַנד און צוטרעטן צו אַן אונטער־ערדישער טעטיקייט. האָט אָבער נישט עקזיסטירט די פּאַרטיי, וועלכע וואָלט געקאָנט מאָביליזירן צום קאַמף, צווייטנס זענען אַלע געווען גוט באַקאַנט דער פּאָליציי, וועלכע וואָלט זיי פריִער אָדער שפּעטער אויסגע־ליפערט אין די הענט פון די נאַציס. די דעפי איז באַשטימט נישט געווען פאַראינטערעסירט צו פאַרניכטן זייערע אַקטן, איצט קאָן די געסטאַפּאָ מיט זיי זיך באַנוצן... עס בלייבט איין אויסוועג: זיך דערשלאָגן קיין סאָוויעט־רוסלאַנד.

עס איז זונטיק דער 22 יוני 1941. היטלער ברעכט דעם פריינדשאַפטס־אָפּמאַך מיט סטאַלינען. די ברוינע האָרדעס איבערפאַלן דעם ראַטנפאַרבאַנד.

אין געציילטע וואָכן געפינען זיך שוין די דייטשע חילות טיף אין סאָוויעטישן לאַנד. די שלאַכטן זענען פאַרביסענע פון ביידע זייטן. דער סאָוועטישער זעלנער קעמפט העלדיש. טראָץ אַלעם מוז די רויטע אַרמיי זיך צוריקציִען און איבערלאָזן דעם שונא אַלץ נייע שטעט און דערפער. דאָס לאַנד גייט אָפּ אין בלוט. ביי אַ סך אָפּטיילונגען פעלט שוין אַמוניציע, באַנדאַזשן און איבערהויפּט, סטראַטעגן און הויכע מיליטערישע פירער, וועלכע סטאַלין האָט פאַרשיקט אין לאַגערן אָדער צום טויט.

עס הייבט זיך אָן אַן עוואַקואַציע פון דער ציווילער באַפעלקערונג אַלץ ווייטער אויף מזרח, און גאָר באַזונדערס אַנטלויפט אין גרויסער בהלה די יידישע באַפעלקערונג. יעקב באַנק מיט זיין פרוי און צוויי קליינע קינדער קומען קיין נאָוואָסיבירסק.

דער אַלטער אויסגעפּרוּווטער קעמפער קאָן נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, און זיך גלייכגילטיק צוקוקן, צו דעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט געטראָפן דאָס לאַנד פון זיינע טרוימען. יעקב באַנק לאָזט איבער זיין משפּחה און מעלדעט זיך צו אַ מיליטערישער איינהייט, און ווערט מיט אַ פאַלשירעם אַראָפּגעוואָרפן אויף דעם באַזעצטן פּוילישן געביט, מיטן ציל צו אָרגאַניזירן אַ דיווערסיע־גרופּע.

עטלעכע מאָל ווערט יעקב אַריבערגעוואָרפן איבער דער פראָנט־ליניע, אויסצופירן פאַרשידענע אויפגאַבן און קומט בשלום צוריק...

דאָס איז געווען אין דעצעמבער 1943, ביי וואָלקאָוויסק, יעקב באַנק פּסעוודאָנים „מאַזור" קערט זיך צוריק פון אַן אויסגעפירטער קאַמפּס־אויפגאַבע, ער ווערט אַרומגערינגלט פון אַ גרופּע פאַשיסטן. זיי פאָדערן אים אויף זיך אונטערצוגעבן אָבער יעקב באַשליסט טייער צו פאַרקויפן זיין לעבן. ער פאַרטיידיקט זיך העלדיש און די לעצטע קויל צילט ער אין זיין אייגענעם קאָפּ...

דאָס איז נישט געווען קיין חלום

דערציילט פון דעם פּאַראַשוטיסט — קאַפּיטאַן חיים קרישער פסעוודאָנים עוגעניוש

דריי זענען זיי געווען — דריי יידישע בחורים פון דעם קליינעם מערב־גאַליציישן שטעטל וואַדאָוויץ, קרייז קראָקע — גרובנער בערל, חיים קרישער און זיין צווילינג־ברודער אברהם, וועמען דער גורל האָט פאַריאָגט אין ווייטן ווייסרוסישן לאַנד, צום דאָרף לעבינא, מאָגילעווער קרייז, אָנטייל צו נעמען אין דער היסטאָרישער שלאַכט, פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, קעגן די ברוינע קאַניבאַלן.

דאָס איז געווען דעם 12 אָקטאָבער 1943, ווי די דריי יידן זענען געשטאַנען אויף לעבן און טויט — אַלס אַרטעלעריסטן פון דער ערשטער דיוויזיע אויף דעם נאָמען פון טאַדעאוש קאָשטשושקאָ, אונטער דער אָנפירונג פון דעם פוילישן גענעראַל — זיגמונט בערלינג, קעגן דעם בלוטיקן שונא פון זייער פאָלק, דעם דייטשן פאַשיזם.

חיים האָט זייער לאַנג געטרוימט פון אַזאַ טאָג, צו שטיין לעבן אַ האַרמאַט און אַרויסצושיקן פייערדיקע מלאכים צו די דייטשע מערדער, זיי אויסצומישן מיט דער צעגליטער ערד און זיי פאַרניכטן — אַזוי ווי זיי האָבן געטאָן מיט זיין אָרעם שטעטל, מיט זיין משפּחה, מיט אַלע וואַדאָוויצער יידן.

ס׳איז געווען אַ וואַרעמער האַרבסטיקער טאָג ווי נישט שטענדיק אין דער צייט. ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט ווי די זון האָט זיך געוואָלט ביי זיי באַדאַנקען, פאַר די גרויסע קרבנות, וואָס זיי האָבן געגעבן אין דער דאָזיקער שלאַכט, צו העלפן באַפרייען די ווייסרוסישע ערד פון די נעגל, פון אכזריותדיקע האָרדעס.

דער קאַמף איז אָנגעגאַנגען מיט אַ גוואַלדיקער קראַפט און פאַרביסנקייט, פון ביידע זייטן. טראָץ אַלעם געלונגט דער דעוויזיע צו פאַרסירן דעם טייך מיערעיאַ, נעמען דאָס דאָרף פּאָלזוכי און קומען ביז צו דער אָרטשאַפט טריגובאָווע.

דריי יידן באַדינען דעם האַרמאַט, ממש אַ וווּנד־פּונקט אין דער גע־

די לעגיטימאַציע פון חיים קרישער אַלס ראַדיאָ טעלעגראַפיסט

שיכטע פון דער דעמאָלטדיקער צייט — די גאַנצע באַזעצונג אַ יידישע... אַ וואָרעם ווינטל גלעט זייערע געזיכטער, שוואַרצע פון רויך און פון שטויב. עס פלאַקערט דאָס פייער איבער די קעפּ און עס רעגנט מיט בליי — אָבער דער אָנגריף גייט ווייטער און ווייטער פאָרויס.

— פייער! פייער! — באַפעלט חיים — און בערל גרובנער לאָזט אָפּ דעם פאַרשלוס. אַ בליץ און אַ דונער, באַגלייט מיט אַ וואָלקנדל, וואָס האָט גענומען זיך קנוילן אין דער לופטן — און אברהם פאַרלירט נישט קיין צייט און דערלאַנגט גלייך דעם צווייטן סנאַריאַד.

די פאַרלוסטן פון דער פּוילישער דעוויזיע זענען געווען גוואַלדיקע. אין די ערשטע צוויי טעג זענען געפאַלן 502 זעלנער, 1776 זענען געוואָרן פאַרוווּנדעט און 663 פאַרלוירענע. אויך די דייטשן האָבן ביטער אָפּגע־שניטן, פון זייער זייט האָט מען געציילט בערך 1500 טויטע און 329 גע־פאַנגענע.

די זון האָט זיך גענומען זעצן, פאַרשטעלט דורך צעריסענע שטיקער וואָלקנס, וואָס האָבן געוואַנדערט איבערן הימל — עס איז געוואָרן פינצטער...

אין מיטן דער נאַכט פון 13־טן אויף דעם 14־טן אָקטאָבער איז די דיוויזיע צוריקגעצויגן געוואָרן פון דער פראָנט־ליניע.

דאָס איז געווען די ערשטע פייער־פּראָבע פון חיים קרישער, אין די רייען פון דער ערשטער דיוויזיע א. נ. „טאַדעוש קאָשטשושקאָ".

✡

עס איז ווערט אונטערצושטרייכן, אַז אין היסטאָרישן קאַמף ביי לענינאָ איז געווען זייער אַ גרויסע צאָל יידישע זעלנער, אונטעראָפיצירן און אָפיצירן. וועגן זייער העלדישקייט באַווייזט דער פאַקט, וואָס די אָנפירערין פון ז. פּ. פּ. (פאַרבאַנד פון פוילישע פּאַטריאָטן) די באַרימטע פוילישע שרייבערין וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ, האָט אין אָרגאַן פון „פריי פוילן" — באַלד נאָך דער גרויסער שלאַכט — צווישן אַנדערן געשריבן... מיט בלוט און העלדישקייט האָבן יידן פון אונדזער דיוויזיע באַוויזן, זייערע פּאַטריאָ־טישע געפילן און זייער צוגעבונדנקייט צו פוילן...

דער מחבר.

דער וועג צום „שטורעם באַטאַליאָן"

רב פּיוול וואַדאָוויצער ווי מ׳האָט אים גערופן, דער גרויסער חסיד, פּונעם באַבאָווער צדיק, וועלכער איז אין זיין לעבן אַפילו נאָענט פון קיין עראָפּלאַן נישט געשטאַנען, האָט אין זיינע פינצטערסטע געדאַנקען און טראַגישסטע חלומות זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז זיין אויסגעציטערטן חיימל, זיין מיזיניקל, מיט די צוויי שוואַרצע געקרייזלטע פּאהלעך אַלס זעלנער און דערצו נאָך אַלס פּאַראַשוטיסט פון אַ מחנה ערגעץ אין וויטן רוסלאַנד, וואָס וועט זיך רופן „שטורעם־באַטאַליאָן".

רב פּיוול וואַדאָוויצער האָט נעבעך געגוג איבערגעלעבט, ווען זיינע צוויי עלטסטע טעכטער זענען געוואָרן ציוניסטקעס און אין 1934־טן יאָר אַוועקגעפאָרן קיין פּאַלעסטינע — ווי די אַפּיקורסים האָבן דעמאָלט גערופן ארץ־ישראל. אָבער זיין חיימל דער עילוי, וועלכער האָט שוין ביי צען יאָר געקאָנט אַ בלאַט גמרא אויסנווייניק און ווער שמועסט זיין מגילה־לייענען, זיין אַקדמות און ווער געדענקט נישט זיין קידוש אין דער סוכה? אַלע שכנים האָבן דאָך אים מקנא געווען מיט אַזאַ זיידן קינד... און די מאַמע חיה נעבעך די צדקת, אין גן־עדן זאָל זי רוען, האָט זיך דאָך תמיד גע־ווינטשן צו האָבן אַ זון אַ בן־תורה, ער זאָל זיצן יום־ולילה און לערנען, זי וואָלט דאָך אים היינט אָפּגעבלאָזן די טריט, דערמיט זיך צו פאַרדינען ביים רבונו של עולם אַ זכות אויף יענער וועלט ביי הונדערט און זיבעו און צוואַנציק יאָר...

דער גורל האָט אָבער געוואָלט גאַנץ אַנדערש... היטלעריסטישע חילות באַשמוצן די פּוילישע ערד און יידישע היימען ווערן צעשטערט, יידיש פאַרמעגן ווערט צערויבט, דאָס לעבן פון אַ ייד ווערט הפקר... און חיימל איז געצוווּנגען צו פאַרלאָזן זיין היים און צוזאַמען מיט זיין ברודער אברהם קומען קיין רוסלאַנד — קיין דניעפּראָפּעטראָווסק.

עס איז דער 22־טער יוני 1941. היטלער־דייטשלאַנד ברעכט מיטן ראַטנפאַרבאַנד דעם נישט אַנגריפס־פּאַקט און טרעט צו רעאַליזירן דעם אַזויגערופענעם „פּלאַן באַרבאַראָסאַ".

צוזאַמען מיט זיין צווילינגס־ברודער אברהם קומען זיי צו דער „רויטער אַרמיי". צום ביטערן באַדויערן האָט דער „אַלץ וויסנדיקער פאָטער



דורכגאַנגשײַן פֿונעם „שטורעם באַטאַליאָן" פֿאַר חיים אַרישער, סעוודאָנים עוגניוש

פון די פעלקער" דער „גרויסער סטאַלין" געגעבן אַ באַפעל צו באַזייטיקן פון דער אַרמיי אַלע זעלנער, וועלכע האָבן געשטאַמט פון די מערבדיקע געביטן, באַצייכנענדיק זיי אַלס נישט פאַרלעסלעכער עלעמענט. אַ שטאַרקער מאָראַלישער קלאַפּ איז דאָס געווען הויפּזעכלעך פאַר דער יידישער יוגנט, וועלכע האָט זיך געריסן צום קאַמף, מיט די ברוינע מענטשנפרעסער.

דער באַפעל פון סטאַלינען איז מיט ווייטיק אָנגענומען געוואָרן פאַר ליב און אַ גרויסער טייל פון די דעמאָביליזירטע זעלנער מעלדן זיך צו דעם אַזוי גערופענעם „טרוד־באַטאַליאָן". כדי אויף אַזאַ אופן צו העלפן דעם פראָנט. די ברידער קרישער געפינען זיך דעמאָלט אין דעם 981 פּולק פאַר רעזערוויסטן. אָבער דאָס זיצן מיט פאַרלייגטע הענט אין הינטער־לאַנד גיט די יונגע מענטשן נישט קיין באַפרידיקונג. זייענדיק אין דער טאַטאַרישער הויפּטשטאָט — קאַזאַן, דערגייט צו זיי די פריידיקע ידיעה, וועגן דעם אָרגאַניזירן אַ פּוילישע אַרמיי אין ראַטנפאַרבאַנד.

דער געדאַנק צו קענען קעמפן מיט געווער אין האַנט, קעגן דעם פאַרהאַסטן שונא, גיט זיי נישט קיין רו. פון אַלע טיילן לאַנד הייבן אָן ציִען מאַסן פרייוויליקע, צום לאַגער ביים קליינעם שטעטל סיעלץ, ביי דער אָקע — און די ברידער חיים און אברהם געפינען זיך צווישן זיי...

פון דער היים קומען אָן ביטערע נייעסן. מען טיילט זיך מיט זיי ביי אַ יעדער געלעגנהייט. מען ווייסט שוין אויך וועגן העלדישן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. ידיעות פון אַן אָרגאַניזירטער פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג אין דיווישקאָווער וועלדער אונטער דער אָנפירונג פון דוד נאָוואָדוואָרסקי. די אָפּטיילונג איז אָרגאַניזירט געוואָרן פון לעבן געבליבענע קעמפער, וועלכע ס'איז געלונגען זיך אַרויסצורייסן מיט די קאַנאַלן און קומען אין די וועלדער.

אַ יעדעס שטיקל ציייטונג ווו עס ווערט נאָר דערמאַנט עפּעס אַ נייעס פון פּוילן, גיט מען זיך איבער פון האַנט צו האַנט ווי עפּעס אַן אבן־טוב. אַ יעדער איז מקנא די אַלע, וואָס געפינען זיך שוין אין די פּאַרטיזאַנישע רייען.

דאָס איז געווען דעם 18 אָקטאָבער 1943. אויף דעם באַפעל פון דעם פירער פון דעם ערשטן קאָרפּוס פון די פּוילישע באַוואָפנטע כוחות אין ראַטנפאַרבאַנד — גענעראַל זיגמונט בערלינג — האָט דער יידישער שלאַכ־קער, וואַרצער בחור פון וולאָצלאַוועק — הענריק טאָרונטשיק — צוגע־טרעטן אָרגאַניזירן דעם באַרימטן שפּעטער אַזויגערופענעם „שטורעם־באַטאַליאָן", כדי צו שולן ספּעציאַליסטן, פּאַרטיזאַנער, וועלכע זאָלן שפּע־

טער אַריבערגעוואָרפן ווערן אין הינטערלאַנד פון שונא און דאָרט פירן אַ דיווערסיע־אַרבעט. די שולע איז געשאַפן געוואָרן אויף דעם שטח פון די סאָסנאָווע ביעלאָמוטער וועלדער, צווישן מאָסקווער און ריאַזאַנסקער ראַיאָן.

חיים קרישער פסעוודאָנים עוגעניוש איז איינער פון די אויסגעווײלטע, וועלכע מ׳האָט אַרויסגענומען פון פאַרשידענע מיליטערישע אָפּטיילונגען און איבערגעשיקט אין די ביעלאָמוטער וועלדער אין דערמאָנטן באַטאַליאָן, צו דער „ראַדיאָ־קאָמפּאַניע״. דאָ האָט מען געשולט ספּעציאַליסטן צו באַניצן זיך מיט פאַרשידענע ראַדיאָ־אַפּאַראַטן, קאָנטאַקטירן זיך מיט ראַדיאָ־סטאַציעס, און איבערהויפּט אויפנעמען און איבערגעבן שיפרירטע מעלדונגען צו דער „גרויסער ערד״.

זייער לערער איז צווישן אַנדערע געווען, די יידישע פרוי אינזשעניער, אַננאַ מעקלער. אַ זייער באַגאַבטער און טאַלאַנטירטער מענטש. זי האָט מיט לייב און נשמה געוואָלט איבערגעבן איר וויסן, די אַלע, וועלכע זענען אַהער געקומען און זיך געגרייט צו דעם געפערלעכן קאַמף מיט די נאַציס, אויף דעם באַזעצטן געביט פון זיין פאָטערלאַנד — פוילן.

דער אָנפירער פון דער ראַדיאָ־קאָמפּאַניע, איז געווען דער באַליבטער פּראָפעסאָר שולקין. די לערע האָט דאָ געדויערט ביי דריי און אַ האַלבן מאָנאַט.

חיים קרישער האָט זיך גענומען צו דער לערע מיט גרויס פלייס און איבערגעגעבנקייט, ווי אַ מאָל אין קלויז ביי דער גמרא, דערמיט וואָס שנעלער אויפגענומען צו ווערן אויף דער ליסטע פון די, וואָס דאַרפן באַשטימט ווערן צו שפּרינגען מיט דעם פאַלשירעם אויף דעם באַזעצטן געביט. חיים האָט געוואָלט זיין איינער פון די באַפרייער פון פוילן...

ענדלעך איז געקומען דער אויסגעבענקטער טאָג פון 4 יוני 1944... די זון איז נאָר וואָס פאַרגאַנגען און פאַררויטלט דעם גאַנצן האָריזאָנט פון דעם רוסישן הימל, מיט וועלכן ער טוט זיך איצט געזעגנען — ווער ווייסט אפשר אויף אייביק?...

זיי שטייען אויף דעם סטאַרט־פעלד אַ גרופּע פון צוויי און דרייסיק מאַן און צווישן זיי דער וואַדאָוויצער יידישער בחור, חיים קרישער, פסעוו. עוגעניוש — דער ראַדיסט, וועלכער האָט באַקומען אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע — צו זיין דער פאַרבינדלער צווישן דער פאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג אין וואַלד און דער „גרויסער ערד״...

נישט ווייט פון זיי שטייען שוין עראָפּלאַנען, וועלכע דאַרפן אַריבערפירן איבער די פיינטלעכע ליניעס, צו די פאַרטשעווער וועלדער פון

דער פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג מיט וועלכער עס פירט אָן דער פוילישער בחור מאַיאָר קלים.

די שטאָלענע פייגל שטייען מאַיעסטעטיש אויף דעם בעטאָנענעם סטאַרט־פּאַס און שלאָגן אָפּ אין הינטערגרונט ווי פאַרזילבערט.

די מעכאַניקער מעלדן, וועגן דורכגעפירטן קאָנטראָל. — באַלד קומט דער באַפעל: איינשטייגן!...

דער באַפעל, וואָס באַדייט די געזעגענונג מיט דעם באָדן, וועקט עפּעס אַזאַ מאָדנע געפיל פון פרייד געמישט מיט פּחד. די נערוון זענען אָנגע־שטרענגט, דאָס האַרץ הייבט אָן האַסטיקער קלאַפּן, אָבער דאָס דויערט נאָר געציילטע מינוטן.

דער קאַפּיטאַן לאָזט אין באַוועגונג די מאַשין. אַ לייכטער ציטער האָט חיימען דורכגענומען, ווי עלעקטריזירט, ס'האָט זיך אויסגעדאַכט ווי עמעץ וואָלט פּלוצעם געפּרוווט אַוועקנעמען פון אונטער אים זיין זיץ־פּלאַץ, און די מאַשין האָט זיך אָפּגעריסן פון דער ערד...

דער פּלי אין דעם בלעכענעם קאַסטן האָט נישט געהערט צו די גרויסע באַקוועמלעכקייטן, אָבער אויף דעם האָט קיינער נישט געלייגט קיין אַכט. אַ יעדער איז געווען פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען און פאַרנומען מיט זיינע פּלענער. דער קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף די דלאָניעס, דערצו דאָס לייכטע וויגן פון דער מאַשין האָט געווירקט אַז אַ גרויסער טייל האָט אָנגעהויבן צו דרימלען און אַפילו איינגעשלאָפן...

אויך חיים איז דערשעפּט פון די לעצטע איבערלעבונגען. ערשט זיך געזעגנט מיט די חברים פון דער ראַדיאָ־קאָמפּאַניע, נישט וויסנדיק צי ער וועט נאָך וועלכן פון זיי אַמאָל זען; דאָס צעשיידן זיך מיטן ברודער, און איבערהויפּט דער פּלי נישט וויסנדיק וואָס דער שיקזאַל וועט אים דאָרט צוגרייטן... זיינע געדאַנקען זענען גאַנץ ווייט. ער קרייזט ווי אַן אָדלער איבער זיין היימשטאָט וואָדאָוויץ, ער זעט דאָס בית־מדרש אין וועלכן ער פּלעגט גיין דאַוונען מיט זיין טאַטן, די יידישע שמאָלע געס־לעך, דעם מאַרק און דעם פּלאַץ ווו ס'פּלעגן פאַרקומען די שטעטישע ירידים, די אָרעמע יידישע הענדלער, וועלכע זיצן און קוקן אַרויס אויף אַ קונה, ביי וועלכן מען קאָן לייזן עטלעכע גראָשן און פאַרדינען אויף אַ וויעטשערע מיט אַ געזאַלצענעם הערינג... די גרויסע שיל מיט דער קאָפּולע אין דער הייך... אָט איז ער שוין ביים ברעג פונעם טייכל, די איינגעבויגענע ווערבעס, וואָס זייערע צווייגן טונקען זיך אין וואַסער. דאָרט פּלעגן יידן זיך באָדן אין אַ זומערדיקן ערב שבת. אַלץ איז אַזוי נאָענט, אַזוי טיף

איינגעבאַקן אין האַרצן. און אַט שטעלט זיך אים פאַר ווי מען טרייבט אַרויס די יידן פון די שטעט, מען טרייבט זיי קיין אוישוויץ, קיין טרעבלינקע, קיין בעלזשעץ. חיים האָט איצט געזען אַ מחנה געטריבענע יידן און צווישן זיי זיין טאַטן, מיט דער לאַנגער גרויער באָרד, זיינע שוועסטער און ברודער. די געשטאַלטן פון זיינע נאָענטסטע זענען אים אַלץ בולטער געקומען פאַר די אויגן. זיי שטייען לעבן אים. ער זעט די גאַנצע עדה פון זיין שטעטל... דעם ד״ר גאָלדבערגער, יידל גליקסמאַן דעם שוסטער, דעם רב, ר׳ אַנשל, יצחק זאַלטענרייך און דעם שמש יהושע פייערשטיין. די אָנפירער פון דער קהילה — מתתיהו יאַקובאָוויטש און יחיאל בעלאַמוט, דעם אויפזעער ביים באַקן די מצות, דעם חסיד לייבל אורבאַך און דעם טאַנדעט־שניידער פסח בערגער... זיי גייען... געיאָגט פון די עס. עס. מענער מיט זייערע וועלף־הינט... זיי גייען אַלע דאָ פאַר אים... זיי פאַלן... מען שלאָגט מיט קאָלבעס, מיט שטעקנס... ער זעט זיינע חברים פון השומר־הצעיר. זיין גאַנצע משפחה. אַלץ גייט דאָרט אָפּ אין בלוט, אונטער די הענט פון די ברוינע מערדער. איין געדאַנק יאָגט דעם צווייטן. ער דערמאָנט זיך דאָס געזעגענען מיט דעם אַלטן טאַטן און טרערן וואָס האָבן זיך געגאָסן פון זיינע צערפולע אויגן.

מיטאַמאָל האָט די מאַשין זיך געטאָן אַ שטאַרקן וואַקל, און ווערטיקאַל זיך אַ ריס געטאָן צום הימל. דאָס האָט חיימען מיטן אויגנבליק אַרויס־געשלאָגן פון זיינע טרוימען. אונטער זיי האָבן גלי‌ִענדיקע פונקען זיך געטראָגן פון דער ערד, ווי בינען פון אַ בינשטאָק. די דייטשע רעפלעקטאָרן האָבן אויפגעדעקט זייער מאַשין...

נאָר איין מאָל שטאַרבט מען — האָט חיים געזאָגט ווי צו זיך אַליין. עפּעס אַ מאָדנע גלייכגילט־געפיל האָט אים געגנצלעך באַהערשט. דאָס פייער האָלט אָן מיט אַ קליינעם איבעררייס, ביז זיי ווערן געכאַפּט אין די ליכט־שערן פון אַנדערע רעפלעקטאָרן. סוגעסטיוו דריקט יעדער מיט זיינע הענט דעם אָנלען פון זיין זיץ, ווי דאָס וואָלט געקאָנט זיין די לעצטע רעטונג פאַר דעם טויט...

אַלע פילן דעם זעלבן וויטיק: צו שטאַרבן נישט האָבנדיק פאַרשאַפט דעם שונא קיין פאַרלוסטן. זייער פּאַראָל איז תמיד געווען — דער פיינט מוז טייער באַצאָלן פאַר זיינע אומגעהייערע פאַרברעכנס.

דער פּילאָט־קאַפּיטאַן טוט פלינק מאַנעווורירן אַרויסצופירן די מאַשין פון דער בעץ. די סעקונדן און מינוטן ציען זיך ווי אַן אייביקייט. די טונקעלע שיין פון דעם לעמפּל האָט נאָך מער פאַרשאַרפט די מעלאַנכאָלישע אָנגע־שטרענגטקייט. אין דעם בלעכענעם קאַסטן איז שטיל, מען הערט נאָר דאָס

WOJSKO POLSKIE

ZAŚWIADCZENIE TYMCZASOWE Nr. ______

Ob. Chor. Kryszer Eugeniusz
s. Franciszka
(Stopień, nazwisko, imię, imię ojca i pseudonim)

Rozkazem Ministra Obrony Narodowej
Nr. 7a z dnia 11 września 1946 r.

Za zasługi bojowe w bohaterskiej walce zbrojnej w oddziałach partyzanckich z hitlerowskim najeźdźcą o Niepodległość, Wolność i Demokrację
został odznaczony:

„KRZYŻEM PARTYZANCKIM"

M. p. 11 września 1946 r.

Sekretarz Generalny Związku
Podpis wręczającego
zajmowane stanowisko i stopień
Sek. [illegible] płk

די אויסצייכנונג מיט דעם פּאַרטיזאַנער קרייץ פון קרישער חיים
פסעוו. עוגעניוש

שווערע אָטעמען פונעם שכן. קיינער וויל נישט אַרויסווייזן קיין פחד, כאָטש טיף, טיף אין דער נשמה פילט מען דעם געוואַלדיקן דראַנג צום לעבן, און ווי עס ציטערט דאָס האַרץ. אַ יעדער אויף זיין שטייגער געזעגנט זיך מיט דער וועלט...

דער גורל האָט אָבער געוואָלט, אַז חיים קרישער זאָל נאָך קומען אין אַ קאַמף — אויג אויף אויג מיט די נאַציס, און ער זאָל האָבן אַ באַפרידיקונג פון נקמה־געפיל, פאַר דעם גרויסן יידישן חורבן. ווייזט אויס, אַז דער מלאך המות האָט דאָס מאָל נישט געהאַט קיין שליטה איבער זיי...

— מיר זענען נישט ווייט פון ציל — הערט זיך ענדלעך די פריידיקע שטימע פון נאַוויגאַטאָר. אַלע קוקן ווידער דורך די פענצטער. עס דרייט זיך אין קאָפּ, עס קלאַפּט דאָס האַרץ, נאָר חיים ווייסט נישט פון דענערווי־רונג צו פון פרייד.

עס באַווייזן זיך די באַשטימטע פייערלעך־סיגנאַלן. אַלע באַמיען זיך צו דעשיפרירן דעם אויסגעלייגטן בוכשטאַב. אַ פרישער גייסט וועקט אויף אַלעמען, ווי פון אַ קאָשמאַרן חלום...

דער עראָפּלאַן נידערט אַראָפּ אומגעפער ביז פינף הונדערט מעטער.

— צוגרייטן זיך צום שפרינגען! — פאַלט אַ באַפעל.

די ערשטע שטעלן זיך די מער דערפאַרענע, אין מיטן דער שיפראַנט און חיים קרישער, נאָך זיי מער שוואַכערע און אויך אַזעלכע, מיט וועלכע מען איז נישט אַזוי שטאַרק זיכער, אַז זיי וועלן אין לעצטן מאָמענט זיך נישט צוריקהאַלטן פאַר שרעק... אין דעם פאַל האָט מען געמוזט פון הינטן אונטערשטופּן... אַזעלכע זאַכן האָבן אויך פּאַסירט. אַלץ האָט מען געמוזט פאַרויסזען: שרעק, דענערווירונג, דער אומבאַקאַנטער גורל, וואָס דערוואַרט, וועלכער איז טיילמאָל ערגער ווי דאָס אַרויסשפּרונגען פון די שוצגרובנס צום שטורעם. — אין דעם פאַל מוז מען זיך וואַרפן מיטן קאָפּ אַראָפּ, און מען ווייסט נישט ווער וואַרט אויף דיר אונטן? — אַן אייגענער אָדער דער שונא?...

דאָס גלעקל — און דער שפּרונג.

די שנירן ציִען זיך אָן, עס טוט מיט דעם מענטשן אַ וואַרף — דאָס איז דער צייכן אַז דער פאַלשירעם האָט זיך מיט הצלחה געעפנט. אַרום זעט מען אָפענע שירעמס, וואָס זעצן זיך אַלץ נידעריקער און נידעריקער... פון די פייערלעך לויפן מענטשן. — דאָס האַרץ קלאַפּט... חיים האָט גליקלעך געלאַנדעט. — ער בלייבט שטיין לעבן זיין פאַלשירעם מיטן געווער אין האַנט, גרייט די דערנענטערנדיקע צו באַגעגענען...

די מאַשין האָט נאָך געמאַכט אַ קרייז און מיט עטלעכע ליכט־צייכנס זיך געזעגנט. עס דויערט נישט לאַנג און זי קערט זיך צוריק צו דער באַזע.

☆

חיים קרישער קומט צו דער פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג אין די פּאַר־טשעווער־וועלדער פון מאַיאָר קלים. ער טרעפט דאָ אַן אייגענע סביבה. די אָפּטיילונג איז פאַר אים געוואָרן זיין צווייטע היים. זיי האָבן זיך ספּעציאַלי־זירט אין אָפּנעמען „וואָרפן", וועלכע זיי פלעגן שפּעטער פאַרטיילן צו אַנדערע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען, אָבער הויפּטזעכלעך איז זייער טעטיקייט באַ־שטאַנען פון אונטערמינירן די באַן־ליניעס, פון וועלכע עס זענען שפּעטער געפלויגן די דייטשע וואַגאָנען, וואָס האָבן געפירט מיליטער, אמוניציע און פּראָוויאַנט פאַר דעם פראָנט.

חיים איז גלייך צוגעטרעטן צו זיין אַרבעט, אַלס ראַדיאָ־טעלעגראַפיסט, איבערגעבנדיק די ערשטע מעלדונג, לויט דעם געהיימען שיפער, צו זיינע פאַרגעזעצטע פון דער „גרויסער ערד".

פון מזרח האָבן אָנגעהויבן בלאָזן נייע ווינטן. די היטלעריסטישע אַרמייען האָבן זיך געהאַלטן אין איין צוריקציִען. די פאַשיסטישע האָרדעס האָבן געליטן איין מפּלה נאָך דער אַנדערער. ביי אַ יעדער גרויסער שלאַכט, בעת זיי האָבן געהאַט גרויסע פאַרלוסטן אין מענטשן, אין מלחמה־מכשירים, און שוין ביי פאַרלוירענע שטעט — האָט דער דייטשער ראַדיאָ אין זיינע מעל־דונגען געהאַלטן אין איין איבערחזרן, „מיר האָבן היינט פּלאַנמעסיק גע־רוימט"... דאָס איז שוין געווען אַ סיגנאַל פאַר די פּאַרטיזאַנער צו כאַפּן דעם אויסלאַנד־זענדער, כדי זיך צו דערוויסן אויף וועלכן פראָנט זיי האָבן געהאַט אַ בראָך.

דעם 24 יולי 1944 האָבן שוין די סאָוויעטישע אָפּטיילונגען אַריינמאַר־שירט קיין לובלין און אין כעלם האָבן זיך באַוויזן אַפישן, וועגן אַנטשטיין פון „פּוילישן קאָמיטעט פון דער פאָלקס־באַפרייונג" (פּ. ק. וו. נ.).

לעבן־געבליבענע יידן, וועלכע זענען געווען פאַרשטעקט אין די קע־לערן, אָדער ביי אַנשטענדיקע קריסטן, זענען אַרויס פון די באַהעלטענישן.

די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען פון די באַפרייטע געביטן זענען אָנגע־שלאָסן געוואָרן אין די נאָרמאַלע אַרמייען. אויך חיים קרישער איז צוריק־געגאַנגען צו זיין מיליטערישער איינהייט, צום „שטורעם־באַטאַליאָן" אין זיינע רייען צו קעמפן ביז צום ענדגילטיקן זיג איבער דער היטלעריסטישער בעסטיע.

די מיליטערישע קאַריערע האָט דער קאַפּיטאַן חיים קרישער — פּסעוו. עוגעניוש, פאַרענדיקט מיט זיין אַרויספאָרן קיין ארץ ישראל...

מערץ 1957 האָט חיים מיט זיין פרוי ליובע און איינציקן זון ישראל פאַרלאָזט די גרענעצן פון פוילן...

— איך האָב געקעמפט צו באַפרייען פרעמדע לענדער — האָט געזאָגט חיים — זאָל מיין זון ישראל קעמפן פאַר דעם קיום פון זיין אייגן לאַנד...

פּריוויליק צו דער „רויטער־אַרמיי"

דאָס קול דורך דעם ראַדיאָ־הילכער, וועגן אויסברוך פון דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה, האָט יעדן ממש עלעקטריזירט. אָבער טראָץ אַלעמען איז יעדער געווען איבערצייגט, אַז ס'איז געקומען דער אָנהייב פון סוף צו דער ממשלה פון דריטן רייך.

צום ביטערן באַדויערן — האָט געזאָגט דער מאיאָר אברהם קרישער — האָט זיך קיינער נישט פאָרגעשטעלט, אַז די אַזוי שטאַרק גערימטע „רויטע אַרמיי" איז אַזוי שוואַך צוגעגרייט, כדי צו קאָנען אָפּשטויסן דעם דייטשן אָנגריף. אין געציילטע וואָכן האָבן זיך די דייטשע האָרדעס שוין געפינען ווייט, ווייט אין סאָוויעטישן לאַנד, זייענדיק טויט און פאַרניכטונג, נישט שוינענדיק אַפילו אַלטע לייט, פרויען און קליינע קינדער.

אין פּאַניק, וואָס האָט זיך געשאַפן, באַלד אין די ערשטע טעג פון די ידיעות, וועגן דער אַלץ פאָרויס־מאַרשירנדיקער היטלעריסטישער אַרמיי — האָבן איינוווינער פון אַ סך שטעט און דערפער גענומען פאַרלאָזן זייערע היימען. עס זענען געפלויגן מעלדונגען, וועגן שווערע שלאַכטן אויף די פראָנטן און וועגן „דערפאָלגרייכן" צוריקציען זיך פון דער סאָוויעטישער אַרמיי.

די פּאַניק איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. מענטשן זענען שוין נישט נאָר געלאָפן, ס'איז שוין געווען ממש אַ גטיעג. אַלע שטעגן און וועגן זענען באַלאַגערט געווען מיט מחנות עוואַקואירטע. ס'האָבן זיך געצויגן גאַנצע צוגן מיט לאַסטמאַשינען, געפּאַקטע מיט פרויען און קינדער. וועגענער געשפּאַנט אין אויסגעמאַטערטע פערדלעך, גאַרנס מיט פעק, געשיר, בעטגעוואַנט און אַנדערע נויטיקע שטוב־זאַכן. אַלץ האָט געצויגן ווייטער, ווייטער אויף מזרח. צווישן דער מענטשן־מאַסע האָט זיך געמערקט דער זייער גרויסער פּראָצענט יידישע משפּחות, צו וועלכע ס'זענען דערגאַנגען קלאַנגען וועגן די גרויזאַמע שחיטות, וועלכע די נאַציס האָבן דורכגעפירט ביי זייער אַריינמאַרש קיין פּוילן, איבער דער יידישער באַפעלקערונג.

צווישן די עוואַקואירטע האָט מען געזען אויך מיליטערלייט און באַאַמטע, וואָס האָבן אַרויסגעפירט וויכטיקע דאָקומענטן און פּלענער פון פאַבריקן,

וועלכע מ׳האָט נישט געקאָנט פאַרברענען און זיי געמוזט אַריבערפירן טיפער אין הינטערלאַנד.

אברהם קרישער האָט שוין נישט געהאַט קיין אילוזיעס, וועגן די מאָרד־כוונות פון די היטלעריסטן לגבי יידן. ער האָט שוין געהאַט די ביטערע דערפאַרונג צוזעענדיק זייערע גרויל־טאַטן איידער ער האָט פאַרלאָזט זיין היימשטאָט וואַדאָוויץ אין פוילן.

צוזאַמען מיט זיין ברודער חיים האָט ער באַשלאָסן נישט צו בלייבן פאַסיוו אין דעם היסטאָרישן גערענגל. ביידע ברידער מעלדן זיך פרייוויליק צו דער „רויטער אַרמיי״.

ס׳איז דער 7־טער יולי 1941. זיי געפינען זיך דעמאָלט אין דער וואָיע־וואָדישער שטאָט וויניצע אין דער אוקראַינע. דער טאָג איז געווען אַ העלער, אַ וואַרעמער, דער בלויער הימל רויק, נישט פאַרפלעקט אַפילו פונעם קלענסטן וואָלקנדל. די גאַסן זענען געווען איבערפולט מיט מענטשן וועלכע האָבן געאיילט ווער וווהין. פלוצעם זענען אַלע צוגעקאָוועטע צו די ראַדיאָ־הילכערס אויף די גאַסן. ווי אויף אַ באַפעל געבליבן אַלע שטיק. ס׳האָבן זיך געשאַפן גרופקעס, רעדלעך, מענטשן האָבן מיט גרויס נייגער זיך צוגעהערט צו די ידיעות פון די פראָנטן.

אויך די ברידער קרישער האָבן זיך אויף אַ ווילע אָפּגעשטעלט צו כאַפּן עפּעס אַ נייעס, וואָס זאָל דערמוטיקן אויף זייער נייעם וועג צום פראָנט. צום ביטערן באַדויערן האָבן די באַריכטן זיך געלייגט ווי שווערע שטיינער אויפן האַרצן... שווייגנדיק זענען זיי אַזוי ווייטער געגאַנגען אין זייער וועג — צום מיליטערישן זאַמלפונקט, צום אַזוי גערופענעם וואָיענקאָמאַט...

אויף דער מיליטערישער באַזע האָבן זיי שוין געטראָפן אַ סך יידישע יינגלעך, עוואַקואירטע פון פאַרשידענע שטעט און דערפער פון פוילן, וועלכע האָבן ווי זיי, נישט וואַרטנדיק אויף קיין מאָביליזאַציע־קאַרטן, פרייוויליק זיך געשטעלט צום זאַמלפונקט, פאַרלאַנגנדיק געווער, כדי צו קעמפן קעגן דער ווילדער בעסטיע, דעם היטלעריזם.

אַלע האָט איצט פאַראייניקט איין ציל. אַלע האָבן זיך דאָ געפילט ווי איין משפחה, אָן אונטערשייד פון פּאָליטישער איבערצייגונג און גלויבן, גרייט צו שטעלן זייער ברוסט אַקעגן דעם בלוטיקן שונא.

זייער שטאַרק האָט זיך דאָס אויך געלאָזט מערקן אויף דער יידישער גאַס — צווישן די רוסישע יידן. מאַמעס האָבן אָן היסטערישע געשרייען און יללות געזעגנט זייערע זין און טעכטער, וועלכע זענען געגאַנגען מיט

אברהם קרישער פּסעוו. ראָמאַן

די מאָביליזאַציע־קאַרטן אין די הענט, ווי מיט אַ הייליקער שריפט, צו די מיליטערישע זאַמלפונקטן.

אויף דער באַזע, האָט ווי דער שטייגער אין אַזאַ מאָמענט געהערשט אַ רעש, אַ טומל. אַ סך שוין געקליידעטע אין מיליטערישע אוניפאָרמען זענען געלאָפן מיט די מענאַשקעס אין די הענט, צום זאַמלפונקט ביי דער קיך, וווּ מ׳האָט אויסגעטיילט אַ רוסישן באָרשט, פאַרבראָקט מיט אַ שטיקל חזיר־פלייש און אַ פּערטל ברויט. ס׳האָט נישט געפעלט אַזעלכע, וואָס זענען נאָך געווען אין ציווילער הלבשה און זיך אויסגעבאָרגט די מענאַשקעס ביי זייערע חברים, כדי צו קענען געניסן פון דעם מאָלצייט, וואָס איז שוין אויך פאַר זיי געווען באַשטימט.

אברהם מיט חיימען האָבן זיך שנעל געלאָזט צום מעלדונגס־ביוראָ און פון דאָרט צום קליידונגס־מאַגאַזין, צו באַקומען די מיליטערישע מלבושים...

מיט די זעקלען אין די הענט זענען די צוויי יידישע ייִנגלעך פון דעם קליינעם שטעטל וואַדאָוויץ, געשטאַנען ווי פאַרכישופטע, פון דער גרויסער מתנה. זיי האָבן גענומען אַרויסציִען יעדעס שטיקל מלבוש און באַטראַכטנדיק דאָס באַזונדער — דאָס געוואַנט, די קאַמאַשן, די קנעפּ מיט דעם פינף עקיקן שטערן, און שמייכלענדיק זיך גענומען אָנטאָן. אַביסל שווערלעך איז גע־גאַנגען מיט די וויקל־קאַמאַשן, צו וועלכע מ׳האָט געדאַרפט זיין געניט כדי ווי געהעריק זיי צו פאַרשנירן, אָבער אויך דאָס האָט מען בייגעקומען...

אַ ביסל מאָדנע האָבן זיי זיך געפילט אין דעם סאָוויעטישן מונדיר. אַן אוניפאָרם פון אַ צווייט פאָלק, וועמענס שפּראַך זיי האָבן נישט געקענט, אַ פרעמד לאַנד מיט אַ פרעמדער קולטור. פרעמדע געזעצן און מנהגים. נאָר די שינאה צו די נאַציס האָט זיי פאַראייניקט, פאַרברודערט.

פון וויניצע האָבן די ברידער קרישער אָנגעהויבן אַ לאַנגן מיליטערישן מאַרש, איבער שטעט און דערפער פון אוקראַיִנע — איבער דעם לאַנד פון די קאָזאַקן, וועלכע זענען טרויעריק באַרימט געוואָרן ביים יידישן פאָלק, מיט זייערע שחיטות און ווילדע פּאָגראָמען. זיי האָבן געקוקט יעדן פאַרביי־גייער אין די אויגן, ווי זיי וואָלטן געזוכט אַ זון, אַן איינקיל פון די פּאָגראָמ־טשיקעס. מיט אומצוטרוי האָבן זיי זיך באַצויגן צו אַ־יעדן ציוויליסט, מיט וועלכן זיי זענען געקומען אין באַרירונג.

סוף כל סוף האָט מען זיי פאַרלאָדן אויף אַ שיף, מיט וועלכער זיי זענען אָפּגעשווימען צו דער פּאָרט־שטאָט, ביים דניעפּר, ניקאָפּאָל. דאָרט האָט מען זיי צוגעטיילט צום 281 אינפאַנטעריע־רעגימענט. דאָרט האָט זיך אויך אָנגעהויבן פאַר זיי אַ נייע ערע. אברהם מיט חיימן זענען אָנגעקומען

אין אַן אָפּטיילונג אין וועלכן מ׳האָט אויסגעשולט ספּעציאַליסטן צום קאַמף קעגן מאָטאָריזירטע אַרמייען, הויפּטזעכלעך קעגן טאַנקן. זיי באַקענען זיך דאָ מיט פאַרשידענע סאָרטן אויפרייס־מאַטעריאַלן און גראַנאַטן, אין דער ערשטער ריי מיט די אַזוי גערופענע „מאָלאָטאָוו־פלעשער״, מיט וועלכע מען דאַרף אָנגרייפן דעם שונא פון געדעקטע שוץ־גרובנס...

דער דייטשער דעסאַנט

די סאָוויעטישע אַרמיי האַלט זיך אין איין צוריקציען אויף אַלע פראָנט־אָפּשניטן. די וועגן זענען פאַרזייעט מיט אויסגעברענטע טאַנקן, מאַשינען, אַפילו גאַז־מאַסקעס און טיילן פון האַנט־געווער האָבן זיך געוואַלגערט אין די באַוועגונגס־ריוון, אַוועקגעוואָרפענע דורך דעזערטירן און אוקראַאינישע נאַציאָנאַליסטן, וועלכע האָבן נאָר געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט, צו קאָנען אַנטלויפן פון דער אַרמיי.

די דייטשע פליִער האָבן אַטאַקירט אומאויפהערלעך די סאָוויעטישע אָפּטרעטנדיקע קאָלאָנעס. דאָס יאָמערלעכע פייפן פון די דייטשע מאָטאָרן און דאָס אָפטע לויפן זיך דעקן פאַר זיי האָט געשאַפן אַ נערוועזע שטימונג ביי די זעלנער. די פליִער האָבן געמאַכט אַ קליינעם קרייז, אַראָפּלאָזנדיק זיך גאַנץ נידעריק פלעגן זיי עפענען אַ פייער פון מאַשין־געווער, זייענדיק טויט און פאַרניכטונג. זיי האָבן זיך געוויגט ווי אין אַ ווילדן טאַנץ, אַ מאָל לינקס, אַ מאָל רעכטס, ווי זיי וואָלטן מיט זייערע פליגל, געשניטן די קעפּ פון די מאַרשירנדיקע ווי אַ שניטער די זאַנגען.

אין אַ סך פּונקטן האָבן די דייטשן אַראָפּגעוואָרפן דעסאַנט־אָפּטיילונגען, מיינסטנס אין ערטער וווּ ס'האָבן זיך געפינען דייטשע קאָלאָניעס, וווּ זיי האָבן געהאָפט צו באַקומען אונטערשטיצונג און אינפאָרמאַציעס. די פאַר־ווירונג און מבולבלדיקייט אין די סאָוויעטישע רייען איז געווען גרויס. טייל מאָל האָט מען נישט געוווּסט ווי עס זענען אייגענע און ווי דער פיינט.

אַ גרויסע נעגאַטיווע ווירקונג האָבן געהאַט די דורכגעפירטע סאַבאָטאַזש־אַקטן פון די אוקראַאינישע נאַציאָנאַליסטן, וועלכע האָבן זיך גלייך ביים קריגס־אויסברוך געשטעלט אין דינסט פון היטלערן, וועלכער האָט זיי פאַרשפּראָכן אַ „סאַמאָסטינע־אוקראַאינע" (זעלבסטשטענדיקע אוקראַאינע) פון די פּוילישע און סאָוויעטישע געביטן. פון פאַרשידענע באַהעלטענישן האָט מען געשאָסן אויף די אָפּטרעטנדיקע אַרמייען. עס זענען אויך באַקאַנט געווען אַ סך פאַקטן פון באַשעדיקן מאַשינען, פאַרסמען ברונעמס, וווּ דער אויסגעמאַטערטער זעלנער, האָט אין דער גרויסער זומערדיקער היץ נישט געקאָנט באַקומען קיין שלינג וואַסער.

אין אויגוסט 1941, האָט די אָנפירונג פון 281־טן אינפאַנטעריע־רעגי־

מענט באַקומען אַ באַפעל אַרויסצושיקן אַן אָפּטיילונג אויסגעשולטע זעלנער, צום קאַמף מיט דיווערסאַנטן, וועלכע האָבן זיך באַוויזן אין די וועלדער פון קריוואַי־ראָג, אין דער געגנט פון דער דייטשער קאָלאָניע.

די נייעס האָט אַלע געשטעלט אויף די פיס. צום קאַמף מיט די היטלעריסטן מעלדן זיך אַ סך פרייוויליקע און צווישן זיי בערל גרובנער פון וואַדאָוויץ, אברהם און חיים קרישער.

אויסגעשטאַטעט מיט מאַשין־ביקסן און גראַנאַטן, די קאַצן פאַראַלט איבער די אַקסלען, האָט אַרויסמאַרשירט אַ כוח פון אַ קאָמפּאַניע, אויפצונעמען אַ קאַמף מיט דעם דייטשן דעסאַנט.

זיי זענען געגאַנגען האַפּערדיק. יעדער האָט געקלערט אויף זיין שטייגער, וועגן דער נקמה, וואָס ער וועט נעמען אין די היטלעריסטישע מערדער. אַ וואָרעם ווינטל האָט געפרישט זייערע געזיכטער, פאַרשוויצטע פון דעם פאָרסירטן מאַרש. זיי האָבן נישט געפילט קיין מידקייט, מ׳האָט אַפילו נישט געמאַכט קיין איבערייס צו עסן. אַרום איז די לופט פול געווען מיטן ריח פון פרישן זשיוויטצע־זאַפט פון די סאָסנאָווע וועלדער, דער ריח האָט זיי באַגלייט דעם גאַנצן וועג.

ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן זעלנער אויך פון אַנדערע מיליטערישע איינהייטן, וועלכע האָבן שוין גענומען אַרומרינגלען דעם וואַלד.

פאַרטאָג, ווי נאָר די ערשטע זון־שטראַלן האָבן גענומען באַלויכטן דעם האָריזאָנט איז מען צוגעטרעטן צו דער אַקציע...

— באַמיען זיך צו נעמען אַ צונג! — פאַלט אַ באַפעל...

צעשפּרייט אין אַ טיראַליערע האָבן זיי דורכגעקעמט זייער אָפּשניט. מיט אָנגעשטרענגטע בליקן זיך גערוקט לאַנגזאַם פאָרויס.

— פאַרזיכטיק!... אויפפּאַסן!... דאָ זענען זיי... גיט מען זיך איבער די באַפעלן פון די גרופּן־אָנפירער.

אַלע האָבן צוגעדריקט פעסטער דאָס געווער צו דער זייט, גרייט צו עפענען אַ פייער. דאָס געהער אָנגעשטרענגט צום מינדסטן שאָרך פון אַן אַראָפּגעפאַלן צווייגעלע אָדער פון אַ פאַרטשעפּעטן קוסט, האָבן זיי אַלץ מער פאַרקלענערט דעם רינג אַרום דעם אַראָפּגעוואָרפענעם דעסאַנט.

אין דער וואַלד־טונקלקייט האָט מען שוין געמערקט איינגעבויגענע סילועטן, אין ציווילער קליידונג, מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל, און מאַשין־ביקסן אין די הענט. מ׳האָט שוין געהערט דאָס גאָרגלדיקע איבערופן זיך אין זייער שפּראַך...



I WARSZAWSKA DYWIZJA PIECHOTY
im. TADEUSZA KOSCIUSZKI

Ob. Podporucznikowi
Kryszer Romanowi

żołnierzowi 1 D. P., uczestnikowi walk
o Wolną Demokratyczną Polskę
została przyznana
ODZNAKA KOSCIUSZKOWSKA

(podpis dowódcy)
I D P.

Nr. 004379

Legionowo dn. 2 września 194[illegible] r.

דער אָפּצייכן פון דער קאָשטשושקאָ דיוויזיע פון אברהם קרישער פסעוו. ראָמאַן

— פייער! פייער! — פאַלט אַ באַפעל.

אַ גרעגערן פון מאַשין־ביקסן האָט אָפּגעהילכט אין טיפן וואַלד, אָפּרו־פנדיק זיך מיט אַ שטאַרקן ווידערקול פון אַלע זייטן... די היטלעריסטן האָבן זיך צוגעפּרעסט צו דער ערד. אַ טייל הייבט אָן זיך צוריקציִען טיפער אין וואַלד, אָדער ממש אַנטלויפן פון דעם שלאַכטפעלד, איבערלאָזנדיק זייערע פאַרוווּנדעטע קאַמעראַדן אויף גאָטס באַראָט — די קוילן זענען אָבער שנעלער פון זיי.

מיטאָג צייט האָט די אָפּטיילונג גענומען צוריק מאַרשירן צו דער באַזע, מיטנעמענדיק אַ טייל פון די געפאַנגענע.

עס איז ווערט צו באַמערקן, אַז די דייטשע קאָלאָניע פאַר דערטיילן הילף, דעם דעסאַנט, איז שפּעטער דורך דער סאָוויעטנמאַכט געוואָרן אויסגעזידלט...

די אויפגעריסענע בריק אויפן דניעפּר

דער ריקצוג פון דער „רויטער אַרמיי" האָט אָנגעהאַלטן ווייטער. ס'האָבן געפעלט מיליטערישע אָנפירער און סטראַטעגן — די וועלכע סטאַלין האָט אויסגעמאָרדעט, אָדער פאַרשיקט אין די לאַגערן. דער העלדישער ווידערשטאַנד פון סאָוויעטישן זעלנער, זיין אויסדויער, טראָץ קעלט, הונגער און ווונדן, איז געווען צום באַוווּנדערן. קיין זאַך האָט אים נישט איינגעבראָכן.

די נאַציס האָבן אַלעמאָל געענדערט די מעטאָדן פון פירן די מלחמה. נאָך דעם שוין באַקאַנטן „בליץ קריג" האָבן זיי אָנגעהויבן אַ קאַמף אין די פלאַנקן און געשאַפן קעסלען... גאַנצע סאָוויעטישע אַרמייען פאַלן אַריין אין דייטשער געפאַנגענשאַפט. אין יאָר 1942 איז אַרומגערינגלט געוואָרן די אַרמיי פון גענעראַל אַנדרעי וולאַסאָוו, וועלכער האָט פאַראַטן זיין היימלאַנד זיך געשטעלט אין דינסט פון היטלערן, קעגן די סאָוויעטן.

אונטער דער אָנפירונג פון דייטשע אָפיצירן זענען אָרגאַניזירט געוואָרן פאַרשידענע מיליטערישע אָפטיילונגען, וועלכע האָבן געטראָגן דעם נאָמען ר. אָ. אַ. רוסישע באַפרייונגס־אַרמיי). די דאָזיקע אָפטיילונגען האָט מען געשיקט אויף די שווערסטע פראָנט־אָפשניטן.

דער אוקראַינישער נאַציאָנאַליסטישער פירער סטעפּאַן באַנדערע האָט אָרגאַניזירט אַן אוקראַיִנישן באַטאַליאָן. די „עס. עס־האַליטשינאַ" אָדער „עס. עס.־גאַליציען", וועלכע זענען פון די ערשטע געקומען אויפן סאָוויעטישן פראָנט. אויך דער גענעראַל פראַנקאָ האָט געשיקט פון שפּאַניע, די פרייוויליקע „בלויע דיוויזיע" אויף מזרח, צו העלפן היטלערן. פרייוויליקע זענען געקומען פון אַ סך אַנדערע לענדער, כדי צו העלפן דעם ברוינעם פאַשיזם. די יידישע יוגנט איז אָבער געווען פעסט אַנטשלאָסן צו קעמפן אין די רייען פון דער „רויטער אַרמיי", זעענדיק אין איר דעם איינציקן כוח און די האָפענונג צו באַזיגן די היטלעריסטישע רוצחים.

יעדע איינהייט האָט אָנגעהויבן עוואַקואירן וויכטיקע מאַשינען, פאַר־ברענען דאָקומענטן. גלייכצייטיק זענען באַשטימט געוואָרן אויסגעשולטע מענטשן צו פאַרבלייבן אויף די ערטער כדי אויסצופירן סאַבאָטאַזש־אַקטן און דיווערסיע־אַרבעט אין רוקן פונעם שונא.

דער 281־טער אינפאַנטעריע־רעגימענט האָט געהאַט די אויפגאַבע, נאָך

דעם אַריבערגיין אויף דער צווייטער זייט פון טייך דניעפּר אויפצורייסן די צוויי בריקן...

צום באַדויערן זענען די דייטשן מיט זייערע פליִער געווען שנעלער. פונקט דעמאָלט ווען די אַרמיי האָט געהאַלטן ביים אַריבערגיין די בריק, זענען אָנגעפלויגן די דייטשע קאַמפּס־עראָפּלאַנען און ס'האָט זיך דער־הערט דאָס קראַכן פון אויפגעריסענע באָמבעס. דער שווערער שטאָלענער בנין פון דער בריק האָט זיך אויפגעהויבן אין דער לופטן אויך פון די אייגענע אונטערגעלייגטע מינעס. ער האָט זיך צעוויגט, איינגעבראָכן און איינגעזונקען. און ס'האָט זיך נאָך געהערט אַ פאַרשטיקט דונערן, וואָס האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דעם קנאַקן פון די געבראָכענע מעטאַלענע שינעס.

דאָס פייפן פון די עראָפּלאַנען און פּלאַצן פון די באָמבעס האָט פאַר־הילכט די לופט, ביז צו פאַרטויבונג. טיילן פון מענטשלעכע קערפּערס, שטיקער פון קאַנאָנען, צעריסענע מונדירן, פערד און וועגענער האָבן זיך געטראָגן הויך אין דער לופטן, אַריינפאַלנדיק שפּעטער אין די נורטן פון דעם ברייטן רוסישן טייך.

— פייער! פייער! האָבן זיך געהערט באַפעלן — און זיך אויסגעמישט מיט דעם קרעכצן פון די פאַרוווּנדעטע און גוססנדיקע זעלנער...

די געראַטעוועטע פון דער שווערער קאַטאַסטראָפע זעלנער פון 281 אינפאַנטעריע־רעגימענט, האָבן גענומען ציִען אין דער ריכטונג פון ראָסטאָוו.

ס'איז אַ טריבער טאָג געווען ווי ביי יעדן אויפן האַרצן. אַ טויט־שטילקייט האָט באַגלייט די מאַרשירנדיקע אָפּטיילונגען. דאָרפישע פרויען האָבן מיט טרערן אין די אויגן זיי באַגלייט און זייערע בליקן האָבן געפרעגט — מיט וועמען לאָזט איר אונדז דאָ איבער?...

ס'איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט, ווו נישט ווו האָבן זיך אויף דעם פאַרוואָלקנטן הימל באַוויזן עטלעכע שטערן. אברהם האָט געשפּאַנט ביי דער זייט פון זיין ברודער און מעכאַניש האָט ער געשלעפּט זיינע פיס אין דער בלאָטע, ווי דאָס וואָלט אים שוין גאָרנישט געאַרט. ער האָט שוין אויך פאַרלוירןביידע וויקל־קאַמאַשן און די הויזן פאַרבונדן מיט שטריקלעך. ער גייט מיט אַ שווער אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און זיינע געדאַנקען זענען איצט ווייט... גאָר ווייט... דאָרטן ביים דניעפּר... אין זיינע אויערן בוירעט דער רעש פון די כוואַליעס, וואָס שלאָגן איינע אויף דער אַנדערער, צעשוימט און צעשפּריצט ווי ווייס פייער... דאָרט האָט ער איבערגעלאָזט זיינע חברים... ער זעט זיי ווי זיי טרענקען זיך און קאָן זיי נישט ראַטעווען... זיי מיט וועלכע

ODPIS

Zaswiadczenie : Niniejszym zaświadczam się ,że Kryszer Roman na kursach Oficerskich zdał egzamin na radistę 3 klasy.Dowódca kursów Oficerskich, płk.Janiszewski: podis nieczytelny.Szef Wydz. Wyszk.por.Jarmołkiewicz:podpis nieczytelny.dnia 10.1.1945r. Pieczęć okrągła z godłem państwowym Wojsko Polskie Poczta Polowa Nr13596.

WOJSKO POLSKIE ... JEDNOSTKA WOJSKOWA NR 23...

Za zgodność Oficer Ewidencji.

...iński ,chorąży.

אַ באַשטעטיקונג, דאָס אברהם קרישער פסעוודאָנים ראָמאַן האָט געענדיקט די אָפיצירן־שולע

ער האָט נאָך נישט לאַנג געשלאָגן דעם דייטשן דעסאַנט... זיי זענען שוין מער נישטאָ...

☆

אין שטעטל פּאַצינסק נישט ווייט פון ראָסטאָוו האָט מען דורכגעפירט די רעאָרגאַניזאַציע פון די צעשלאָגענע אַרמייען. אברהם און חיים קרישער זענען צוגעטיילט געוואָרן צום 981 פולק אינפאַנטעריע. אָבער גראָד דעמאָלט איז געקומען דער טרויעריקער באַפעל פון סטאַלינען, וועגן אומצוטרוי צו די מענטשן פון די נייע געביטן און באַזייטיקן זיי פון דער אַרמיי...

אָן געווער, נע ונד אין אָפּגעריסענע מונדירן, דערשלאָגן זיך די צוויי וואָגלער צו דער טאַטאַרישער רעפּובליק, אין די וועלדער לעבן קאַזאַן, צו א „טרוד־באַטאַליאָן" צו פאַרריכטן טאַנקען.

אין דעם אָרומיקן טיפן זומפּ פון געפאַלנקייט און פאַרביטערונג — פילנדיק זיך ווי מענטשן פון צווייטן ראַנג, גיבן זיי זיך נישט אונטער. זייער נקמה־געפיל צום דייטשן אכזר לעשט זיך נישט אויס.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז דערגאַנגען צו זיי די ידיעה, וועגן אָרגאַניזירן אַ פּוילישע אַרמיי אויף דער סאָוויעטישער ערד, און שוין אין מאַי 1943, מעלדן זיי זיך ווידער צו דער קאָמיסיע אין שיעלץ און אברהם און חיים קרישער ווערן צוגעטיילט צום ערשטן פולק לייכטער אַרטילעריע.

אין די רייען פון דעם פולק נעמען זיי אָנטייל אין היסטאָרישן קאַמף ביי לעני נאָ און שפּעטער ווערן זיי איבערגעשיקט צו דעם אַנטשטאַנענעם דעם 18 אָקטאָבער „שטורעם־באַטאַליאָן", אונטער דער אָנפירונג פון פולקאָווניק הענריק טאָרונטשיק.

אַ נישט געלונגענער פּלי

אין שטורעם־באַטאַליאָן האָט דער פּאַראַשוטיסט אברהם קרישער־ראָמאַן געטראָפן אַ גרויסע צאָל יידישע זעלנער, דערפאַרענע אין שלאַכטן אויף פאַרשידענע אָפּשניטן. אַ סך זענען אויך געווען פון פוילן, וועלכע האָבן אָנטייל גענומען אין דער מלחמה קעגן די דייטשן אין 1939. אַלע האָבן זיך גלייך אינטערעסירט מיט דעם ניי געקומענעם, געהאַפּט געוואָר צו ווערן עפּעס נייעס, וועגן די געשעענישן, וועגן דער היים און זיך דער־וויסן וואָס, וועגן אייגענע... טאַטע־מאַמע, ברידער, שוועסטער, גוטע פריינד, וואָס איז מיט זיי? וווהין האָט דער גורל זיי פאַרטראָגן? פון דער היים זאָפּן זיך דורך אין די צייטונגען פאַרנעפּלטע ידיעות, וועגן דעם ברענענ־דיקן קראַטער, וואָס האָט זיך מוראדיק צעפּראַלט און שלינגט איין די פוילישע יידן... טיף אין האַרצן האָט יעדן גענאָגט אַזאַ מאָדנע בענקשאַפט, צו די יידישע, פוילישע שטעטלעך, ביי אַ סך אַפילו נישט גלויביקע איז געשטאַנען פאַר די אויגן די שיל, ווו ער איז אַלס קליין ייִנגל געשטאַנען ביי דער זייט פון זיין טאַטן און מיט התלהבות געדאַוונט. מ'האָט נאָך אַ מאָל געוואָלט זען די יידן מיט די לאַנגע קאַפּאָטעס און קליינע רונדע היטעלעך אויפן שפּיץ קאָפּ, די ערלעכע יידישע וואַסערטרעגער, מיט שווערע שטיוול און ברייטע אַרבע כנפות און ציצית ביז צו די קני. — דאָס אַלץ איז איצט געוואָרן אַזוי נאָענט, אַזוי טיף איינגעבאַקן אין האַרצן, אַזוי טייער. —

— איינגעקריצט שטאַרק אין מיין זכרון האָבן זיך — האָט געזאָגט אברהם — אַזעלכע פּאַראַשוטיסטן ווי: יעקב קאַפּלאַן, זלמן ביאַלאָסטאָצקי, קישיעל, סטאַניסלאַוו סאַוויצקי־שווינגער, דער שפּעטערדיקער העלד פון ראַטנפאַרבאַנד — גענעראַל יולעק היבנער און זיין ברודער יוזעק, גלאַנץ, פּסעוודאָנים ראַוויטש, יאַסל קראַטקאָ, שפּיגלער, דער לעמבערגער בחור — מענטש, זאובערמאַן, ציעכאַנאָוויצקי פון וואַרשע, און אַנדערע. אַלע האָבן מיך אַרומגערינגלט, ווי איך וואָלט געווען אַ שליח פון יענע ווייטע מקומות.

אַלע האָבן זיך געפילט ווי איין גרויסע משפּחה. מעגלעך דערפאַר, וואָס אויף יעדן האָט געלויערט דער זעלבער גורל, די זעלבע געפאַר, אָדער

גאָר דערפאַר ווייל אונדז האָט פּאַראייניקט איין פּינטעלע — דאָס „פּינטעלע ייד".

דער „שטורעם־באַטאַליאָן" האָט זיך געטיילט אין אַכט שולונגס־קאָמפּאַניעס:

אַ „ראַדיאָ און טעלעגראַפיסטן־קאָמפּאַניע". פון דער שולע זענען געקומען די שפּעטערדיקע ראַדיסטן און שיפראַנטן אין די פּאַרטיזאַנישע באַזעס.

אַן „אויסשפּיר־קאָמפּאַניע" — מיט וועלכער ס'האָט אָנגעפירט דער פּראָפעסאָר פּאַרנאַס און דער פּולקאָווניק יוזעף טשאַפּליצקי־קורץ.

אַ „סאַפּערן און מינירער־קאָמפּאַניע".

אַן „אָפיצירן־קאָמפּאַניע" — וווּ מען האָט געלערנט אָנפירן מיט גרופּן פּאַרטיזאַנער און באַנוצן זיך מיט פאַרשידן געווער — אייגנס און פרעמדס.

נישט קיין קליינע ראָלע האָט געשפּילט די גרופּע פאַלשירעם־צוזאַמענלייגער. זייער שווער זענען געווען די איבונגען, ביים שפּרינגען מיט דעם פאַלשירעם. דער אינסטרוקטאָר איז געווען דער וועלטבאַרימטער מייסטער אין פאַלשירעם־שפּרונג, דער אַרמענער אַמיטאַיעוו.

ס'איז געווען אַ קאַדרען־לייטער. די פונקציע האָט אויסגעפירט דער חבר דאַניעל קראַוס.

דער אַדמיניסטראַטיווער און קוואַטיר־לייטער איז געווען, דער פּאַראַשוטיסט, דער שפּעטערדיקער פּולקאָווניק אין דער פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג אויף דעם נאָמען פון וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ — יוזעק קראַקאָווסקי.

אברהם קרישער־ראָמאַן ווערט צוגעטיילט צו דער „ראַדיאָ און טעלעגראַפיסטן קאָמפּאַניע". דאָרט האָט געהאַלטן פאָרטראַגן די פּרוי אינזשיניער אַננאַ מעקלער. דער אָנפירער איז געווען אין דער דאָזיקער קאָמפּאַניע דער באַגאַבטער פּראָפעסאָר פּאַוועל שולקין.

ווי ס'האָט דערציילט דער לייטער פון „שטורעם־באַטאַליאָן" דער פּולקאָווניק העניריק טאַרונטשיק איז אברהם קרישער געווען איינער פון די פלייסיקסטע שילער. טאַקע דערפאַר איז ער אַ סך פריִער ווי אַנדערע אַרויפגענומען געוואָרן אויף דער ליסטע, אַראָפּגעוואָרפן צו ווערן, אין רוקן פון שונא...

דאָס איז געווען סוף מאַי 1944. מיט אַ גרופּע פון דרייצן מאַן — אַלע אין פּולן ריסטונג, זענען געשטאַנען גרייט צום אָפּפליִען, אין דעם באַזעצטן געביט, צו די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען.

געזעגנט פון דער אָנפירונג און חברים, די לעצטע בליקן דורך די פענצטערלעך און די מאַשין שוועבט אין דער לופטן...

אין מאַשין האָט אברהם זיך פאַרגעשטעלט ווי עס וועט אויסזען די באַגעגעניש מיט זיין ברודער חיים. זיין ברוסט איז פיל געווען מיט עפּעס אַן אינערלעכער בענקשאַפט און פרייד, מיט וואָס ער האָט זיך ממש אויס־געטיילט פון דער גאַנצער מאַנשאַפט אין עראָפּלאַן. ער איז געווען אַזוי באַרוישט פון פלעגער און פון קאַמפּס־גרייטקייט, אַז ער האָט אפילו נישט באַמערקט די פּלוצעמדיקע נערוועזע שטימונג און אַנגעשטרענגטקייט פון זיינע חברים. דער עראָפּלאַן איז אויפגענומען געוואָרן מיט אַ פייער פון דער דייטשער זעניט־אַרטילעריע. דער עראָפּלאַן האָט אַזוי געקרייזט צווישן לעבן און טויט. יעדע סעקונדע, יעדע רגע האָט זיך געצויגן ווי אַן אייביקייט.

ענדלעך זענען זיי שוין ביים ציל — און ווידער אַן איבערראַשונג — די סיגנאַלן זענען נישט די, וועלכע דאַרפן זיין. — די פייערלעך, די אויס־געלייגטע בוכשטאַבן זענען גאַנץ אַנדערע, נישט לויט דעם אָפּגערעדטן שיפער... נישט אַנדערש אַז דאָס איז אַ דייטשע נעץ זיי צו פאַנגען, האָבן אַלע געקלערט. און מ׳האָט באַשלאָסן צו פליִען צוריק צו דער באַזע — קיין שפּאַניע.

אין אַ געדריקטער שטימונג האָבן זיי באַגעגנט די מיט גרויס אומ־געדולד וואַרטנדיקע אויף זיי חברים, וועלכע האָבן זיך דערוווּסט, וועגן זייער נישט געלונגענעם פלי, צו די פּאַרטיזאַנער.

אָבער גלייך דעם זעלבן טאָג איז געקומען אַ שיפרירטע מעלדונג, אין וועלכער ס׳איז געווען אָנגעגעבן — אַז די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונג אונטער דער אָנפירונג פון מאיאָר „קלים״, צו וועלכער זיי זענען געווען באַשטימט צו פליִען אַלס אינסטרוקטאָרן, איז געוואָרן אַרומגערינגלט פון גרויסע מיליטערישע אָפּטיילונגען, דייטשן, אוקראַיִנער און זשאַנדאַרמעריע — און נאָך אַ שווערן קאַמף האָבן זיי זיך געמוזט צוריקציִען, אין דער ריכטונג פון די יאַנאָווער וועלדער.

אין דער שפּעטערדיקער מעלדונג צום פּאַרטיזאַנער שטאַב אין שפּאַניע ווו ראָמאַן האָט איצט געאַרבעט, זענען געווען אָנגעגעבן די פאַרלוסטן פון די פּאַרטיזאַנער אין טויטע און פאַרוווּנדעטע. צווישן אַנדערע איז אויך געווען דער נאָמען פון זיין ברודער חיים.

צו זייער פריידיקער איבערראַשונג, האָט דער מיאַיאָר אברהם קרישער־ראָמאַן, שוין אין באַפרייטן פוילן זיך ווידער געטראָפן מיט דעם אויפגע־שטאַנענעם „תחית־המתים״ ברודער — און ביידע האָבן באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די גרענעצן פון פוילן און מיט זייערע משפחות זיך באַזעצן אין מדינת ישראל.



POLSKA RZECZPOSPOLITA
LUDOWA

LEGITYMACJA

Nr 478818

WARSZAWA

dn. 22 lipca 1955 r

UCHWAŁĄ RADY PAŃSTWA

odznaczony (a) został (a)

Ob. mjr KRYSZER
Roman s. Franciszka

MEDALEM
10-LECIA POLSKI LUDOWEJ

SEKRETARZ
RADY PAŃSTWA

(Marian Rybicki)

די אויסצייכנונג פון אברהם קרישער פסעוו. ראָמאַן מיט דעם מעדאַל — 10 יאָר פאָלקס פוילן.

אויפן לענינגראַדער פראָנט

דערציילט פון פּאַראַשוטיסט
מאַיאָר מענדל שווינגער, פּסעוודאָנים „סטאַניסלאַוו סאַוויצקי"

מענדל שווינגער איז דערצויגן געוואָרן אין אַ יידישער סאָציאַליס־טישער סביבה. דער טאַטע בערנאַרד, אַ שניידער־אַרבעטער איז געווען אַן אַקטיווער מיטגליד אין „בונד". אין די וועגן פון טאַטן איז געגאַנגען אויך מענדל, וועלכער איז פרי אָנגעקומען אין דער אָרגאַניזאַציע פון יוגנט־בונד „צוקונפט".

מענדל שווינגער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1922 אין מישקאָלץ, אונגאַרן. דאָס איז געווען איינע פון די גרעסטע שטעט אין צפון פונעם לאַנד, מיט אַ גוט אַנטוויקלטער אין יענער צייט ,אינדוסטריע.

דאָס יאָר ווען אין לאַנד האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ פאַרביסענער קאַמף פון די אָנהענגער פון דער ראַטנמאַכט אין אונגאַרן, מיט דעם פאַשיסטישן לאַגער, מיט וועלכן ס'האָט אָנגעפירט דער טרויעריק־אַקאַנטער יידן־פרע־סער, גיאולא געמבעש, דער זעלבער וועלכער איז אין די יאָרן 1932—1936 געווען דער פּרעמיער־מיניסטער און געפירט אַ פּאָליטיק פון צוזאַמענ־אַרבעט מיט היטלער־דייטשלאַנד און פאַשיסטישן איטאַליע פון מוסאָליני.

גלייך נאָכן צוזאַמענבראָך פון דער רעוואָלוציאָנערער מאַכט, אין וועמענס שפּיץ ס'איז געשטאַנען דער באַוווּסטער קאָמוניסטישער פירער און אָרגאַניזאַטאָר פון דער ראַטנמאַכט אין אונגאַרן — בעלאַ קון, (אין די טרויעריקע מאָסקווער פּראָצעסן אַ פאַראורטיילטער צום טויט און אויך דערשאָסן געוואָרן) האָט געמבעש גענומען אָרגאַניזירן קאָנצענטראַציע־לאַגערן פאַר אויסלענדער און זיי גענומען אויסזידלען. אין דער ערשטער ריי האָט דאָס געטראָפן יידן. בערנאַרד שווינגער אַלס אָפּשטאַמיקער פון פּוילן, איז אין יאָר 1923 מיט זיין משפּחה איבערגעוויזן געוואָרן צוריק אין זיין פריערדיקער היים — קיין פּוילן.

די עלטערן מיט זייער יונגערן זון מענדל קומען קיין ניי־סאַנטש. דער עלטערער זון טיבאָר, פאַרבלייבט אין אונגאַרן, ביי די עלטערן פון דער מוטער. אין פיר יאָר שפּעטער ציט די משפּחה שווינגער זיך אַריבער ווייטער, קיין טאַרנאָוו.

עס זיצן פון לינקס : מאַיאָר מענדל שווינגער פסעוודאָנים סטאַניסלאַוו סאָוויצקי, פּולקאָווניק בראָניאַטאָווסקי, די פרוי בראָניאַטאָווסקי, קאַפּיטאַן ביעזשווינסקי, און די פרוי פון מענדל שוויגער

אויך דאָ האָבן זיי לאַנג קיין רו נישט געהאַט. ס'איז דער טרויעריקער סעפּטעמבער פון 1939. היטלעריסטישע מחנות באַפאַלן פּוילן. די משפּחה שווינגער ווערט נאָך אַ מאָל צעטיילט. מענדל מיט זיין יונגערן ברודער ירוחם־ראַמאַן האָבן פאַרלאָזט זייער היים און אַנטלאָפן, דאָס מאָל פון די נאַציס. נאָך אַ לאַנגן וואַנגן וואַנדערן און פאַרשידענע שטרויכלונגען מצד די היטלעריסטן זענען זיי אַריבער די סאָוויעטישע גרענעץ און געקומען קיין יעלאַבוגאַ — טאַטרישע אויטאָנאָמישע רעפּובליק.

דאָ אין דעם פרעמדן לאַנד, מיט אַ פרעמדער שפּראַך, מיט פרעמדע זיטן און קולטור, האָבן זיי זיך געמוזט נעמען צו פאַרשידענע אַרבעטן, כדי זיך צו קענען דערהאַלטןביים לעבן. מענדל איז געוואָרן אַ טרעגער, שפּעטער איז אים געלונגען צו געפינען אַן אַרבעט אַלס טראַקטאָרשיסט. די ברידער מענדל און ירוחם נעמען אַלץ אָן פאַר ליב. זיי זענען אָבער באַאומרויִקט פון די נייעסן וואָס קומען אָן פון פּוילן, ווו זיי האָבן איבער־געלאָזט טאַטע־מאַמע און יונגערע ברידער.

צוליב דער פריינדשאַפט פון היטלערן מיט סטאַלינען, זענען די נאַכ־ריכטן אין די צייטונגען שטאַרק באַשרענקט און געבן נישט איבער דאָס בילד וועגן די גוואַלדטאַטן אין פּוילן און וועגן די אכזריותן איבער דער יידישער באַפעלקערונג. אַזוי זענען געפלאָסן שווערע און ביטערע טעג, ענדלאָזע וואָכן און חדשים. אָבער דאָס וואָס דער שיקזאַל וועט נאָך ברענגען האָבן זיי זיךביידע נישט פאַרגעשטעלט...

היטלער טרעט צו צו דער רעאַליזאַציע פון זיין פּלאַן „באַרבאַראָסאַ". די ראַדיאָ־הילכערס מעלדן, אַז היטלעריסטישע עראָפּלאַנען שפּאַצירן אין די סאָוויעטישע הימלען. די הערער אַרום די הילכערס זענען געוואָרן אַזוי איבערראַשט, אַז מען איז געבליבן שטיין ווי געליימטע. די באַוועגונג, די מענטשן, די מאַשינען, אַלץ איז מיט אַ מאָל ווי אָפּגעשטאָרבן. די צווייטע מעלדונג איז געווען, נאָך מער טרויעריק: מאָטאָריזירטע דייטשע אָפּטיי־לונגען זענען אַריבער די סאָוויעטישע גרענעצן. לעמבערג און אַ סך אַנדערע שטעט זענען געוואָרן באָמבאַרדירט.

— צי איז דאָס מעגלעך? — האָבן מענטשן זיך געפרעגט. צי איז דאָס נישט אַ קאָשמאַרער חלום? יעדער האָט געוואַרט אויף אַן ענטפער פון זיין שכן, פון זיין פריינד, פון זיין חבר ביי דער אַרבעט. און קיין ענטפער איז נישט געקומען. אַלע זענען געווען דערשלאָגן, קיין דערקלע־רונג צו דעם וויסטן חלום נישט געוווּסט.

— צי האָט סטאַלין נישט געוווּסט וועגן היטלערס מלחמה־צוגרייטונ־

גען? און אויב יאָ, אויף וואָס האָט ער אויסגערעכנט? ווו זענען אונדזערע רומפולע פליערס? אונדזער רומרייכע רויטע אַרמיי, וועגן וועמעס מעכ־טיקייט און אומבאַזיגבאַרקייט מ׳האָט אַזויפיל לידער געזונגען און לעגענ־דעס? אַלץ האָט געשוויגן. מיסתּם ווייסט סטאַלין וואָס ער האָט צו טאָן, האָט מען געטראַכט.

דער אָרעאָל אַרום דעם אַלץ וויסנדיקן סטאַלין איז געווען אַזוי גרויס, אַז קיינער האָט נישט געוואָגט נישט נאָר אַן אומווערדיק וואָרט אַרויס־צוזאָגן אויף זיין חשבון, נאָר אַפילו אַ מחשבה אַזאַ נישט דערלאָזט. נאָר אין האַרץ האָט גענאָגט און עפּעס אַ מאָדנע ווייטיק האָט אָנגעהויבן עקבערן אין געדאַנק. עס זענען אויפגעשווימען די קאָשמאַרע מאָסקווער פּראָצעסן. דאָס מכשפה־געיעג נאָך טראָצקיסטן און אַלערליי פאָלקס־שונאים, די טויט־אורטיילן, פאַרשיקונגען קיין סיביר, אין די לאַגערן, די בעסטע מענטשן און צווישן זיי אויך מיליטערישע פירער און סטראַטעגן, אַנט־קעפנדיק אויף אַזאַ מין אופן די אַרמיי וועלכע קען זיך אַצינד קיין עצה נישט געבן קעגן אַ מעכטיקן שונא.

אַ זייער געדריקטע שטימונג איז געווען ביי דער יידישער באַפעלקע־רונג, איבערהויפּט ביי די אַלע, וועלכע האָבן געזען די גרוילטאָטן פון די נאַציס בעת זייער אַריינמאַרש קיין פוילן.

הויכע מיליטערלייט האָבן גענומען עוואַקוירן זייערע פרויען און קינדער ווייטער אויף מזרח...

בחיפזון איז דורכגעפירט געוואָרן אַ מאָביליזאַציע. אַ סך האָבן זיך געמאָלדן פרייוויליק, נישט וואַרטנדיק אויף קיין אַרויסרוף. מענדל און ירוחם האָבן נישט געוואָלט בלייבן אין דער זייט פון דעם גרויסן געראַנגל מיט דעם ברוינעם עמלק, דעם גרעסטן שונא פון זייער פאָלק. ביידע האָבן זיך געשטעלט אין דינסט פון דער רויטער אַרמיי.

ירוחם שווינגער איז אָנגעקומען אין דער 63־טער דיוויזיע ווי אַ שאָפער. מענדל איז צוגעטיילט געוואָרן צו אַן אַרבעט־באַטאַליאָן און גע־שיקט געוואָרן צו בויען באַפעסטיקונגען, ביי דער הויפּט־שטאָט פון דער טאָטאַרישער רעפּובליק — קאַזאַן.

פון די פראָנטן זענען געקומען אַלץ שלעכטע ידיעות. די רויטע אַרמיי האָט נישט אויפגעהערט זיך צוריקציען. די דייטשן זענען שוין טיף אַריינ־געדרינגען אין סאָוויעטישן לאַנד. דאָ און דאָרט זענען איבערגעגעבן מעל־דונגען, וועגן קאַמפן מיט די דייטשע דעסאַנטן, וועלכע באַקומען אונטער־שטיצונג פון דער אָרטיקער ציווילער באַפעלקערונג. אין די רייען פון דער

רויטער אַרמיי מערן זיך פּאַקטן פון דעזערציע, איבערהויפּט פון אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן, וועלכע נעמען מיט אויך דאָס געווער. צו זיי זענען שוין דערגאַנגען די צוזאָגן פון היטלערן, וועגן אויפשטעלן אַ זעלבסט־שטענדיקע אוקראַיִנישע מלוכה — אַ סאַמאָסטינע אוקראַיִנע. זיי וואַרטן נאָר אויף אַ געלעגנהייט זיך אַנצושליסן אין דער אַנטשטאַנענער אין דער זייט פון דייטשלאַנד אוקראַיִנישער אַרמיי — עס. עס. האַליטשינאַ.

די דייטשן זענען צוגעטרעטן צו אַ נייער מיליטערישער טאַקטיק: אָנגרייפן פון די פלאַנקן און נעמען די אָפּגעריסענע סאָוויעטישע אָפּטיי־לונגען אין קעסלען, שפּעטער אין געפאַנגענשאַפט און זיי פאַרניכטן.

אויף די 63־טע אינפאַנטעריע־דיוויזיע, אין וועלכער ס'האָט זיך געפינען ירוחם שווינגער־ראַמאַן, איז 47 טאָג געווען אין אַזאַ אַרומרינגלונג און נישט געקאַנט דורכברעכן די היטלעריסטישע מויער. ירוחם איז געלעגן אין אַ פעלד־שפּיטאָל אַ פאַרוווּנדעטער.

דאָס איז שוין פעברואַר 1942. די לאַגע איז געווען אַ שווערע. ס'האָבן געפעלט לעבנסמיטל, באַנדאַזשן, מעדיקאַמענטן. טראָץ אַלעם איז דער קאַמפּס־מוט פון די זעלנער נישט געפאַלן. די שלאַכטן זענען געווען פאַר־ביסענע, פון ביידע זייטן. מיט דעם אונטערשיד, וואָס די דייטשן האָבן יעדעס מאָל באַקומען פאַרשטאַרקונג פון פרייוויליקע אָפּטיילונגען פון דער איטאַליענישער אַרמיי, פון אונגאַרן, פון דער עס. עס. גאַליציען, פון שפּאַניע און אַנדערע פאַרבינדעטע פון היטלער־דייטשלאַנד.

דאַקעגן רוסלאַנד איז געווען אַליין. די צוזאָגן פונעם מערב, וועגן עפענען אַ צווייטן פראָנט כדי אַרויסצוהעלפן די סאָוויעטן אין פאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד האָט מען אָפּגעשלעפּט אָן אַ סוף. ענגלאַנד אַזוי ווי אַמעריקע האָט געוואַרט, אַז ביידע, רוסלאַנד ווי דייטשלאַנד זאָלן אָפּגיין מיט בלוט, אָפּגעשוואַכט ווערן און דעמאָלט וועלן זיי באַקומען דעם שליסל פונעם זיג אין זייערע הענט.

די איינציקע פאַרבינדעטע פון די סאָוויעטן זענען געווען די פּאַרטי־זאַנער און די אונטערגרונט־באַוועגונג אויף די באַזעצטע געביטן. די די־ווערסיע און מינערישע אַרבעט האָבן אין אַ גרויסער מאָס געשטערט דאָס ליפערן אַמוניציע פאַר דעם פראָנט, לעבנסמיטל, און שוין דאָס וויכטיק־סטע — אַראָפּוואַרפן פון די רעלסן צוגן מיט מיליטער צום פראָנט, און מיט פאַרוווּנדעטע צוריק קיין דייטשלאַנד. די דיווערסיע־אַקטן פון די פּאַרטיזאַנער האָבן געשאַפן אַ גוואַלדיקע אומזיכערקייט ביים דייטשן זעלנער, געבראָכן זיין מאָראַל, אַפילו אין הינטערלאַנד. ס'האָבן אים באַ־

הערשט אַן אימה, ער האָט נישט געוווּסט ווען און ווו עס לויערט אויף אים די נקמה. די פּאַרטיזאַנישע לאָזונג „דער היטלעריסט מוז פילן אויף יעדן שריט און פּלאַץ זיין קבר" — איז געוואָרן אַ ווירקלעכקייט...

אין דער צייט איז שוין מענדל שווינגער מאָביליזירט געווען אין דער אַרמיי און אַרויסגעשיקט אויפן פראָנט־אָפּשניט פון באַלאַגאָיע, קאַלינינסקער געביט. שפּעטער האָט מען אים שנעל אַריבערגעוואָרפן אויפן לענינגראַדער פראָנט, ווו עס זענען אָנגעגאַנגען בלוטיקע שלאַכטן מיט דייטשע און פינלענדישע מאָטאָריזירטע כוחות, וועלכע האָבן געהאַלטן די שטאָט אין אַ בלאָקאַדע זייט סעפּטעמבער 1941. דער איינציקער צוגאַנג צו דער שטאָט, כדי צו באַזאָרגן זי מיט די נייטיקסטע לעבנסמיטל, איז געבליבן די לאַדאָגאַ־אָזיערע. ס'איז ווערט אונטערצושטרייכן, אַז אין די שווערע באַדינגונגען האָט די העלדישע לענינגראַד אויסגעהאַלטן ניין הונדערט טעג.

אין די קאַמפן מיט די פאַשיסטישע בלאָקאַדע־אַרמייען, איז מענדל שווינגער שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן.

אין קאַמף מיט די באַנדעס פון „אופּא"

סוף מערץ 1944 איז מענדל שווינגער פסעוודאָנים סטאַניסלאַוו סאַ־וויצקי, באַפרייט געוואָרן פונעם שפּיטאָל און צוגעטיילט געוואָרן צו דער אָרגאַניזירטער פּוילישער אַרמיי, אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל זיגמונט בערלינג. פאַר מענדלען האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע ערע. ער ווערט געשיקט אויף אַ קורס פון פאַראַשוטיסטן, ווי אַ זעלנער פון דער דריטער אָפּטיילונג אויפן נאָמען פון „ראָמואַלד טראַוגוט" מיטן ציל שפּעטער אַראָפּגעוואָרפן צו ווערן אין רוקן פון שונא, אין דער פונקציע פון אַן אָפיציר פון אויסשפּיר־דינסט.

אין דער צייט איז אין שפּאַנאָוו ביי ראָוונע אָרגאַניזירט געוואָרן אַ פּאַרטיזאַנישער שטאַב, אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל אַלעקסאַנדער זאַוואַדזקי, וועלכער האָט געדאַרפט קאָאָרדינירן די טעטיקייט פון אַלע פּאַרטיזאַנישע כוחות אויפן באַזעצטן פּוילישן געביט. אַהער זענען געקומען אינסטרוקטאָרן פונעם „שטורעם־באַטאַליאָן" געשיקטע פון דעם יידישן בחור פון וולאָצלאַוועק, פּולקאָווניק העניק טאַרונטשיק, וועלכע האָבן געדאַרפט צווישן אַנדערן אויך שולן קאַדרען צום קאַמף מיט די באַנדעס פון „אופּאַ". (אוקראַינישע אויפשטענדלערישע אַרמיי), וועלכע האָט זיך אָרגאַניזירט פון די צעפאַלנדיקע אָפּטיילונגען פון דער דיוויזיע עס. עס. האַליטשינאַ, וועלכע איז אונטערגעוואָרפן געווען דעם נאַציאָנאַליסטישן פירער אַנדרעי מעלניק.

אַ גרויסע קאַמפּס־טעטיקייט האָט דער שטאַב אויך אונטערגענומען מיט די רעשטלעך פון די צעשלאָגענע דייטשע אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן אַרומגעוואַנדערט אין די וועלדער און זיך געפּרוווט דערשלאָגן צו זייערע איינהייטן, ווי אויך מיט שטאַרקע מיליטערישע אָפּטיילונגען פון א.ק. (לאַנדס־אַרמיי) וועלכע זענען אונטערליגן דער פּוילישער צייטווייליקער רעגירונג אין לאָנדאָן.

אין דער צייט איז דער פּאַרטיזאַנער־שטאַב באַאויפטראָגט געוואָרן זיך אָפּצורעכנען מיט די אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטישע באַנדעס, די אַזוי גערופענע „באַנדעראָווצעס" אויפן נאָמען פון זייער פירער, דעם געוועזענעם פּרעמיער־מיניסטער פון דער אויפגעלייזטער שוין דעמאָלט פון היטלערן —

סאַמאָסטינע אוקראַינע, וועלכע האָבן פאַראורזאַכט דעם טויט פון דעם סאָוויעטישן גענעראַל ניקאָליי וואַטוטין.

מאַרשאַל זשוקאָוו דערציילט אין זיין בוך „זכרונות און רעפלעקסן" אַז וואַטוטין איז אַרויסגעפאָרן אויף אַן אינספּעקציע פון די כוחות פון דער 60־טער סאָוויעטישער אַרמיי. נישט ווייט פון אַ דאָרף האָט אויף די מאַשינען אין וועלכע עס זענען געפאָרן וואַטוטין און זיין שוץ זיך אַ שאָט געטאָן אַ האָגל פון קוילן, דורך אַ לויערנדיקער אוקראַינישער דיווערסיע־גרופּע. וואַטוטין און זיינע אָפיצירן זענען גלייך אַרויסגעשפּרונגען פון די מאַשינען און געעפנט אַ פייער. אין דעם צוזאַמענשטויס איז וואַטוטין שווער פאַר־וווּנדעט געוואָרן. ער איז שנעל איבערגעפירט געוואָרן אין אַ שפּיטאָל אין קיעוו. דעם 15 אַפּריל 1944 איז דער גענעראַל ניקאָליי וואַטוטין פון די וווּנדן געשטאָרבן.

אַ שטורעם־בריגאַדע, אין וועלכער ס'האָט זיך געפונען אויך מענדל־שווינגער־סאָוויצקי, איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אין דער געגנט פון סאַרנע, ראָוונע, אין דעם געביט פון טייך האָרין צום קאַמף מיט די דיווערסיע־גרופּן און איבערהויפּט מיט די פאַשיסטישע באַנדעס פון „אופּא".

מענדל האָט אָנטייל גענומען אין אַלע אַקציעס, קעגן די דערמאָנטע גרופּן, פאַר וועלכע ער איז באַלוינט געוואָרן מיט די העכסטע קאַמפס־אויסציי־כענונגען, פּוילישע און סאָוויעטישע.

אין באַפרייטן לובלין, האָט ער צוריק זיך אָנגעשלאָסן אין זיין איינהייט אין „שטורעם־באַטאַליאָן"...

ס'איז דעם 9־טער מאַי 1945. די מלחמה איז פאַרענדיקט. דאָס דריטע רייך האָט באַדינגונגסלאָז קאַפּיטולירט. אַלע ראַדיאָ הילכער האָבן איבער־געגעבן די פריידיקע נייעס, וועגן דעם זיג איבער דער ברוינער בעסטיע. אויף די גאַסן פון אַלע שטעט און דערפער האָבן געשפּילט אָרקעסטערס, מענטשן האָבן געזונגען און געטאַנצט, זיך געוואָרפן איינער דעם צווייטן אין די אָרעמס, זיך געקושט. אַ סך האָבן פאַר פרייד אויך געוויינט. —

מענדל שווינגער־סאָוויצקי איז אויך אַרויס אויף דער גאַס. ער האָט אויך געוואָלט זיך פרייען מיט אַלע צוליב דעם גרויסן יום טוב. ער האָט באַשלאָסן אריינצופאָרן קיין טאַרנאָוו, דאָרט וווּ ער האָט איבערגעלאָזט טאַטע־מאַמע און נאָך דריי יונגערע ברודער. —

אָבער מענדל האָט קיינעם נישט געטראָפן. זיי האָבן געטיילט דעם טראַגישן גורל פון אַלע פּוילישע יידן...

אין דייטשער געפאַנגענשאַפט

דערציילט פון דעם פּאַראַשוטיסט מאַיאָר דוד גרינבערג פּסעוו. יוזעף ווישניעווסקי

די צווייטע וועלט־מלחמה האָט דעם מאַיאָר דוד גרינבערג פּסעוודאָנים יוזעף ווישניעווסקי געטראָפן אַלס זעלנער אין פּוילישן 67־פּולק אינפאַנ־טעריע. גלייך ביים אָנהייב האָט ער זיך געפונען אויף די פאָדערשטע פראָנט־אָפּשניטן, פּנים אל פּנים מיט דייטשע מיליטערישע אָפּטיילונגען.

דער קאַמף, פאַרשטייט זיך, איז נישט געווען קיין גלייכער. פון איין זייט איז געשטאַנען אַ גוט אויסגעשולטע, דיסציפּלינירטע לויט דעם פּרייסישן מוסטער אַרמיי, אויסגעשטאַטעט מיט וואָפן פון דער נייסטער מיליטערישער טעכניק, און פון דער צווייטער זייט — אויסגעפּוצטע סאַנאַציישע־אָפיצירן אין מונדירן אין וועלכע זיי האָבן פּאַראַדירט איבער די וואַרשעווער גאַסן און ביי דער ערשטער בעסטער געלעגנהייט האָט אַ גרויסער טייל פון זיי פאַרלאָזט דאָס שלאַכט־פעלד, כדי צו ראַטעווען די אייגענע הויט. די נעכטיקע „העלדן" פון וואַרשעווער און לעמבערגער אוניווערסיטעט צו שפּאַלטן די קעפּ פון שוצלאָזע יידישע סטודענטן, האָבן שנעל זיך איבער־געטאָן אין ציווילע קליידער, און טיילמאָל אויך מיטגענומען דעם זשאָלד פון דעם פּראָסטן זעלנער און אויף מאָטאָציקלען ווי פּחדנים אַנטלאָפן פון דעם פראָנט.

דער קאַמפסגייסט ביי די פּאַטריאָטיש־געשטימטע זעלנער איז טראָץ אַלעם נישט געפאַלן. עס זענען געווען מאָמענטן ווען אָנפירער פון פּלוטאָנען אָדער דרוזשינעס האָבן גענומען די אָנפירונג איבער דער גאַנצער קאָמ־פּאַניע. און גרינבערג איז געווען אַן עדות ווי שוואַדראָנען פון קאַוואַלעריע מיט אַנטבלויזטע שווערדן, מיט אויסגעשרייען הוראַ! האָבן זיך געוואָרפן אויף אָנגרייפנדיקע דייטשע טאַנקן...

דעם 11־טן סעפּטעמבער איז פאָרגעקומען אַ קאַמף ביי קוטנע, מיט דייטשע מאָטאָריזירטע איינהייטן. די שלאַכט איז געווען אַ פאַרביסענע, פון ביידע זייטן. די זון האָט זיך שוין גענומען זעצן און דער קאַמף האָט זיך נישט איינגעשטילט. עס זענען געוואָרפן געוואָרן אַלץ נייע און נייע רעזערוון. די גאַנצע געגנט האָט געברענט. אין דער לופטן האָט זיך גענומען

דוד גרינבערג פסעוו. יוזעף ווישניעווסקי

קרייצן דאָס פייער פון דער אייגענער און פיינטלעכער אַרטילעריע. די מינען־וואַרפער האָבן געקלאַפּט, און זיך אָפּגערופן מיט אַ ווידערקול ווי באַגלייט מיט פויקן און ווערבלען. די קרוינען פון די ביימער זענען געפלויגן פון זייערע שטאַמען, ווי זאַנגען אונטער דער קאָסע פון שניטער. דער הימל איז געווען רויט פונעם פייער פון די ברענענדיקע דאָרפישע הייזלעך...

ביי יעדן אויפרייס פון אַ באָמבע, אַ מינע אָדער גראַנאַט, איז די לופט געוואָרן אויסגעשעפּט ווי מיט אַ פּאָמפּע... די פּוילישע רייען האָבן זיך געצעטלט, געוואָרן שיטערער. טראָץ אַלעם געלונגט זיי דורכצוברעכן די דייטשע ליניע.

דער אָנפירער פון דער גאַנצער אַרמיי אויף דעם פראָנט־אָפּשניט, גענעראַל וולאַדיסלאַוו באַרטנאָווסקי האָט באַפוילן אָנצוהייבן אַ ריקצוג אין דער ריכטונג צו דער הויפּטשטאָט.

פון אַלע זייטן זענען אָנגעקומען טרויעריקע ידיעות. די ידיעות זענען געגאַנגען פון מויל צו מויל, טייל מאָל אויך אין געהיים, מען זאָל נישט געשטעמפּלט ווערן ווי אַ פּאַניק־מאַכער... די זעלנער האָבן געוווּסט בלויז די אָפיציעלע מעלדונגען פון די צייטונגען, אין דער צייט ווען די היטלעריס־טישע האָרדעס זענען שוין געווען טיף אין הארץ פון פּוילישן לאַנד, האָט מען ערשט איבערגעגעבן אַז זיי זענען דאָ און דאָרט אַריבער די גרענעץ...

אויף דעם וועג האָבן די זעלנער געטראָפן מחנות עוואַקואירטע, יידן און קריסטן, וואָס האָבן פאַרלאָזט זייערע היימען, זייער האָב און גוטס, מיט־נעמענדיק נאָר דאָס נייטיקסטע און זיך געצויגן ווייט, אויף מזרח.

די אַזוי גערופענע „פינפטע קאָלומנע" „האָט אָנגעהויבן אויספירן פאַרשידענע סאַבאָטאַזש־אַקטן און דיווערסיעס, אויך אין די רייען פון דער אַרמיי. זעלנער פון דייטשער אָפּשטאַמונג האָבן אָנגעהויבן מאַסנווייז דעזער־טירן, מיטנעמענדיק מיט זיך דאָס געווער. — אויך די אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטן האָבן נאָכגעטאָן דעם ביישפּיל פון די „פאָלקס־דויטשן". זיי ווידער האָבן געגלויבט אין די צוזאָגן פון היטלערן אויסצוקעמפן פאַר זיי אַ „סאַמאָסטינע אוקראַינע" (זעלבשטענדיקע אוקראַינע).

אין די אויערן פון די זעלנער האָבן נאָך געקלינגען די באָמבאַסטישע רעדע פון פּוילישן מאַרשאַל, רידז שמיגלי — „מיר וועלן קיין קנאָפּ נישט אָפּגעבן"!... זיי האָבן געזען פאַר די אויגן די יונגע מיידלעך אין מונדירן פון „האַרצעזש" און „שטשעלעץ", וועלכע האָבן זיי באַגלייט צו דעם פראָנט, פאָכנדיק מיט זייערע קאָלירטע טיכלעך און אויסרופנדיק:

— מיר זענען מיט אייך! פאַרטיידיקט אונדזער פאָטערלאַנד! די גאַנצע

וועלט איז מיט אונדז. ענגלאַנד, פראַנקרייך, אַמעריקע, אַלע זענען מיט אונדז און וועלן העלפן. — מען כאַפּט די געוואָרפענע אין דער לופטן אויפרופן, וועלכע מען וועט שפּעטער שוין אין די פאַרלאָדענע פראַכט־וואַגאָנען לייענען...

אַלץ איז נאָך אַזוי פריש אין זכרון. דאָס גיט צו מוט, גלויבן און האָפנונג. — קליינע גרופּעס פון צעשפּליטערטע אַרמייען טוען ווייטער אַטאַקירן, אַ גרויסע צאָל יידישע זעלנער, צווישן וועלכע עס געפינט זיך אויך דער בחור פון דעם קליינעם יידישן שטעטל טאַרנאָגראַד — דוד גרינבערג...

צום ביטערן באַדויערן מוזן זיי אונטערליגן דער גוואַלדיקער מיליטעריִשער איבערמאַכט, אין אַ קאַמף ביי לוּיוויטש פאַלט דוד מיט נאָך טויזנטער פּוילישע זעלנער אַריין אין דייטשער געפאַנגענשאַפט...

☆

די לאַגע איז געווען אַן אויסזיכטסלאָזע. פאַרשפּאַרט אין געוועזענע מיליטערישע קאַזאַרמעס, ווערן זיי געהאַלטן עטלעכע טעג אין דאָרשט און אין הונגער. אַלע האָבן שוין אויסגעעקנדיקט די לעצטע רעזערוון פון צוקער, ברויט, סוכאַרן, אַפילו די אַזוי גערופענע „אייזערנע פּאָרציע" איז שוין אויך אויפגעגעסן.

ווען די נאַצי׳ס האָבן באַשלאָסן עפּעס צו געבן, איז דאָס געווען מיט דעם איינציקן ציל די מענטשן צו פּייניקן. מיט פאַרגעניגן האָבן די דייטשע סאַדיסטן זיך צוגעקוקט צו דעם גיריקן עסן פון דעם געזאַלצענעם הערינג וואָס די געפאַנגענע האָבן באַקומען. אַ הערינג אויף דריי מאַן, אָן אַ ביסל וואַסער...

דער דורשט האָט דערפירט ממש צו וואַנזין און די געפאַנגענע האָבן גענומען טרינקען דאָס גרינע וואַסער פון דער סאַזשלקע, אין וועלכער מ׳האָט פריִער געהאָדעוועט פיש פאַר דעם פּוילישן מיליטער.

די רעדלפירער אין דעם לאַגער מיט געפאַנגענע זענען געווען, די „פאָלקס דויטשן" און אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטן. דאָס איז געווען דער פּריווילעגירטער עלעמענט אויף יעדן געביט. זיי האָבן זיך געקאָנט גאַנץ פריי באַוועגן, אַפילו אַרויסגיין פון די קאַזאַרמעס אָן אַ באַוואַכונג.

דוד גרינבערג האָט שוין נישט קיין אילוזיעס, וועגן די היטלעריסטישע מאָרד־כוונות לגבי יידן און איבערהויפּט צו יידישע קריגס־געפאַנגענע. דוד

הייבט אָן צו קלערן וועגן אַ מעגלעכקייט פון דעם לאַגער צו אַנטלויפן. עס דויערט נישט לאַנג און אַזאַ געלעגנהייט איז געקומען...

פון אָ. ק. וו. (אָבערקאָמאַנדע דער ווערמאַכט) איז געקומען אַ באַפעל אַז אַלע קריגס געפאַנגענע פון דער פוילישער אַרמיי זאָל מען סיסטעמאַטיש איבערפירן אין געשאַפענע צו דעם צוועק אין רייך „סטאַלאַגן" (שטאַמ־לאַגערן) ווי מען וועט זיי קאָנען אויסנוצן אַלס אַרבעטס־כוח אין דער לאַנדווירטשאַפט ביי די פויערים, אין די פאַבריקן און אַנדערע נייטיקע אַרבעטן פאַר דער דייטשער ווירטשאַפט, אויפן אָרט פון די מאָביליזירטע דייטשע מענער פאַר דעם פראָנט.

די געפאַנגענע פון דעם לאַגער ווערן אַריבערגעפירט קיין זדונסקע־וואָלע, שפּעטער אויף דעם וועג אין דער ריכטונג פון לאָדזש. אויסנוצנדיק דאָס פאַרלאַנגזאַמערן פון לויפנדיקן צוג, דעצידירט זיך דוד צו אַ ריזיקאַלן שריט, וואָס איז פאַסיק פאַר יונגע דרייסטע מענטשן. ער שפּרינגט פון דעם פראַכט־וואַגאָן. זיין פאַרבינדעטער איז די פינצטערע נאַכט און דער שלאַגסרעגן — אַ וועטער ווען ס'איז ממש אַ זינד אַ הונט אַרויסצוטרייבן אויף דער גאַס...

דער קריגס־געפאַנגענער דוד גרינבערג, דערשלאָגט זיך קיין פּרושקאָוו, שלאָפט אויף דער באַן־סטאַציע אונטער אַ באַנק און מיט פאַרשידענע לעגאַלע און אומלעגאַלע וועגן געלונגט אים צו קומען קיין וואַרשע.

אין דעם שוין באַזעצטן וואַרשע, אויף גענשאַ גאַס, באַגעגנט ער זיך ווידער מיט זיין גאַנצער משפּחה...

אין די וועלדער פון אַרכאַנגעלסק

דעם 28 סעפּטעמבער האָט וואַרשע קאַפּיטולירט. די שטאַרקע באָמ־באַרדירונג, די איבערפולטע שפּיטעלער מיט פאַרוווּנדעטע, דער מאַנגל אין לעבנסמיטל, וואַסער, גאַז, ליכט און דאָס וויכטיקסטע, וואָס האָט אויס־געפעלט — אַמוניציע מיט וואָס זיך צו פאַרטיידיקן — האָט געעפנט די טויערן פאַר דעם אַריינמאַרש פון די דייטשע חילות אין דער הויפּטשטאָט פון דער פּוילישער מדינה.

שוין אין די ערשטע טעג פון דער דייטשער הערשאַפט האָבן זיך אָנגעהויבן מאַסן־אַרעסטן און געהיימע עקזעקוציעס. אַ פינצטערע נאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער שטאָט, און הויפּטזעכלעך אויף דער יידישער באַפעלקערונג. אַ גרויסער טייל פון דער אָרעמער מענטשן־מאַסע איז ממש אַריינגעפאַלן אין פאַרצווייפלונג.

אַרעסטירט זענען געוואָרן לינק געשטימטע און דעמאָקראַטישע עלע־מענטן, און אין דער ערשטער ריי די פאַרטיידיקער פון וואַרשע. ס'האָבן זיך פאַרשפּרייט אויך קלאַנגען וועגן דעם אַז ס'וועט געשאַפן ווערן אַ געטאָ פאַר יידן...

דוד גרינבערג טוט פאַרנונפטיק אָפּשאַצן די טרויעריקע לאַגע באַשליסט צו פאַרלאָזן די שטאָט. צוזאַמען מיט זיינע דריי ברידער און זיין פרוי חיה, האָבן זיי אונטערגענומען אַ וויטן וועג אויף מזרח, אַריבערשפּאַנענדיק די סאָוויעטישע גרענעץ.

צום ביטערן באַדויערן זענען זיי אויפגענומען געוואָרן מיט אומצוטרוי, דורך די סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען. די שפּיאָנאַזש־פּסיכאָזע אין לאַנד, די קולטיווירטע דורך סטאַלינען און זיינע מענטשן, דער פאַרדאַכט צו אַלע וועלכע האָבן געוווינט אויסער די גרענעצן פון ראַטנפאַרבאַנד, האָט זיך ביטער אָפּגערופן אויף די אומגליקלעכע, וועלכע האָבן געזוכט דאָרט אַ מקום־מקלט. זיי זענען געקרווינט מיט דעם אַזוי גערופענעם נאָמען „ביעזשענצעס", צו וועלכע דער סאָוויעטישער בירגער האָט נישט געדאַרפט האָבן קיין צוטרוי...

ביים אויסברוך פון דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה אין יוני 1941,

האָט מען די גאַנצע משפּחה גרינבערג אַרויסגעפירט קיין אַרכאַנגעלסק, פּלעסעצקער ראַיאָן, אין אָסטראָווסקי לעסאָ־פּונקט...

דאָרט איז געווען דער אמתער טורעם פון בבל. מענטשן פון פאַרשי־דענע נאַציאָנאַליטעטן: פּאָליאַקן, יידן, אוקראַינער, טאַטאַרן, רוסן, דייטשן — אַלע וואָס זענען אויסגעזידלט געוואָרן ווי נישט פאַרלעסלעכע עלעמענטן. אַ גרויסער פּראָצענט קולאַקן, מענטשן פון די מזרח־געביטן פון פּוילן, די געריפענע „זאַפּאַדניקעס", פּאָליטישע פאַרשיקטע און אַנדערע.

די גרויסע מענטשן־מאַסע האָט דאָ געאַרבעט אין די אומענדלעכע וועלדער, ביים קאַרטשעווען דיביימער, פאַר די טאַרטאַקן, פאַבריקן פון פּאַפּיר, צעלולאָזע און אַנדערע. דאָרט איז געשאַפן געוואָרן דער גרעסטער צענטער פון דער האָלץ־בראַנזשע אין ראַטנפאַרבאַנד.

די אַרבעט איז נישט קיין לייכטע. דאָס שניידן און קאַרטשעווען איז געוואָרן אויסגעפירט מיט גאָר פּרימיטיווע מיטלען. פון אַ האַק און אַ זעג איז באַשטאַנען די גאַנצע טעכניק, ביי דער גראַנדיעזער אַרבעט.

פרויען זענען אַמיינסטן געווען באַשעפטיקט ביי צוזאַמענגעמען דאָס היי פון די לאָנקעס. שטייענדיק אַ גאַנצן טאָג אין וואַסער, האָבן זייער פיל באַקומען געשוואָלענע פיס. נאָר די גרעסטע פּלאָג פאַר אַלע זענען געווען די כמאַרעס קאָמאַרן, פון וועלכע ס'איז געווען שווער זיך צו ראַטעווען.

אויף דער פאַרשיקונג איז אויסגעקומען נישט איין מאָל אַ ביסל צו הונגערן. ס'הט זיך צעבליט דער אַזוי באַקאַנטער „שוואַרצער מאַרק"... נאָר דוד האָט אַלץ אָנגענומען פאַר ליב. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'איז אַ שווערע צייט און עס גייט אַ ביטער געראַנגל מיט דעם געפערלעכן שונא פון דער גאַנצער מענטשהייט, פון איר קולטור, און אין דער ערשטער ריי אַ שונא פון יידישן פאָלק, און מע מוז שלום מאַכן מיט די שוועריקייטן.

פון די פראָנטן זענען אַלץ אָנגעקומען נישט קיין פריילעכע ידיעות. פאַרביסענע שלאַכטן אויף אַלע אָפשניטן. די היטלעריסטישע אַרמיי האָט געשפּאַנט פאָרויס, אַלץ טיפער און טיפער אין סאָוויעטישן לאַנד... יעדן טאָג דערמאָנט מען אַנדערע שטעט אָפּגעגעבענע דעם פיינט. עס האָט זיך געשאַפן אַ לעגענדע וועגן דער אומבאַזיגטבאַרקייט פון דער דייטשער אַרמיי. עס מערקט זיך אַ געדעקטע צופרידנקייט ביי אַ סך פון די נישט־יידישע פאַרשיקטע. די נצחונות פון די דייטשן וועקן ביי זיי אַ האָפנונג אין קורצן צו פאַרלאָזן די באַראַקן און דעם לאַגער אין אַרכאַנגעלסק...

ביי די יידן איז די שטימונג אַ געדריקטע. זייער האָפנונג זיך אומצוקערן

אין זייערע היימען זעען זיי נאָר אין דעם זיג פון דער „רויטער אַרמיי" איבער דעם ברוינעם עמלק...

☆

דוד האָט קיין פּלאַץ זיך נישט געקאָנט געפינען. ווי אַ מענטש דאַרף לופט צום לעבן, אַזוי האָט ער געדאַרפט די ראַדיאָ־ידיעות... אפשר דאָך?... אפשר וועט ער היינט הערן וועגן אַן ענדערונג, אַן איבערברוך אויף די פראָנטן?... ער וואָלט גערן זיך געמאָלדן צום מיליטער, אָבער ווו? און צו וועמען? — ס'איז דאָך געווען בפירוש סטאַלינס באַפעל, אַזעלכע ווי ער באַזייטיקן פון דער אַרמיי. אַזוי זענען פאַרביי ביטערע טעג און פינצטערע נעכט אין דעם לאַגער פון אַרכאַנגעלסק...

דער אָפּמאַך מיט דעם פּויל'שן גענעראַל וולאַדיסלאַוו שיקאָרסקי, האָט ערוועקט נייע האָפענונגען אין דעם לעבן פון די פאַרשיקטע. באַלד האָט מען אָנגעהויבן באַפרייען די פּוילישע בירגער און זיי אומקערן פון די צפון־פאַרשיקונגען אין צענטער פון לאַנד. צווישן די באַפרייטע איז געווען אויך דער אינטערנירטער גענעראַל וולאַדיסלאַוו אַנדערס, וועלכער איז גלייך צוגעטרעטן צו אָרגאַניזירן אַ פּוילישע אַרמיי.

מיט אַלע כוחות האָט גרינבערג זיך באַמיט אַלס געוועזענער פּויליי־שער זעלנער אָנגענומען צו ווערן אין די רייען פון די אַזוי גערופענע „אַנדערסאָווצעס". צום באַדויערן איז דאָס בלויז אַ קליינעם טייל, אַ נישט באַדייטנדיקן פּראָצענט פון יידן געלונגען.

די אַרמיי, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן פון די קאַדרען סאַנאַציִשע אָפיצירן, האָבן שוין ביים אָנהייב זיך געשטעלט דעם ציל, אַרויסצוצי ִען זיך פון ראַטנפאַרבאַנד, דערפאַר האָבן זיי נישט געוואָלט האָבן קיין יידן, וועלכע וואָלטן זיי אין דעם געקאָנט שטערן.

אָבער דוד גרינבערג האָט נישט געוואָלט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, אין דער צייט ווען אַנדערע בחורים ווי ער האָבן זיך שוין געפינען אין די קעמפנדיקע רייען פון פאַרשידענע אַרמייען אָדער ביי די פּאַרטיזאַנער.

ס'איז מערץ 1943. אונטער דער אָנפירונג פון וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ און אַלפרעד לאַמפּע ווערט אָרגאַניזירט דער פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן אין ראַטנפאַרבאַנד (ז. פּ. פּ.). זייערע ערשטע שריט ווענדן זיי צו דער סאָוויעטישער רעגירונג, מיט אַ ביטע, צו אָרגאַניזירן מיליטערישע איינהייטן פון פּוילישע בירגער, וועלכע וועלן קעמפן זייט ביי זייט מיט דער סאָוויעטישער אַרמיי אַקעגן דעם דייטשן פאַשיזם...

די פריידיקע נייעס האָט זיך פאַרשפּרייט בליצשנעל איבערן גאַנצן לאַנד. אין יוני 1943, אין דאָרף סיעלץ ביי דער אָקע, איז שוין צוגעטרעטן אַ קאָמיסיע צום אויפנעמען פרייוויליקע.

דוד גרינבערג האָט זיך שוין געפינען דעמאָלט אין קאַזאַכסטאַן. צוזאַמען מיט שמואל זילבערמאַן און יוזעק רוביניאַק — ביידע פון וואַרשע — זענען זיי צווישן די פרייוויליקע, ביי דער קאָמיסיע, אין דעם דערמאָנטן דאָרף סיעלץ. מ׳האָט זיי צוגעטיילט צום דריטן פּולק אינפאַנטעריע, פון דער ערשטער דיוויזיע אויפן נאָמען פון „טאַדעוש קאָשטשושקאָ".

דאָס צווייטע מאָל אין קאַמף מיט די דייטשן

ענדלעך איז געקומען דער באַגערטער מאָמענט, צו קענען ווידער קעמפן מיט געווער אין האַנט קעגן דעם פאַרהאַסטן שונא. עס איז דער היסטאָרישער קאַמף ביי לעני‌נאָ, אין וועלכן עס נעמט אָנטייל די ערשטע פוילישע דיוויזיע א. נ. פון „טאַדעוש קאָשטשושקאָ" אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל זיגמונט בערלינג.

די דייטשן ווייסן ווער עס שטייט פון דער צווייטער זייט פראָנט־ליניע קעגן זיי. די דייטשע מיליטערישע אָנפירונג גיט זיך אָפּ אַ רעכנונג, אַז דער דער קלענסטער זיג פון דער פוילישער דיוויזיע, קאָן אַרויסרופן אַ גוואַלדיקע התלהבות אין גאַנצן פוילישן לאַנד און ביי די פּאָליאַקן אין דער גאַרער וועלט. דעריבער וואַרפן זיי אַ ריזיקן כוח אויף דעם אָפּשניט, די דיוויזיע צו פאַרניכטן...

אויך די סאָוויעטן האָבן זיך מיט דעם גערעכנט. זיי שיקן אויף דער ליניע אַ פאַרשטאַרקונג פון זייערע מיליטערישע איינהייטן. דער קאַמף איז אַ פאַרביסענער, מיט אַ סך קרבנות פוןביידע זייטן. טראָץ אַלעמען געלונגט דער דיוויזיע צוריקצוּוואַרפן די היטלעריסטן אויף אַ סך פונקטן און פאַר־נעמען זייערע פּאָזיציעס.

עס איז דער 13־טער אָקטאָבער 1943. דוד איז שוין אַן אָנפירער פון אַ פּלוטאָן. ער ווערט אַרויסגעשיקט מיט נאָך צוויי מאַן אַלס אויס־שפּירער, פאַר אַ נייער אָפענסיווע. ער באַקומט אַ קאָנטוזיע און אַנערקענט אַלס געפאַלענער... מען באַלוינט אים מיט דעם „אָרדן „קראַסנאַיאַ זוויעזדאַ" (רויטער שטערן) און גלייכצייטיק ווערט אַרויסגעשיקט אַ קאָנדאָלענץ־בריוו צו זיין פרוי, וועגן זיין העלדישן טויט.

אַן ענלעכע געשיכטע האָט שוין פּאַסירט מיט דעם שפּעטערדיקן גענעראַל און העלד פון ראַטנפאַרבאַנד, דעם יידישן בחור יולעק היבנער.

נאָכן אויפשטיין „תחית המתים" און קומען אין „שטורעם־באַטאַליאָן" איז ער מיט אָוואַציעס האַרציק אויפגענומען געוואָרן פון אַלע מיטקעמפער. אין דעם יום־טוב האָט אָנטייל גענומען דער אָנפירער פון באַטאַליאָן הענריק טאָרונטשיק, יאָסל קראַטקאָ, דאַניעל קראַוס, מנחם שפּיגלער, לעאָן רובינשטיין, יעקב קאַפּלאַן, זלמן ביאַלאָסטאָצקי, קאַראָל גלייכער,



Н.К.О.
Войсковая часть
полевая почта
— 19206 —
№ ——

Подпоручику ВИШНЕВСКОМУ

С получением сего, на основании приказа генерала [illegible] надлежит отправится с группой бывших вместе с Вами партизан в город Ярослав на сборный пункт Польской Армии.

К предписанию прилагается список бывшего отряда.

Срок прибытия 25 августа 1944 года.

Начальник штаба В/ части 19206
майор [illegible] ([illegible])

אויף דעם באַפעל פון גענעראַל בערלינג דאַרף ווישניעווסקי מיט נאָך אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער זיך שטעלן צום זאַמלפּונקט פון דער פּוילישער אַרמיי

יצחק ליינוואַנד, סטאַניסלאַוו סאַוויצקי־שווינגער, יעקב וואָלקאָוו, די ברידער חיים און אברהם קרישער, יוזעק קראַקאָווסקי, עדוואַרד לאַסט און נאָך אַ סך אַנדערע.

ס׳איז אָנהייב 1944. די רויטע אַרמיי גייט פאָרויס אויף אַלע פראָנטן. אויף אַ סך אָפּשניטן איז מען שוין אַריבער די געוועזענע פּוילישע גרענעץ. ס׳זענען שוין באַפרייט די שטעט ראָוונע, לוצק און געביטן פון ביזאַיצ־טיקער פאַרטיזאַנישער טעטיקייט. די אָנפירונג פון די אַרמייען נויטיקן זיך איצט אין אַ קאָאָרדינירונג פון די פּאַרטיזאַנישע גרופּן אין לאַנד, און זייער טעטיקייט אויף אַנדערע געביטן, דערמיט צו באַשווערן דעם צוריק־טריט פון די דייטשע חילות.

צו דעם צוועק איז אין אַפּריל 1944 אַנטשטאַנען אַ פּוילישער פּאַרטי־זאַנער־שטאַב, אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל אַלעקסאַנדער זאַוואַדזקי, מיט דעם זיץ־אָרט אין שפּאַנאָוו ביי ראָוונע. זיין פאַרטרעטער איז דער גענעראַל סערגיוש פּריטיצקי. איין חודש שפּעטער האָט דער שטאַב אָנ־געהויבן זיין נאָרמאַלע טעטיקייט. אין דער ערשטער ריי באַזאָרגן מיט געווער די ניי־אַנטשטאַנענע אָפּטיילונגען און שיקן אינסטרוקטאָרן צו שולן די ניי מאָביליזירטע און אָנפירן אין קאַמף.

אין דער צייט איז דוד גרינבערג איבערגעשיקט געוואָרן קיין שפּאַנאָוו און צוגעטיילט צו דער אָפיצירן־קאָמפּאַניע, צו שולן ניי קאַדרען. אַ גרויס געוויכט ווערט געלייגט אויף די איבונגען צו שפּרינגען מיט דעם פאַל־שירעם. צו ערשט פון אַ גאָנדאָלע, שפּעטער זענען דורכגעפירט געוואָרן איבונגען צו שפּרינגען אין גרופּן, אין פולער באַוואָפנונג, אויף אַ ברייט געביט, ווי אויך אין אַ וואַלדיקן. מ׳האָט געלערנט ווי צו פּאַקן דאָס געווער אין ספּעציעלע קישנס, צום אַראָפּוואַרפן פאַר די פּאַרטיזאַנער. נישט ווייניק וויכטיק איז געווען די לערע פון טאָפּאָגראַפיע, אָנצופירן מיט גרופּן, אויס־שפּיר און דיווערסיע.

די שילער האָבן אויך געמוזט וויסן אַלץ, וואָס באַלאַנגט די נייע פּאָליטישע גרופּירונגען, וועלכע זענען אַנטשטאַנען אין לאַנד און נאָך אַנדערע פּאָליטישע איינצלהייטן נייטיקע פאַר אַ צוקינפטיקן פּאַרטיזאַן.

יוני 1944, נאָך אַ באַראַטונג ביי דעם, דעמאָלט נאָך פּולקאָווניק פּריטיצקי, איז דער פאַדפּאָרוטשניק דוד גרינבערג מיט נאָך פערצן אָפי־צירן אַריבערגעפירט געוואָרן צום פליפלאַץ קיין ראָוונע.

אויסגעשטאַט אין נייעסטע אויטאָמאַטן, רעוואָלווערן, גראַנאַטן און דאָס וויכטיקסטע, מיט אַ ראַדיאָ־סטאַציע, מיט וועלכער מען וועט זיך קאָנען



אויף אַ פאַרזאַמלונג פון אונטערגרונד־קעמפער אין וואַרשע. זיצן פון לינקס: גענעראַל וואַצלאַוו קאמאר, גענעראַל יולעק היבנער, פולק, הענריק טארונטשיק און שלמה שטראוס־מאַרקא

פאַרבינדן מיט דער „גרויסער ערד", כדי איבערצוגעבן און אָפּנעמען באַפעלן און מעלדונגען, מיט אַ פּאַרטפעל אָנגעהאָנגען אין דער זייט מיט אַ טאָפּאָגראַפישער מאַפּע און, ווי געווייגלעך ביי אַזאַ געלעגנהייט אויך אַ ביסל געווער, אַלס מתנה פאַר די פּאַרטיזאַנער — זענען זיי געשטאַנען גרייט צום אָפּפליִען אויף דער אַנדערער זייט פראָנט־ליניע.

צוליב אַ טעות אין איבערנעמען די מעלדונג, וועגן זייער אַרויספליִען פון ראָוונע, האָט מען אין דער פּאַרטיזאַנישער באַזע דערוואַרט זייער קומען אַ טאָג פריִער. ווי איבערראַשט זענען זיי געוואָרן, ווען אויף דעם אָרט פון אייגענע, זענען זיי באַגעגנט און באַשאָסן געוואָרן פון דייטשע פליִער. דאָס איז אויך געווען די סיבה, וואָס די פּאַרטיזאַנער האָבן געגעבן די אָפּגערעדטע פייערצייכנס צום לאַנדן, אין אַ טאָג אַרום און שוין אויף אַן אַנדערן אָרט...

דער פּילאָטירנדיקער קאַפּיטאַן פון דער מאַשין האָט אויסגעדרייט אויף צוריק קיין ראָוונע. די שטימונג ביי אַלע איז געווען אַ געדריקטע. דער עראָפּלאַן האָט געקרייזט אונטער אַ פייער פון דייטשער זעניט־אַרטילעריע. דער קאַפּיטאַן האָט געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען אַרויסצופלאַנטערן זיך פון דער נעץ, אָבער די ליכט־שערן פון די רעפּ־לעקטאָרן האָבן אים ווידער געפאַנגען און געפירט ביז צו די צווייטע ליכט־שראַלן. דאָס פייער פון אונטן איז אונאונטערבראָכן, צום גליק נישט צילנדיק...

— ביי אַזאַ צוריקקער — האָט געזאָגט דוד — האָט מען געהאַט דאָס געפיל ווי מען וואָלט דעזערטירט פונעם פראָנט... קיינער רעכנט זיך שוין נישט מיט דער געפאַר, וואָס דערוואַרט זיי יעדן מאָמענט. פלוצעם באַמערקט מען פון גאָר ווייט פייערלעך... מען האָט אָבער נישט די זיכער־קייט צי דאָס איז נישט אַמאָל אַ נעץ פון די דייטשן ?... דאָך האָט מען באַשלאָסן צו לאַנדן...

מיט די מאַשין־ביקסן אין די הענט האָבן אַלע זיך גרגרייט צום שפּרונג... די מאַשין זעצט זיך נידעריקער. זי מאַכט אַ רונדע און איינער נאָכן צווייטן האָבן די פּאַרטיזאַנער פאַרלאָזן דעם בלעכענעם קאַסטן... זיי האָבן געלאַנדט אונטער אַ דאָרף, נישט ווייט פון שטעטל מיעכאָוו, קראַ־קעווער וואָיעוואָדשאַפט.

מיט עטלעכע ליכט־סיגנאַלן האָט דער פּילאָט מיט זיי זיך געזעגנט, געמאַכט אַ קרייז און צוריקגעפלויגן צו דער באַזע, מעלדן וועגן דעם אויסגעפירטן באַפעל...

זיי זענען געקומען צו דער פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג א. נ. פון „באַר־טאַש גלאָוואַצקי״. די גרופּע אָפיצירן האָט מען אויפגענומען מיט דאָפּלטער פרייד, ווי געראַטעוועטע פון אומקומען צוליב דעם טעות און אַ צופלוס פון אַזאַ כוח, צו קאָנען אָרגאַניזירן נייע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען.

אָבער די שמחה איז געווען אַ קורצע. מעלדער זענען געקומען און איבערגעגעבן אַז גרויסע כוחות פון פּאָליציי, דייטשע זשאַנדאַרמען און מיליטער ציִען אין זייער ריכטונג פון עטלעכע זייטן.

ווי מ׳האָט זיך דערוווסט, האָט דאָס לאַנגע קרייזן פון עראָפּלאַן אַרויס־גערופן אַ חשד ביי די דייטשן, אַז די סאָוויעטן האָבן אַראָפּגעוואָרפן אַ גרויסן דעסאַנט, זענען זיי גלייך צוגעטרעטן צו אַן אַקציע, דעם דעסאַנט צו ליק־ווידירן.

ווי שטענדיק איז דער ציל פון פּאַרטיזאַנער נישט געווען אויפצו־נעמען אַן אָפענעם קאַמף מיט רעגולערע מיליטערישע אָפּטיילונגען. אַלץ איז גלייך געשטעלט געוואָרן אין אַלאַרם־גרייטקייט און מיטן צופאַלן פון דער נאַכט האָט מען גענומען ציִען אין דער ריכטונג צו די כראַבאַשעווער וועלדער אין קעלצער וואָיעוואָדשאַפט.

☆

דער פּאַרוטשניק דוד גרינבערג איז געקומען אין דער פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג פון „באַרטאַש גלאָוואַצקי״ אַלס יוזעףווישניעווסקי און איז באַשטימט געוואָרן צום שעף פון שטאַב, וועלכער איז אונטערגעוואָרפן געווען דעם שפּעטערדיקן גענעראַל פון דער פּוילישער מיליץ — יוזעף קשיעזשאַרטשיק (פּסעוודאָנים „מיכאַל״).

טאָג נאָך טאָג זענען געוואָרן באַפרייט גרעסערע שטחים פון דער פּוילישער ערד. די דייטשן האָבן געליטן איין מפּלה נאָך דער צווייטער. אין די פּאַרטיזאַנישע רייען האָבן אַריינגעשטראָמט מאַסן יוגנטלעכע, אַ סך פון די, וועלכע האָבן ביז איצט נישט געקאָנט זיך דעצידירן. עס קומען אויך צו די פּאַרטיזאַנער גאַנצע אָפּטיילונגען פון דער אַרמיי פון גענעראַל אַנדריי וולאַסאָוו. זיי דעזערטירן פון דער דייטשער וועראַמאַכט, דערמיט זיך צו רעהאַביליטירן ביי די סאָוויעטן, פאַר זייערע רציחות און פאַרראַט לגבי זייער פאָטערלאַנד.

די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונג צעוואַקסט זיך אין אַ בריגאַדע און טראָגט דעם נאָמען „ערשטע קראָקעווער בריגאַדע א. ל. אויפן נאָמען באַרטאַש גלאָוואַצקי״.



RZECZPOSPOLITA POLSKA

LEGITYMACJA

Nr. 48717

WARSZAWA

dn. 5 [illegible] 194[illegible]

POSTANOWIENIEM PREZYDENTA
RZECZYPOSPOLITEJ POLSKIEJ

został(a) odznaczony(a)

Obywatel WIŚNIEWSKI

Józef

KRZYŻEM GRUNWALDU III KL.

NACZELNIK
WYDZIAŁU ODZNACZEŃ
KANCELARII CYWILNEJ
PREZYDENTA R. P.

(mgr. Wł. Ł(?)oszkiewicz)

יוזעף ווישניעווסקיס אויסצייכנונג מיט דעם גרונוואַלד־קרייץ 3־טער קלאַס

דער שטאַב־שעף דוד גרינבערג פסעוו. יוזעף ווישניעווסקי האָט נישט גערוט בייטאָג און ביינאַכט. די בריגאַדע האָט זיך געגרייט צו אַ גרויסער אונטערנעמונג. די שלאַכט איז געקרוינט געוואָרן מיטן איבעררייסן די דייטשע פראָנט־ליניע, ביי דעם אַזוי גערופענעם „פשיטשולעק סאַנדאָמיער־סיק״ (סאַנדאָמיעזשער פאַרהאַלטנוגס פונקט). די בריגאַדע האָט אויך אָנטייל גענומען אין באַפרייען די שטאָט סאַנדאָמיעזש און אויך אַנדערע אָרטשאַפטן.

נאָך דעם באַפרייען דאָס געביט פון זייער פאַרטיזאַנישער טעטיקייט, איז דוד גרינבערג צוריקגעקומען צו דער נאָרמאַלער אַרמיי.

דער פאַראַשוטיסט דוד גרינבערג פסעוודאָנים יוזעף ווישניעווסקי האָט פאַרענדיקט זיין דינסט אין ראַנג פון אַ מאַיאָר. אויגוסט 1957 האָט ער פאַלאָזט די גרענעצן פון פוילן, צוזאַמען מיט זיין פרוי חיה און דריי זין. ער האָט זיך באַזעצט אין מדינת ישראל.

דער פּאַראַשוטיסט מאיאָר ברוך צוקער — וויטאָלד קאָלסקי, פּסעוו. „פּלאָריאַנסקי"

אַ סך פעלקער אויף דער וועלט האָבן זיך צוגעאייגנט די נעמען פון גרויסע מענטשן, נעמען פון קינסטלער, שרייבער, פילאָזאָפן, פּאָליטיקער, קעמפער און זיי פאַררעכנט אין זייערע נאַציאָנאַלע רעגיסטערס. זייער בולט איז דאָס געקומען צום אויסדרוק אין דער טראַגישער צייט פון דער נאַצי־תקופה, פון יאָר 1939 — 1945. וועגן העלדישע יידן, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין קאַמף קעגן דעם ברוינעם עמלק, האָבן די רוסן ווי די פּאָליאַקן אויסגענוצט די עקזיסטירנדיקע פאַרהעלטנישן, וואָס האָבן געצווינגען יידן זיך אויסצובאַהאַלטן אונטער נישט יידישע נעמען, ביי יעדער געלעגנהייט, זיי פאַררעכנט צו זייערע נאַציאָנאַלע העלדן. ס'איז ווערט צו דערמאָנען, אַז אַ סך מאָל האָט זיך געטראָפן, אַז זייערע קינדער האָבן שוין אַפילו נישט געוווּסט, אַז זיי זענען פון יידישער אָפּשטאַמונג. עס זענען באַוווּסט פאַקטן, ווען אַזעלכע קינדער זענען אַפילו צי במזיד צי בשוגג, געוואָרן גרויסע אַנטיסעמיטן.

פאַר איינעם פון אַזאַ נאַציאָנאַלן פּוילישן העלד איז פאַררעכנט געוואָרן דער פּאַראַשוטיסט מאַיאָר ברוך צוקער — וויטאָלד קאָלסקי פּסעוודאָנים „פּלאָריאַנסקי" — דער פּובליציסט און אויטאָר פון דער וויסנשאַפטלעכער אָפּהאַנדלונג וועגן „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" פון קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגלעס.

ברוך צוקער איז געבוירן געוואָרן דעם 25 אַפּריל 1902 אין לאָדזש. אין דער גרויסער יידישער שטאָט פון האַרעפּאַשניקעס, פון גרויסער יידישער אָרעמקייט און נויט, די שטאָט פון גרויסע רעוואָלוציאָנערע קאַמפּס־טראַדיציעס אויף באַריקאַדן קעגן דער פאַרהאַסטער צאַרישער הערשאַפט.

אין עלטער פון זעכצן יאָר טרעט ברוך אַריין אין אַ שילער־קרייז, וואָס האָט זיך געפינען אונטער דער ווירקונג פון ס. ד. ק. פּ. ל. (סאָציאַל דעמאָקראַטישע פּאַרטיי פון פּוילן און ליטע). די פּאַרטיי האָט געהאַט אַ געוואַלדיקן איינפלוס אויף דער פּוילישער שטודירנדיקער יוגנט, וועלכע נעמט אַ גרויסן אָנטייל אין די מאַסן־דעמאָנסטראַציעס, קעגן דער רוסיפיקאַציע פון די שולן, פאַר אַ פּוילישער אויטאָנאָמיע און פאַר איינפירן די

פוילישע שפּראַך אין די אַמטן, אויף די באַזעצטע דורך רוסלאַנד פוילישע געביטן.

ברוך צוקער ענדיקט יוריספּרודענץ אויף דעם וואַרשעווער אוניווער־סיטעט, אָבער ער ווייזט נישט אַרויס קיין איבעריקן אינטערעס פאַר יורידישער פּראַקטיק, ער פילט די באַדערפעניש ווי אַ סך פון דער דעמאָל־טיקער יידישער יוגנט אַנטייל צו נעמען אין קאַמף קעגן דעם פאַשיזם, אַנטיסעמיטיזם, עקספּלואַטאַציע; אים ציט צו פּאָליטישער און ליטעראַ־רישער טעטיקייט. צוקער איז אַ סך יאָרן איינער פון די רעדאַקטאָרן פון „טשערוואָני שטאַנדאַר״ און פון פּובליציסטישע אַרבעטן.

אין יאָר 1924 איז ברוך שוין אַ מיטגליד אין דער פּוילישער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי (ק. פּ. פּ.). ער איז טעטיק אין וואַרשע, לאָדזש, זאַגלעמביע און שפּעטער אויך אין מערב־אוקראַינע. אויף אַלע אָפּשניטן, אויף וועלכע עס שטעלט אים אַוועק די פּאַרטיי, איז ער געוויסנהאַפט און פירט אויס אַלצדינג מיט גרויס אחריות און פּינקטלעכקייט. ברוך צוקער — וויטאָלד קאָלסקי וועקט צו זיך אַכטונג, ער איז געשעצט פון אַלע, וואָס קומען מיט אים אין באַרירונג.

ס'איז דאָס יאָר 1932. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון פּוילן רופט צונויף דעם זעקסטן צוזאַמענפאַר. ברוך צוקער־קאָלסקי ווערט אויסגעוויילט אַלס מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון ק. פּ. פּ., שפּעטער איז ער אויך טעטיק אין לאַנד־סעקרעטאַריאַט פון צ. ק.

אין דער צייט קומט צו גרויסע ענדערונגען אויף דער פּאָליטישער אַרענע אין דייטשלאַנד. צו דער מאַכט קומען די עקסטרעם רעכטע עלע־מענטן מיט אַדאָלף היטלער בראש. דער פּוילישער אַרבעטער־קלאַס דער־פילט אַ נויטווענדיקייט צו פאַראייניקן זיינע כוחות קעגן דער דראָענדיקער געפאַר פון פאַשיזם און מלחמה. עס הייבן זיך אָן ווייזן טענדענצן צו אַן איינהייטלעכן פראָנט פון קאָמוניסטן און סאָציאַליסטן. פאַר אַ סך אַקציעס קומען פאָר געמיינזאַמע באַראַטונגען פון אָרגאַניזירטע קאָמיטעטן פון אַלע דעמאָקראַטישע כוחות אין לאַנד, אין וועלכע די היימישע רעאַקציע זעט אַ געפאַר פאַר זיך, צוליב איר צושמייכלען און אַרומזוכן אַ געמיינזאַמע שפּראַך מיט היטלער־דייטשלאַנד...

די סאַנאַציע נוצט אויס אַ פּרעטעקסט, וואָס די אוקראַינישע נאַציאָ־נאַליסטן פירן אויס אַן אַטענטאַט אויף דעם פּוילישן אינערן־מיניסטער בראָניסלאַוו פּיעראַצקי און פאַרלייגן אין דעם קליינעם ווייסרוסישן שטעטל, בערעזאַ־קאַרטוסקאַ אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, אויפן מוסטער פון די היט־

לעריסטישע לאַגערן. אין לאַגער ווערן איינגעשפּאַרט אָן אַ משפּט, אַלע, פאַר דער מאַכט נישט באַקוועמע פּאָליטישע קעגנער, און אין דער ערשטער ריי קאָמוניסטן. צווישן די פּאַרשיקטע קיין קאַרטוז־בערעזע געפינט זיך אויך ברוך צוקער־קאַלסקי פּסעוודאָנים „פּלאַריאַנסקי".

זיין מוטיקע האַלטונג אויף די שטראָף־איבונגען האָבן נישט איין מאָל באַוווּנדערט נישט נאָר די יונגע אַרעסטאַנטן און אַלע פּאָליטישע אַרעס־טירטע, נאָר אַפילו קרימינעלע פאַרברעכער און מענטשן פון דער לאַגער־אַדמיניסטראַציע. נישט איין מאָל, שוין זייענדיק אויפן ראַנד פון פיזישער דערשעפּונג, האָט ער זיך געהאַלטן מיט זיינע לעצטע כוחות, כדי נישט אַרויסצווייזן די הענקער זייער איבערמאַכט. זיין פּנים איז געווען אַזוי מאָדנע מאַיעסטעטיש רויִק, אינערלעך קאָנצענטרירט, שטאָלץ און מיט אויסדויער האָט ער איבערטראָגן די ווילדע אכזריות פון די פּאָליציייִשע סאַטראַפּן פון בערעזי.

פון קאַרטוז בערעזי ווערט צוקער־קאַלסקי אַריבערגעפירט אין תפיסה, ווו עס דערוואַרט אים אַ פּאָליטישער פּראָצעס. ער ווערט פּאַראורטיילט אויף צוועלף יאָר. אויך דער אורטייל, צו דער גרויסער איבערראַשונג פון די ריכטער, נעמט צוקער־סאַלסקי אויף מיט אויסערגעוויינלעכער רויִקייט.

עס איז דער טרויעריקער סעפּטעמבער פון 1939. היטלעריסטישע האָרדעס באַשמוצן די פּוילישע ערד, זייענדיק טויט און פאַרניכטונג. די נעכטיקע פריינד פון די נאַציס, מיט זייער אויסערן־מיניסטער יוזעף בעק בראש, מאַכן פּליטה, איבערלאָזנדיק דאָס פאָלק אויף הפקר. אין לאַנד הייבן זיך אָן פאַרפּאָלגונגען, אַרעסטן און עפנטלעכע עקזעקוציעס פון אומ־שולדיקע פּוילישע בירגער. אין דער ערשטער ריי הייבן זיך אָן די נאַצישע צעבושעוועטע אכזריותן לגבי דער יידישער באַפעלקערונג.

ברוך צוקער געלונגט צו קומען קיין לעמבערג. ער ווערט דער פאַר־טרעטער פונעם שעף־רעדאַקטאָר פון „רויטן שטאַנדאַר", דער אָרגאַן פון לעמבערגער געגנטלעכן קאָמיטעט פון דער קאָמ. פּאַרטיי פון אוקראַיִנע. דעם אַמט פאַרנעמט ער ביז צום אויסברוך פון דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה.

ס'איז שווער זיך פאָרצושטעלן אַז אַזאַ געבוירענער רעוואָלוציאָנערער קעמפער, ווי ברוך צוקער, אַ מענטש אַ טעטיקער און דינאַמישער זאָל קענען זיצן רויִק און רעדאַגירן אַ צייטונג, אין דער שווערער צייט פון צעפלאַקערטער מלחמה קעגן דעם סאָציאַליסטישן לאַנד, פאַר וועלכן ער האָט אָפּגעגעבן זיינע בעסטע יונגע כוחות... צוקער מעלדעט זיך פריייוויליק

אין דער רויטער אַרמיי און מאַכט מיט די בלוטיקע קאַמפן אויף פּאַר־שידענע פראָנטן ביז 1943.

נאָך די גרויסע אַרעסטירונגען אין לאַנד, צווישן די אָנפירער פון דער פּוילישער אונטערערדישער באַוועגונג, וועלכע האָט פאַרלאָרן אַ סך בלוט און געבליבן אָן אַ רודער, האָט מאָסקווע פאַרגעלייגט אַרויסצושיקן וויטאָלד קאָלסקין פסעוודאָנים „פלאָריאַנסקי" צו דער דיספּאָזיציע פון דער פּוי־לישער אַרבעטער־פּאַרטיי (פּ. פּ. ר.) כדי צו פאַרשטאַרקן די רייען פון דער קאַמפס־באַוועגונג, קעגן דעם דייטשן אַגרעסאָר.

צוקער איז געווען מער אַ מענטש פון אינטעלעקט און נישט קיין טיפּ פון אַ זעלנער. אָבער די פרייד צו האָבן אַ מעגלעכקייט צו קעמפן אומ־מיטלבאַר מיטן שונא, אויף דער אייגענער ערד איז נישט צו באַשרייבן. די פרייד האָט זיך געכפּלט מיט דער האָפענונג זיך צו טרעפן מיט זיין פרוי יאַנינע וויזענבערג און זיין איינציק זונדעלע, וואָס די צעשיידונג מיט זיי האָט אים פאַרשאַפט אַזויפיל זאָרג.

דער מאַיאָר ברוך צוקער האָט נישט געוווּסט, דאָס זיין פרוי יאַנקע איז שוין נישט צווישן די לעבעדיקע, זי איז אין לעמבערג פאַרמסרט געוואָרן אַלס יידישע און אומגעקומען פון די דייטשע מערדערישע הענט און דאָס קינד אויסגעמאַטערט פון הונגער, איז געשטאָרבן.

עטלעכע וואָכן איז אים אויסגעקומען צו וואַרטן ביז צום אָפּפלי. ער האָט געמאַכט פּלענער און צוגרייטונגען צו דער נייער אָנפּאַרטרויערטער אים אַרבעט. ער האָט אויך שטאַרק געפיבערט פון אומגעדולד צו טרעפן זיך מיט זיינע נאָענטע...

ענדלעך איז געקומען דער אויסגעבענקטער מאָמענט. צוזאַמען מיט דער חברטע פון פּוילישן אונטערגרונט, וואַנדאַ באַרטאָשעוויטש, זענען זיי אַריבערגעוואָרפן געוואָרן איבער דער פראָנט־ליניע, אויף דעם פּוילישן באַזעצטן געביט.

צום טיפסטן באַדויערן איז דאָס געווען זייער לעצטער פלי... ביז היינט איז נישט אויפגעקלערט געוואָרן די סיבה, וואָס גלייך ביים לאַנדן מיט די פּאַלשירעמס זענען זיי אַרעסטירט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ און אויף אַן אומבאַקאַנטן אופן זענען זיי ביידע אומגעקומען פון די מערדערישע הענט...

פאַראַכטונג פון טויט

דערציילט פון קאַפּיטאַן שלום לאַופער — פּסעוו. „סטעפאַן"

די חרוב־געוואָרענע היימען, די געשענדעטע יידישע טעכטער אין די אויגן פון זייערע נאָענטסטע, דאָס פאַרברענען קינדער, דאָס פאַרשיטן מענטשן לעבעדיקערהייט אין די גריבער, איבער וועלכע די ערד האָט זיך געריירט און נישט געוואָלט רויִק בלייבן; דער הונגער און פּיין, דאָס גאַנצע דייטשע רעשות — און גלייכצייטיק אַזאַ גלייכגילטיק שווייגן פון דער וועלט — האָט ביי אַ סך דערפירט צו אַ געפיל פון פאַראַכטונג און ביטול צום טויט. די נעכטיקע גאָטגלויביקע, די דערצויגענע אויף דעם שפּרוך „ואהבת לרעך כמוך" — האָבן היינט געזען פאַר זיך איין ציל: — נקמה...

די געראַטעוועטע פון די לאַגערן, די אַנטרינענע פון די טויט־וואַגאָנען, קרעמאַטאָריעס האָבן, אָנקומענדיק צו די פּאַרטיזאַנער, זיך געמאָלדן אין די פאַרביסנסטע שלאַכטן. אויף די שווערסטע און געפערלעכסטע אַקציעס. דאָס זענען נישט געווען קיין איינצלנע דערשיינונגען, דאָס איז פאָרגעקומען אין אַלע פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן

ביי אונדז — דערציילט דער קאַפּיטאַן שלום לאַופער, פּסעוו. סטעפאַן — ווערט אָרגאַניזירט אַ מינירער־גרופּע, אונטער דער אָנפירונג פונעם שול לערער שלום כאַלאַווסקי. די גרופּע, וועלכע האָט נישט אויף דעם געביט קיין ספּעציעלע טעכנישע אויסבילדונג — קאָן פון דעסטוועגן פאַרצייכענען אויף איר קאָנטע אַ סך אונטערמינירטע דייטשע מיליטערישע צוגן, איילנדיקע צו דעם מזרחדיקן פראָנט, אָדער צוריקקערנדיקע מיט פאָרנדיקע אויף אורלויב דייטשע מיליטערלייט און מיט ציסטערנעס, מיט צעשטערטע מאַשינען אויף רעמאָנט.

יעטוועדער אַזאַ אָראָפּגעלאָזטער צוג פון די רעלסן האָט אויסער די פאַרלוסטן אין מענטשן און קריגס־מאַטעריאַל, געבראַכט צו דעם אַז אויף דעם אָפּשניט איז איבערגעריסן געוואָרן דער באַן־פאַרקער, טיילמאָל אַפילו אויף גאַנצע פיר און צוואַנציק שעה.

אויף אורלויב דייטשע מיליטערלייט און מיט ציסטערנעס, מיט צעשטערטע

אין דער 19־טער בריגאַדע פון דער ווייסרוסישער פּאַרטיזאַנישער פאַראייניקונג, ווי אין אַנדערע פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן, האָט מען געקאָנט

שלום לאופער פסעוודאָנים „סטעפאַן"

טרעפן מענטשן פון פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע שיכטן און קלאַסן פון אַלע עקן לאַנד. עס זענען געווען אַזעלכע, ווי דער דערמאָנטער לערער כאַלאַוואָסקי, דער דענטיסט פון וואַרשע סעוועריִן ראָזען, דער לעמבערגער אינזשיניער — פּאַרדעס, דער מינסקער ייד גילטשיק, דער וועטערינאַר־דאָקטער האָפּמאַן, אַלטער מאַיעראָוויטש, דעם נאָווי־שוויערזשענער רבס זון, וועלכן מען האָט גערופן „מלאך"; אויך גאַנצע משפּחות, ווי די דריי ברידער סאַשאַ, יצחק און יאַנקל סטאָקליצקי. דאָ זענען אַלע געווען גלייך און געשעצט אַ יעדער לויט זיינע קאַמפּס־פעיִקייטן, מוטיקייט, איבער־געגעבנקייט און אָפּפערוויליקייט פאַר דער פּאַרטיזאַנישער מחנה — פאַר וועלכער יעטוועדער איינער איז געווען גרייט אויף יעדן רוף זיך צו שטעלן.

נאָך היינט — זאָגט דער קאַפּיטאַן שלום לאַופּער — סטעפּאַן — שטייט פאַר מיינע אויגן דאָס בילד פון דעם איבערפאַל אין אַ קאַלטן ווינטערדיקן טאָג פון יאָר 1943, אויף אַ דייטשער מיליטערישער אָפּטיילונג הינטער באַראַ־נאָוויטש. דאָס קלינגט פאַנטאַסטיש... פערצן יידן אָן ביקסן, מאַכן אַן איבער־פאַל אויף אַ מיליטערישער אָפּטיילונג... דאָס איז אָבער דער אמת אַליין.

נישט לייכט איז געווען אָנצוקומען אַלס קעמפער אין די פּאַרטיזאַנישע רייען, און אויב שוין יאָ אָנגעקומען, איז דער ערשטער באַדינג געווען — מיטברענגען מיט זיך וואָפן, כדי נישט צו פאַלן קיינעם צו לאַסט. די דער־מאָנטע גרופּע איז אַרויסגעשיקט געוואָרן מיטן צ״ל צו דערלאַנגען פאַר זיך געווער. ס׳איז נישט געווען איבער וואָס לאַנג צו ריידן. מיט ליידיקע הענט איז קיין שום שאַנס נישט געווען זיך צוריקצוקערן. פאַר זיי האָט זיך געהאַנדלט אין צוויי מעגלעכקייטן: אָדער אַ הונגער־טויט אין וואַלד, אָדער דעראָבערן געווער. און די גרופּע האָט זיך דעצידירט אויף פאָלגנ־דיקן ריזיקאַלישן שריט.

באַוואָפנט מיט מעסערס, העק, אייזנס און שטעקנס, האָבן זיי איינ־געאָרדנט אַ לויער־פּונקט אויף דייטשע מיליטערישע פּאַטראָלן. ביי אַ צוויי הונדערט מעטער פונעם שאָסיי זענען זיי געלעגן פאַרשטעקט צווישן די קוסטעס און געוואַרט אויף אַ גינסטיקן מאָמענט. צוויי יידן האָבן זיך געשטעלט אין מיטן וועג און מיט אַ „פּאָליציי־לעקער" פאַרהאַלטן אָנפאָרנ־דיקע דריי לאַסט־אויטאָס מיט דייטשן, וועלכע זענען ווייזט אויס, געפאָרן נאָך פּראָוויאַנט.

נישט האָבנדיק שוין וואָס צו פאַרלירן, האָבן זיי נאָך געוואָלט זיך קוויקן מיט זייער לעצטן נקמה־אַקט איבער די מערדער פון זייער פאָלק.

מיט אויסגעשרייען: הוררראַ! האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף דער באַוואָפנ־טער גרופּע דייטשן. ס׳איז אַנטשטאַנען אַ געראַנגל אויף טויט און אויף לעבן. ווי די צעיושעטע לייבן האָבן זיי געקעמפט — איינער אויף איינעם... פּערצן יידישע העלדן האָבן פאַראַכטעט דעם טויט...

דאָס טרפהנע דייטשע בלוט האָט געשפּריצט אונטער זייערע מעסערס און העק... נישט געקוקט אויף דער גרויסער געוואַגטקייט זענען פון דעסט־וועגן דריי פון די יידישע גיבורים שוין געלעגן פאַרוווּנדעטע.

ווער ווייסט, ווי דער קאַמף וואָלט זיך געווען פאַרענדיקט, ווען נישט דער צופאַל, וואָס דער קאַפּיטאַן שלום לאַופּער האָט גראָד אָנגעיאָגט מיט אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער...

זיי האָבן דעמאָלט דעראָבערט עלף ביקסן, אַמנוציע און איין מאַשינ־געווער. די דריי דייטשע לאַסט־אויטאָס זענען געשטאַנען אין פלאַמען...

דער טויט פון פּאַרטיזאַן הערשל פּאַסאַסאָרסקי

סיסטעמאַטיש האָבן די באַרבאַרן גענומען פאַרניכטן דאָס יידישע פאָלק. ראַפינירט, מיט דייטשער פּינקטלעכקייט, מיט פאַרשידענע פּאָרטלען, סאַדיסטישע איינפאַלן האָבן זיי אָפּגעשניטן איין אַבר נאָכן צווייטן. אַזוי האָבן זיי אין יעדער משפּחה מיט דער צייט אַרויסגעריסן איין מיטגליד נאָכן אַנדערן. סיסטעמאַטיש האָבן זיי געוואָלט דערפירן די מענטשן צו פיזישער און מאָראַלישער דערנידעריקונג, און דערמיט זיי אומפעיִק צו מאַכן צו יעדן מין ווידערשטאַנד.

דער גורל האָט אים שלומהן, ווייזט אויס, געוואָלט פאַרהיטן. גלייך אין די ערשטע טעג פון מלחמה־אויסברוך אין יאָר 1941, איז ער טראַגיש געפּרוּווט געוואָרן. אַ היטלעריסטישער גראַנאַט האָט געטראָפן אין זיין וווינונג אין נאָווי־סוויערזשען און אומגעבראַכט זיין גאַנצע פאַמיליע.

ער האָט זיך דאָרט געפונען צייטווייליק, נאָך דעם פאַרלאָזן זיין וווינ־אָרט וואָרקי ביי וואַרשע. איך גלויב אַז דאָס איז געווען דער געוואַלדיקער שטויסקראַפט צו נקמה. לאַופער האָט דעמאָלט געאַרבעט אין טאַרטאַק אין נאָווי־סוויערזשען, וועלכן מען האָט אַ נאָמען געגעבן „אַנגלאָ־איירָאָפּע“. דאָ איז ער גלייך צוגעטרעטן אָרגאַניזירן אַ גרופּע, וועלכע זאָל זיין פעיִק צו אַ ווידערשטאַנד און מיט דער צייט צו אַ קאַמף מיט די אונטערדריקער. אַלס אַלטער רעוואָלוציאָנער איז די אַרבעט אים נישט געווען פרעמד. צוזאַמען מיט ראובן קראַקאָווסקי פון מלאַווע, אַנשל גראַנדי, הערשל פּאַסאַסאָרסקי און דניאל האָפמאַן —ביידע פון וואַרשע, שאַפן זיי דעם באָדן פאַר דער שפּעטערדיקער דריטער פּאַרטיזאַנישער קאָמפּאַניע פונעם אָטריאַד אויפן נאָמען פון זשוקאָוו.

די געשעענישן האָבן אויף זיך לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן. די משחיתים האָבן אַרויסגעפירט אַ גרויסן טייל פון דער יידישער יוגנט אין נאָווי־סוויערזשען אויף דעם בית־עולם און דערשאָסן. דאָס האָט צוגעאיילט די טעטיקייט פון דער גרופּע. די רייען האָבן זיך גענומען פאַרגרעסערן. איינגעטיילט אין פינפטלעך האָבן זיי שוין געציילט 45 מאַן. זיי האָבן באַשלאָסן אַרויסצושיקן פּאַסאַסאָרסקין אין וואַלד, כדי אָנצוקניפּן אַ קאָנ־

טאַקט מיט די שוין דעמאָלט עקזיסטירנדיקע סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען.

הערשל פּאַסאַסאַרסקי איז געווען אַ הויכער, בלאָנדער בחור פון אַ יאָר 22. ער האָט געשטאַמט פון וואַרשע־פּראַגע. געוווינט האָט ער אויף דער זאַמקאָווסקע־גאַס. דאָס איז געווען אַ זייער פֿעיִקער און אינטעליגענטער יאַט. אויף אים האָט מען זיך געקאָנט פאַרלאָזן. פריִער האָט לאָופער מיט אים צוזאַמען געאַרבעט אין דער הענטשקע־פאַבריק אין סטאָלפּצע. נישט קיין אַנדערער ווי ער האָט אַרויסגערוקט זיין קאַנדידאַטור און טאָקע קיין טעות נישט געהאַט. אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז געקומען איינער פון די פויערים, וואָס האָבן געאַרבעט אין טאַרטאַק און געבראַכט אַ קליינטשיק בריוועלע בלויז מיט עטלעכע ווערטער: „זייט גרייט צום וועג — פּאַסאַסאַרסקי".

דאָס איז געווען פאַר אַלע ווי אַ ליכטיקער שטראַל אין דער ענדלאָזער פינצטערער נאַכט. יעדער פון דער גרופּע האָט זיך שוין געזען אין די פּאַרטיזאַנישע רייען מיט געווער אין האַנט קעמפן קעגן דעם, ביז בלוט פאַרהאַסטן, שונא.

צום ערשטן פּרווו האָט מען אַרויסגעשיקט אַ קליינע גרופּע אויסגעשטאַט מיט פינף ביקסן, געקויפטע מיט לעבנס־געפאַר פאַר שווערע געלטער. זיי האָבן זיך געלאָזט אין וועג אויך מיט אַ ביסל מזומנים אין די טאַשן און אויף עטלעכע טעג שפּייז. לאַנג האָט מען געוואַרט אויף אַ ידיעה פון דער גרופּע און זי איז נישט געקומען. אויך שפּעטער האָט מען זיך נישט דערוווּסט וועגן דעם גורל פון די מענטשן. דאָס איז געווען דעם 21־טן יאַנואַר 1943. עס איז געווען אַ פראָסטיקער טאָג, דער שניי האָט געשפּיגלט, ווי ער וואָלט געווען באַשיט מיט דימענטן. אויף איינעם פון די וועגענער, וועלכע זענען געקומען אין טאַרטאַק, האָט דער פויער מיטגענומען זיין כלומרשטן זון, וועלכער איז איינגעהילט אין אַ פּעלץ, אויפן קאָפּ מיט אַ דאָרפישע קוטשמע, געזעסן אויף אַ ביסל שטרוי, דאָס איז געווען פּאַסאַסאַרסקי...

אויף דער געהיימער באַראַטונג האָט פּאַסאַסאַרסקי געמאָלדן, אַז אין וואַלד שטייט אַ פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונג אונטער דער אָנפירונג פון „יאַשאַ" מיקאַנאָווסקי, אַ גרייטע צו העלפן זיך אַרויסצורייסן פון די רוצחישע הענט. ס'איז נישט געווען איבער וואָס צו דיסקוטירן, און נישט אויף וואָס צו וואַרטן. אויף 9 אַזייגער אָוונט איז באַשטימט געוואָרן דער אַרויסמאַרש פון לאַגער.

גלייך זענען פֿאַרשטענדיקט געוואָרן אַלע אָנפֿירער פֿון די פֿינפֿטלעך, וועלכע האָבן געדאַרפֿט אַכטונג געבן, אַז קיינער פֿון דער אָרגאַניזאַציע זאָל נישט פֿאַרבלייבן. מ׳האָט אויך געדאַרפֿט מיטנעמען אַלץ, וואָס האָט געקאָנט דינען אין אַזאַ אונטערנעמונג. די גאַנצע אויסשטאַטונג איז באַשטאַנען פֿון קוים צוויי ביקסן און צוויי רעוואָלווערן. אַלע איבעריקע האָבן געהאַט מעסערס, וועלכע שלומס ברודער רפֿאל האָט, אַרבעטנדיק אין טאַרטאַק אַלס שלאָסער, אין געהיים צוגעגרייט. פּינקטלעך איז אַלץ געשטאַנען אויפֿן פּלאַץ. דער פּונקט איז געווען די קעגנאיבערדיקע זייט פֿונעם אַריינגאַנג, ווו עס איז פֿאַרבייגעשוווּמען דער טייך. דאָ איז געווען אַ שוואַכערע פֿאַרצוימונג, ווייל די דייטשן האָבן געהאַלטן דעם טייל לאַגער פֿאַר מער זיכער מחמת דער נאַטירלעכער גרענעץ. אין גאַנג זענען געלאָזט געוואָרן די שערן און די דראָטן זענען שנעל באַזייטיקט געוואָרן. מ׳האָט אָנגעהויבן אַריבערוואַרפֿן די צוגעגרייטע לייטערס און איינציקווייז גענומען אַריבערגיין אויף דער אַנדערער זייט. אַלץ איז אָדורך בשלום. עס איז בלויז אוממעגלעך געווען צו פֿאַרהיטן, אַז אַזאַ אונטערנעמונג זאָל זיין אין גאַנצן בסוד. יעדער פֿון דער באַוועגונג האָט נאָך געהאַט עמעצן פֿון דער פֿאַמיליע, פֿריינד און באַקאַנטע און עס איז גענוג געווען בלויז איין וואָרט, און דער גאַנצער לאַגער איז געשטעלט געוואָרן אויף די פֿיס.

איבער דעם וואָסער זענען דעמאָלט אַריבער העכער 200 מענטשן און גענומען ציִען אין דעם נאָענטסטן וואַלד אַריין, וועלכער איז געלעגן אַן ערך 15 קילאָמעטער פֿונעם לאַגער. די באַוואָפֿנטע גרופּע איז געגאַנגען ביים סוף, הינטער דער מחנה. זיי האָבן געהאַלטן אָרדענונג, ווי אויך אונטערגעיאָגט די שלאַבעריקע. דער וועג איז נישט געווען קיין לייכטער. פֿון איין זייט — דער נישט־אויסגעטראָטענער שניי, די שלעכטע קליידונג אין דער קאַלטער ווינטערדיקער נאַכט, און פֿון דער צווייטער זייט — די שרעק, צי איז אַמאָל נישט אַלאַרמירט געוואָרן די לאַגער־וואַך און יאָגט נישט נאָך חלילה? צום גליק האָבן די וואַכלייט געהאַט מיט זיך צו טאָן. דער לאַגער איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן פֿון פֿלאַמען, אָן אָנגעצונדענער דורך אַ גרופּע פֿון מיקאַנאָווסקיס פּאַרטיזאַנער.

אין מיטן נאַכט איז די מחנה אָנגעקומען צום דאָרף, וואָס איז געלעגן ביים ראַנד פֿונעם וואַלד. דאָ זענען גלייך אָרגאַניזירט געוואָרן שליטנס ביי די דאָרטיקע פּויערים און אונטער דער אָנפֿירונג פֿון מיקאַנאָווסקין האָט מען זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פֿון די אָרליצער וועלדער. דאָרט האָבן זיי שוין געטראָפֿן אַן אָרגאַניזירטע סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונג,

אונטער דער אָנפירונג פון דעם מינסקער ייד, וועלכן מען האָט גערופן גילטשיק — אַ מאַן זייער אַן ענערגישער און אינטעליגענטער פון אַ יאָר עטלעכע און פערציק. דאָס איז געווען דער „זשוקאָוו"־אָטריאַד פון דער ניינצנטער בריגאַדע, וועלכע האָט געטראָגן דעם נאָמען פון מאַלאָטאָוו. דער באַטאַליאָן האָט געהאַט 2 קאָמפּאַניעס און פון די יידן איז געשאַפן געוואָרן די דריטע.

אַלס פירער פון דער קאָמפּאַניע האָט גילטשיק באַשטימט אַ רוסישן ייד, אַ מאַן פון אַ יאָר 40, אַ געוויסן עפּשטיין. עס זענען אויך באַשטימט געוואָרן פירער פון פּלוטאָנען און דרוזשינעס. צווישן אַנדערע איז באַשטימט געוואָרן: אַלס פירער פון צווייטן פּלוטאָן שמוקלער פון קלעצק, לאַופער אַלס זיין פּאַרטרעטער און גלייכצייטיק פירער פון אַ דרוזשינע. איין פּלוטאָן האָט איבערגענומען שלום כאַלאָווסקי, פון באַרוף אַ לערער פון ניעסוויעזש, באַראַנאָוויטשער וואָיעוואָדשאַפט. זיין פּאַרטרעטער איז געווען פעקער פון לאַכאָוויטש. אין דעם פּלוטאָן איז אויך געווען ניסענבאַום פון כעלעם. פירער פון דרוזשינעס זענען אויך באַשטימט געוואָרן די חברים: סעווערין ראָזען, אַ צאָן־דאָקטער פון וואַרשע און אברהם פישמאַן פון וואַרקע, וואַרשעווער וואָיעוואָדשאַפט. זיי זענען אויך גלייך צוגעטראָטן אָרגאַניזירן זייער פּאַרטיזאַנישע היים, ווי בויען זעמליאַנקעס, צוזאַמענגעשטעלט אַ קראַנקן־הויז, וועלכעס איז שטאַרק נייטיק געווען צוליב די שווערע אָפּפירונגען, פון וואָס עס האָבן געליטן אַ סך מענטשן אין דער פּראַקטיקער נאַכט, ווען מ'האָט פּאַרלאָזט דעם לאַגער, און שוין דאָס וויכטיקסטע — מ'האָט גענומען זיך אַרומקוקן וועגן געווער. דאָס האָט מען שוין אָבער געמוזט זוכן אין די אַרומיקע וואַסערן, ביי פּויערים, אַפילו אויך אין קברים פון דערשאָסענע סאָוועטישע זעלנער.

ענדלעך איז געקומען דער מאָמענט, אויף וועלכן אַלע האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט — אַנטיילצונעמען אין אַ קאַמף קעגן די, וואָס האָבן דערפירט צו דער גרעסטער טראַגעדיע אין דער געשיכטע. ממש מיט טרערן אין די אויגן האָבן זיך יונגע בחורים און מיידלעך געבעטן, מען זאָל זיי דערלויבן מיטצוגיין אויף דער אַקציע. צום באַדויערן איז די אויסשטאַטונג אין געווער און אַמוניציע נאָך געווען זייער אָרעם און מען האָט זיך דערוויַיל געמוזט באַגנוגענען מיט פאַרשידענע סאַבאָטאַזש־אַקציעס, ווי: אונטערשניידן טעלעפאָן־סלופּעס, אונטערצינדן בריקן, וועלכע האָבן געקאָנט האָבן אַ סטראַטעגישע באַדייטונג פאַרן דייטשן מיליטער, צעשרויפן די רעלסן פון דער קליינבאַן, מיט וועלכער זיי פלעגן אַרויספירן דאָס

געהילץ פון די וועלדער און ענלעכע זאַכן. די שנאה פון די מענטשן צום היטלעריסטישן אכזר איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט דירעקט געפילט אַ פאַראַכטונג צום טויט. עס זענען שפּעטער געווען פאַלן, ווען מיט שטעקנס אָדער מיט מעסערס און אַ סך מאָל אַפילו מיט ליידיקע הענט האָט מען זיך געוואָרפן אויף דייטשע אָדער ולאַסאָווישע פּאַטראָלן, כדי זיי צו אַנט־וואָפענען און אויף אַזאַ אופן דעראַבערן געווער צו אַן אָפענעם קאַמף.

ווי געווײנלעך, האָט מען זיך אויך נישט געקאָנט באַגיין אָן לעבנס־מיטל. איז געפאַלן דער גורל אויף לאָופּערן צו זאָרגן פאַר דעם. מיט אַ גרופּע פון אַכט מאַן, באַוואָפנט מיט... 1 רעוואָלווער, איז ער גלייך דעם צווייטן אָוונט אַרויס אויף אַן אַזוי גערופענער „ברויט־אַקציע". די צו־שטעלער זענען אין דער ערשטער ריי געווען די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער, ביי וועלכע מ'האָט מערסטנטייל געקויפט פאַר מזומנים. עס זענען אויך געווען פאַקטן פון קאָנפיסקאַציע, אָבער קאָנפיסקירן פלעג מען ביי אַזעלכע, אויף וועלכע מען האָט אָנגעוויזן אַז, זיי אַרבעטן מיט מיטן אָקו־פּאַנט. די ערשטע אַקציע איז דורך מיט דערפאָלג. די גרופּע איז געקומען צוריק מיט ברויט, קאַרטאָפל, פלייש און אַנדערע פּראָדוקטן. עס זענען אָבער אויך געווען פאַלן, ווען פּויערים האָבן צו וויסן געטאָן דער פּאָליציי, וועלכע האָט אויף אַזאַ פּאַרטיזאַנישע גרופּע געמאַכט אַ לויערונג. זייענדיק שוואַך באַוואָפנט, איז זי נישט איין מאָל ביז צום לעצטן פּאַרטיזאַנער פאַר־ניכטעט געוואָרן. דאָס האָט זיך אויך געטראָפן מיטן אַן אָפּטיילונג פון זייער קאָמפּאַניע, צווישן וועלכער עס איז אויך געפאַלן דער חבר באָוושאָוויטש פון נאָווי סווירזשען, וועלכער איז געקומען צו די פּאַרטיזאַנער מיט זיין זון מוניע און אַ טאָכטער. דער טראַגישער פאַל פון דער אָפּטיילונג האָט אַרויסגערופן גרויס אויפרעגונג ביי אַלע. עס איז גלייך אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס פאַר יעדן פּרייז צו דעראַבערן געווער, און אויף דער קלענסטער אַקציע אַרויסצושיקן באַוואָפנטע מענטשן, וועלכע זאָלן קאָנען אין יעדן מאָמענט אויך אויפנעמען אַ קאַמף.

עס האָבן זיך געגומען מערן די אָנפאַלן אויף קלענערע פּאָליציי־פּאַטראָלן, מיליטער, ולאַסאָווצעס. בעת די אָנפאַלן האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט די דריי ברידער סטאָקליצקי פון ווילנע — יצחק, סאַשאַ און דער יינגסטער יאַנקל, אַלע דריי הענטשקע־מאַכערס. מיט אַ צייט שפּעטער איז סאַשאַ סטאָקליצקי שווער פאַרוואונדעט געוואָרן און מיט נאָך אַנדערע קראַנקע איבערגעשיקט געוואָרן מיט אַן עראָפּלאַן קיין מאָסקווע.

טיף אין לאָופּערס זכרון האָט פון דער דאָזיקער צייט איינגעקריצט

זיך דאָס געשטאַלט פון נאָווי־סוויערזשענער רבס זון, דעם העלדישן צוואַנ־ציק־יאָריקן בחור, וועלכן מען האָט גערופן „דער מלאך”. גערופן האָט מען אים אַזוי מחמת דעם, וואָס די קוילן האָבן איבער אים קיין שליטה נישט געהאַט... מיט אַ געוואַלדיקער התלהבות און ברען פלעגט ער זיך וואַרפן אין קאַמף און תמיד איז ער צוריקגעקומען בשלום. ער איז טאַקע געווען שטאַרק באַליבט ביי אַלע פּאַרטיזאַנער, סיי יידישע, סיי סאָוויעטישע. בעת די איבערפאַלן האָט מען דעראָבערט געווער אַ גרויסער טייל פון די יאַטן, צווישן זיי זענען געווען אויך די חברים: אַלטער פרענקעל פון לאָדזש און זיין שוואָגער בעריש ראָזענבערג. אַ סך האָבן אָבער דערביי אויך באַצאָלט מיט זייער יונגן לעבן.

אויף אַן ענלעכער אַקציע איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אַן אָפּטיילונג פון אַ 15 מאַן, צווישן וועלכער עס האָבן זיך געפינען: אליהו מאַנדעלמאַן פון לאָדזש, דער שלאָסער פּיעטרושקאָ און מילמאַן פון וואַרשע, אונטער דער אָנפירונג פונעם אויסגעפּרוווטן פּאַרטיזאַנער הערשל פּאָסאָסאָרסקי. די ריכטונג איז געווען אַלעמען גוט באַקאַנט — די גריכטס־געבידע פון סטאָלפּצע. אַלע זענען געווען האָפערדיק, פול מוט און איבערצייגונג, אַז נישט נאָר זיי אַליין וועלן זיך באַוואָפענען, נאָר זיי וועלן נאָך מיטברענגען געווער פאַר אַנדערע פּאַרטיזאַנער.

ווי מ׳האָט זיך שפּעטער דערוווּסט איז באַלד דער אָנהייב פון דער אַקציע געווען פאַר דער דאָזיקער גרופּע אַ פאַטאַלער. ביים ערשטן אָנפאַל אויף אַ פּאָליציי־פּאַטראָל איז געפאַלן דער יונגער וואַרשעווער בחור מילמאַן, וועלכן זיי האָבן אַפילו נישט געקאַנט באַערדיקן. צוליב דער אָנגעקומענער פאַרשטאַרקונג פון וולאַסאָווצעס, האָבן זיי זיך געמוזט שנעל צוריקציִען אין וואַלד אַריין. זיי האָבן געוואַנדערט עטלעכע טעג, געפּרוווט אָנקניפּן אַ קאָנטאַקט אין פאַרשידענע דערפער, כדי זיך עפּעס צו דערוויסן וועגן אַ מעגלעכקייט אויסצופירן דעם פאַרטראַכטן פּלאַן.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן, זיצנדיק אַזוי אין וואַלד ביי אַ שייטער, זענען זיי אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַ גרויסער פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג. קיינער איז נישט געוואָרן איבעראַשט. פאַרקערט — עס איז פאַר זיי גאָר געווען אַ פריידיקער מאָמענט — באַגעגענען אַ פאַרבינדעטן קעגן געמיינ־זאַמען שונא. ווי אַנטוישט זענען זיי אָבער געוואָרן, ווען גלייך אין ערשטן מאָמענט האָט דער פירער פון דער „ווילדער” פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג געפּרוווט זיי אַנטוואָפענען פון דעם איינציקן רעוואָלווער, וואָס איז געווען אין זייער רשות.

— גיב אַהער דיין נאַגאַן! — האָט אויסגערופן דער אויסוווּרף, אָנ־שטעלנדיק די לופע פון זיין רעוואָלווער אויף דער ברוסט פון פּאַסאַסאָרסקי.

— נאָך מיין טויט! — איז געקומען אַן אַנטשלאָסענער ענטפער.

דער יידישער פּאַרטיזאַנער האָט זיך צוריקגעצויגן אויף עטלעכע שריט, האַלטנדיק די גאַנצע צייט זיין רעוואָלווער מיט דער לופע אַראָפּ־געלאָזט צו דער ערד. אין דעם מאָמענט איז געפאַלן צוויי שאָסן, וועלכע האָבן איבערגעשניטן דאָס יונגע לעבן פונעם העלדישן וואַרשעווער בחור הערשל פּאַסאַסאָרסקי.

מיט טיפן צער האָבן אַלע אויפגענומען די טרויעריקע ידיעה. קיינער האָט נישט געוואָלט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז דער וואָס האָט דער ערשטער געוויזן דעם וועג צו די פּאַרטיזאַנער, איז אַזוי טראַגיש אומ־געקומען. עס זענען שפּעטער אויך געווען פאַרשלאָגן אַנצורופן די דריטע קאָמפּאַניע פון „זשוקאָווס" אָטריאַד אויפן נאָמען פון הערשל פּאַסאַסאָרסקי.

די אַקציע אויף דעם טאַרטאַק אין נאָווי סוויערזשען און דער טויט פון פעלע ווײַנבערג

נאָך דעם אָנפאַל פון די פּאַרטיזאַנער אויף דער קאָלײקע ביי טשור־טשעוויצע, פינסקער ראַיאָן, האָבן די היטלעריסטן באַשלאָסן מיט זיי זיך אָפּצורעכענען. די דייטשן האָבן בשום אופן נישט געקאָנט מוחל זיין די פאַרלוסטן און דערצו די צוויי דייטשן און צוויי וולאַסאָווצעס וועלכע זיי האָבן גענומען לעבעדיקערהייט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געיעג פון גרויסע דייטשע כוחות, וועלכע מען האָט דאָרט צוזאַמענגענומען, כדי די פּאַרטי־זאַנער צו ליקווידירן. אָן אָפענער קאַמף איז נישט געווען דער ציל פון די פּאַרטיזאַנער. זיי זענען אויך געווען צו שוואַך מיט אַזאַ קראַפט זיך צו פאַרמעסטן. דערפאַר איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס זיך צוריק־צוציִען אין די לאַווסקער וועלדער אַריין. די ריכטונג איז געווען די שטאָט קאָפּולע, מינסקער ראַיאָן, ווו ס'האָט זיך געפונען די באַזע פון זייער אָטריאַד.

אַלס אָנפירער פון באַטאַליאָן אויפן אָרט פון גילטשיקן, איז באַשטימט געוואָרן אַ מיליטערמאַן פון אַ יאָר 35 מיטן נאָמען באַראַנאָוו. דאָס איז געווען דעם 6 יוני 1943. אויפן באַפעל פון נייעם אָטריאַד־קאָמאַנדיר באַראַנאָוו, איז לאַופער אַרויסגעשיקט געוואָרן מיט אַ גרופּע פון 6 מאַן מיטן ציל אונטערצוצינדן דעם טאַרטאַק אין נאָווי־סוויערזשען. די יאַטן זענען געווען אַלע פון דער דריטער קאָמפּאַניע, ווי: אליהו מאַנדעלמאַן, דער שלאָסער פּיעטרושקע, נתן סאַבעלמאַן פון העניקאָוו, ביי וואַרשע, דער שמיד קאַדאַשיץ און וועלוול — ביידע פון נאָווי־סוויערזשען, און בעריש ראָזענבערג פון לאָדזש. ס'איז געווען אַ וואַרעמער, אָבער טריבער נאָך מיטאָג. די זון האָט, ווייזט אויס, אויף דעם וועג זיי נישט געוואָלט באַגלייטן. דערפאַר איז צום גרעזגענען געקומען דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר און די פירער פון די קאָמפּאַניעס.

— איר זענט יידן — האָט געזאָגט באַראַנאָוו — אין דעם טאַרטאַק האָבן די פאַשיסטן אייך געצוווּנגען צו אַרבעטן ווי שקלאַפן. דעריבער איז דאָס אייער חוב אים צו פאַרניכטן. לאַופער! — האָט ער זיך געווענדט צו אים — ווי צום אָנפירער פון דער אָפּטיילונג — איך בין איבערצייגט, אַז איר וועט עס דורכפירן.



Институт марксизма-ленинизма
при ЦК Коммунистической партии Советского Союза
Советская пл., 1/8
г. Москва, [redacted]

№ 1536 ...   17 ... 1963 г.

АРХИВНАЯ СПРАВКА

Согласно документальным данным Центрального партийного архива Института марксизма-ленинизма при ЦК КПСС ЛАУФЕР Шолем Абрамович, 1906 (а не 1902) г.рождения, числится рядовым партизаном партизанского отряда им.Жукова, бригады № 19 с 28 января 1943 г. по 10 июля 1944 г.

Зам.зав.Центральным партархивом
Института марксизма-ленинизма
при ЦК КПСС   (Г.Лавров)

Научный сотрудник   (В.Степанов)

אַ באַשטעטיקונג פון אינסטיטוט פון צ.ק., דאָס שלום לאופער איז געווען אין
דער פאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג א.נ. פון „זשוקאָוו"

די באַוואָפנטע גרופּע האָט אַרויסמאַרשירט, באַגלייט מיט פריידיקע בליקן פון אַלע חברים, ווי זיי וואָלטן זאָגן: — גייט און נעמט נקמה אויך פאַר אונדזערע דערנידעריקונגען!

דעם וועג האָבן זיי דורכגעמאַכט מיינסטנס ביינאַכט. בייטאָג האָבן זיי גערוט אין די וועלדער. ווען זיי זענען געקומען אין סטאָלפּצער געגנט, זענען זיי שוין געווען, ווי מען זאָגט, אין דער היים. קאַדאַשיץ און וועלוול האָבן דאָ געקענט יעדן שטעג און וועג, דאָס קלענסטע בערגל און טאָלעכל. זיי זענען געקומען אין אַ דאָרף, וואָס איז געלעגן ביי אַ 16 קילאָמעטער פון נאַווי־סוויערזשען. דאָ האָבן זיי געטראָפן צוויי באַקאַנטע וואַלד־שומרים, ביי וועלכע זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן. די פאַרטיזאַנער האָבן אָנגענומען אַ באַשלוס די אַקציע אויסצופירן דעם צווייטן טאָג פון פוילישן יום־טוב „באָזשע טשיאַלאָ". צוליב דער קורצער נאַכט איז אויך אָנגענומען געוואָרן דעם וועג דורכצומאַכן אויף פערד. אין מיטן דער נאַכט זענען זיי אָנגעקומען צום טאַרטאַק. וועלוולען האָבן זיי איבערגעלאָזט ביי די פערד אין דער תבואה, וועלכע איז דאָ געוואַקסן לענגאויס דעם גאַנצן וועג. מאַנדעלמאַן, פּיעטרושקע און נתן סאָבעלמאַן האָבן מיט לאָפּעטעס גענומען אונטער־גראָבן דעם הילצערנעם פּאַרקאַן, די פאַרצוימונג צום טאַרטאַק, ראָזענבערג, קאַדאַשיץ און לאָופער זענען געשטאַנען איבער דעם וועג אין דער תבואה אַלס שוץ פון רעכטס און פון לינקס. די אַרבעט איז געגאַנגען גאַנץ שנעל. לויטן פּלאַן זענען אין טאַרטאַק אַריין סאָבעלמאַן און פּיעטרושקע. אין גרובן איז געבליבן מאַנדעלמאַן, מחמת דעם וואָס ער איז געווען אַ קליינוויק־סיקער, אַלס פאַרבינדלער צווישן זיי און די אונטערצינדלער. די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע. אַרום איז געווען שטיל. זיי זענען געשטאַנען פון דער זייט פאַרקאַן מיט פאַרדריסענע קעפּ אין דער ריכטונג פון די טאַרטאַק־געביידעס, ווי מען וואָלט זיך וועלן מיט די בליקן דערגרייכן איבער דער פאַרצוימונג. לאָופער האָט געקוקט אויף דעם שטראַלנדיקן ציפערבלאַט פון זייגער און דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט ווי מיט אַ האַמער פאַר אויפרעגונג. עס איז שוין 25 מינוט ווי זיי זענען אַריין... עס איז דאָך גענוג צו באַגיסן אַ וואַנט פון אַ געביידע אָדער אונטערצולייגן דאָס מאַטעריאַל ביי אַ סטערטע פון ברעטער און אַלץ איז דערליידיקט — וואָס־זשע דויערט עס אַזוי לאַנג?!

דאָס מיטגענומענע מאַטעריאַל איז געווען: צוויי גאַלקעס, אַ פלאַש בענזין און אַ פלאַש קוילן־שרויט. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָבן זיי אין דריי פונקטן צוזאַמענגענומען הויפנס שפּענער פון טרוקענע ברעטלעך און מיט דער הילף פונעם צינד־מאַטעריאַל אַלץ געשטעלט אין פלאַמען. מיט־

אַמאָל האָבן זיי דערהערט אַ סוויסטשען ווי פון אַ פויגל פונעם גרובן ביים פּאַרקאַן — דאָס איז געווען דער צייכן פון מאַנדעלמאַנען, זיי זאָלן טרעפן אין דער פינצטער צום אַרויסגאַנג. פריִער האָט זיך באַוויזן פּיעטרושקע און אַ ווײַלע שפּעטער, אַ פּאַרסאַפּעטער, מיט אויפגעריסענע הויזן, פאַר־טשעפּעטע ביי די דראָטן, סאָבעלמאַן. עס איז נישט געווען וואָס לענגער צו וואַרטן.

— צו די פערד! — האָט לאַופער געגעבן אַ באַפעל. ווי איין מאַן האָבן זיי זיך געלאָזט דורך די תבואות.

אַ פאַררויטלטער הימל האָט זיי באַלויכטן דעם וועג און די הערצער האָבן זיך ממש צעגאָסן פאַר פרייד. אין דעם גרעסטן גאַלאָפּ האָבן זיי זיך נישט געקאָנט באַהערשן און יעדעס מאָל זיך אויסגעדרייט, כדי צו כאַפּן אַ בליק אויף דעם ברענענדיקן טאַרטאַק.

מיט שטאָלץ האָט לאַופער אָפּגעגעבן די מעלדונג דעם קאָמאַנדיר באַראַנאָוו: דער באַפעל איז אויסגעפירט!

אַלעמענס פרייד איז אָבער באַלד געוואָרן אויסגעלאָשן. ס'האָט צו זיי דערגרייכט די טרויעריקע ידיעה: — די האַרציקע בלאָנדע פרוי פעלע וויינבערג, וועמען דער פירער פון דער קאָמפּאַניע עפּשטיין האָט אַרויס־געשיקט, כדי אויסצושפּיאָנירן די געגנט, איז אַריינגעפאַלן אין די דייטשע הענט און אין סלוצק, איז זי עפנטלעך אויפגעהאָנגען געוואָרן...

פעלע וויינבערג איז צו די פּאַרטיזאַנער געקומען צוזאַמען מיט איר מאַן אַדאַם. זיי האָבן ביידע געשטאַמט פון לאָדזש. די העלדישע אויס־שפּירערין פעלע איז קוים אַלט געווען צוואַנציק יאָר...

דער יאָרטאָג פונעם מלחמה־אויסברוך אין יוני 1941

די צייט האָט געברענגט מיט זיך אַ סך קרבנות. פון דער דריטער קאָמפּאַניע האָבן שוין געפעלט אַ סך גוטע חברים מיט וועלכע מ׳איז אַרויס פון לאַגער. אָבער צו יעדער אַקציע האָבן זיך געריסן די יאַטן און אויף זייערע ליפּן זענען שטענדיק געווען די ווערטער: נקמה פאַר פעלעס טויט! צי האָט מען אין אַנדערע פאַרגעסן? צי איז דאָס איבערהויפּט געווען מעגלעך? ניין! שטענדיק האָט מען דערמאָנט פּאַסאַסאָרסקין, באַוושאָוויטשן, מילמאַנען און אַנדערע געפאַלענע פּאַרטיזאַנער, אָבער פעלע ווײַנבערג איז ווי לעבעדיק געשטאַנען פאַר די אויגן. מען האָט זי געזען ביי דער זייט פון איר מאַן, ווי זי מאַרשירט אין די פּאַרטיזאַנישע רייען, ווי זי גייט אַ שטאָלצע צום טויט צו דער תליה אין סלוצק. אַ טרייסט פאַר אַלע און אַ צייטווייליקע פאַרגעסונג איז געווען דער קאַמף, צו וועלכן אַלע האָבן זיך אַזוי שטאַרק געריסן.

דאָס איז געווען מערץ 1944. זיי האָבן סטאַציאָנירט אין די הענצע־וויטשער וועלדער, נישט ווייט פון דעם דאָרף טוכעוויטשע, פּינסקער געגנט. די אויסשפּירער האָבן געמאָלדן, אַז די דייטשן טוען יעדן טאָג קאָנטראָלירן דעם שאָסיי ביי ניעדזשוויעדזשיצע, צי ער איז נישט אונטערמינירט, טרייבנדיק שטענדיק פאַר זיך אַ גרופּע דאָרפישע מענטשן. די שפּיל האָט באַראַנאָוו באַשלאָסן צו פאַרענדיקן.

זיי מאַרשירן אָן אָפּטיילונג פון 70 פּאַרטיזאַנער. אויך אַ גרויסער טייל פון לאָופּערס פלוטאָן, ווי: משה צאַלקאָוויטש, ניאָמע און זיין שוועסטער ריווע דילאָמאָוסקאָ — אַלע פון נאָווי־סוויערזשען, די גאַנצע משפּחה — יאָסל, משה און זייער שוועסטער עטל, וועלכע מען האָט גערופן „אדון עולם״. עס מאַרשירן אויך ביי דער זייט פון שלומען זיינע צוויי ברידער רפאל און שמחה. די אָנפירונג האָט איבערגענומען דער אָטריאַד־קאָמאַנדיר אַליין באַראַנאָוו.

עס איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט, ווען זיי זענען אַרויס פון דער באַזע. אין צוויי רייען האָבן זיי געצויגן איינער הינטער דעם אַנדערן. אַלע האָבן עפּעס מאָדנע געשוויגן. מעגלעך, אַז נישט איינער האָט געטראַכט,

אפשר גייט ער שוין אין דער ריי דאָס לעצטע מאָל. אָדער זיך דערמאָנט אין דער אויסגעמאָרדעטער משפּחה... אַרום האָט זיך געטראָגן דאָס סקריפּען פון די שיך אויפן שניי, וואָס האָט איבערגעריסן די מאָנאָטאָנע שטימונג און אַלע האָבן זיך געוווּנטשן, ער זאָל שוין פאַרשווינדן און עס זאָל זיך שוין באַווייזן די שוואַרצע ערד, וועלכע וועט נישט אָנטפּלעקן זייערע טריט.

פּאַרטאָג זענען זיי געקומען צום ציל. צעטיילט אין גרופּן ביים ראַנד פון וואַלד האָבן זיי פאַרנומען פּאָזיציעס מיטן לויף פונעם וועג. לאַנג האָבן זיי דאָ נישט געדאַרפט וואַרטן. מיטן אָנקום פונעם פרימאָרגן האָבן זיך באַוויזן די פויערים און הינטער זיי — אַ גרופּע פון ווייסרוסישע פּאָליציאַנטן און עטלעכע דייטשע זשאַנדאַרמען. מ׳האָט זיי געלאָזט צוקומען אויף דער הויך פונעם ציל. מיטאַמאָל האָט זיך באַוויזן די אָפּגערעדטע ראַקעטע. אַלע ווי איין מאַן האָבן אַ דריק געגעבן אויף די צינגלעך פון זייערע ביקסן. דער זאַלפּ האָט אויפגעריסן די לופט. ס׳האָט אים באַגלייט אַן אויסגעצויגענער אויסגעשריי: הוררראַ! און אַלע זענען אַרויס פונעם וואַלד. ווי ווילדע האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף די היטלעריסטן אָן דעם מינדסטן געדאַנק וועגן דעם אייגענעם „איך״, וועגן דער דראָענדיקער געפאַר. עס איז בלויז געווען איין דערהויבענער ציל — נקמה!

די פאַשיסטן האָבן גענומען אַנטלויפן אין גרויס פּאַניק. די אַקציע איז אָבער געוואָרן באַשוועדט, ווייל זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט די איבערגעשראָקענע פויערים, וועלכע זענען צוזאַמען מיט זיי געלאָפן. טראָץ דעם האָבן די באַנדיטן איבערגעלאָזט אויפן וועג 5 טויטע, נישט רעכענענדיק קיין פאַרוווּנדעטע. די פּאַרטיזאַנער האָבן קיין פאַרלוסטן נישט געהאַט.

ענלעכע אַקציעס זענען איצט געווען אויף דער טאָג־אָרדענונג. נאָר איין אומפאַרגעסלעכע אַקציע איז געווען אין יאָרטאָג פונעם מלחמה־אויסברוך. דאָס איז געווען אין יוני 1944. דער פירער פון דער קאָמפּאַניע איז דעמאָלט געווען דער וואַרשעווער בחור יעקב מיקאַנאָווסקי — „יאַשאַ״. אַ באַפעל איז געקומען אַז אַלע פּאַרטיזאַנער פון ווייסרוסישן געביט זאָלן אָפּמערקן דעם יאָרטאָג פונעם מלחמה־אויסברוך מיט אַלגעמיינע אונטערנעמונגען, די אַזוי־גערופענע „רעלסן־אַקציע״. אין דער היסטאָרישער דאַטע האָט אַרויסמאַרשירט פון די פּאַרטיזאַנישע וועלדער דער גאַנצער אָטריאַד אונטער דער אָנפירונג פון באַראַנאָוון און זיין פאַרטרעטער ווינער, אַ הויכוווּקסיקער רוסישער ייד פון אַ יאָר 45. אין דער זעלבער צייט האָבן פון אַלע וועלדער געצויגן אַנדערע אָפּטיילונגען, אָטריאַדן און גאַנצע בריגאַדעס פאַר דער גרויסער אַקציע. יעדע בריגאַדע האָט געהאַט לויטן אַלגעמיינעם

פּלאַן צוגעטיילט איר געביט. זיי האָבן באַקומען די באַן־ליניע אויפן אָפּ־שניט פון באַראַנאָוויטש.

אין שפּיץ פון דער קאָמפּאַניע איז געגאַנגען יעקב מיקאַנאָווסקי. זיי זענען געווען באַוואָפנט מיט די בייסטע מאַשין־ביקסן און געפילט אין זיך עפּעס אַ גרויסע אומבאַזיגבאַרע קראַפט. זיי זענען געגאַנגען מיט אַ געפיל, ווי דאָס וואָלט שוין זיין די לעצטע שלאַכט. אויסער דער באַוואָפענונג האָט יעדער צו פיר שטיק קאַנטיקן טאָל, וועלכן מען האָט צו דער אַקציע געשיקט פון דער „גרויסער ערד" מיט דער הילף פון עראָפּלאַנען. מיט אַ קורצער צייט צוריק האָבן זיי אויך באַקומען געווער, מעדיקאַמענטן און אויך דעם טאָל דורך אַ „וווּרף" אויף דעם דעמאָלט שוין אָרגאַניזירטן פלי־פּלאַץ אין די מאַשוקער וועלדער. דעם וואַלד אין וועלכן זיי זענען געקומען האָט אָפּגעטיילט אַן אויסגעהאַקטער 500־מעטערדיקער שטח פון דער באַן־ליניע. דאָ איז געשאַפן געוואָרן דער אויסגאַנגס־פּונקט צו דער דאָזיקער אַקציע. אַ קליינע גרופּע, וועלכע איז באַשטימט אַלס שוץ, האָט אַנגעצילט די מאַשינביקסן אויף דעם איינציקן דייטשן בונקער, וועלכער האָט זיך געפונען אויפן דאָזיקן אָפּשניט. אַלע איבעריקע צעשפּרייט אין אַ טיראַליערע, האָבן מאַרשירט צו די באַן־רעלסן, איינער פון אַנדערן אָפּגערוקט אויף אַן ערך 4 מעטער. נישט פאַרהייענדיק זיך זענען זיי צו־געטרעטן גלייך צו דער אַרבעט. אונטער די רעלסן אונטערגעלייגט דעם טאָל און צוגעגרייט דעם לאָנט. ביי יעדער גרופּע האָט זיך געפינען דער פירער פון פּלוטאָן און דרוזשינע, וועלכע האָבן אויפגעפּאַסט אויף דער סיגנאַל־ראַקעטע. אַלץ איז געשטאַנען און געוואַרט. מיטאַמאָל האָבן אַ בליאַסק געטאָן אין דער לופטן עטלעכע ראַקעטן איינע נאָך דער צווייטער.

—פייער! איז געקומען דער באַפעל. און אַלע האָבן אָנגעצינדן די קנויטן און געלאָפן געשווינד אין דער ריכטונג פונעם וואַלד. די שטילע נאַכט איז אויפגעטרייסלט געוואָרן פון דער קאַנאָנאַדע, וועלכע האָט אָפּ־געהילכט מיט אַ פאַרטויבנדיקן ווידערקול אין דעם ווייטן וואַלד. דאָס איז אַ נישט־פאַרגעסלעכע נאַכט — האָט געזאָגט לאָופער. דאָס דונערן האָט זיך געקייקלט איבערן וואַלד. די פּאַרטיזאַנער זענען געשטאַנען פאַרגאַפטע, מיט אָפענע מיילער, מיט אָנגעשטרענגטן געהער, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט חלילה צו פאַרלירן דעם מינדסטן קלאַנג פון דער באַצויבערנדיקער מוזיק...

די אַקציע האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע פּאַניק אין באַראַנאָוויטש ביי די דייטשע באַאַמטע און מיליטערלייט, זייענדיק איבערצייגט, אַז זיי האָבן שויך דאָ צו טאָן מיטן סאָוויעטישן אָנגריף ביי די טויערן פון דער שטאָט.

דער ציל איז געווען דערגרייכט. דער וועג פון די אָפּטרעטנדיקע דייטשע אָפּטיילונגען אויף דעם אָפּשניט איז געווען צעשטערט. דאָס זעלבע איז געשען אויך אויף אַנדערע אָפּשניטן פון דער ווייסרוסישער ערד...

ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט האָט שוין געגומען טאָגן. ביים איבער־גיין פון איין וואַלד־אָפּשניט אין צווייטן האָבן זיי באַמערקט אָנקומענדיקע דאָרפישע וועגענער מיט דייטשע זעלנער. עס איז גלייך געקומען אויפן געדאַנק, אַז זיי קאָנען שטערן דעם ווייטערדיקן מאַרש. אויפן באַפעל פון קאָמאַנדיר איז שלום לאַופער מיט נאָך צען מאַן פאַרלאָפן דעם וועג און געעפנט אַ פייער, כדי אָפּצוציִען די אויפמערקזאַמקייט פון די דייטשן פון די פּאַרטיזאַנישע הויפּט־כוחות.

די אַקציע איז געווען אַ ריכטיקע. פונעם פלוצעמדיקן איבערפאַל איז די דייטשע אָפּטיילונג געוואָרן צעשמעטערט, איבערלאָזנדיק אויפן פעלד טויטע און פאַרוווּנדעטע. זיי האָבן אָבער באַוויזן מיט לייכט־ראַקעטן צו אַלאַרמירן דעם נישט־ווייט סטאַציאָנירנדיקן גאַרניזאָן פון די וולאָסאָוועצעס. די הילף איז אָבער געקומען צו שפּעט. עס האָבן זיך אויך באַוויזן דייטשע עראָפּלאַנען. די פּאַרטיזאַנער זענען אָבער שוין דאַן געווען טיף, טיף אין וואַלד, אויפן וועג צו זייער „פּאַרטיזאַנישער היים".

אין דעם ניינטן באַטאַליאָן „זאַ ראָדינו"

דערציילט פון דער פּאַראַשוטיסטין פון „שטורעם־באַטאַליאָן" מאַיאָר בלומע פּערעלמוט־דודאָוואַ, פּסעוודאָנים „יאַנקאַ"

ס'איז געווען אַ פינצטערע נאַכט. אומבארחמנותדיק האָט געבלאָזן דער ווינט אין פּנים אַריין מיט אַ שמייסנדיקן רעגן. דורך צעווייקטע פעלדער אונב לאַטיקע ווענן האָבן זיך געשלעפּט צוויי יונגע מענטשן. זיי האָבן די נאַסע קעלט נישט געפילט, כאָטש גרישאַ לעוויו איז געווען בלויז אין אַ לייכטן זומער־אַנצוגל אויף זיך און אויך בלומע, זיין באַגלייטערין — די איין און צוואַנציק יעריקע בלומע — איז געווען לייכט געקליידט. זייער געדאַנק האָט זיי דיקטירט בלויז איינס — ווייטער!... ווייטער פון די היטלעריסטישע מערדער!... ווייטער אויף מזרח...

זייער היים־שטאָט ביאַליסטאָק האָבן זיי שוין לאַנג געהאַט הינטער זיך. איבערגעלאָזט די נאָענטסטע אויף אייגענעם גורל — טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער, חברים און פריינד, ווער ווייסט אויב מען וועט זיי נאָך אַמאָל זעען?... דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט מיט אַזאַ טיפן ווייטיק און פּיין. ס'האָט גענאָגט און געציטערט פון יעדע דערינערונג און געדאַנק וועגן דעם אומגליק וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער היים. נאָר איינער האָט צעוויט דעם צווייטנס ווייטיקלעכע דערינערונגען און זיי האָבן געשפּאַנט ווייטער, פאָרויס, שוין דעם וויפלטן מעת־לעת הונגעריק, מיד און דערשעפּט.

גרישאַ האָט אַרויסגענומען דעם לעצטן רעזערוו ברויט פון דעם זעקל און דערלאַנגט בלומען.

— עס — האָט ער געזאָגט מיט זיין ליבלעכער שטימע. — מיר וועלן אפשר ביי אַ פּויער נאָך עפּעס קריגן צו קויפן.

— און דו?

אויך פאַר מיר איז נאָך פאַראַן אַ שטיקל — האָט ער געענטפערט מיט אַ געמאַכטן שמייכל, ווייל אין דער ווירקלעכקייט האָט ער איר דאָס לעצטע געגעבן.

בלומע עסט דאָס ברויט דורכגעווייקטע פון רעגן און שפּאַנט אַלץ

בלומע פּערלמוט — דודאָוואַ, פּסעוודאָנים „יאַנקאַ"

ווײַטער פאָרויס, טאַפּטשענדיק מיט די לײַכטע שיך אין דער בלאָטע, וועלכע אָרט זי שוין נישט. פאַר די אויגן קומען אַלץ אויף בילדער פון דער צײַט ווען זי האָט פאַרבראַכט אין תּפֿיסה פון פאַרדאָן און שפּעטער דער באַטאַליאָן אין וואַרשע, צו וועלכן זי האָט זיך אָנגעשלאָסן, כּדי צו פאַרטיידיקן די הויפּטשטאָט. זי האָט זיך דערמאָנט די שײנע צײַט ווען זי האָט געאַרבעט אַלס אינסטרוקטאָר פון ספּאָרט אין ביאַליסטאָקער קרײַז — דעלעגירט פונעם קאָמסאָמאָל; די אַרבעט בײַ די דײַטשן אַלס מאַגאַזיניער אונטער דעם נאָמען „צאַריצינסקאַ"... די בילדער זענען געשטאַנען ווי לעבעדיק פאַר די אויגן און אויף אַ ווײַלע האָט זי פאַרגעסן אין דעם ענדלאָזן וועג.

פון בײַדע זײַטן האָט זיך געצויגן אַ וואַלד פון שײנע הויכע סאָסנעס און אַרום איז געווען פינצטער און נאַס. דער הימל איז שוין עטלעכע טעג פאַרצויגן געווען מיט וואָלקנס און די טראָפּנס האָבן זיך געשאָטן אָן אויפהער פון הימל, פון די ביימער, פון די גרעזלעך. פּלוצעם האָט זיך באַוויזן אַ ליכט אין מיטן וואַלד...

— גרישאַ — האָט בלומע אויסגערופן, ווײַזנדיק מיט דער האַנט אין דער ריכטונג פון דעם ליכט.

זיי זענען בײַדע אויף אַ ווײַלע שטיין געבליבן. עס האָט זיך אין זיי אָפּגערופן דער אינסטינקט פון אַ געיאָגטער חיה, וואָס גייט צום וואַסער־קוואַל, נישט וויסנדיק צי עס וואַרט נישט דאָרט איר פאַרפאַלגער, אָדער אַ יעגער. נאָר די מידקייט און הונגער איז געווען שטאַרקער פון אַלעם.

* *

*

אויף דער גאַיווקע, בײַ מאַריאַן סוראַוויעץ, האָבן זיי געלעבט אַ לענ־גערע צײַט, אים געהאָלפן אין דער ווירטשאַפט. אויך דער פאַראײנזאַמטער פוילישער פאַמיליע איז געווען היימלעכער מיט זיי. אין דעם פאַריתומטן הײַזל, אין טיפן וואַלד צווישן די סאָסנעס און נישט צוגענגלעכע באַגנעס, וועלכע מען האָט געקענט נאָר דורכמאַכן ווינטער, ווען עס האָט זיי באַדעקט דאָס דיקע אײַז, איז געווען אַ ביסל זיכערער, רויִקער. עס איז דאָך אָן ערך פון צוויי קילאָמעטער צום ערשטן דאָרף יעלנאַ און נישט מער ווי פינף הונדערט מעטער צו אַנטרינען אין אַ נויט — צווישן די באַגנעס און געדיכטע קוסטן. זיי זענען אָבער געווען יונג און עס האָט געלאָקט אַ קאַמף, אַ ווירדיקער קאַמף מיט די, וואָס האָבן זיי פאַריאָגט פון די היימען, באַרויבט פון מענטשלעכער ווירדע, בירגערלעכע רעכט און שטאָלץ.

אומפּאַרהאָפט איז געקומען דער טאָג, אויף וועלכן זיי האָבן אַזוי לאַנג געוואַרט. עס איז נאָוועמבער 1942. ווי געוויינלעך זענען זיי אויפגעשטאַנען צו דער אַרבעט. אין דרויסן איז נאָך געווען בלוי. פאַרוויקלט דעם קאָפּ אין אַ דאַרפיש טיכל, אויף די אַקסלען פאַרוואָרפן אַן אויסגעריבענער פויערישער ראָק, האָט זי זיך געלאָזט צו דער דערנעבנדיקער געביידע, וווּ עס זענען געשטאַנען די בהמות. נאָר אויף יעדן פאַל זענען זיי געווען וואַכזאַם. דאָס געהער אָנגעשפּאַנט צו יעדן מינדעסטן פאַרדעכטיקן שאָרך. מיטאַמאָל האָט זיך דורך דעם גערויש פון די ביימער דערטראָגן אַ טערקאָט פון רעדער פון אַ פויערישן וואָגן. פון דער נאָענט האָט בלומע דערקענט זייער שכן, דעם אַלטן איוואַן, וועלכער איז שווער געגאַנגען ביים וואָגן, געשפּאַנט אין צווײ מאָגערע אָקסן.

— אַ גוטן מאָרגן — האָט זי די ערשטע באַגריסט. — וווהין אַזוי פרי?

— אָ, מען דאַרף דאָך אַ ביסל נאַפט, אַ קילאָ זאַלץ, פאַר איך קיין יעלנאַ, נאָר ווער ווייסט, אויב איך וועל דאָרט אַריינקומען? מען זאָגט, אַז דאָרט זענען שוין אַריין די רוסן און אין דאָרף לאָזט מען קיינעם נישט אַריין און אויך נישט אַרויס...

איוואַן האָט נאָך עפּעס ווייטער דערציילט, נאָר בלומע האָט אים שוין נישט געהערט. עלעקטריזירט פון אַזאַ נייעס, איז זי שנעל געלאָפן צו גרישאַן.

— דאָס קענען זיין נאָר פּאַרטיזאַנער! — האָט גרישאַ אויסגערופן מיט פרייד. — קום, בלומע, מיר טאָרן קיין צייט נישט פאַרלירן.

אַזוי ווי זיי זענען געשטאַנען, אַזוי האָבן זיי זיך געלאָזט אין וועג אַריין מיט דעם גרעסטן חיפּזון... מיטאַמאָל האָבן זיי דערהערט אַן אויסגעשריי — סטאָי! און פון צווישן די געדיכטע קוסטן איז אַרויסגעקומען אַ יונגער מענטש אין ציווילע קליידער און זיין געווער אָנגעצילט אויף דעם פּאָרל. זיי זענען שטיין געבליבן און אין קאָפּ איז בליץ־שנעל אַדורך דער געדאַנק — אמת, פּאַרטיזאַנער... די הערצער האָבן אָנגעהויבן האַסטיקער קלאַפּן.

— צו מיר! — האָט באַפוילן דער מענטש מיט דער ביקס, צילנדיק די רער אויף גרישען.

זיי האָבן ביידע געמאַכט עטלעכע שריט אין זיין ריכטונג.

— וווהין? און פון וואַנען לויפט איר?

— אין דאָרף אַריין, צו די פּאַרטיזאַנער — האָט געענטפערט גרישאַ.

— פּאַרטיזאַנער — האָט איבערגעחזרט דער וואַלד־מענטש — און דער מיליטערישער פּאַסעק, וועלכן דו טראָגסט?...

גרישאַ האָט נישט גלייך געענטפערט.

— הער, ברודערקע — דאָס קול פון פּאַרטיזאַן איז שוין געווען אַביסל מילדערער — דו ביסט אַ ציווילער מענטש צו וואָס זשע דאַרפסטו דעם פּאַסעק? איך, צום ביישפּיל — דאַ האָט ער געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט זאָגן: איך בין אַ מיליטערמאַן און דערפאַר דאַרף איך טאַקע דעם פּאַס, מיר איז ער נויטיקער.

גרישאַ האָט פּאַוואָליע אַראָפּגעצויגן פון זיך דעם פּאַס און אים דער־לאַנגט דעם וואַלד־מענטש.

— המ... — האָט ער געגעבן אַ ברום. — איצט קאָנט איר גיין — און אַליין איז ער צוריק פאַרשוווּנדן אין די קוסטן.

אין דאָרף איז געווען אַ רעש, אַ טומל, דאָס אוקראַאִינישע דערפל יעלנאַ האָט באַשטימט אין איר געשיכטע אַזויפיל מענטשן נישט געזען. אויף אַלע פלעצער פול־געשפּאַנטע וועגענער, צו וועלכע עס זענען געווען צוגע־בונדן בהמות. אַ סך מענער האָבן זיך אַרומגעדרייט, פאַרשידן־געקליידעטע און מיט פאַרשידענעם געווער. ציווילע קליידער אויסגעמישט מיט רוסישע מונדירן און אויך מיט טיילן פון דייטשע אוניפאָרמען. אַ סך האָבן געהאַט ביקסן, אַנדערע ווידער יאַגד־פּלינטן און נאָך אַנדערע מינים אַלטמאָדיש געווער. ביי אַ טייל זענען בלויז געווען גראַנאַטן אָנגעהאָנגען אויפן פּאַסעק, מיט וועלכן ס'איז געווען אַרומגעגורט די פופייקע. ס'האָבן אויך נישט געפעלט קיין פּרויען. אָנגעטאָן אין וואַטענע הויזן האָבן עטלעכע פון זיי געצויגן עפּעס אַ קאַבעל.

ענדלעך זענען זיי צווישן פּאַרטיזאַנער. איצט קאָן שוין גאָרנישט שטערן אַריינצוטרעטן אין זייערע רייען. זיי האָבן זיך גענומען נאָכפרעגן צו דער קוואַרטיר פון דער אָנפירונג. ווער ס'האָט געקוקט אויף זיי מיט פאַרוווּנדערונג, ווער ווידער ס'האָט געשוויגן, ווער ס'האָט זיי אָפּגעפּטרט מיט אַ נישט ווילנדיקן מאַך מיט דער האַנט, וואָס קאָן באַדייטן: „טשעפּע דיך אָפּ". ענדלעך האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן ביי אַ שיינעם הויז, וואָס האָט זיך אויסגעטיילט פון די אַנדערע דאָרפישע הייזער מיט דעם ברייטן פאַר־נעם און בלעכענעם דאַך. ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט דאָס הויז געהערט צו אַ רייכן פויער, אַ חסיד פון די אוקראַאִינישע פאַשיסטן, וועמעס מנהיג איז געווען דער טרויעריק־באַרימטער סטעפּאַן באַנדעראַ.

ווען זיי זענען אַריינגעקומען אין דעם הויז, האָט פאַר זייערע אויגן זיך אַנטפּלעקט אַן אמת פאַרטיזאַניש בילד. אין דעם שיינעם גרויסן צימער מיט געמאָלענע ווענט זענען געווען אויסגעלייגט מיליטערישע זאַטלען, אַרום דער קוך אויסגעהאָנגען נאַסע אָנוצעס, דאַ און דאָרט צעשאָטן שטרוי פון

אַ געלעגער. די גאַנצע לופֿט איז געווען דורכגעזאַפּט מיט פערדישן און מענטשלעכן שווייס. אין אַ ווינקל איז געזעסן ביי אַ טישל אַ יונגערמאַן מיט אַ פאַרוואָרפענעם שוואַרצן קאָזאַקישן מאַנטל אויף די אַקסלען און געשריבן. ווי זיי האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט, איז דאָס געווען פּאַוועל דעמיאַנענקאָ.

אויף זייער באַגריסונג האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ מיט אַ בליק, ווי ער וואָלט פרעגן — וואָס ווילט איר?

— מיר ווילן זך אָנשליסן צו די פּאַרטיזאַנער. מיט וועמען קענען מיר ריידן?

— דאָרט — האָט ער אָנגעוויזן אויף אַ קליינוווּקסיקן חבר, וועלכן זיי האָבן ביז איצט נישט באַמערקט... דאָס איז געווען דער שעף פון שטאַב, כאַמאַ טימאָפיעוויטש קודאַיאַר, און ווייטער זיך איבערגעבויגן איבער די פּאַפּירן.

— מיר ווילן זיך אָנשליסן צו די פּאַרטיזאַנער — האָבן זיי איבער־געחזרט זייער ביטע.

— איר האָט דאָך נישט קיין געווער.

— וועלן מיר דאָס נעמען ביים שונא — האָט געענטפערט מיט אַ פעסטער איבערצייגונג גרישאַ לעיווי, מיט בלומעס צושטימונג.

קודאַיאַרס אויגן האָבן אָנגעהויבן שמייכלען. — הערסט, פּאַוועל — האָט ער זיך געווענדעט צו זיין חבר — זיי ווילן געווער נעמען ביים שונא... וועלן מיר זיי איבערלאָזן ביי אונדז, וואָס זאָגסטו?

דער שרייבער האָט בלויז אַ שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ אויף יאָ... און אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן.

זיי זענען אָנגעשלאָסן געוואָרן צום ניינטן באַטאַליאָן „זאַ ראָדינו" — דער באַקאַנטער אָפּטיילונג אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל אַלעקסאַנ־דער ניקאָלאַיעוויטש סאַבוראָוו. די אָפּטיילונג איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין די בריאַנסקער וועלדער און נאָך אַ לאַנגן רעיד דורך דעם דניעפּר זיך געפונען אין מערב־אוקראַינע. דער פירער פון זייער באַטאַליאָן איז דעמאָלט געווען איוואַן פיליפּאָוויטש פיאָדאָראָוו, דער שפּעטערדיקער פירער פון דער פאַראייניקונג נומער 2 פון ראָוונער פּאַרטיזאַנישן קרייז.

דעם צווייטן טאָג פרי האָבן זיי שוין געוואַרט נעבן דער גאַיוווּקע אויף דער אָפּטיילונג, וואָס האָט דורך דעם וואַלד זיך געלאָזט אין זיין באַשטימטן רעיד...

מיט טרערן אין די אויגן האָט זיך געזעגנט מיט זיי די פאַמיליע

סוראָוויעץ. לאַנג זענען זיי געשטאַנען און געפּאַכעט מיט די טיכלעך און באַדויערט, וואָס זיי קאָנען נישט גיין צוזאַמען מיט זיי...

שוין אין די ערשטע טעג, זייענדיק אין דער אָפּטיילונג, האָבן זיי זיך געטראָפן מיט זייער באַקאַנטן פּאַרטיזאַנער, וועלכער האָט פּאַראַדירט מיט גרישאַס פּאַסיק. אויף זייער פאַרלאַנג ער זאָל אים צוריק געבן האָט ער געמאַכט אַ פּנים פון אַן אומשולדיקן קינד און געזאָגט — וואָס איז דער אונטערשיד צי אויף מיר וועט זיין דער פּאַס צי אויף דיר, אַבי ער וועט אָנטייל נעמען אין קאַמף. אָט, דאָס איז וויכטיק. — אַ ווילער בחור און אויך אַ גוטער זעלנער איז דאָס געווען און, באמת, איז נישט געווען אויף וואָס צו קלאָגן זיך אויף אים פאַר דעם פּאַסיק צום קאָמאַנדיר.

די ערשטע פונקציע, וואָס גרישאַ האָט באַקומען, איז געווען צו טרייבן אַ סטאַדע בהמות און כדי אונטערצושטרייכן די וויכטיקייט פון דער פונקציע האָט אים דער ווירטשאַפט־לייטער פון פלוטאָן געגעבן אַ פּאָליטישע לעקציע און געזאָגט: — דאָס איז דיין ערשטע פּאַרטיזאַנישע קאַמפּס־אויפגאַבע. געדענק, זאָלסט די בהמות נישט פאַרלירן, ווייל מיט אַ ליידיקן מאָגן קען מען נישט קעמפן. זעענדיק אָבער אויף גרישאַס פּנים אַן אומצופרידנקייט פון דער דאָזיקער „קאַמפּס־אויפגאַבע" איז ער אַ לענגערע צייט נאָך גע־גאַנגען מיט אים און ווידעראַמאָל אויף ס'ניי אָנגעהויבן: — די פראַגע פון לעבנסמיטל און קליידונג איז זייער אַ שווערע. אויף דער הילף פון דער „גרויסער ערד" קאָן מען איצט נישט רעכענען, צווייטנס: זיי אַליין האָבן איצט אויך קנאַפּלעך. די היגע באַפעלקערונג קאָן מען אויך נישט און מע טאָר נישט צופיל מאַטערן. מיר מוזן מיט איר גוט לעבן, אָן איר איז דער קאַמף מיטן אָקופּאַנט נישט מעגלעך... אונדזערע הויפּט־ליפעראַנטן מוזן זיין: היטלעריסטישע מאַגאַזינען, די היגע אונטערלעקער צום דייטש, די קאָלאַבאָראַנטן, פּאָליציאַנטן און אַנדערע „חיות". נאָר ביי זיי האָבן מיר דאָס רעכט צו קאָנפיסקירן לעבנסמיטל, קליידונג און אַנדערע נויטיקע זאַכן.

דאָס טרייבן די בהמות איז נישט געווען קיין לייכט שטיקל ברויט, דערצו אויף אַ וועג פול מיט געדיכטע קוסטן און ביימער און ווען שוין ביי אַ שיסעריי... דערפאַר איז יעדער פון איר גערן אַנטלאָפן. טאַקע דערפאַר האָט מען שטענדיק געזוכט אָנפאַנגער און יעדער פּאַרטיזאַן האָט די „קאַמפּס־טויפונג" געמוזט דורכגיין.

אויף דעם וועג איז אויסגעקומען צו דעראָבערן די באַן־סטאַציע אָסטקע אונטער ראָקיטנע. עס איז געקומען צו אַ שיסעריי, אויפרייסן פון גראַנאַטן און באָמבעס, דאָס האָט זייער זוויאַד אויפגעריסן די איינריכטונג פון דער

סטאַציע, פאַרניכטעט דעם אומקערער, די סעמאַפאָרן, פאַרבינדונג און איצט האָט גרישאַ געהאַט זיין אמתדיקן „קאַמפּס־טויף" — די בהמות זענען זיך צעלאָפן, ווו זייערע פיס האָבן געטראָגן. אָבער דאָ האָט מען אים שוין געגעבן נאָך עטלעכע פאַרטיזאַנער צו הילף.

ביים שוץ פון די דייטשע טראַנספּאָרטן אין אָסטקי זענען געווען עטלעכע קאָזאַקן, וועלכע זענען גלייך אַריבער אויף דער פאַרטיזאַנישער זייט און געהאָלפן פאַרניכטן די דייטשע באַדינונג. צופרידן פון דעם אָפּגעטוענעם שטיקל אַרבעט האָבן זיך די פאַרטיזאַנער מיט געזאַנג און באַגלייטונג פון אַ צי האַרמאָניקע, אויף וועלכער ס'האָט געשפּילט איינער פון די קאָזאַקן, צוריקגעקערט צו דער אָפּטיילונג.

די אַקציע אין אָסטקע איז פאָרגעקומען דעם צווייטן טאָג, ווי זיי זענען נאָר געקומען צו די פאַרטיזאַנער. דאָס איז געווען זייער ערשטער אָנטייל און דאָס ערשטע געפיל פון אַ באַוואָפנטן קאַמף.

אויף אַ רו־פּלאַץ, נאָך אַ מאַרש פון עטלעכע טעג האָבן די ייִנגלעך פון דער קאָמענדאַנטור, צו וועלכער בלומע איז געווען צוגעטיילט, איר געגעבן אַ פּאָר נישט דורכגעצבדיקע שטיוול, אַזוי גערופענע „דאַוויגראָדזקי".

— דו, „פאַלקאַ" — זיי האָבן נאָך נישט געקענט איר נאָמען, פּונקט אַזוי ווי זי האָט זייערע נישט געקענט, זיי זענען דאָך געווען שטענדיק אין מאַרש — און נישט באַוויזן זיך דערקענען נענטער — דו באַהאַלט דיינע לאַקערקעס צום טאַנצן נאָך דעם, ווי מיר וועלן אַרויסטרייבן די „פריצן". איצט צי אַרויף אונדזערע שטיוול.

בלומע האָט אַ קוק געגעבן אויף אירע „ציווילע" פּאַנטאָפל, פון וועלכע עס זענען שוין אַרויסגעקראָכן די פינגער נאָך דעם מאַרש און זיך צעוויינט. נייך, נישט חלילה נאָך די פּאַנטאָפל, נאָר דער פאַקט, וואָס מען האָט זי שוין אַנערקענט אַלס פאַרטיזאַן און מען האָט אין איר נישט פאַרגעסן...

עס איז סוף נאָוועמבער 1942. זיי זענען געקומען צו דער באַזע פון זייערע אָפּטיילונגען, צום דאָרף סילעזווקאַ, דעם באַקאַנטן אין דער געשיכטע פון פאַרטיזאַנישע קאַמפן. דאָס איז געווען זשיטאָמירער קרייז. די כאַטעס זענען דאָ געווען ווייס־גרין געמאָלענע, אַרום אַ ריינקייט, אַ רויִק און שטיל לעבן פון די פויערים אין דעם פאַרוואָרפענעם דאָרף צווישן די געדיכטע וועלדער. דאָס אָרט איז געווען ממש אויסגעטרוימט פאַר אַ פאַרטיזאַנישער באַזע.

נאָך דעם אָפּרו איז בלומע גערופן געוואָרן צום פירער פון שטאָבס־שוץ.

— יאָנאַ — האָט ער געזאָגט — דיין פראַגע וועגן צוטרעטן צו די

פּאַרטיזאַנער מוז איצט געלייזט ווערן. דו האָסט מיטגעמאַכט בלויז אַ קליינע פּראָבע. מוזט וויסן, ביי אונדז איז נישט לייכט. די דיסציפּלין איז גרעסער ווי ביי נאָרמאַלן מיליטער, עס איז אַ קאַמף אין רוקן פון שונא און דאָס לעבן איז אין סכנה יעדן אויגנבליק. בעסער אַלץ פריִער איבערצוקלערן, איידער מען טוט ענדגילטיק באַשליסן. — די לעצטע ווערטער האָט ער געזאָגט ווי צו זיך אַליין און איז אַוועקגעגאַנגען.

די גאַנצע צייט איז זי געשטאַנען און אויסגעהערט די באַמערקונגען און באַלערונגען, וועלכע עס האָט וואָרשיינלעך געמוזט אויסהערן יעדער פּאַרטיזאַנער און זי האָט זיך געטראַכט: — מיין קאַמף האָב איך דאָך שוין אָנגעהויבן אַלס זעכצן־יעריק מיידל אין די רייען פון ק. ז. מ. פּ., דורכגעמאַכט אַ תפיסה, אַ קאַמף אין ברענענדיקן וואַרשע, איך בין דאָך נישט געקומען אַהער צוליב ראָמאַנטיק, נאָר קעמפן מיטן שונא — נעמען נקמה...

אין דער פרי האָט זי צוזאַמען מיט גרישאַ לעיווי זיך געמאָלדן אין שטאָב, וועלכער האָט זיך געפונען אין אַ הייזקע ביים ראַנד פון דאָרף, וואָס האָט זיך שוין געשלאָסן מיטן וואַלד. אויף זייער באַגריסונג איז אויפגעשטאַנען פון נעבן טיש אַ פּאַרטיזאַנער, אויסשטרעקנדיק צו זיי זיין האַנט, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט מיט דעם נאָמען סאָבוראָוו און גלייך צוגעטרעטן:

—פון וואַנען זייט איר?

דער שמועס האָט געדויערט אַן ערך פון אַ שעה צייט...

— אויב אַזוי — האָט סאָבוראָוו פאַרענדיקט — וועלן מיר צוזאַמען שלאָגן אונדזער געמיינזאַמען שונא.

— אַזוי איז — האָט בלומע און גרישאַ אויסגערופן, נישט פאַרגעסנדיק די נעכטיקע לעקציע — „ביי אונדז איז אַלץ ווי ביי מיליטער..."

מיט פרייד האָבן זיי אויפגענומען דעם באַפעל צו גיין צוריק אין זייער פלוטאָן פון ניינטן באַטאַליאָן, ווו זיי האָבן זיך געמאָלדן ביי דעם קאָמאַנדיר איוואַן פיליפּאָוויטש פּיאַדאָראָוו.

מיט צוויי וואָכן שפּעטער האָבן זיי צוזאַמען מיט אַנדערע פּאַרטיזאַנער אָפּגעגעבן די שבועה:

„פאַר אונדזערע פאַרברענטע דערפער און שטעט, פאַר דעם טויט פון אונדזערע קינדער, פאַר דעם איזדעקעווען זיך איבער מיין פאָלק — שווער איך נקמה צו נעמען איבער דעם שונא אומברחמנותדיק. בלוט פאַר בלוט! טויט פאַר טויט!..."

אונטער כאַרפון...

פון בלומעס ערשטע פּאַרטיזאַנישע שריט איז פאַרגאַנגען אַ שיינע צייט. געבליבן זענען דערינערונגען פון בלוטיקע שלאַכטן, שווערע און ביטערע טעג. אין משך פון דער צייט האָט זי אויסגעפּירט פאַרשידענע פונקציעס: געווען אַ זעלנער פון שטאַב־שוץ, אַ סאַניטאַר־שוועסטער, אַ דיווערסאַנט און אויסשפּירער. אַ סך מאָמענטן האָבן זיך טיף איינגעקריצט אין זכרון. זי געדענקט דעם קאַמף ביי סילעזוווקע, דאָס איז שוין געווען דעמאָלט, ווען זי האָט זיך שוין צוגעוווינט צו שטיין אויף וואַרטע צוויי שעה אין פראָסט. זי האָט שוין באַקעמפט די שרעק, ווען אין אַזאַ ביינאַכטיקער שטילקייט, אַלץ אַרום איז איינגעהילט אין אַ טיפן שלאָף, הייבן דיביימער אָן צו קנאַקן פון דעם פראָסט און עס דאַכט זיך דיר, אַז אָט פון צווישן די ביימער און קוסטעס רוקט זיך אַרויס אַ פיינטלעכע האַנט מיט אַ געלאָדענער ביקס... די נשמה איז טאַקע געשטאַנען ממש אויף דער שפּיץ נאָז און געהאַט האָט זי נישט מער ווי אַן אַלט־פרענקישע פלינטע מיט איין קויל — אויף אַלאַרם...

ווי גליקלעך איז זי שוין געווען, ווען זי איז אַריין אין דעם דושנעם הייזל, וווּ אַלץ איז געשלאָפן אויף דער ערד, וועך אויף אַ ביסל שטרוי, צוגעדעקט מיט וואָס נאָר איינער האָט געהאַט. בלומע איז אַרויפגעקראָכן אויף דעם ברייטן רוסישן אויוון, כדי לעבן דער קעכן אולע זיך אַ ביסל צו דערוואַרעמען. און ווידער זענען פאַרביי פיר שעה און ווידער אַרויס אויף דער וואַרטע.

דאָס איז געווען סוף דעצעמבער 1942. איבער סילעזוווקע זענען אָנ־געפלויגן פיינטלעכע עראָפּלאַנען און גענומען באָמבאַרדירן. ס׳האָט זיך אויך באַקומען אַ ידיעה, אַז עס דערנענטערן זיך צוויי דייטשע דיוויזיעס... אין דער צייט האָבן זיי דערוואַרט אַ „וואַרף" פון דער „גרויסער ערד" און די מאַשינען זאָלן מיטנעמען די שווער־פאַרוווּנדעטע. כדי צו געווינען צייט זענען זיי געצוווּנגען אויפצונעמען אַ קאַמף. אַ טייל זייערע באַטאַליאָ־נען זענען געווען אין די אַרומיקע וועלדער און בלומע באַקומט די פונקציע פון אַ פאַרבינדלער. גרישאַ דאַקעגן איז געווען אין אַ קאָמפּאַניע, וואָס איז געלעגן אַם נאָענטסטן פון דער באַלאַגערונג. זייער גאַנצע אויסשטאַ־

С С С Р
УКРАИНСКИЙ ШТАБ
ПАРТИЗАНСКОГО
ДВИЖЕНИЯ
"20" ... 194_ г.
№ ...

УДОСТОВЕРЕНИЕ

Видно тов. ...
в том что, он с ... 194_ г. по ... 194_ г.
состоял в партизанском отряде ...
в должности ...

Выбыл из отряда ...

НАЧАЛЬНИК ... УКРАИНСКОГО ШТАБА
ПАРТИЗАНСКОГО ДВИЖЕНИЯ

די באַשטעטיקונג פון אוקראַינישן פאַרטיזאַנער שטאַב, וועגן דער צוגעהעריקייט פון בלומע פערלמוט צו דער פאַרטיזאַנישער באַוועגונג.

טונג איז געווען אַ מערזער פון קליינעם קאַליבער און איין מאַשין־ביקס. די אַמוניציע צום מערזער איז לײַדער געווען פון אייגענער אויסאַרבעטונג און נישט איין מאָל האָט זי געפּלאַצט נישט ביים שונא, נאָר אין קרייז פון אייגענע פּאָזיציעס.

ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט. אַרום האָט אַלץ געברענט פון די פייער־דיקע קוילן, מיט וועלכע די דייטשן האָבן באַשאָסן דאָס דאָרף. ס'איז ליכטיק ווי בייטאָג. יעדעס מאָל האָט זיך אָנגעצינדן אַן אַנדער הויז און פונעם פלאַם האָט אַ רויטקייט זיך אויסגעשפּרייט אויף דעם פאַרנעפּלטן הימל און אַרומיקן וואַלד מיט אַזאַ מאָדנע בלאַסק, אַז ס'האָט ממש גע־בלענדט פאַר די אויגן.

אין הויז פון זייער פּלוטאָן האָבן די חברים געהאַט פאַרמירעט אין אַ פּאַס אַ ראַשטשינע פון האָניק אויף ספּירט צום נייעם יאָר. איצט זענען אַלע געלאָפן, נישט קוקנדיק אויף דעם האָגל פון קוילן, כדי כאָטש מיט אַ ביסל פון דעם „ביטערן טראָפּן" אָנצופילן די מאַניערקע און צוריק אַרויס אין קאַמף.

דער קאַמף האָט אָנגעהאַלטן. דער דייטשער רינג איז געוואָרן אַלץ ענגער, עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ס'איז שוין נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג, ווי פאַר יעדן פּרייז שאַפן אַ דורכברוך אין די דייטשע רייען... מיטאַמאָל האָבן די רייטער געגומען יאָגן צום פעלד, וואָס איז געלעגן צווישן וואַלד און דעם דאָרף, און אויף אַ באַפעל — זענען אַלע אַוועק נאָך זיי. אויף דעם אָפענעם שטח, ווי אויף אַ גרויסער סצענע, האָבן געגומען דורכשוועבן סילועטן פון מענטשן, פון פערד, וועגענער און פאַרשווונדן אין פינצטערן וואַלד .די דייטשן האָבן זיך אָבער באַלד געכאַפּט, אַז זיי האָבן פאַר די פּאַרטיזאַנער געלאָזט אַן אָפענעם וועג און אים גענומען באַדעקן מיט אַ שווערן פייער. — ערשט דעם קומענדיקן טאָג האָט צו זיי זיך אָנגעשלאָסן גרישאָ מיט דער גאַנצער באַדינונג פון זיין מאַשין־געווער, טראָגנדיק אין אַ פּלאַכטע דיסקן מיט אַמוניציע, צוליב וועלכער זיי האָבן זיך פאַרשפּעטיקט און שיעור נישט אַריינגעפאַלן אין די דייטשע הענט...

אַזוי האָט זיך געצויגן אויף דער גאַנצער חודש יאַנואַר 1943. שטענ־דיקע צוזאַמענשטויסן און קאַמפן, מאַרשן איבער טאָלן, גריבער און צע־רייעטע און בלאָטיק־צעווייקטע וועגן; דער אָנפאַל אויף דעם פּאַרטיזאַנישן שפּיטאָל אין די מאַרלינער כוטאָרן ווו מ'האָט פאַרברענט די פאַרוווּנדעטע; דער קאַמף ביי שוהאַל; נאָר דאָס שווערסטע איז פאַרגעשטאַנען דעם ניינטן פעברואַר, אונטער דעם דאָרף כאַרפון.

די פּאַרטיזאַנער האָבן געהאַט קעגן זיך אַ דיוויזיע פון ס. ס. איינגע־גראָבענע אונטער ביימער און האַלב איינגעפאַלענע הייזער... דער קאַמף האָט געדויערט אָן איבעררייס דריי טעג. דאָס דאָרף איז געשטאַנען אַרומ־געכאַפּט פון פלאַמען. און די פּאַרטיזאַנער זענען געווען די אָנגרייפער... אייגנטלעך איז דער ציל נישט געווען אָנצוגרייפן, נאָר נישט דערלויבן דעם שונא אַריינצודרינגען אין זייער געביט, וואָס איז געלעגן אויף צפון־מערב פון כאַרפון.

און דער ערשטער ליניע האָט געקעמפט דער 9־טער באַטאַליאָן. די פּאַרטיזאַנער האָבן פאַרנומען די פּאָזיציע ביים ראַנד פון וואַלד, אַן ערך הונדערט מעטער פונעם שונא. אָפּגעטיילט איינע פון די אַנדערע האָט בלויז אַ פלאַכער שטח באַדעקט מיט שניי.

דער קאַמף איז געווען אַ פאַרביטערטער. אָן אויפהער האָט געשאָטן זיך דאָס פייער פון ביידע זייטן. עס זענען געווען זייער אַ סך טויטע און פאַרוווּנדעטע, וועמען בלומע האָט באַנדאַזשירט ליגנדיק צוגעפּרעסט צו דער ערד.

אויפן דריטן טאָג איז געוואָרן אַ ביסל שטילער, אָבער דעם שונא אַרויסצושטויסן פונעם דאָרף איז, טראָץ אַלעם, נישט געלונגען.

נישט ווייט פון כאַרפון, פאַראיינזאַמט אין וואַלד, איז געשטאַנען אַ כוטאָר און דאָ אויף אַ ברייטער לאָנקע האָבן די פּאַרטיזאַנער צוגעגרייט דעם פּלאַץ כדי צו דערמעגלעכן די עראָפּלאַנען צו לאַנדן. דער ציל איז געווען אַוועקצושיקן די עטלעכע צענדליק שווער פאַרוווּנדעטע; דאָס איז געווען אַ שרעקלעך בילד. בלומע איז געשטאַנען הילפסלאָז, זיך צוגעקוקט צו דיליידן פון די מענטשן, וועלכע זענען געלעגן און זיך געמאַטערט אין ווייטיק, הונגער און לייז; די לייז זענען פול געווען אַפילו אין די באַנדאַזשן. אַזוי האָבע זיך געצויגן אומענדלעכע שעהען און די עראָפּלאַנען האָט מען נישט געזען. בלומע איז יעדעס מאָל צוגעלאָפן צו די קראַנקע, זיי געטרייסט, באַרויקט און ווידער אַוועק צום פּלאַץ, ווו מ׳האָט צוגעגרייט דאָס האָלץ פאַר די שייטער־סיגנאַלן. ענדלעך האָבן זיי דערהערט אַ ברומען אין דער לופטן. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ פון פרייד האָט בלומע פאַרריסן דעם קאָפּ צום הימל, דאָרט האָט זיך באַוועגט אַ קליין גלימערנדיק פינ־טעלע. אין איין אָטעם איז זי אויך געלאָפן צו די שייטער־פונקטן מיט אַזאַ געפיל, ווי זי וואָלט געלאָפן באַגעגענען טאַטע־מאַמע. אָבער דער עראָפּלאַן האָט לאַנג געקרייזט אַרום דעם פּלאַץ און נישט געלאַנדעט. ווייזט אויס, אַז ס׳האָט אים פאַרפירט דאָס פייער פון דעם ברענענדיקן דאָרף... אַ פאַר־

צווייפלטע איז זי צוריק געגאַנגען צו די פּאַרווונדעטע, זי האָט זיך פּשוט געשעמט זיי צו קוקן אין די אויגן אַריין, ווי זי וואָלט דאָ געווען די שולדיקע.

עס זענען אַוועק אַ שיינע פּאָר יאָר. עס איז 1961... בלומען איז אויס־געקומען אין טערעספּאָל צו באַגריסן דעם פריינדשאַפט־צוג פון גענעראַל סאַבוראָוו, דעם קאָמיסאַר זאַכאַראַ, דעם גענעראַל בעגמאַ און אַנדערע סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנער. אין אַ שמועס האָט מען דערמאָנט דעם קאַמף ביי כאַרפּון און אין שפּאַס האָט בלומע געזאָגט: — אַך, ווען איך זאָל דעם פליִער כאַפּן! פאַר וואָס האָט ער דעמאָלט מורא געהאַט צו לאַנדן? מיר וואָלטן דאָך אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבן פון אַזויפיל איבערגעבליבענע מענטשן!... — אויף דעם האָט זיך אָנגערופן דער העלד פון ראַטנפאַרבאַנד, דער באַקאַנטער פּאַרטיזאַנער פליִער באָריס לונץ, וועלכער איז אַזוי שטיל געזעסן נעבן בלומען — דאָס האָב איך איבער כאַרפּון געקרייזט, נאָר מ׳האָט מיר נישט דערלויבט צו לאַנדן...

אין קאַמף ביי כאַרפּון האָבן זיי געגעבן גרויסע קרבנות. בלויז פון זייער פלוטאָן זענען געפאַלן פופצן מאַן. די פאַרלוסטן האָבן זיי שטאַרק געפילט. לא די, איז נאָך אויסגעבראָכן אַ טיפוס־עפּידעמיע. אויף אַן ערך ניינציק וועגענער זענען געלעגן פאַרווונדעטע און קראַנקע. אַזאַ גרויסן לאַגער האָט מען געמוזט פאַרטיידיקן, היטן און פלעגן... טראָץ אַלעם האָבן זיי זיך נישט געלאָזט מיטרייסן פון אַ פאַרצווייפלונג, נאָר שטענדיק זיך דערהויבן איבער דעם טרויעריקן מצב.

פערזענלעך איז בלומע אַרויס פון דעם קאַמף בלויז מיט אָפּגעפרוירענע פיס. נאָר דער אומברחמנותדיקער טויט האָט צוגערויבט ביי איר, איר בעסטן פריינד — גרישאַ לעיווי. ער האָט זיך לאַנג געמוטשעט און זי האָט זיך הילפלאָז צוגעקוקט און נישט געהאַט מיט וואָס צו העלפן. גרישאַ איז געלעגן מיטן אויפגעריסענעם בויך, אין וועלכן ס׳האָט געשטעקט אַ גרויסער שפּליטער פון אַ גראַנאַט. אַלץ אַרום אים איז געווען נאַס פון זיין בלוט.

— בלומע, זאָלסט נקמה נעמען, אויך פאַר מיר... — דאָס זענען געווען זיינע לעצטע ווערטער, און אויף בלומעס הענט האָט ער אויסגעהויכט די נשמה.

איר האַרץ איז געווען שטאַרק פאַרקלעמט פון אַזוי פיל ווייטיק און אַזוי פיל צוגעזעענע טויטן, האָט זי נישט געקענט וויינען. אָן ווערטער האָט זי געגעבן די שבועה צו האַלטן זיין צוואה.

די צוויי יידישע מינירער

אויף דעם באַפעל פון דער אָנפירונג איז בלומע פערלמוט צוגעטיילט געוואָרן צו דער אינפאָרמאַציע־אָפּטיילונג. זי איז אַרומגעגאַנגען איבער דעם געביט, דערפער און וועלדער — מיט פאַרשידענע אויסשפּיר־אויפגאַבן. נאָר דאָס איינזאַמע וואַנדערן האָט זיך דערעסן און זי האָט געבעטן, מען זאָל זי בעסער צוטיילן צו אַ דיווערסיע־אָפּטיילונג.

דאָ, צווישן די פּאַרטיזאַנער, האָט זי זיך געפילט ווי אין אַן אייגענער וועלט, אין אַן אייגענער חברישער סביבה. כאָטש ביי אַזאַ אַרבעט איז מען תמיד אויסגעשטעלט אויף גרויסער געפאַר, האָט דאָ געהערשט אַ פעסטער גייסט, אַ כוח, וואָס האָט שטענדיק געוועקט, געגעבן אַ באַפרידיקונג אין דער קאָנקרעטער אַרבעט קעגן שונא.

עס איז שוין געווען יוני 1943. זיי האָבן סטאַציאָנירט אין דאָרף יעזיאָר, קרייז דאָמבראָוויצע. בלומע איז נאָך געשמאַק געשלאָפן, ווי זי האָט פלוצעם דערפילט, אַז מען רייסט זי ביים אָרעם.

— יאַנאַ, שטיי אויף! — האָט גערופן דער אַדיוטאַנט פון גענעראַל בעגמאַ.

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט זי געפרעגט, נאָך האַלב פאַרשלאָפן.

— וואַסיל אַנדרעיעוויטש רופט דיך אין שטאַב.

— מאַך דיך נישט נאַריש, וואָס דאַרף מען מיך?

נאָר איוואַנאָוו האָט ווייזט אויס געוווּסט אַזויפיל וויפל זי. שנעל האָט זי אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דאָס געוואַנט און שטאָלפּערנדיק אין דער פינצטער איבער פאַרשידענע גרודעס און פניאַקעס איז זי געלאָפן צום געצעלט פון שטאַב.

ביי אַ פייערל זענען געזעסן דער גענעראַל בעגמאַ, דער קאָמיסאַר פון געוועזענעם באַטאַליאָן „זאַ ראַדינו" און דער סעקרעטאַר פון קרייז־קאָמיטעט פון קאָמסאָמאָל — לעאָניד סמירנאָוו.

מ'האָט זי אָנגעהויבן אויספרעגן וועגן איר פּאָליטישער פאַרגאַנגענהייט און אויך וועגן דעם, ווי אַזוי זי איז געקומען צו די פּאַרטיזאַנער. הויפּטזאַכלעך האָבן זיי זיך אינטערעסירט מיט דער אַרבעט אין ק.ז.מ.פּ. און מיט איר אַרעסטירונג. בלומע האָט זיך אָנגעהויבן אַ ביסל דענערווירן.

וואָס איז דאָס, האָט זי געטראַכט, צי האָט מען צו איר נישט קיין צוטרוי? אָבער באַלד איז איר אַלץ געוואָרן קלאָר.

— די לאַגע אין וואָלינער געביט איז שוין אויף אַזוי פיל רייף — האָט געלאָזט דער גענעראַל בעגמאַ — אַז מיר קענען צוטרעטן צו אָרגאַניזירן דאָרט אָפּטיילונגען פון דער אייגענער פּוילישער באַפעלקערונג. עס זענען שוין אויך פאַראַן קליינע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען, ווי אויך זעלבסטשוץ־גרופּעס קעגן די באַנדעס פון בולבאָוועצעס... מיר האָבן באַקומען געוועט און מיר קענען שוין צוטרעטן צו אָרגאַניזירן אַן אמתע אַרמיי...

בלומע האָט שוין געפילט וואָס ס'איז זיין כוונה און ער האָט זי נישט געלאָזט לאַנג וואַרטן.

— איר, ווי אַ פּוילישע בירגערין און מיטגליד פון ק.ז.מ.פּ. ווערט צוגעטיילט צו די פּוילישע פּאַרטיזאַנער, מיט וועלכע עס פירט אָן דער פּוילישער בחור איוואַן גאַליצקי פון אונטער קיִעוו.

* *

*

צוויי קילאָמעטער פון דער אַלטער פּויליש־סאָוויעטישער גרענעץ איז געלעגן דאָס אָרט קופּעלאַ און נישט ווייט אין וואַלד איז געווען די באַזע פון גאַליצקיס פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג אויף דעם נאָמען „פעליקס דזשער־זשינסקי". די גאַנצע אָפּטיילונג האָט געציילט נישט מער ווי פופציק מאַן, מיינסטנס מענטשן פונעם דאָרף קופּעלאַ און פון די דערפער סלאָבודקאַ און מלינקי. שוואַך באַוואָפנט און נאָך ווייניקער אויסגעשטאַט אין מעדי־קאַמענטן און באַנדאַזשן.

בלומעס אויפגאַבע איז געווען אַוועקצושטעלן דאָ די פּאָליטישע אַרבעט. גלייכצייטיק האָט זי באַקומען אויך די נאָמינאַציע פון סעקרעטאַר פון אונ־טערערדישן ראַיאָן־קאָמיטעט פון קאָמסאָמאָל...

די אַרבעט מיט די געביטס־גרופּעס איז געווען שטאַרק קאָנספּיראַטיוו, איבערהויפּט אין די דערפער, וועלכע זענען געלעגן נעענטער צו ראָקיטנאַ, ווו עס פלעגן שטענדיק אַריינדרינגען די דייטשן. עס האָבן דאָ אויך נישט געפעלט קיין שפּיצלען און צוטרעגערס. די מיטגלידער פון קאָמסאָמאָל אין די דערפער זענען געוואָרן זייערע פאַרבינדלער און אינפאָרמאַטאָרן אויף דעם געביט.

אָנגעהויבן פון ראָקיטנאַ דורך דער באַן־סטאַציע אָסטקי ביז צפון־טייל פון דעם ראַיאָן איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער אַזוי גערופענער „פערדישער טעלעפאָן". געאַרבעט האָבן דאָ אַ גרופּע מיידלעך, וועלכע האָבן בלומען

פאַרבינדן מיט דער סטאַציע־אַרבעטערין פון אָסטקי — לענאַ.

זייער באַגעגעניש איז פאָרגעקומען אין וואַלד. ס׳איז געשטאַנען פאַר איר אַ שיין אוקראַיִניש מיידל, מיט אַ דיקן צאָפּ, אויסגעפלאָכטן ווי אַ קרוין אויף איר קאָפּ... זי האָט קודם געקוקט אויף בלומען מיט גרויס פאַרוווּנדערונג. ווי געוויינלעך האָט זי זיך פאָרגעשטעלט צו באַגעגענען אַ גרויזאַמען און באַוואָקסענעם מיט אַ לאַנגער באָרד פּאַרטיזאַן, און דאַ האָט זי געטראָפן אַ יונג, צעשמייכלט מיידל, ווי זי אַליין, אין אַ ציווילן מאַנטל, בלויז אויף די פּלייצעס איז געווען אַריבערגעוואָרפן די ביקס, וואָס האָט איר צוגעגעבן אַ ביסל וואַגיקייט.

נאָך אַ לענגערן שמועס האָט לענאַ מסכים געווען מיטצואַרבעטן. דורך די פאַרבינדלער פון די כוטאָרן, וועלכע זענען צו איר געקומען אונטער פאַרשידענע פּרעטעקסטן, האָבן זיי באַקומען די נויטיקע ידיעות פון דעם באַן־אָפּשניט, וואָס דערמעגלעכט אויסצופירן עפעקטיווע אָפּעראַציעס.

צווישן אַנדערע האָט די אָפּטיילונג בלויז אין חודש אָקטאָבער 1943 אויפגעריסן צוויי צוגן, אַ באַן־בריק און איבערגעשניטן די גאַנצע טעלעפאָן־פאַרבינדונג. צווישן די מינען־לייגער האָבן זיך דעמאָלט אויסגעצייכנט די צוויי יידישע פּאַרטיזאַנער — אברהם קעק און בראָנעק ציבולסקי.

וועבנדיק שטילערהייט אירע איבערלעבונגען האָט בלומע געזאָגט:

— איך דערמאָן זיך אַ פאַקט: מיר האָבן געלאַגערט אין דאָרף אילנאַ. כדי צו באַזאָרגן זיך מיט לעבנסמיטל האָבן מיר געמוזט פאָרן צו די יעזשאָרנער כוטאָרן, צו וועלכע ס׳האָט געפירט אַן איינציקער שמאָלער וועג, דורך ברייטע צעשפּרייטע באַגנעס און ווייטער איז שוין געווען אַ וואַלד און עטלעכע קליינע כאַטקעס. די געגנט האָבן מיר שוואַך געקענט. מיר זענען אַרויסגעפאָרן פאַר טאָג, אַ גרופּע פון אַ דרייסיק פּאַרטיזאַנער, אונטער דער אָנפירונג פון קאָמיסאַר קאָוואַלענקאָ. פינף אויסשפּירער האָבן מיר געשיקט פאָרויס און מיר זענען פּאַוואָליע געפאָרן דורך דער וואַסער־דאַמבע אויף אונדזערע פערד, יעדער פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען וועגן דעם עבר. פּלוצעם האָבן מיר דערהערט אַ קנאַלן פון ביקסן. מיר זענען אַראָפּ פון די פערד און געגומען זיך דעקן צווישן די שיטערע קוסטן. די קוילן זענען געפלויגן גאַנץ נידעריק.

אַ ווײַלע שפּעטער האָבן מיר דערהערט דאָס קול פון אונדזער קאָמיסאַר:

— די ערשטע קאָמפּאַניע רעכטס! די צווייטע לינקס! פאָרויס! הוררראַאַ!...

דאָס האָט געזאָלט מאַכן אַן איינדרוק פון אַ גרויסן כוח, כדי אָנצוואַרפן אַ שרעק אויף די וולאַסאָווצעס.

דערווייל האָבן מיר דערזען פיר פון די אויסשפּירער, דעם פינפטן האָבן מיר נישט באַמערקט און אויך נישט די פערד. די אָפּטיילונג איז אַרויף אויף דעם טרוקענעם באָדן, צעשפּרייט אין אַ טיראַליער האָבן מיר געעפנט אַ געדיכט פייער דורכרייסנדיק זיך אין וואַלד אַריין... דער שונא איז אָפּגעטרעטן.

אויף דעם וואַלד־פּליך האָבן מיר געטראָפן אונדזער אויסשפּירער, אַ דורכגעלעכערטן מיט קוילן און פון זיין קאָפּ אַ צעשפּאָלטענעם אויף אַ קרויץ האָט זיך אַרויסגעגאָסן דער מוח... מיר זענען שטיין געבליבן ווי פאַר־גליווערט.

מיט אַ טיכל האָב איך פאַרבונדן דעם קאָפּ פון אונדזער אויסשפּירער. דעם טויטן קערפּער אַריבערגעוואָרפן אויף מיין זאָטל און צוריקגעקערט זיך אין דאָרף.

מיר האָבן אים באַערדיקט אין אילנאַ. דעם אָרון באַדעקט מיט רויטן טוך האָבן די חברים געטראָגן אויף די אַקסלען. דאָס גאַנצע דאָרף האָט דעם פּאַרטיזאַן באַגלייט צו זיין אייביקער רו.

דאָס פרישע קבר האָבן די מיידלעך באַצירט מיט בלומען און זיין יונגערער ברודער האָט אים באַגאָסן מיט ביטערע טרערן.

אין הערבסט 1943, האָט אויף די באַן־ליניעס געהערשט אַן אייפער־ריקער פאַרמעסט צווישן די מינירערס פון פאַרשידענע אָפּטיילונגען. אַן אמתע סטאַכאַנאָוו־באַוועגונג איז דאָס געווען — נאָר נישט אויף צו בויען, נאָר אויף צו צעשטערן. עס ווערט איבערגעריסן די באַן־ליניע לונינעץ־סאַרנע, דערנאָך גייט די אַקציע אויף דער ליניע סאַרנע — אָלעווסק.

דער צוגאַנג צו די באַן־ליניעס איז געשיצט דורך פאַרשידענע אָפּטיי־לונגען פון פרעמדע נאַציעס, הויפּטזאַכלעך זענען געווען אוקראַינער און וולאַסאָווצעס. עס האָט אָבער נישט איין מאָל פּאַסירט, אַז אונטער דער פּאַרטיזאַנישער אַגיטאַציע פלעגן זיי אַריבערגיין מיט געווער אין האַנט אויף דער פּאַרטיזאַנישער זייט, כדי זיך צו רעהאַביליטירן פאַר זייער פאַראַט... אויסער די געוויינלעכע פּאַטרולן האָבן די דייטשן געהאַט פּאַנצער־צוגן... אַזאַ צוג איז שטענדיק געשטאַנען גרייט אונטער דער פּאַרע אין ראָקיטנאָ.

איין מאָל האָבן זיי זיך דערוווסט, אַז אויף דער באַן־סטאַציע אָסטקי דערוואַרט מען אַ גרעסערן טראַנספּאָרט פון מזרח. נאָך אַ לענגערער באַ־ראָטונג איז אָקצעפּטירט געוואָרן דער פּראָיעקט פונעם העלדישן מינער

אברהם קעק, אויסצונוצן אַ פּלוצעמדיקן אָנפאַל אויף די דייטשן און אויפ־רייסן דעם טראַנספּאָרט דווקא בייטאָג.

דאָס פּאַשע־פעלד לענגאויס דער באַן־ליניע איז געווען באַוואַקסן מיט שיטערע אָלשינע־קוסטן. די צוויי מינירער קעק און ציבולסקי האָבן אויס־געקליבן דעם פּונקט, ווו די ליניע האָט געשאַפן אַ האַלבן קרייז און באַ־שלאָסן דאָרט אונטערצולייגן די מינע. בלומע און נאָך דריי פּאַרטיזאַנער האָבן זיי געדעקט פון הינטן. אָבער ווי נאָר זיי זענען צוגעקומען צו די רעלסן און גענומען אונטערגראָבן די שינע האָט זיך פּלוצעם דעהערט אַ גרעגערן פון מאַשין־ביקסן פון צווישן די קוסטן, וואָס האָבן זיי גענומען אין אַ קרייץ־פייער. עס איז לײדער געבליבן נאָר איינס: נעמען די פיס אויף די פּלייצעס און מאַכן ויברח.

די דייטשן האָבן זיי געיאָגט און צו דעם איז נאָך צוגעקומען אַ פּאַנצער־צוג און געשפּיגן מיט בליי ווי מיט אַ רעגן. ס׳איז בכלל נישט צום גלייבן, אַז קיינער פון זיי איז אַפילו נישט פאַרווונדעט געוואָרן. נאָר דאָס האָט קיינעם נישט געפרייט. די שטימונג איז געווען אַ געדריקטע, וואָס דער פּלאַן איז נישט געלונגען.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט זיי צו וויסן געטאָן לענאַ, אַז די באַן־ליניע דאַרף קאָנטראָלירט ווערן פון פאַרשטאַרקטע מיליטערישע פּאַטרולן. וויזט אויס, מען דערוואַרט אַ וויכטיקן טראַנספּאָרט...

דאָס איז געווען אין די ערשטע טעג פון אָקטאָבער. די נעכט זענען שוין לענגערע, וואָס איז זייער גינסטיק פאַר פּאַרטיזאַנער בכלל און פאַר מינירער בפרט. דריי גרופּן זענען זיי געגאַנגען. די צוויי זייטיקע גרופּן, אומגעפער אַ קילאָמעטער וועג פון דער מיטלדיקער מיט „בעזשומקעס"... בלומע איז געווען אין דער מיטלדיקער, וועלכע האָט זיך דערנענטערט צום טאָר. די אַרבעט איז געגאַנגען זייער שנעל. קעק און ציבולסקי האָבן געמאַכט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן איבערהויפּט אין זייער לעבן קיין אַנדער באַרוף נישט געהאַט, ווי נאָר אונטערצולייגן מינעס אונטער באַן־רעלסן און אויפרייסן צוגן...

פון דערווייטנס האָט זיך שוין געטראָגן דער רעש און דאָס קלאַפּן פון די רעדער פון דעם זיך דערנענטערנדיקן צוג. עס האָט אָנגעהויבן ציטערן די ערד אונטער דער שווערער מאַסע. זיי זענען געלעגן אין די קוסטן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם, די ביקס־רערן געצילט אין דער ריכטונג פון דעם אָנלויפנדיקן קאָלאָס. מיטאַמאָל האָט אַ געוואַלטיקע

דעטאָנאַציע ווי אויפגעריסן די לופט, וואָס האָט זיך ממש אויסגעשעפּט ווי אַ פּאָמפּע. ביי יעדן פון זיי האָט אַזש פאַרשפּאַרט אין האַלדז.

מיט אַ געוואַלטיקן גערויש האָבן געיאָגט אויף זיך די איינצלנע וואַגאָנען, צעשטויסנדיק און אַראָפּקייקלענדיק זיך פון די רעלסן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט אַלץ אַרומגענומען אַ שטילקייט, בלויז פון אונטער דער פאַרפלאָנטערטער אייזן־מאַסע, האָבן זיך געטראָגן די קולות, קרעכצן און הילפס־רופן פון די פאַרהאַסטע היטלעריסטן...

די פּאַרטיזאַנער האָבן נאָך אָפּגעגעבן עטלעכע זאַלפן פון זייערע ביקסן אין דער ריכטונג פונעם צעוואַלגערטן צוג און זיך צוריקגעקערט אין וואַלד.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען זיך דערוווּסט, אַז אין אויפגעריסענעם צוג האָבן זיך געפונען זעלנער וואָס זענען געפאָרן אויף אורלויב און פאַרוווּנדעטע, ווי אויך פּלאַטפאָרמען מיט טאַנקן, געשיקטע וואַרשיינ־לעך צום רעמאָנט.

די פאַרלוסטן פון שונא זענען געווען פערציק מאַן.

דאָס פליפלאַץ אין רוקן פון פיינט

די פּאַרטיזאַנער האָבן געלאַגערט אין אַ יונג סאָסנאָווע וועלדל, נישט ווייט פון דאָרף דובניצקאַ־פּאָלעסיע. אַרום דעם דאָרף איז געווען די אמתע מלוכה פון די פּאַרטיזאַנער. דאָ איז אויך געווען דער פליפלאַץ, די באַלעבאַטישקייט פון גענעראַל סאַבוראָוו. דער פליפלאַץ האָט אויך געדינט אַנדערע אָפּטיילונגען, ווי די ווייסרוסישע, ראָוונער פון גענעראַל בעגמאַ, טשערניכאָווער פון גענעראַל פיאָדאָראָוו און אַנדערע.

די אָפּטיילונג אויפן נאָמען „דזשערזשינסקי" האָט געוווינט אין שאַלאַשן, אויסגעשטעלט אין אַ ריי און צווישן זיי זענען געווען סטעזשקעס אויסגעשיטע מיט זאַמד. מיט בלומען צוזאַמען האָט געוווינט אַ ווילנער סטודענטין פון פּאַרמאַקאָלאָגיע — האַלינאַ פּאַסטערנאַק. דער שאַלאַש איז געווען געבויט פון שטרוי און וויקלינע. אויבן איז געווען אַן עפענונג פאַר דעם רויך, ווען זיי פלעגן צעלייגן אַ פייערל אין מיטן שאַלאַש, כדי עפּעס אָפּקאָכן, אָדער סתם זיך צו וואַרעמען. פון ביידע זייטן זענען געווען די געלעגערס, דער איינגאַנג פאַרהאַנגען מיט אַ טישטוך, די ווענט זענען געווען מיט עפּעס באַצירט. אין די באַדינגונגען איז דאָס געווען אַן אויסגעטרוימטער פּאַלאַץ.

זייער שאַלאַש האָט אויך געדינט אַלס לייענזאַל. ס'איז דאָ געווען ריין, נישט אַזוי פאַרקאָפּטשעט ווי ביי די מענער. טאַקע דערפאַר זענען אַלע גערן אַהערגעקומען כאַפּן אַ שמועס און אַ ביסל צו אַנטשפּאַנען די נערוון, אָדער סתם אַרום דעם פייערל אויפזונגען עפּעס אַן אוקראַיִנישע דומקע.

בלומע דערמאָנט זיך: אין טאָג ווען זי האָט געבויט דעם שאַלאַש, זענען אָנגעקומען עטלעכע רייטער, צווישן זיי אַן עלטערער מאַן מיט אַ באָרד און אין זיין זייט דער סעקרעטאַר פון קאָמסאָמאָל — סמירנאָוו.

— זדראַסטוואָ, דיעווושקאָ! — האָט אויסגערופן דער בערדיקער. — פאַר וואָס אַרבעטסטו אַליין? פאַר וואָס העלפן נישט די בחורים? — ער איז גלייך אַראָפּגעשפּרונגען פונעם פערד און גענומען זיך צום אויפשטעלן די ווענט.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער בערדיקער איז געווען דער העלדישער פּאַרטיזאַן גענעראַל קאָוופּאַק...

אַן ערן דאָקומענט פאַר בלומע פערלמוט אַלס קאָמסאָמאָלן און פּאַרטיזאַן

ווען סידאָר אַרטימאָוויטש קאָופּאַק איז געווען אין פּוילן, האָט בלומע פאַרשטייט זיך נישט געפעלט ביי דער באַגעגעניש. קאָופּאַק האָט מיט וואַרעמקייט דערמאָנט זייער באַגעגעניש ביים בויען דעם שאַלאַש און זיך געפרייט, וואָס אויך אין פּוילן האָט ער געטראָפן באַקאַנטע און פריינט.

די אָפּטיילונג צו וועלכער בלומע האָט געהערט איז צוגעטיילט געוואָרן צום שיצן דאָס פליפעלד. זיי האָבן אַרויסגעשטעלט היטער ווייט פון דער באַזע, איבערגענומען די אייגענע פליִער און אויך אין אַ נויטפאַל אָפּגע־שלאָגן די פיינטלעכע.

ס׳איז כמעט נישט צו באַגרייפן, ווי אַזוי ס׳איז מעגלעך געווען אין רוקן פון די דייטשן צו האַלטן עטלעכע חדשים אַ פליפעלד אויף אַזאַ ברייטן פאַרנעם. ביי טאָג האָט מען דאָ נישט געזען קיין לעבעדיקע נשמה, קיין שום באַוועגונג, אָבער אַרום אין די וועלדער האָט געשוויבלט און געגריבלט פון נאַמיאָטן, מענטשן, פערד און וועגענער. פאַרנאַכט האָבן זיי שוין געגומען צוגרייטן דאָס האָלץ פאַר דעם פייער; יעדן אָוונט אויף אַן אַנדער באַשטימטן אָרט. אויף דעם צייכן פון די ברענענדיקע הויפנס האָבן די פליִער געלאַנדעט. מייגסטנס זענען געקומען צו פליִען „דוגלאַסן". אָפּט עטלעכע מיטאַמאָל. זיי פלעגן ברענגען געווער, אַמוניציע, מעדיקאַמענטן, דאָקטוירים, קאָרעספּאָנדענטן. אויף די קאַסטנס זענען שטענדיק געווען אויפשריפטן: „האַרציקע גריסן פון די מענטשן פון סיביר, אוראַל, מאָסקווע. נישט איין מאָל האָבן זיי צווישן די זעק מיט אַמוניציע געפינען אויסגעאַרבעט אויף דראָטן אויערן־שיטצע, הענטשקעס אָדער סקאַרפּעטן. די מתנות האָבן יעדן טיף גערירט, עס האָט דערמאָנט אין די נאָענטסטע. ווער ווייסט — עס האָט טאָקע געקענט זיין זייערע אַ מתנה. נישט איין מאָל פלעגן די פליִער בלייבן נעכטיקן. די עראָפּלאַנען האָט מען דעמאָלט אַריינגעצויגן אין וואַלד, פאַרמאַסקירט און די פליִער האָבן זיך אויסגעזעצט ביי פאַרטיזאַנישע פייערלעך, געשמועסט, געזונגען און ווען מ׳איז צוריקגעקומען אויף דער באַזע, האָט מען געהאַט וואָס צו דערציילן...

ביי אַ דריי קילאָמעטער פון פליפעלד האָבן זיי געהאַט זייער פעלד־שפּיטאָל און אין דאָרף דובניצק אַ באָד, אָרגאַניזירט אין אַן אַלט פאַרלאָזט הויז. נעבן די צעגליטע שטיינער, אויף וועלכע מ׳האָט געגאָסן וואַסער אויף פּאַרע, זענען געווען פּאַליצעס מיט בעזעמלעך פון בערעזענע צווייגלעך. בלומע איז געווען זיכער אַז די דאָזיקע באָד וועט זי קיין מאָל נישט פאַר־געסן, זיך אויסצובאָדן אין יענע באַדינגונגען איז דאָך געווען אַן אמתער תענוג.

אין אַ שיינעם אָוונט האָבן די דייטשן איינגעאָרדנט זיי אַ באָד, און שוין די לעצטע אויף דעם געביט. ס׳האָט געשיט מיט באָמבעס און גראַ־נאַטן אָן אויפהער. ס׳האָט אויסגעזען ווי דאָס גאַנצע פייער פון גהינום האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זייערע קעפּ. דער שונא האָט, ווייזט אויס, אויסשפּיאָנירט די באַזע און איבערהויפּט דאָס פליפעלד. לויט אַ באַקומענער מעלדונג, האָט עס געהייסן, אַז דער שונא מאַרשירט מיט גרויסע כוחות אויף דעם לאַגער.

פאַרהייען זיך האָט מען נישט געטאָרט. מ׳האָט זיך צעטיילט אין גרו־פּעס און אַרויסמאַרשירט אין דער ריכטונג פון קופּעלי. אין דער ערשטער ריי האָבן זיי פאַרלאָדן אויף די וועגענער די קראַנקע און שנעל פאַרלאָזט דעם פּלאַץ.

דער וועג האָט זיך געצויגן דורך אומבאַקאַנטע און נישט אויסגעטרע־טענע סטעזשקעס און שליאַכן, באַגלייט מיט דעם גערויש פון די לויערנ־דיקע אויף זיי פיינטלעכע פליִער.

אין קופּעלי האָבן זיי אויך נישט לאַנג געוויילט. נאָך די לאַנגע מאַרשן און טאַפּטשען אין דער בלאָטע פון די צעווייקטע וועגן, האָבן זיי גערן זיך געפונען צווישן אַלטע באַקאַנטע און געוואָלט זיך אַ ביסל אָפּרוען, נאָר דער שונא האָט נאָכגעפאָלגט כסדר. „אָנגעטרעטן אויף די קנאַפּל" און דער ווייטערדיקער באַפעל איז געווען צו ציִען אין דער ריכטונג פון דעם קליינעם שטעטל ראַקיטנאַ.

דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט מיט גיכע טריט. יעדן טאָג האָט מען געהערט אין די ראַדיאָ־קאָמוניקאַטן וועגן נייע באַפרייטע שטעט און צוגלייך די מעלדונגען פון די דייטשן: „מיר האָבן פּלאַנמעסיק געראַומט". זייער אַרבעט האָט איצט אָנגענומען אַן אַלץ ברייטערן פאַרנעם און גרע־סערע אַקציעס. די אָפּטיילונגען האָבן אָנגעהויבן אָנצוגרייפן גאַרניזאָנען, צו שאַפן אַ פּאַניק אין די רייען פון שונא און צווינגען אָפּצוציִען מיליטער פון דעם פראָנט.

די ראָוונער אָפּטיילונגען האָבן באַקומען אַ באַפעל צו צעשמעטערן דעם דייטשן גאַרניזאָן אין ראַקיטנאַ. זיי ווידער האָבן געהאַט די אויפגאַבע דורכצופירן אַ ריי אויסשפּיר־אַרבעטן. ס׳איז געקומען דער דעצידירנדיקער מאָמענט. גענוי לויט דעם פּלאַן האָבן די ראָוונער אָפּטיילונגען געדאַרפט פאַרנעמען אַלט ראַקיטנאַ און פאַרניכטן דעם דרוק־טורעם; זיי ווידער האָבן גלייכצייטיק געדאַרפט אָנטיילנעמען ביי אַטאַקירן דעם באַנהויף.

געגנוי איינס ביינאַכט איז מען צוגעטרעטן צום אָנגריף. צוואַנציק מינוט האָט די פּאַרטיזאַנישע אַרטילעריע באַשאָסן דעם טורעם און דעם באַנהויף, דערנאָך איז געקומען זייער ריי. זיי האָבן זיך גרופּנווייז געריקט פון פּלאַץ...

דאָס שטעטל איז געווען איינגעהילט אין טיפן שלאָף, ווען זיי האָבן זיך געלאָזט איבער די שמאָלע געסלעך, צווישן די ווייס־געקאַלעכטע שטיבלעך, וואָס זענען געשטאַנען ווי איינגעדרימלטע אין דער פינצטערער נאַכט. נאָר באַלד האָבן זיך ביי די פענצטערלעך באַוויזן דערשראָקענע פּנימער, צוגעדריקטע צו די נאָסע שויבן. ס׳איז געווען קאַלט. אַ לייכטער שנייטעפּיך האָט צוגעדעקט די קוים פאַרפרוירענע ערד און אונטער די פיס האָט געקנאַקט דאָס דינע אייז, איינברעכנדיק זיך איבער די קליינע קאַלוזשעס...

מיטאַמאָל האָט פון דער זייט פון באַנהויף גענומען גרעגערן אַ מאַשינביקס, דאָס האָט מאָדנע וואָך געמאַכט און גלייך האָט זיך אָנגערופן אַ מערזער... די פּאַרטיזאַנער זענען ווייזט אויס אויפגעדעקט געוואָרן דורך דעם שונא. זייערע געשטאַלטן האָבן זיך אָפּגעשלאָגן ווי שוואַרצע פלעקן אויף דעם ווייסן שניי. און געשאָסן אַ גוטן ציל... דאָס פייער איז פון מינוט צו מינוט געוואָרן שטאַרקער. דאָ און דאָרט האָבן זיך געהערט הילפס־רופן פון פאַרוווּנדעטע, נאָר זיי האָבן אָן הפסקה זיך געריקט פאָרויס צום באַנהויף... זאָל אַפילו דאָרט גרייט זיין זייער קבר...

אַ שווערער זעץ און זייער מאַשין־געווער איז צעשמעטערט געוואָרן און די גאַנצע באַדינונג פאַרוווּנדעט. דאָס פייער פון די פּאַרטיזאַנער איז יעדעס מאָל שוואַכער געוואָרן. זיי זענען געלעגן צוגעפּרעסט צו דער ערד אונטער אַ געוואַלטיק פייער פון שונא... מיטאַמאָל האָבן אָפּגעהילכט עטלעכע אויפרייסן פון דער זייט פון באַנהויף. דאָס האָט ווי ביי יעדן אַריינגעגאָסן אַ נייע נשמה, דאָס בלוט האָט גענומען האַסטיקער פּולסירן אין די אָדערן. זייערע מינערן האָבן אָפּגעטאָן זייער אַרבעט...

פאַרטאָג האָבן די פּאַרטיזאַנער זיך צוריקגעצויגן, באַגלייט פון דייטשע מערזער־שפּליטער און קוילן פון מאַשין־געווער. זיי האָבן פאַרנומען פּאָזיציעס עטלעכע קילאָמעטער ווייטער, כדי אויפצוהאַלטן דעם דערוואַרטן אָנגריף פון די דייטשן און אויך דערמעגלעכן דאָס איבערגרופּירן זיך פון די אייגענע אָפּטיילונגען...

די ראַוונער אָפּטיילונג, אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל בעגמאַ, האָט געצויגן אויף מערב. אויפן פּלאַץ איז געבליבן אַ ניי־אָרגאַניזירטע בריגאַדע אונטער דער אָנפירונג פון קאַפּיטאַן נירקאַ. אין דער בריגאַדע איז בלומע פערלמוט באַשטימט געוואָרן אַלס פּאָליטישער הילפס־קאָמיסאַר.

צו דער בריגאַדע האָבן געהערט: די אָפּטיילונגען אויף דעם נאָמען פון „דזשערזשינסקי", „מאָלאָטאָוו" און די גרופּעס פון די דערפער קאַראַשני, שאַכע, וויעלון און בערעזעוו.

זייער אויפגאַבע איז געווען: פירן אַן אויסשפּיר־אַרבעט, סאַבאָטאַזש און דיווערסיע, אָבער דאָס וויכטיקסטע איז געווען מאָביליזירן די יוגנט און אַריבערפירן דורכן פראָנט אויף דער סאָוויעטישער זייט.

דעם 24־טן דעצעמבער 1943 איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ קאָמיסיע אין דאָרף שאַכע. דער דאָקטער האָט אַרויסגעגעבן א געזונט־צייגעניש און שוין דעם זעלבן טאָג האָבן די פּאַרטיזאַנער אַריבערגעפירט איבערן פראָנט זעקס הונדערט מאַן און זיי איבערגעגעבן דער 13־טער אַרמיי פון דעם גענעראַל־לייטענאַנט פּוכאָוו.

נאָכן אַריינמאַרש פון דער רויטער אַרמיי קיין ראָקיטנאָ איז בלומע צוריקגעקומען צום „שטורעם־באַטאַליאָן" פון דער בריגאַדע „גרונוואַלד", וועמענס אָנפירער איז געווען דער קאַפּיטאַן טעאָדאָר דודאָ. מיט אַ דעסאַנט־גרופּע האָט מען זי אַראָפּגעוואָרפן אין געביט פון לובלין, ווו זי האָט אָנ־געהויבן אַ נייעם קאַמפּס־עטאַפּ מיט די היטלעריסטן, אין די רייען פון דער פאָלקס־אַרמיי...

בלייבנדיק טריי דער געגעבענער שבועה איר טייערן יונגן פריינד — דעם העלדישן פּאַרטיזאַן גרישאַ לעיווי — האָט זי ווייטער געקעמפט אין די פּאַרטיזאַנישע רייען אין די קאָזלאָוויעצקער וועלדער, שפּעטער אין די רייען פון דער נאָרמאַלער פּולישער אַרמיי, ביז צום ענדגילטיקן זיג איבער דער בלוטיקער היטלעריסטישער בעסטיע.

גרישאַ לעיווי האָט דעם זיג נישט דערלעבט... זיינע לעצטע ווערטער — „זאָלסט נעמען נקמה אויף פאַר מיר" — קלינגען נאָך היינט אין בלומעס אויערן... זיין קבר, איז ווי אַלע אַנדערע פּאַרטיזאַנישע קברים, וואָס זענען צעשפּרייט אויף וועגן, פעלדער און וועלדער. אויב איר וועט פאַרביי גיין נעבן אַזאַ קבר, בלייבט אַ ווײַלע שטיין און פאַרקלערט זיך איבער זיין גורל... לייגט אויף אים עטלעכע בלומען, — ווייל ער האָט פאַר אייער פרייהייט געגעבן דאָס טייערסטע, וואָס ער האָט נאָר געהאַט — זיין לעבן...

אַזוי האָט בלומע פאַרענדיקט איר דערציילונג.

דער פּאַראַשוטיסט פּנחס קאַרטין
פּסעוודאָנים אַנדזשעי שמידט

װעגן דער געשיכטע פון אונדזער דריטן פאָלקס־חורבן, די תקופה פון 1939 — 1945, אין װעלכער איין דריטל פון יידישן פאָלק איז אומגעקומען, זענען געשאַפן געוואָרן טאָגביכער און כראָניקעס, בעלעטריסטיק, פּאָעזיע און פיל דערציילונגען. אין דער גאַנצער ליטעראַטור שנירלט זיך דורך אַ רויטער בלוטיקער פאָדעם, — דער פּיין אין די געטאָס, דער גרויל אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און גאַז־קאַמערן, אָבער זייער װייניק האָבן מיר דערציילונגען װעגן יידישע בחורים און מיידלעך װעלכע האָבן מוטיק און שטאָלץ מיט געווער אין האַנט געקעמפט קעגן דעם פילפאַכיק שטאַר־קערן שונא.

אונדזערע שונאים טענהן, אַז מיר האָבן בכלל נישט געקעמפט, אַז מיר זענען געגאַנגען ווי זיי זאָגן „ווי שאָף צו דער שחיטה". ס׳האָבן זיך געלאָזט הערן די אַלטע פינצטערע פּזמונים אַז „יידן זענען פּחדנים", מ׳האָט פאַסמאַקעוועט די אַנטיסעמיטישע וויצן אַז „יידן האָבן גשאָסן פון קרומע ביקסן" און אַנדערע אידיאָטישע אַנעקדאָטן אויף אונדזער חשבון.

אָבער די דאָזיקע לייט, ווייסן נישט אָדער זיי ווילן נישט ווייסן, וואָס פאַר אַ גרויסן צושטייער פון בלוט מיר האָבן געגעבן אין דעם קאַמף מיט די נאַציס. די לענדער אין וועמעס אַרמייען יידן האָבן געקעמפט באַמיען זיך צו פאַרהוילן דעם גרויסן יידישן אָנטייל פון אָנפירער אין דער אַרמיי, ביי די פּאַרטיזאַנער, אין אונטערגרונט, ביים אויסשפּיר־דינסט און די־ווערסיע. אומעטום זענען געווען יידן, וועלכע האָבן צוליב פאַרשידענע סיבות געמוזט ענדערן זייערע נעמען, אָדער בכלל נישט אויסגעבן זיך אַלס יידן. אַפילו דער ערשטער סעקרעטאַר פון פּ.פּ.ר. (פּוילישער אַר־בעטער פּאַרטיי) פּאַוועל פינדער — אין וועמעס סמכות ס׳איז אונטערליגן די גאַנצע אונטערגרונד־באַוועגונג אין פּוילן אין דער צייט פון דער אָקופּאַ־ציע — איז אויך געווען אַ ייד...

יידן האָבן זיך געמאָלדן צו די שווערסטע און געפערלעכסטע אַרבעטן אויף די פראָנטן און נישט איין מאָל באַצאָלט מיט דעם יונגן לעבן. איינער פון זיי איז געווען פּנחס קאַרטין — פּסעוודאָנים אַנדזשעי שמידט.

פנחס קאַרטין — פסעוו. אַנדזשעי שמידט

דער פּאַרשוטיסט פּנחס קאַרטין, פּיניע ווי מען האָט אים גערופן, איז געבוירן געוואָרן אין 1912 אין לוצק, ביי נישט קיין רייכע עלטערן. דער טאַטע איז געווען אַ היטלמאַכער. פון די יונגסטע יאָרן אָן האָט פּיניע זיך פאַרנומען מיט ספּאָרט. ער איז געווען אַ מיטגליד אין דעם קלוב „חשמונאים" און אָנטייל גענומען אין פאַרשידענע פאַרמעסטונגען. ער האָט אויך הויכע ספּאָרט־אויסצייכנונגען.

קאַרטין איז אַ מיטגליד אין דער ציוניסטישער האַרצערן־אָרגאַניזאַציע „השומר הצעיר", ווו ער האָט באַקומען די ערשטע פּאָליטישע אויפקלע־רונגען.

דער יונגער פעיִקער בחור האָט זיך געריסן צו וויסן. באַקומען מאַטורע, איז ער אויפגענומען אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט. צוליב דער שווע־רער מאַטעריעלער לאַגע אין וועלכע ער האָט זיך געפינען, רייסט ער איבער דעם סטודיום. פּנחס איז געצוווּנגען צו זוכן אַן אַרבעט, כדי צו פאַרדינען אויף חיונה.

די נייע לעבנס־באַדינגונגען אין אַן אַרבעטער סביבה עפנען אים די אויגן אויף דער וועזנטלעכקייט פון קלאַסן־קאַמף. טאַקע דאָ געפינט ער שנעל דעם וועג צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

מיטן גאַנצן יוגנטלעכן ברען וואַרפט זיך קאַרטין אַריין אין די רייען פון די פרייהייט־קעמפער. ער איז שטענדיק אין די פאָדערשטע רייען. מיטן פּסעוודאָנים אַנדזשעי טרעפן מיר אים אין יאָר 1935 שוין אַלס מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן — ק.פּ.פּ.

דעם גרויסן צוטרוי וואָס די פּאַרטיי ווייזט אַרויס צו קאַרטינען, באַ־שטעטיקט דער פאַקט, וואָס עס ווערט אים אָנפאַרטרויט די פונקציע פון „מאָפּר" — סעקרעטאַר אינעם אַכאָטער ראַיאָן אין וואַרשע און גלייכצייטיק די אַרבעט אין דער צענטראַלער טעכניק פון צ.ק. ק.פּ.פּ.

עס איז יולי 1936, דער אָנהייב פון טראַגישן ברודער־קאַמף אויפן איבערישן האַלבאינזל, וואָס איז דער פּראָלאָג צו דער צווייטער וועלט־מלחמה און דעם דריטן חורבן פון יידישן פאָלק.

דער פּוטש פון די פאַשיסטיש־מאָנאַרכיסטישע גענעראַלן מיט דעם גענעראַל פראַנקאָ בראש, קעגן דער לעגאַלער שפּאַנישער רעפּובליק, באַקומט די אונטערשטיצונג פון היטלער־דייטשלאַנד און פאַשיסטישן אי־טאַליע, וועלכע הייבן אָן שיקן מיליטערישע אָפּטיילונגען און וואָפן. אין דער ערשטער ריי קומט פון דייטשלאַנד דער באַרימטער לעגיאָן־קאָנדאָר, מיט וועלכן דער פירער פון דייטשן אויסשפּיר־דינסט, ווילהעלם קאַנאַריס

שיקט אַריין מענטשן פון ק. א. (קריגס־אָרגאַניזאַציע), וועלכע שאַפן דאָרט אַ ריזיקע שפּיאָנאַזש־באַזע און נאָכן זיג פון גענעראַל פראַנקאָ, וועלכער האָט זיי דערמעגלעכט, אַלס דאַנק פאַר דער הילף, אַ פרייע באַוועגונג אין לאַנד, געוואָנען צוגרייטן פונקטן דורך וועלכע, ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט דייטשלאַנד געקאָנט באַקומען אינפאָרמאַציעס פון דער טעריטאָריע פון פראַנקרייך און ענגלאַנד.

שוין דעמאָלט האָט קאַנאַריס געוואָנען צוגרייטן די פינפטע קאָלאָנע, אין פאַרשידענע פונקטן אין אייראָפּע, לויט דער לערע פונעם שפּאַנישן גענעראַל מאָלאַ, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט ביים אָנגריף אויף מאַדריד מיט פיר קאָלאָנעס — אַז די „פינפטע" האָט ער שוין אין מאַדריד...

עס איז בכלל נישט צום באַנעמען, ווי סטאַלין, וועלכער האָט געהאַט אַזאַ אויסגעברייטערטע נעץ פון שפּיאָנען און אַגענטן און דערצו קאָמוניסטישע פאַרטייען אין אַלע לענדער פון דער וועלט, האָט פון דעם אַלעם נישט געוווּסט ?... צי ער האָט יאָ געוווּסט ?... נאָר זיין „געניאַלער מוח" איז געווען באַשעפטיקט מיט דעם מכשפה־געיעג אויף טראָצקיסטן און ער האָט נישט געזען די געפאַר פון צווייטן וועלט־קריג...

דאָס רעפּובליקאַנישע מיליטער האָט מאָביליזירט אַלע כוחות, כדי אָפּצושטויסן דעם שונא. אין דער זעלבער צייט פירן פראַנקרייך און ענגלאַנד „אַ נישט־אַריינמישונג־פּאָליטיק", וועלכע דערפירט צו אַ ריזיקער איבערוואָג אין דער באַוואָפנונג און מיליטערישער אויסשטאַטונג אין די כוחות פון די רעבעלן.

דער העלדישער קאַמף פון שפּאַנישן פאָלק האָט אַרויסגערופן אַ סאָלידאַריטעט־אַקציע אין דער גאַנצער וועלט. עס האָבן אָנגעהויבן שטראָמען אַנטיפאַשיסטן פון פאַרשידענע לענדער, כדי מיט זייער בלוט צו צעמענטירן אויף די שפּאַנישע שלאַכט־פעלדער דעם זיג פון דער רעפּובליק. צווישן זיי געפינט זיך אויך פנחס קאַרטין.

ער קומט קיין אַלבאַסעטע, וווּ ס'האָט זיך געפינען די באַזע פון די פרייוויליקע אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס. נאָך אַ קורצער מיליטערישער אויסשולונג ווערט ער צוגעטיילט צום רעזערוו־באַטאַליאָן פון דער דרייצענטער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע אויפן נאָמען פון „יאַראָסלאַוו דאָמבראָווסקי". אין דער בריגאַדע, דעם 12 דעצעמבער 1937, אויפן פראָנט פון אַראַגאָן, אַנטשטייט אַ יידישע קאָמפּאַניע אויפן נאָמען פון נפתלי באָטווין. דאָס אָרגאַניזירן אַ יידישע קאָמפּאַניע פון די פרייוויליקע קעמפער, אין דער שפּאַנישער רעפּובליקאַנישער אַרמיי איז געווען אַן אויסדרוק פון אַנער־

קענונג, פאַר די יידישע העלדישע זעלנער אויף די שפּאַנישע שלאַכט־פעלדער.

די גיפטיקע העצע, וועלכע די אַנטיסעמיטן פלעגן פאַרשפּרייטן, אַז יידן זענען פּאַראַזיטן אויפן קערפּער פון אַנדערע פעלקער, נישט פעיִק צו קעמפן מיט געווער אין האַנט, פּחדנים, נאָר אויסטויגער אין האַנדל — די דאָזיקע אַנטיסעמיטישע באַהויפּטונגען און פאַשיסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָבן יידישע מענטשן אָפּגעלייקנט מיט זייער מסירת נפש און גבורות אויף די שלאַכט־פעלדער, קעגן די פאַשיסטישע באַנדעס.

די יידישע פרייוויליקע קעמפער, אין שפּאַנישן בירגער־קריג, האָט מען געשאַצט ביי פינף טויזנט מאַן. מ׳האָט זיי געטראָפן אין דער העכסטער מיליטערישער אָנפירונג, ווי דער קאָמאַנדיר פון דער 11־טער בריגאַדע, גענעראַל קלעבער (ל. שטיין), אין די מיליטערישע שטאַבן, אָנפירער פון באַטאַליאָנען, פּאָליט־קאָמיסאַרן, סאפּערן, אַרטילעריסטן, פליער, דאָקטוירים און יידישע פרויען אַלס קראַנקן־שוועסטער, וועלכע האָבן ספּעציעל מיט־געמאַכט אַ סאַניטעטס־קורס, ווייל נאָר אין דער מעדיצינישער דינסט האָט מען זיי אָנגענומען און דערלויבט אַריינצוקומען קיין שפּאַניע.

צום קאָמאַנדיר פון דער יידישער באַטאַליאָן־קאָמפּאַניע איז נאָמינירט געוואָרן דער ביאַליסטאָקער בחור, וועלכער האָט שוין אונטער זיך רומפולע קאַמפן, קאַראָל גוטמאַן. אין דער קאָמפּאַניע האָבן נישט נאָר די „באַטאַליאָנ־צעס" ווי מען האָט זיי גערופן גערעדט יידיש, נאָר אויך די פעלד־באַפעלן, מעלדונגען און מיליטערישע באַגריפן זענען געווען אין יידיש.

פאַר אַ סך איז דער העלדישער קאַמף פון יידן אויף די שפּאַנישע שלאַכט־פעלדער בלויז אַ געשיכטלעכער עפּיזאָד, באַקאַנט פון נישט צאָלרייכע מקורות, זייער קאַמף איז אויך נישט געווען אַזוי צום האַרצן סטאַלינען, וועלכער האָט איבעראַל געניסטערט שפּיאָנען און טראָצקיסטן... נישט קיין אַנדערער ווי דער גרוזינישער מערדער מיט זיינע אַגענטן האָבן אַ גרויסע שולד אין דער מפּלה פון דער שפּאַנישער רעפּובליק. פון איין זייט האָט אים געשטערט דער גרויסער כוח פון די אַנאַרכיסטן אין קאַטאַלאָניע און אַנדאַלוזיע, וועלכע האָבן נישט געשטרעבט איינצופירן אין שפּאַניע דעם מאָסקווער קאָמוניזם, דאָס זענען אָבער געווען אַנטיפאַשיסטן, וועלכע האָבן מוטיק געקעמפט קעגן די האָרדעס פון גענעראַל פראַנקאָ.

דאָס גרעסטע אומגליק איז געווען, דאָס שפּאַלטן די רייען פון די קעמ־פער, מיט דער באַשולדיקונג, אַז די מאַרקסיסטישע פאַראייניקטע אַרבעטער פּאַרטיי — „פּ. א. ו. ם" איז אַן אַגענט פון גענעראַל פראַנקאָ...

מיט דער הילף פון זיין געהיים־דינסט האָט סטאַלין באַזייטיקט אַלע, וועלכע זענען געווען אונטער דעם מינדעסטן פאַרדאַכט, אַז זיי קאָנען אים שטערן אין פאַרווירקלעכן זיינע פּלענער. די אַרעסטן, טויט־אורטיילן האָבן, אַריינגעבראַכט פאַרצווייפלונג און אומצוטרוי ביי אַ סך קעמפער, צו הויכע מיליטערלייט ווי צו רעפּובליקאַנישע פירער. דאָס האָט נישט ווייניק אָפּגעשוואַכט דעם קאַמפס־מוט ביי די מאַסן. סטאַלינען האָט דאָס נישט געאַרט. ער האָט אויך נישט געהאַט קיין עגמת־נפש פון דעם, וואָס דאָס גאָלד פונעם שפּאַנישן מלוכה־אוצר איז אַרויסגעפירט געוואָרן קיין מאָסקווע, און מען וועט עס נישט דאַרפן צוריקגעבן...

נישט קיין קליינע פאַרביטערונג האָט אַרויסגערופן דאָס אויפלייזן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון פוילן, אויפן באַפעל פון קאָמינטערן, וואָס איז געווען דיקטירט פון סטאַלינען. דער פאַקט האָט געוועקט אַ פאַרדאַכט און אומגלויבן צו די מאָסקווער טעאָרעטיקער פון סאָציאַליזם ביי די פוילישע קאָמוניסטן, וועלכע זענען געווען אין אַ גרויסער צאָל פאַרטרעטן אין די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס, וואָס האָבן געקעמפט אויף די שלאַכטפעלדער אין שפּאַניע.

צום ביטערן באַדויערן איז דער העלדישער קאַמף פון די טויזנטער יידישע שלאַכטלייט, עד היום גאָר ווייניק אָפּגעשפּיגלט אין דער רייכער ליטעראַטור, וועגן שפּאַנישן בירגערקריג. ווי אַ דאַנק פון מאָסקווע פאַר זייערע קרבנות און פאַר דעם פאַרגאָסענעם בלוט אין קאַמף קעגן פאַשיזם, איז נאָך דער אינטערנירונג אין פראַנקרייך, געקומען דאָס פאַרשיקן אַ גרויסן טייל פון זיי קיין סיביר, אַלס נישט פאַרלעסלעכן עלעמענט...

איינעם פון זיי, דעם פרייוויליקן קעמפער פון שפּאַניע, וועלכער איז געקומען אַהין מיט דער גרופּע פון פּאַלעסטינע — משה עסטרייך, אָדער דער קליינער משהלע, ווי די „באַטויניאָוועצעס" האָבן אים גערופן — האָט דער שרייבער פון די שורות באַגעגנט, אַן אָקערשט באַפרייטן פון לאַגער אין קאַנסק, קראַסנאָיאַרסקי קריי, אין יאָר 1966.

מיט פאַרשדיענע וועגן און אומוועגן איז מיר געלונגען צו קומען צו מיין ברודער גרשון, וועלכער איז אַלס זיבעצניעריק יינגל געווען פאַרשיקט קיין סיביר פאַר דעם גרויסן „חטא" צו האָבן געהערט צו דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע גורדוניה. אַז ס'איז געקומען אַ שרייבער פון פוילן האָט זיך בליץ שנעל פאַרשפּרייט ביי אַלע געוועזענע לאַגערניקעס, אָפּשטאַמיקע פון פוילן. ביי משהלן איז געווען מיין בוך „געווען אַמאָל אַ שטעטל" דעריבער האָב איך באַשלאָסן אים צו באַזוכן.

אַ גאַנץ בוך וואָלט מען געקאָנט אָנשרייבן, וועגן דער טראַגעדיע פון דעם העלדישן קעמפער קעגן די נאַציס. — אין אַ קליין שטיבל פון צונויפגע־קלאַפּטע ברעטער באַקלעפּטע מיט ליים האָט געוווינט משהלע מיט זיין קראַנקער פרוי. איך האָב זיך געמוזט טיף אַראָפּבייגן כדי אַריינגיין דורך דער טיר. אין דער לעפּיאַנקע איז געווען טונקל. דורך דעם קליינעם פענצ־טערל ממש ביי דער ערד, מיט די אויסגעהאַקטע שויבן, אַ טייל פאַרשטאָפּטע מיט שטרוי, האָט זיך אַריינגעריסן אַ קליינער ליכט־שטראַל. אין אַ ווינקל אויף דער ליימענער פאָדלאָגע איז געשטאַנען אַ פּריטשע, אויף וועלכער ס׳איז געלעגן זיין קראַנקע פרוי. — אין אַזעלכע באַדינגונגען האָבן געלעבט ביים גרוזינער מערדער די שפּאַנישע, יידישע קעמפער.

אויך אין פּוילן האָט מען נאָכגעטון דעם „עלטערן ברודער״. אַ לאַנגע צייט זענען די „דאָמבראָווסצאַקעס״ ווי מען האָט זיי אין פּוילן גערופן, געווען דיסקרימינירט און פאַרפאָלגט.

עס קלינגט סימבאָליש, וואָס ביים אָנהייב פון שפּאַנישן פרייהייטס־קאַמף איז דער ערשטער געפאַלן דער יידישער קעמפער לעאָן בוים, און ביים סוף פון דער העראָישער עפּאָפּעע פון די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס איז בוכשטעבלעך דער לעצטער געפאַלן דער יידישער קעמפער, יחזקאל האָניגשטיין.

צו די בערך פינף טויזנט יידישע פרייוויליקע, זעלנער פון 53 פעלקער פון דער וועלט געהערט אויך פּנחס קאַרטין. ער איז געווען זייער אַקטיוו. ער האָט אויך רעדאַגירט צווישן אַנדערע די וואַנט־צייטונג, דעראָבערט סימ־פּאַטיע ביי אַלע קאַמפּס־חברים, וועלכע זענען געקומען מיט אים אין באַרי־רונג. קאַרטין איז געוואָרן אַ מיטגליד אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון שפּאַניע און אָנטיילגענומען אין דער פאַרזאַמלונג, אָרגאַנאַזירט דורכן ספּע־ציעלן שליח פונעם אויספיר־קאָמיטעט פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט, וועגן באַשלוס פונאַנדערצולאָזן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון פּוילן. דאָס איז געווען פאַר פּנחסן ממש אומ־גלויבלעך.

פּנחס האָט אָנטייל גענומען אין שלאַכטן אויף פאַרשידענע פראָנט־אָפּשניטן. אין איינער פון זיי אין אַפּריל 1938 הינטער לערידאַ איז ער שווער פאַר־וווּנדעט. אויף דעם באַפעל פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי אין שפּאַניע האָט מען אים אַרויסגעשיקט אין אַ וויכטיקער שליחות קיין פראַנק־רייך. שוין אין אויגוסט 1938 טרעפן מיר אים אין פּוילן. קאַרטין פאַרשטעט די באַשלוסן און די סיבה פון דעם טראַגישן באַפעל אויפצולייזן די ק.פּ.פּ.

ער, קאַרטין קען דאָך די מענטשן, ער ווייסט אַז זיי זענען נישט קיין פּאַרעטער, זיי קענען נישט זיין קיין שפּיאָנען... אין די שווערע באַדינגונגען איז קאַר־טין געבליבן טריי. זיינע איבערצייגונגען, גרייט אויף מסירת־נפש פאַר דער אידעע, וועלכע איז געווען דער ציל אין זיין לעבן. —

ביים אויסברוך פון דער מלחמה אין יאָר 1939 געפינט זיך קאַרטין צוריק אין פראַנקרייך. לויט דער איניציאַטיוו פון באָלעסלאַוו מאָלאָיעץ — פּסעוודאָ־נים „עדוואַרד" — וועלכער איז דער אָנפירער פון דער איניציאַטיוו־גרופּע פאַר פּוילישע ענינים ביים קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל (אויפן באַפעל פון סטאַלינען פאַרעטעריש דערמאָרדעט אין פּוילן), איז אין דער וווינונג פון פּנחס קאַרטין גערופן געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג פון די פּוילישע קאָמוניסטן, אויף וועלכער ס'איז געוואָרן אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז אַלע דאַרפן זיך פרייוויליק מעלדן אין דער דעמאָלט אין פראַנקרייך זיך פאַרמירנדיקער פּוילישער אַרמיי.

ליידער האָט פראַנקרייך שנעל קאַפּיטולירט. קאַרטין האָט זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, וואָס ער קאָן דערוואַרטן אונטער דער היטלעריסטישער הערשאַפט, ער איז אַנטלאָפן קיין דרום־פראַנקרייך, קיין ווישי. אַ געוויסע צייט האָט ער דאָרט געלעבט אומלעגאַל. קאַרטין האָט זיך געכאַפּט צו יעדער אַרבעט. ער איז אויך אַבסאָרבירט פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט צווישן די דעמאָביליזירטע דאָמבראָווסצאַקעס, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון די אינטערנירונגס־לאַגערן און נישט געהאַט קיין דאָקומענטן, קיין אַרבעט, און איבערהויפּט קיין מיטלען צום לעבן.

עס איז דאָס יאָר 1940. אַלס אָפּשטאַמיקער פון מערב־אוקראַינע באַקומט ער סאָוויעטישע בירגערשאַפט און הייבט אָן אַרבעטן אין דער פאַרשטייער־שאַפט פון ס. ס. ס. ר. אין ווישי. אין מערץ 1941 ווערט ער רעפּאַטריאירט קיין ראַטנפאַרבאַנד און אין עטלעכע חדשים שפּעטער איז קאַרטין טעטיק אין אויספּיר־קאָמיטעט פון קאָמינטערן און נאָכן אויסברוך פון דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה אין סאָוויעטישן ראַדיאָ־קאָמיטעט, אַלס לעקטאָר און איבערזעצער אין דער רעדאַקציע פון דער אָרגאַניזירנדיקער זיך פּוי־לישער ראַדיאָסטאַציע.

אין דער צייט האָט דער אויספּיר־קאָמיטעט פון קאָמינטערן גענומען אָרגאַניזירן אַ ספּעציעלע שולע, וועלכע האָט זיך געפינען דרייסיק קילאָ־מעטער פון דער סאָוויעטישער הויפּטשטאָט, אין דעם קליינעם ישוב פּוש־קינאָ, מיט דעם ציל צו שולן קאַדרען פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, וועמענס לענדער זענען געווען אָקופּירט דורך די דייטשן. זיי האָבן געדאַרפט שפּע־



יוסף לעוואַטאָווסקי

טער אַראָפּגעוואָרפן ווערן אויף די געביטן, צו אָרגאַניזירן פּאַרטייִשע קעמערלעך און דיווערסיע־גרופּן. מיט דער הילף פון דער פּוילישער איניציאַטיוו־גרופּע זענען אַהין געשיקט געוואָרן אויך פּוילישע חברים און צווישן זיי פּנחס קאַרטין.

אין מאָסקווע איז באַלשאָסן געוואָרן, אַז אין ערשטן „וואָרף" קיין פּוילן זאָל זיין די איניציאַטיוו־גרופּע, מיט מאַרצעלי נאָוואָטקאָ, פּאַוועל פינדער און באָלעסלאַוו מאָלאָיעץ אין דער שפּיץ. אין דער גרופּע איז אויך אַראָפּ־געוואָרפן געוואָרן פּנחס קאַרטין, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן אַלס ראַדיאָ־טעלעגראַפיסט אָנצוהאַלטן די פאַרבינדונג צווישן פּוילן און קאָמינ־טערן.

אין אָוונט פון 27 דעצעמבער 1941 איז פון דעם פליפעלד הינטער מאָסקווע פאָרגעקומען דער לאַנגדערוואַרטער אָפּפלי, איבער דער פראָנט־ליניע, און דעם באַזעצטן פּוילן.

די לאַנדונג איז פאָרגעקומען בשלום. זיי האָבן בלויז פאַרלוירן די ראַדיאָ־סטאַציע, וועלכע איז ווייזט אויס געבליבן הענגען מיט דעם פאַל־שירעם ערגעץ אויף אַ בוים, און צוליב דער פינצטערניש בשום אופן נישט געקאָנט אָפּגעפינען ווערן. לאַנג וואַרטן האָבן זיי נישט געקאָנט. יעדער אין אַן אַנדער ריכטונג האָט זיך געלאָזט צו זיין באַשטימטן ציל.

פּנחס קאַרטין איז געקומען קיין וואַרשע. זיין פונקט איז געווען די וווינונג פון דעם פּוילישן שוסטער כרושטשעלעווסקי, וועלכע האָט זיך געפינען אויף דער סטאַלאַרסקאַ־גאַס נומער דריי.

דאָ ביים שוסטער כרושטשעלעווסקי זענען פאָרגעקומען די באַראַטונ־גען, וועגן דער אַלגעמיינער קאָנספּיראַטיווער טעטיקייט. קאַרטין באַקומט די אויפגאַבע אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט דעם וואַרשעווער געטאָ און דאָרט אָרגאַניזירן די פּאַרטיי און קאַמפס־גרופּן, וועלכע זאָלן זיין אין פאַרבינדונג מיט דער פּוילישער גאַס.

דאָס איז שוין יאַנואַר 1942. פּנחס קאַרטין טרעט דאָ אַרויס אונטערן נאָמען „אַנדזשעי שמידט". אויף אַ צוזאַמענטרעף מיט אַלטע קאַמפס־חברים גיט ער איבער די מעלדונג וועגן אַנטשטיין פון דער נייער פּאַרטיי פּ.פּ.ר. (פּוילישע אַרבעטער פּאַרטיי).

אויף דער באַזע פון די עקזיסטירנדיקע קאָמוניסטישע גרופּעס איז אין געטאָ אין פעברואַר 1942 אַנטשטאַנען די נייע פּאַרטיי פּ.פּ.ר. אין איר אָנפירונג זענען אַריין: אַנדזשעי שמידט, יוסף לעוואַרטאָווסקי און אַדאָם מערעטיק. זייער אויפגאַבע איז איצט געווען צו אָרגאַניזירן די ווידער־

שטאַנד־באַוועגונג אין געטאָ, ווי אויך צוגרייטן קאַדרען צו באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער־קאַמפן, וועלכע זאָלן אין די רייען פון דער פאָלקס־גוואַרדיע אַרויסטרעטן קעגן דייטשן באַצווינגער.

אין יענער צייט איז אין געטאָ נאָך געווען פאַרהעלטנישמעסיק רויק און טאַקע דערפאַר האָבן איינציקע מיטגלידער פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון פּ. פּ. ר. (נישט יידן) ווי דער סעקרעטאַר פראַנטשישעק וואָווזשיניאַק — פסעוודאָנים „פּאַיאַ" — פון דעם געטאָ אָנגעפירט מיט דער פּאַרטיי־אַרבעט. דאָרט האָט מען אויך געדרוקט איינציקע פּאַרטייִישע אויסגאַבעס. ס'איז ווערט צו באַמערקן, אַז דער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי אין געטאָ איז אויך געלונגען אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט די טוער פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס ווי: פּועלי ציון, השומר הצעיר, דרור, החלוץ און אַנדערע.

עס קומט צו קאָנקרעטע געשפּרעכן, וועגן שאַפן אַ פאַראייניקטן אַנטי־פאַשיסטישן בלאָק, פון אַלע רעוואָלוציאָנערע און דעמאָקראַטישע כוחות און געטאָ. אין נאָמען פון פּ. פּ. ר. טרעטן אַרויס יוסף לעוואַרטאָווסקי און אַנדזשעי שמידט. פון די ציוניסטישע פּאַרטייען: מרדכי אַנילעוויטש, אַדאָלף בערמאַן, יצחק צוקערמאַן, מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָף און אַנדערע.

פאַרהעלטענישמעסיק זענען זייער שנעל אויסגעוואַקסן קאַמפּס־אָפּטיילונגען פונעם יידישן אַנטי־פאַשיסטישן בלאָק, וועלכע האָבן אַרומגענומען איבער פינף הונדערט גוט אויסגעשולטע זעלנער. זיי האָבן אין די גרויסע טעג פון העלדישן אויפשטאַנד באַלייגט דעם עקזאַמען, פון זייער קאַמפּס־צוגרייטונג, גבורה און שטאָלץ.

די היטלעריסטן דערפילן באַלד דעם נייעם כוח, וואָס איז אויפגעשטאַנען מיט זיי צו קעמפן. דאָס רופט זיך אָפּ זייער שטאַרק אויף דער פּראָדוקציע אין געטאָ, ביי וועלכער די יידן זענען באַשעפטיקט, אָדער זיי האָבן דערמיט וועלכע נישט איז פאַרבינדונג. אין דער ערשטער ריי פאַרגרעסערן זיך די סאַבאָטאַזש־אַקטן אין די שאַפן.

מיט דער גאַנצער ענערגיע טרעט איצט קאַרטין צו אויסצושולן אַלץ נייע קאַמפּס־גרופּעס, ווי אויך צו דער אַרבעט ביים צוזאַמענשטעלן אויסגאַבעס פון דעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק. אַ גרויסע דערגרייכונג אין לעבן פון געטאָ־אונטערערד איז געווען דאָס באַווייזן זיך פונעם אָרגאַן פונעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק „דער רוף" און זיין וועקן צום קאַמף מיטן שונא.

די היטלעריסטן זענען אָבער אויך נישט געשלאָפן. מיט דער הילף פון שפּיצלען און צוטרעגער הייבן זיי אָן נישטערן, צו געפינען אַ קאָנטאַקט צו די געהיימע גרופּעס און זייערע אָנפירער. צום גרויסן באַדויערן איז

מרדכי אַניעלעוויטש

דאָס זיי געלונגען. מיט דער הילף פון אַ פּראָוואָקאַטאָר איז פּנחס קאַרטין — פּסעוודאָנים אַנדזשעי שמידט — אַרעסטירט געוואָרן און צוזאַמען מיט אים נאָך צוויי חברים — אַדאַם מערעטיק און טאַדעאוש וולאַסקאָ. ביי איינעם פון די געסטאַפּאָ־לייט רייסט קאַרטין אַרויס דעם רעוואָלווער און פּרוווט אַנטלויפן. ליידער האָט זיך דער פּרווו נישט איינגעגעבן. אַ שטאַרק צעבלוטיקטער איז ער צוזאַמען מיט זיינע חברים אָפּגעפירט געוואָרן אין דער באַקאַנטער פּאַוויאַקער תּפיסה.

לאַנג האָבן אים די מערדער געפּייניקט מיט די ראַפינירטע געסטאַפּאָ־מעטאָדן, אָבער אָן דערפאָלג, עפּעס פון אים זיך צו דערוויסן.

זיין טרוים אַרויסצוגיין אין אַן אָפענעם קאַמף מיט דעם שונא איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. פּנחס קאַרטין האָט דעם העלדישן אויפשטאַנד פון דעם 19־טן אַפּריל 1943 אין וואַרשעווער געטאָ נישט דערלעבט. ער האָט זיין נשמה אויסגעהויכט אין די פינצטערע קעלערן פון דער געסטאַפּאָ, אָבער זיין גייסט, זיין שטאָלץ און גבורה האָט געלעבט אין די הערצער פון די שרעקלאָזע געטאָ־קעמפער.

פונק־דעפּעשע פון פּאַוועל פינדער צו געאָרגי דימיטראָוו (גענעראַל־סעקרעטאַר פון קאָמינ־טערן) וועגן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

די מייגסטנס געוואַגטע צו ווידערשטאַנד און קאַמף, אידעאַליסטן, זוכער און טרוימער פון גרעכטיקייט, זענען תמיד די יונגע מענטשן. זיי, פון וועלכע עס רעקרוטירן זיך שפּעטער די גייסטיקע פירער פון אַ פאָלק און זיינע ראַטגעבער — טרעפן מיר אויף די ערשטע פראָנט־ליניעס. די יונגע מענטשן זענען גרייט צו גיין פאַר זייער גלויבן, פאַר זייער אידעע אין די תפיסות, שמאַכטן אין די געפענגענישן, אָדער פאַרענדיקן זייער בליענדיקע יוגנט אין די קעלערס פונעם פייניקער, פונעם שונא...

אויך ביי יידן — אינעם גאַנג פון זייער דורותלאַנגער און יסורים־פולער געשיכטע, טרעפן מיר די דאָזיקע יוגנט, די העלדן, קדושים און מאַרטירער, מיט וועלכע עס שטאָלצירט דאָס גאַנצע פאָלק. זיי קומען פריי־ווילינקע, קעמפן, זיגן, אָדער פאַלן. קיינער פון זיי ווייסט נישט ווו און ווי אַזוי ער וועט אומקומען, ווו ער וועט צום לעצטן מאָל זען דעם בלויען הימל און אויסהויכן זיין לעצטן אָטעם. זעלטן וועלכער פון זיי שטאַרבט אויף זיין אייגן בעט, אין זיין אייגענער היים, צווישן אייגענע.

נישט איינער פון זיי האָט מקריב געווען זיין באַקוועם לעבן, זיינע סטודיעס און גלענצנדיקע צוקונפט און געבערענגט דאָס טייערסטע, וואָס ער האָט געהאַט אַלס קרבן אויפן מזבח פון רעכט און פרייהייט.

די, וועלכע האָבן געטרוימט פון אַ ווירדיק און פריי לעבן פאַר זייער פאָלק, פאַר דער מענטשהייט, זענען געגאַנגען אין קאַמף און געפאַלן, מיט זייער באַגער, מיט זייער טרוים, וועלכער איז צום ביטערן באַדויערן נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. צווישן די וועט די געשיכטע פאַררעכנען דעם העלדישן זון פון יידישן פאָלק, פּאַוועל פינדער.

פּאַוועל פינדער איז געבוירן געוואָרן דעם 14 סעפּטעמבער 1904 אין ביעלסק. נאָכן פאַרענדיקן די מיטלשול, קומט ער אָן אין ווינער אוניווער־סיטעט, אויפן כעמישן פאַקולטעט. אין צוויי יאָר שפּעטער טרעפן מיר אים אין פראַנקרייך, ווו ער באַקומט דעם דיפּלאָם אַלס אינזשעניער און ווערט דער אַסיסטענט פון דעם באַרימטן פראַנצויזישן פּראָפעסאָר, פרידעריק זשאָליאָ קירי.

ווי אַ סך יידישע יוגנטלעכע אין דער דאָזיקער צייט, זוכט ער אַ דער־לייזונג פאַר זיין פאָלק אין דער ציוניסטישער אידעע און ווערט אַן אַקטי־ווער מיטגליד אין דער יוגנטלעכער אָרגאַניזאַציע פון השומר־הצעיר.

דער אויפגייענדיקער שטערן פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין רוס־לאַנד, האָט אויך אים פאַרבלענדט ווי אַ סך פון זיין דור. די פינצטערע מאַכט פונעם צאַר איז געפאַלן. יידן זענען געוואָרן גלייכבאַרעכטיקטע בירגער. עס זענען געוואָרן נאָמינירט יידישע מיניסטאָרן, דירעקטאָרן, באַ־אַמטע אויף די העכסטע פאָסטנס. ביים מיליטער זענען פיל יידישע אָפיצירן, גענעראַלן, אַפילו דער פרעזידענט אַליין פון דער מלוכה — יעקב סווערדלאָוו, איז אַ ייד. די ראַטנמאַכט עפנט יידישע שולן, מען דרוקט יידישע ביכער. עס בליט ממש די יידישע קולטור.

עס ווערט געפירט אַ געוואַלדיקער קאַמף גלייכצייטיק מיטן אַנטי־סעמיטיזם און אַנאַלפאַבעטיזם אין אַלע שטעט און דערפער אין סאָוויעטן־לאַנד. די געשעענישן האָבן אַן אָפּרוף אין אַ סך אַנדערע לענדער אין דער וועלט. די יידישע יוגנט הייבט אָן אַריבערגיין אונטער די קאָמוניסטישע פענער, און פאַוועל פינדער איז איינער פון זיי...

דער אויסערגעוויינלעכער פעיִקער כעמיקער, וועלכער האָט פאַר זיך אַ צוקונפט פון אַ וועלטבאַרימטן געלערנטן, נעמט זיך צו פּאָליטישער אַרבעט.

אין יאָר 1928 פירט ער אַ לעבהאַפטע פּאָליטישע טעטיקייט צווישן די פּאַריזער אַרבעטער און שפּעטער אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

פּאַוועל פינדער איז געצוווּנגען איבערצורייסן זיין אָוואַנסירטע דאָקטאָר־אַרבעט. ער ווערט אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט פון פראַנקרייך.

פינדער קומט צוריק קיין פוילן. ער טרעפט דאָ אַ גינסטיקן באָדן פאַר דער קאָמוניסטישער טעטיקייט. טאָג איין טאָג אויס טוט ער זיך צוקוקן צו די ליידן פון די יידישע האַרעפּאַשניקעס, אויף וועלכע דער סאַנאַציע־רעזשים וויל אַרויפוואַרפן די שולד, פאַר דער הערשנדיקער אַרבעטסלאָ־זיקייט. מיט דער הילף פון צעווילדעוועטע ענדעקישע סטודענטן, ציט מען אַריין די אָפּגעשטאַנענע און האַלב אַנאַלפאַבעטישע פויערים און מען רייצט זיי אָן קעגן די יידישע קליינהענדלער און מען רופט אַרויס פּאָגראָמען...

דער יונגער מענטש, מיט דעם שטאַרק פילנדיקן האַרץ פאַר יעדער אומרעכט, וואַרפט זיך מיט זיין גאַנצן יונגן ברען אין קאַמף מיט דער הערשנדיקער אָרדנונג. אין יאָר 1933 איז ער אַריין אַלס מיטגליד אין סעקרעטאַריאַט פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי

פּאַוועל פינדער

פון פוילן. ער פירט אָן מיט גרויסע פּאָליטישע אַקציעס, שטרייקן און מאַניפעסטאַציעס, וואָס זענען פאַרבונדן מיט צאָלרייכע אַרעסטן. אויף איינעם אַזאַ פּראָצעס, אין וואַרשעווער קרייז־געריכט אין יאָר 1934, ווערט פּאַוועל פינדער פאַרמשפּט אויף צוועלף יאָר תפיסה.

עס איז דער טרויעריקער סעפּטעמבער פון 1939. פינדער ווערט באַ־פרייט פון דער באַקאַנטער, ראַוויטשער תפיסה. מיט נאָך אַ סך אַנדערע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן קומט ער קיין ביאַליסטאָק און אין יאָר 1941 קיין מאָסקווע...

פאַר פּאַוועל פינדער הייבט זיך אָן אַ נייע צייטרעכנונג אין לעבן. צוזאַמען מיט מאַרצעלי נאָוואָטקאָ טרעט ער צו צו דער אַזוי גערופענער איניציאַטיוו־גרופּע, וועמענס ציל איז צו שאַפן אַ ספּעציעלע שול פאַר קאַדרען, וועמענס לענדער זענען אָקופּירט דורך די דייטשן. די שולע דאַרף צוגרייטן פאַכלייט אויף צו אָרגאַניזירן פּאַרטייאישע קעמערלעך, מיליטערישע און דיווערסיע־גרופּעס, אַגיטאַטאָרס, סאַבאָטאַזשיסטן, אויסשפּירער און אַנדערע ספּעציאַליסטן, וועלכע זאָלן זיין פעיִק אַריינצוציִען וואָס מער מענטשן אין דער דאָזיקער אַרבעט און העלפן צעשמעטערן דעם שונא, דורך אַ קאַמף אין זיין רוקן...

דעם 27־טן דעצעמבער 1941, ווערן פּאַוועל פינדער און מאַרצעלי נאָוואָטקאָ מיט פאַלשירעמס אַראָפּגעוואָרפן אין באַזעצטן פּוילן, צו אָרגאַני־זירן און פערזענלעך אָנצופירן מיט דעם קאַמף, קעגן דער ברוינער בעסטיע.

זיי טרעטן גלייך צו צו אָרגאַניזירן די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי (פּ. פּ. ר.) אויפן אָרט פון דער אויפגעלייזטער דורך סטאַלינען — קאָמוניס־טישער פּאַרטיי. זיין ערשטער סעקרעטאַר איז מאַרצעלי נאָוואָטקאָ — פּסעוודאָנים „מאַריאַן" — און זיין פאַרטרעטער איז פּאַוועל פינדער — פּסעוודאָנים „ריינאַרט".

פינדער פירט אָן מיט פיל אַרבעטס־געביטן און אין דער ערשטער ריי מיט דער קאָנספּיראַטיווער פּרעסע אין לאַנד. ער טרעט אַרויס אונטער אַ סך פּסעוודאָנימען ווי: ריינאַרט, פּאַול, רישאַרד, מראַוויעץ און אַנדערע.

סוף 1942 ווערט אויף אַ געהיימניספולן אופן דערמאָרדעט מאַרצעלי נאָוואָטקאָ... די גאַנצע לאַסט פון דער געהיימער אַרבעט פון דער פּאַרטיי, פאַלט איצט אויף די פּלייצעס, פון באַשטימטן אויפן אָרט פון נאָוואָטקאָ — דעם ערשטן סעקרעטאַר פון פּ. פּ. ר. — פּאַוועל פינדער.

פּאַוועל פינדער האָט קאָנסעקווענט געשטרעבט צו רעאַליזירן די קאָנ־צעפּציע, וועגן שאַפן אַ ברייטן דעמאָקראַטישן פראָנט. פינדער איז דער

מיט־מחבר פון דער באַקאַנטער דעקלאַראַציע אונטערן נאָמען „פאַר וואָס קעמפן מיר?"... פינדער אינטערעסירט זיך מיט יעדן קאַמפס־אַפּשניט און שוין ביז גאַר, מיטן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ...

דעם 23 אַפּריל 1943 שיקט פּאַוועל פינדער אַרויס אַ דעפּעשע קיין מאָסקווע מיט דעם אינהאַלט:

וואַרשע, דעם 23 אַפּריל 1943. פונק־דעפּעשע פון סעקרעטאַר פון צ. ק. פּ. פּ. ר. פּאַוועל פינדער צו געאָרגי דימיטראָוו, וועגן אויסברוך פון געטאָ־אויפשטאַנד.

דעם 18־טן אַפּריל זענען די דייטשן צוגעטראָטן צו ליקווידירן דאָס וואַרשעווער געטאָ. די יידן האָבן געענטפערט מיט אַ באַוואָפנטן ווידער־שטאַנד. דריי טעג און דריי נעכט דויערן שוין אמתע קאַמפן. אָפּטיילונגען פון עס. עס., זשאַנדאַרן, שאוליסטן (ליטוויש־פאַשיסטישע באַוואָפנטע אָפּ־טיילונגען), און אוקראַינער זענען צוגעטרעטן צו דער באַלאַגערונג מיט דער הילף פון מינענוואַרפער, אַרטילעריע, טאַנקן און פאַנצער־אויטאָס. נעכטן האָבן די דייטשן געוואָרפן פון עראָפּלאַנען אויפרייס און צינד־באָמבעס. די יידן פאַרטיידיקן זיך העלדיש אין מאָס פון זייערע כוחות און פון דער צאָל געווער (גראַנאַטן, קוילנוואַרפער און פיסטאָלעטן) די אַמוני־ציע זאַפּאַסן גייען אויס. צווישן די דייטשן און שאוליסטן זענען פאַראַן הונדערטער דערהרגעטע און פאַרווונדעטע. אונדזערע פוילישע גרופּעס פירן דורך דיווערסיע־אַנפאַלן פון דרויסן אויף די זשאַנדאַרן און עס. עס. מען האָט דערהרגעט עטלעכע דייטשן.

פינדער.

☆

דעם 16־טן מאַי 1943 קומט די צווייטע דעפּעשע, וועגן די דויערנדיקע קאַמפן אין וואַרשעווער געטאָ.

די קאַמפן אויפן שטח פון וואַרשעווער געטאָ זענען שוואַכער געוואָרן, אָבער זיי דויערן שוין די פערטע וואָך. נעכטן האָבן די דייטשן ווידער געוואָרפן אויפרייס און צינד־באָמבעס. עס בושעווען שטאַרקע שריפות. די צאָל דערהרגעטע דייטשן באַטרעפט מער ווי טויזנט. פינף הונדערט באַ־וואָפנטע יידן האָבן זיך דורכגעריסן מיט אונדזער הילף און זענען אַוועק אין די וועלדער.

פינדער.

☆

ס'איז ווערט צו דערמאָנען, אַז נאָך פאַר דעם אויפשטאַנד אין וואַר־שעווער געטאָ האָט פאַוועל פינדער טעלעגראַפיש אַלאַרמירט דעם דעמאָל־טיקן סעקרעטאַר פון אויספיר־קאָמיטעט פון קאָמינטערן אין מאָסקווע — געאָרגי דימיטראָוון, וועגן דעם שוידערלעכן מאָרד, וואָס די נאַציס באַגייען איבער די פוילישע יידן — פאָדערנדיק צו אינפאָרמירן וועגן דעם די עפנטלעכע מיינונג אויף דער וועלט, כדי אָנצונעמען מיטלען, צו נישט מאַכן די פּלענער פון די היטלעריסטישע פעלקער־מערדער... אָבער די וועלט איז געווען טויב און שטום...

אין דער צייט זענען שוין געווען אָרגאַניזירט פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען אין גאַנצן לאַנד, וועלכע האָבן געגעבן שטאַרקע קלעפּ דעם דייטשן אָקו־פּאַנט. די פאָלקס־אַרמיי גערופענע א. ל. איז אויסגעוואַקסן צו אַ כוח, מיט וועלכן די דייטשן האָבן זיך געמוזט רעכנען, זיי זענען געצווּנגען אָפּצו־ציִען גאַנצע דיוויזיעס פון דעם פראָנט, צו קעמפן מיט די פּאַרטיזאַנער.

צו די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען פון דער פאָלקס־אַרמיי א. ל. שליסן זיך אָן אויך טיילן פון די פוילישע באַטאַליאָנען גערופענע ב. כא. און פון אַנדערע אונטערערדישע גרופּן ווי: פאַרבאַנד פון דער קעמפנדיקער יוגנט ז. וו. מ. — וועמענס אָרגאַניזאַטאָר און פירער איז געווען די העלדישע יידישע טאָכטער — האַנקאַ שאַפּיראָ, פּסעוודאָנים קריסטינאַ סאַוויצקאַ; טיילן פון דער פאָלקס־מיליץ און אויף אַ טייל געביטן פון לאַנד, אַפילו אָפּטיילונגען פון דער לאַנד־אַרמיי גערופענע א. ק.

פאָרשטייער פון די אַלע גרופּירונגען, אונטערערדישע קעמפער און פּאַרטיזאַנער גייען אַריין אין צענטראַל־קאָמיטעט, פון דער פוילישער אַרבעטער פּאַרטיי פּ. פּ. ר. — וועמענס ערשטער סעקרעטאַר איז דער ייד — פאַוועל פינדער...

אין גאַנצן לאַנד ווערן אויסגעפירט אַטענטאַטן אויף געסטאַפּאָ לייט און פּאָליציי אַגענטן, אויף שפּיצלען און צוטרעגער, אויף הויכע דייטשע באַאַמטע. פון טאָג צו טאָג מערן זיך סאַבאָטאַזש־אַקטן אין די פאַבריקן, הויפּטזאַכלעך אין אַזעלכע וואָס אַרבעטן פאַרן פראָנט. עס ווערן אונטער־געצונדן מאַגאַזינען מיט תבואה, צוגערויבטע ביי די פּויערים, אַרויסצו־שיקן קיין דייטשלאַנד. עס פאַרשטאַרקן זיך די איבערפאַלן אויף קלענערע מיליטערישע אָפּטיילונגען.

פון דעם „שטורעם־באַטאַליאָן" קומען אָן יעדעס מאָל גרעסערע גרופּעס

אײנסטרוקטאָרן, אויסגעשולטע מינירער. אומאױנטערבראָכן װערן אַראָפּגע־לאָזט דײטשע װאַגאָנען מיט מיליטער, אַמוניציע און לעבסנמיטל, װאָס פאָרן צום פראָנט, פון די אונטערמינירטע רעלסן און דינאַמיט־לאַדונגען...

זינט דער דײטשער מפּלה בײ סטאַלינגראַד, איז געפאַלן די לעגענדע װעגן דער אומבאַזיגבאַרקײט פון דער היטלעריסטישער אַרמײ. עס מערקט זיך אָ נישט זיכערע שטימונג אין די מיליטערישע רײען, װי אויך צװישן די אײנגעװאָנדערטע דײטשן, אויף די פאַרנומענע געביטן. די פּאַרטיזאַנישע לאָזונג „יעדער דײטש מוז פילן אויף יעדן אָרט זײן קבר" — װערט אַ װירק־לעכקײט.

די דײטשע מאַכט־אָרגאַנען הײבן אָן אַ גװאַלדיקן געיעג, נאָך דעם אָנפירער און אָרגאַניזאַטאָר פון דעם העפטיקן װידערשטאַנד אויף דעם באַ־זעצטן פּױלישן געביט, — נאָך דעם ייִד, פּאַװעל פינדער... עס װערן באַשטימט גװאַלדיקע געלט־סומעס פאַר די יעניקע, װעלכע װעלן אַרויספירן אויף די שפּורן פון אים און זײן שטאַב. אָבער אָן דערפאָלג. דער לאַנגיאָריקער קאָנס־פּיראַטאָר קען די פּאָליצײאישע מעטאָדן און װײסט װי אַזוי זיך אַרויסצו־דרײען פון זײער נעץ. ער לעבט אונטער פאַרשידענע שוין דערמאָנטע פּסעװ־דאָנימען און אין פאַרשידענע װױנונגען.

אויסער דער גװאַלדיקער פאַראַנטװאָרטלעכער אַרבעט אין לאַנד, אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּױלישער אַרבעטער־פּאַרטײ פּ.פּ.ר., קניפּט פּאַװעל פינדער אויך אָן קאָנטאַקטן מיט פאַרשטײער, פּאָליאַקן פון אויסער די גרענעצן פון פּױלן, צװישן אַנדערע מיט דעם דעלעגאַט פון דער פּױלישער עמיגראַציע־רעגירונג אין לאָנדאָן — יאַן פּיעקאַלקיעװיטש, װו עס װערט באַהאַנדלט די פראַגע, פון אַ געמײנזאַמען קאַמף קעגן היטלער־דײטשלאַנד...

אין אַ שײנעם פרימאָרגן דערגרײכט אַ טרויעריקע ידיעה צו דער פּאַרטיזאַנישער אַרמײ און צו די מיטגלידער פון פּ.פּ.ר., אַז דער גענעראַל־סעקרעטאַר, פּאַװעל פינדער איז אַרײנגעפאַלן אין די הענט פון דער געס־טאַפּאָ. דאָס איז געװען דעם 14־טן נאָװעמבער 1943.

נאָך אַן אויספאָרשונג מיט געסטאַפּאָ־מעטאָדן, װערט ער איבערגעפירט אין װאַרשעװער „פּאַװיאַק". נאָך אַכט חדשים פּײניקונגען, אָן דעם מינ־דעסטן דערפאָלג, עפּעס פון אים זיך צו דערװיסן, װערט ער פאַראורטײלט צום טויט. דעם 26 יולי 1944 איז פּאַװעל פינדער דערשאָסן געװאָרן.

דער פאַראַשוטיסט מיעטעק היימאַן

די געשיכטע וויסט צו דערציילן פון זייער אַ סך יידישע בחורים און מיידלעך, קינדער פון רייכע עלטערן, וועלכע האָבן זיך אַנגעשלאָסן אין רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, אַנטייל גענומען אין פרייהייטס קאַמפן פון אַנדערע פעלקער — אין פוילן, שפּאַניע, רוסלאַנד, אַמעריקע און אַנדערע. אַ סך מאָל האָבן אייניקע מיט אַ כוונה געביטן זייערע נעמען, זיך אסימי־לירט און פאַרלוירן געגאַנגען פאַרן יידישן פאָלק — געוואָרן אַ פאַרטריקנטע צווייג פון זייער שטאַם. אַנדערע האָבן זיך מיט אים געגרויסט. אַפילו אַזעלכע, וואָס זענען געווען אונדזערע שונאים. מיעטעק היימאַן האָט מיט ווירדע אונטערגעשטראָכן זיין צוגעהעריקייט צום יידישן פאָלק.

אַן אָפּשטאַמיקער פון קאַליש — פוילן, געבוירן ביי רייכע עלטערן, אין יאָר 1907. דער טאַטע אַן ערדבאַזיצער און אייגנטימער פון אַ פאַבריק. דער יונגער ענערגישער בחור האָט נישט איין מאָל געהאַט אַ מעגלעכקייט נעענטער צו אָבסערווירן די יידישע נויט, דיסקרימינאַציע פון די, וואָס געהערן נישט צו דעם העכערן קלאַס, צו דער שטאַטלעכער רעליגיע.

זיינע צוויי עלטערע שוועסטער נעמען אַנטייל אין פוילנס באַפרייאונגס־קאַמף. זענען מיטגלידער פון ס. ד. ק. פּ. אי. ל. (סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון פוילן און ליטע).

אין אָנהייב פון ערשטן וועלט־קריג איז די גאַנצע משפחה געצוווּנגען צו אַנטלויפן פון ברענעדיקן קאַליש. זיי קומען קיין רוסלאַנד. נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע אין יאָר 1917 קומען זיי צוריק קיין פוילן.ביידע שוועסטער שטודירן אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט, זענען טעטיק אין יוגנט־פאַרבאַנד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די שוועסטער אין זייער סביבה האָבן אַ שטאַרקן איינפלוס אויף דעם טעמפּעראַמענטפולן יונגן סטודענט, פון דער וואָועלבערגער הויכשול — און מיעטעק היימאַן שטעלט זיך אין דער ריי אונטער דער רויטער פאָן...

זיין לעבן איז איצט זייער אינטענסיוו. די אומלעגאַלע אַרבעט, די לערע אויף דעם עלעקטראָטעכנישן פאַקולטעט פילן אויס זיין גאַנצן אַר־בעטס־טאָג, פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט.

צום באַדויערן איז דעם יונגן רעוואָלוציאָנער נישט געלונגען זיין

מיעטעק היימאַן

סטודיום צו פאַרענדיקן. אין דער צייט פון די עקזאַמענס ווערט ער אַרעס־טירט פאַר אומלעגאַלער טעטיקייט...

ווען ער איז צוריק אויף דער פריי, פאַרטרויט אים די פאַרטיי אַ זייער וויכטיקע אַרבעט: היימאַן נעמט איבער די צענטראַלע פון דער וואַרשעווער „טעכניק". די אַרבעט האָט פאַרלאַנגט נישט קיין קליינע אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן. מיטעק היימאַן איז איצט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר צוקלויבן קאָלפּאָרטערן, איבערפירן ליטעראַטור פאַר די קרייזן און דאָס וויכטיקסטע — זי צו פאַרמאַסקירן אַז אַפילו ביי אַ רעוויזיע זאָל מען זי נישט געפינען. עס איז ווערט צו באַמערקן אַז אין דער צייט האָט מען זיך שוין באַנוצט צו דעם צוועק, מיט וואַליזעס, וואָס האָבן געהאַט אַ דאָפּלטן דנאָ. זאָרגן פאַר אַלץ נייע „פּזשעיאַזדוווקעס" און ענלעכע טעטיקייטן.

דער גורל פון אַ מענטשן ביי אומלעגאַלער אַרבעט האָט אויך נישט אויסגעמיטן מיטעקן. אַ קורצע צייט שפּעטער ווערט ער ווידער אַרעס־טירט. ער ווערט פאַראורטיילט אויף זעקס יאָר תפיסה.

אויך אין דער תפיסה האָט מיטעק נישט גערוט. עס גייט אָן אַ ביטערער קאַמף פאַר רעכט פון פּאָליטישע אַרעסטירטע, פאַר געניסן פון דער ביב־ליאָטעק, פאַר צולאָזן אין די קאַמערן אַ צייטונג, דערלויבן אויך אַ לענגערן שפּאַציר.

דער יונגער רעוואָלוציאָנער איז נישט איין מאָל אַ מוסטער פאַר אַנדערע און טאַקע דערפאַר וועקט ער צו זיך אַכטונג און איז ביי אַלעמען באַליבט.

אַ שווערער עקזאַמען שטייט אים פאַר, אין דער צייט ווען ער קומט צו מיליטער דינסט, אין 61 פּולק אינפאַנטעריע אין בידגאָשטש. אויפן באַפעל פון צענטראַל־קאָמיטעט, נעמט ער איבער די געפערלעכע קאָנ־ספּיראַטיווע אַרבעט אין די רייען פון מיליטער. דאָס איז פאַר אים, אַזוי צו זאָגן אַ גרויסע פּאָליטישע שולע, מיט ספּעציפישע פאָרמען פון אַרבעט. מיט דער צייט ווערט מיטעק היימאַן אַ פּראָפעסיאָנעלער רעוואָלוציאָנער. ער ווערט אויך אַרויסגעשיקט אויף אַ ספּעציעלן קורס קיין מאָסקווע.

די צייט גייט שנעל פאַרביי און מיטעק איז ווידער אין פּוילן, אָבער אָן אַ שטענדיקער היים, ווייל איינמעלדן זיך און אַנגעבנדיק זיין וווינונג האָט דאָך געהייסן אַליין זיך איבערגעבן אין די הענט פון דער פּוילישער דעפענסיווע.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז מיטעק פאַרשווינדן ווי איינגעשלינגען פון דער ערד. מען האָט אים נישט געקאָנט געפינען אין קיין שום „מעלינע".

ענדלעך איז מען געוויער געוואָרן דעם ביטערן אמת: מיעטעק געפינט זיך אין קאָנצענטראַציע־לאַגער — אין קאַרטוז־בערעזע...

ס'איז דאָס יאָר 1938. מיעטעק זיצט אָפּ דאָס מאָל אַן אורטייל פון ניין יאָר, אין דער פּיאָטרקאָווער תפיסה. ס'איז אַ טאָג ווי אַלע טעג אין דער נאַסער תפיסה־קאַמער. מען ברענגט אַריין די צייטונג. ווי געוויינלעך הייבט מען אָן שנעל זי דורכצובלעטערן. מיטאַמאָל פאַלט דער בליק אויף עפּעס אויסערגעוויינלעכן — די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון פּוילן איז גע־וואָרן אויפגעלייזט. די נייעס איז געווען פאַר אים ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג. ניין, דאָס איז נישט מעגלעך, דאָס איז אַ געוויינלעכע רכילות פון דער בורזשואַזנער פּרעסע... דער געדאַנק עקבערט אָבער אין מוח, ער נעמט אַוועק די רו און פאַרטרייבט דעם שלאָף פון די אויגן...

די תפיסה־וועכטער אָבסערווירן דאָס באַנעמען זיך פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע מיט בייזוויליקער סאַטיספאַקציע. מען פּרוּווט אַפילו אַרויס־רופן איינצלנע חברים אויף שמועסן צו דעם לייטער פון דער תפיסה. די פּאַרטיי עקזיסטירט נישט מער — זאָגט מען זיי און מע לייגט זיי פאָר אַן אָפּמאַך: אונטערשרייבן אַ דעקלאַראַציע, אַז זיי רייסן איבער מיט דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און זיי גייען גלייך אַרויס פריי פון די תפיסה־מויערן. קיינער האָט נישט אונטערגעשריבן.

די לאַגע איז געווען זייער אַ געדריקטע, אַן אָנגעשטרענגטע. מען האָט געוואַרט אויף עפּעס נייעס פון דרויסן, פון אייגענע. ענדלעך אַ „גריפּס" פון „מאָפּר" וועגן קאָמוניקאַט פון קאָמינטערן. ס'איז אמת. די פּאַרטיי עקזיסטירט נישט מער. אין דער פּאַרטיי האָבן זיך אַריינגעכאַפּט בורזשואַזע עלעמענטן, שפּיאָנען, קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן, אַגענטן פון פאַשיזם... מיט דער פּאַרטיי האָבן אָנגעפירט טראָצקיסטן. דאָס אויפלייזן די פּאַרטיי איז מיט דער צושטימונג פון פירער פון אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט — דעם גרויסן סטאַלין...

ס'איז אויך אַ באַפעל פון קאָמינטערן אויפצולייזן די פּאַרטיי־אָרגאַני־זאַציעס אין די תפיסות...

וואָס ווייטער? — קיינער האָט נישט געקאָנט קיין ענטפער געבן. דאָס ערגסטע איז געווען דאָס נישט קענען באַנעמען ווי אַזוי האָט מען געקאָנט אָננעמען אַזאַ באַשלוס?... ליקווידירן די פּאַרטיי אין וועלכער עס גלויבן טויזנטער אַרבעטער, איבערגעגעבענע קעמפער?... וואָס איז די סיבה?... די גאַנצע מאָטיווירונג איז דאָך ממש זינלאָז... אָבער קיינער האָט נישט געוואַגט צו זאָגן עפּעס קעגן סטאַלינען, אָדער ברענגען אויף די ליפּן

דעם חשד אַז די מאָסקווער פּראָצעסן זענען אַ פאַרברעכערישע אַרבעט פון סטאַלינען, כדי אויף אַזאַ מין אופן אָפּצוראַמען זיינע קאָנקורענטן... מענטשן וואָס וויסן און פאַרשטייען מער פון אים...

אין אָוונט איז די לעצטע פאַרזאַמלונג פון דער תפיסה־אָרגאַניזאַציע פון ק. פּ. פּ., אונטער דער אָנפירונג פון מיעטעק הײמאַן.

אַלס סטאַראָסטע פון דער צעלי, האָט ער רעפערירט וועגן קאָמוניקאַט פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. די שטימונג ביי אַלע איז אַ געדריקטע. עס קומט נישט פאַר קיין דיסקוסיע, אָבער טיף אין האַרצן האָבן אַ סך געגומען צווייפלען אין דער ריכטיקייט פון מאָסקווער קאָמוניזם...

טראָץ אַלעם איז דער באַשלוס אַ פעסטער: די קאָמונע בלייבט, עס בלייבט אויך די ווירדע פון אַ קאָמוניסט און זיינע פליכטן. די ווערטער זענען געוואָרן אַרויסגעזאָגט מיט דער גאַנצער זיכערקייט און האָבן געקלינגען ווי אַ שבועה...

דער אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט געטראָפן מיעטעקן אין תפיסה. אָריענטירנדיק זיך אין דער לאַגע, האָבן די געפאַנגענע געגומען אַליין זיך באַפרייען, אויפברעכנדיק מיט קראַפט די תפיסה־טויערן. צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע באַפרייטע, האָט ער זיך אויך געלאָזט קיין וואַרשע, כדי אָנטייל צו נעמען אין דער פאַרטיידיקונג פון דער הויפּטשטאָט.

ס'איז אָבער נישט אויסגעקומען לאַנג צו קעמפן. די פייערדיקע לאַווינע פון די היטלעריסטישע מחנות האָט פאַרגאָסן דאָס לאַנד און אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג איז אַוועק אויף מזרח. מיעטעק הײמאַן איז געקומען קיין ביאַליסטאָק. זיינע וואַנדערונגען, אָנאויפהערלעכע באַמיאונגען אַנצוקומען אין אַ מיליטערישער איינהייט, כדי צו קענען קעמפן מיט געווער אין האַנט קעגן שונא זענען געבליבן אָן דערפאָלג.

ענדלעך איז געקומען דער מאָמענט: מען איז צוגעטרעטן אָרגאַניזירן די פוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי. אי'רע אָרגאַניזאַטאָרן קאָנען מיעטעק הײמאַנען און ווייסן אַז אים קאָן מען אָנפאַרטרויען די גרויסע קאָנספּיראַטיווע אַרבעט אויף דעם באַזעצטן דורך די נאַציס, פוילישן געביט.

מיעטעק ווערט געשיקט אין דער ווייטער באַשקיריע, אין דער אינטער־נאַציאָנאַלער שולע, ווו מ'האָט געגרייט מענטשן, וואָס וועלן שפּעטער אַראָפּגעוואָרפן ווערן אין רוקן פון שונא, צו מאָביליזירן און אָנפירן מיט דער אונטערערדישער אַרבעט, ווי אויך אָרגאַניזירן פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען.

ווי דער שטייגער איז ביי מיעטעקן, נעמט ער זיך מיט האַרץ און

נשמה צו דער דאָזיקער לערע. ער העלפט אויך אַנדערע. זיי מאַכן אויך מיט אַ קורס צו שפּרינגען מיט אַ פּאַלשירעם.

עס איז שווער צו זאָגן צו וואָס ער איז געווען מער פּעאיק. מיעטעק איז געווען דער בעסטער שיסער, מיִגירער, אויסשפּירער, ער האָט אַרויס־געוויזן גרויסע פֿאַכקענונג אין סטראַטעגישע מיליטערישע פראַגן, ווי ער וואָלט געווען אַ געבוירענער קריגסמאַן.

ס'איז דאָס יאָר 1943. מיעטעק היימאַן ווערט אַראָפּגעוואָרפן מיט אַ פּאַלשירעם אויף דעם פּוילישן באַזעצטן געביט. ער איז באַלד צוגעטראָטן צום אָרגאַניזירן אונטערערדישע סטאַציעס, ער האָט געלערנט די חברים ווי אַזוי זיך צו פֿאַרבינדן מיט דער „גרויסער ערד" מיט דער הילף פון שיפרירטע ראַדיאָ־פונקען. ער איז אַ ספּעציאַליסט ביים מאָנטירן אַפּאַראַטן און פֿאַרשידענע אַנדערע טעטיקייטן, נויטיקע ביי דער קאָנספּיראַטיווער אַרבעט.

דער יידישער בחור מיעטעק היימאַן איז געווען דאָס האַרץ און די נשמה אין דער אונטערערדישער, פּוילישער באַוועגונג, אין איר קאַמף מיט די דייטשע רוצחים.

די נאַציס האָבן געשטעלט אַ הויכן פּרייז, פֿאַרן קאָפּ, פון יידישן „באַנדיט" היימאַן. דער אַלטער קאָנספּיראַטאָר האָט אָבער געוווּסט ווי אַזוי זיך צו היטן און שטענדיק געלונגט אים זיך אַרויסצודרייען פון די באַנ־דיטישע הענט...

עס וואָלט זיך געדאַכט אַז דער גורל צאָלט איצט אָפּ פֿאַרן גאַנצן צער אין זיין לעבן. מיעטעק איז ווידער אין זיין גרויסער ראָלע...

אַזוי שטאַרבן העלדן

ווענן מיעטעק היימאַן שרייבט זיין קאַמפּס־חברטע מאַריאַ רוטקעוויטש אין דער צייטשריפט „גלאָס לודו" פון 4 אויגוסט 1946 „מענטשן פון פּ.פּ.ר."

צווישן אַנדערע ווערט דאָרט געזאָגט: ווער ס'האָט געקאַנט מיעטעקן האָט געוווסט, אַז די דייטשן וועלן אים קיין לעבעדיקן נישט נעמען. אַזוי איז געווען זיין ווילן און צו דעם איז ער געווען פעסט אַנטשלאָסן.

אַן אויסערגעוויינלעכן כוח האָט געהאַט דער מענטש. יעדע אַרבעט האָט געברענט אין זיינע הענט. יעדע אונטערנעמונג איז ביי אים געווען באַגלייט מיט אַ מעלאָדיע פון אַ סימפאָניע. אַממיינסטן האָט ער ליב געהאַט בעטהאָווענען און שאָפּענען. מוזיק האָט אים געגעבן אַ געוויסע אַנטשפּאַנונג.

נישט איין מאָל האָט ער געקוקט דעם טויט אין די אויגן. אין דעם לעצטן מאָמענט האָט ער זיך געקאָנט אַרויסדרייען, צאַלנדיק דערביי מיט נערוון און געזונט. „איך האָב שוין פּראַקטיק, ווי צו פירן זיי אין באָד אַריין" — פלעגט ער תמיד צוגעבן. זיין רעוואָלווער איז אָבער געווען שטענדיק געלאָדן. און די לעצטע קויל האָט געדאַרפט זיין פאַר אים...

איין מאָל בין איך געווען אַן עדות פון זיין געוואַגטקייט און קאַמפּס־גרייטקייט. איך בין געקומען מיט מעלדונגען, וועלכע מען האָט געדאַרפט ביינאַכט איבערגעבן, צו דער „גרויסער ערד". אין מיטן דער נאַכט האָבן מיר אַרויסגענומען דעם אַפּאַראַט און צעהאַנגען די אַנטענע. מיר זענען צוגעטרעטן צו דעפּעשירן. מיטאַמאָל האָב איך באַמערקט אַן אַנגעשטרענגט געזיכט ביי מיעטעקן. איך האָב אַרונטערגענומען די הערער פון די אויערן. פון די קוסטן ביים פּאַרקאַן האָט זיך דערטראָגן אַ גערויש. טראָט פון שווערע שטיוול, קלאַנג פון געווער און די גאַרגלדיקע דייטשע שפּראַך...

מיין האַנט האָט געגעבן אַ ציטער. אין עטער זענען געפלויגן נישט ריכטיקע צייכנס. איך האָב אויף אַ מאָמענט פאַרלוירן די מאַכט אין דער האַנט און נישט באַהערשט דעם אַפּאַראַט. מיעטעק האָט מיט אַן אַנגעשטרענגט געהער אויפגעכאַפּט אַ יעדן קלאַנג פון דרויסן. מיטאַמאָל האָט ער געכאַפּט דעם רעוואָלווער און זיך געשטעלט ביי דער טיר. איך האָב אַ בליק געגעבן, פרעגנדיק: וואָס ווייטער? ער האָט בלויז אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ... איך האָב גענומען ווייטער דעפּעשירן. ווען איך האָב געענדיקט

און אַוועקגענומען די האַנט פונעם שליסל, האָב איך פון דענערווירונג נישט געקאָנט אויסלעשן דעם אַפּאַראַט.

מיעטעק איז די גאַנצע צייט געשטאַנען מיטן אויסגעשטרעקטן רע־וואָלווער, גרייט צו שיסן. פון לאַנגן האַלטן אויסגעשטרעקט די האַנט מיטן רעוואָלווער, זענען אויף דער האַנט אַרויסגעטרעטן די אָדערן. איך בין אַלץ געזעסן ווי צוגעשמידט צום בענקל. אונטער די פענצטער האָבן נאָך עט־לעכע מינוטן זיך געטראָגן דער רעש פון די אַרומקרייזנדיקע היטלעריסטן. יעדע רגע האָט זיך געצויגן ווי אַן אייביקייט. ענדלעך איז געוואָרן שטיל. ס'האָט אונדז נאָר געוווּנדערט פאַר וואָס זענען זיי נישט אַריינגעקומען?...

מיעטעק האָט אַראָפּגעלאָזט די האַנט. שטיל האָבן מיר זיך גענומען באַוועגן, און איינפּאַקן דעם אַפּאַראַט און די אַנטענע.

אין דער פרי האָט אונדז דער בעל־הבית געפרעגט, צי האָבן מיר נישט געהערט ווי ביינאַכט האָבן ביים הויז אַרומגענישטערט די נאַציס? — זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז ניין, האָבן מיר געענטפערט. דער בעל־הבית האָט נאָר געשמייכלט, ווי איינער זאָגט — „יאָ, יונגע מענטשן און פאַרליבטע"...

אַ טאָג פאַר זיין העלדישן טויט, האָט ער געזאָגט, אַז ער דאַרף זיך באַגעגענען מיט אַ חברטע, וועלכע איז אַנטלאָפן פון ביאַליסטאָקער געטאָ און האָט פאַר אים נאַכריכטן פון זיין מוטער, פרוי און זיין קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין געטאָ.

דאָס איז געווען דעם 9־טן פעברואַר 1943. אויפן פּלאַץ פון די דריי קרייצן איז ער דערקענט געוואָרן, דורך אַ געהיים־פּאָליציאַנט, וועלכער האָט אים געוואָלט אַרעסטירן. מיעטעק האָט גענומען אַנטלויפן. נאָך אים האָבן שוין געיאָגט דער קאָנפידענט און נאָך עטלעכע מונדורירטע. ער שפּרינגט אַריין אין אַ דראָזשקע. אָבער נאָך אים יאָגן שוין דייטשן אויף מאָטאָציקלען. מיעטעק שאָצט אָפּ דאָס געפאַר. עס בלייבט נאָר איינס — טייער צו פאַרקויפן דאָס לעבן. ער שפּרינגט צו צו אַ פּאַפּיראָסן־קיאָסק... אַנטלויפט! — האָט ער אויסגערופן צו דער פאַרקויפערין. איך מוז זיך דאָ פאַרטיידיקן...

מיעטעק דעקט זיך אונטער דעם קיאָסק, מיט דעם רעוואָלווער אין דער האַנט. די היטלעריסטן רינגלען אים אַרום... ער שיסט. ער טרעפט. עטלעכע באַנדיטן ליגן שוין אויף דער ערד... די נאַציס פאַרלאַנגען ער זאָל זיך אונטערגעבן...

מיעטעק איז רואיק... באַהערשט... די לעצטע קויל צילט מיעטעק הימאַן אין זיין אייגענעם שלייף...

אין דער נאַליבאָקער פּושטשע

דערציילט פון דעם פּאַראַשוטיסט

פּולקאָווניק מיכאַל דזשעוויעצקי־האָלצער

ווי אַ ליכטיקער זון־שטראַל, וואָס שניידט דורך די שוואַרצע וואָלקנס אויפן הימל, אַזוי איז געווען די פּלוצעמדיקע נייעס וועגן דעם אַנטשטיין פון אַ פּוילישער אַרמיי אויף דער סאָוויעטישער ערד. די פריידיקע ידיעה האָט צו אים דערגרייכט סוף יאָר 1943, ווען ער האָט געאַרבעט אַלס קוילנגרעבער אינעם גרובן „נאַידאַיעווקאַ”, קרייז פּראָקאָפּיעווסק, אין קוזניעצער קוילן־באַסיין.

ער האָט גלייך באַשלאָסן צוצושטיין צו זייערע רייען. ער האָט אָבער נישט געוווּסט, אַז ס'וועט זיך פאָדערן אַזוי פיל מי און אָנשטרענגונגען. דער געדאַנק צו קעמפן קעגן די, וואָס האָבן צעשטערט זיין היים האָט אָבער אַלץ גובר געווען, און אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער זיך שוין געפונען אין דעם פּוילישן מיליטערישן לאַגער אין שיעלץ.

ווי אַ באַקאַנטער רעוואָלוציאָנערער טוער פון קראָקע, איז ער דאָ באַשטימט אַלס פאַרטרעטער פונעם אָנפירער פון דער פּאָליטיש־דער־ציערישער קאָמפּאַניע אין סאַפּערן־באַטאַליאָן פון דער דריטער אינפאַנ־טעריע־דיוויזיע אויפן נאָמען פון „ראָמואַלד טראַוגוט”. ער איז דער אַזוי גערופענער „אָפיציר אָן אַ ראַנג”. נאָך אַ קורצער טעטיקייט איז ער איבערגעשיקט אין דער העכערער אָפיצירן־שול קיין מאָסקווע.

ווי איבעררא‍ַשט איז ער געוואָרן, ווען ער האָט זיך דאָ באַגעגנט מיט דעם אייגענעם ברודער *) יאַנעק און נאָך אַ סך אַנדערע באַקאַנטע יאַטן. יאַנעק איז שוין דעמאָלט געווען אַן אָנפירער פון אַ קאָמפּאַניע.

דער גליקלעכער צוזאַמענטרעף האָט ממש פאַרשיכורט פון פרייד און געלאָזט פאַרגעסן אין אַלע ליידן און פּיינען. עס האָט זיך באמת נישט געוואָלט גלייבן, אַז דאָס איז אַווירקלעכקייט. נישט לאַנג איז אָבער אויס־געקומען זיך צו פרייען. אַ סך האָט מען איצט גערעדט וועגן פּאַרטיזאַנער, וועלכע זענען אַנטשטאַנען אין לאַנד, און דער טרוים פון יעדן איינעם פון

פולק. מיכאַל דזשעוויעצקי

זיי באַזונדער איז געווען ווי צום שנעלסטן צו זיין צווישן זיי אין די פוילישע וועלדער.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט ער זיך געפונען אין דער ספּעציעלער פּאָליטישער אָפּטיילונג, וועלכע האָט זיך פאַרנומען מיט אַריבערוואַרפן קעמפער איבער דער גרענעץ. דעם שמועס האָבן מיט אים געפירט די חברים סטאַניסלאַוו ראַדקעוויטש **) און יאַקוב בערמאַן.

עס איז דעמאָלט באַשטימט געוואָרן, אַז פון זייער שול זאָלן אַריבער־געוואָרפן ווערן דער חבר מיכאל גאָלדיס — אַלס אָנפירער, — זיין פּאַר־טרעטער, צו פּאָליטישע פראַגן האָלצער און דריי אָפיצירן פון „שטורעם־באַטאַליאָן": וואַצעק סטאַנטשיקאָווסקי, טשעשיעק ראַקאָווסקי און סענדער קאַניע.

אין פּאַרטיזאַנער־שטאַב אין האָמעל האָבן זיי ערשט דערפילט וואָס פאַר אַ גרויסע וואָג עס ווערט געלייגט אויף דעם פּאַרטיזאַנישן קריג מצד דער מיליטערישער אָנפירונג פון דער ראַטנמאַכט. יעדן טאָג זענען געקומען און צוריק אָפּגעפאָרן צענדליקער און צענדליקער פּאַרטיזאַנער, כדי אויס־צופירן פאַרשידענע דיווערסיע־אַרבעטן אין רוקן פונעם שונא. די אַרבעט איז געווען זייער אַ געפערלעכע, אָבער דאָך איז די שטימונג פון די מענטשן געווען זייער אַ מונטערע און מיט פול גלויבן אין נצחון.

עס דערנעענטערט זיך די אויסגעבענקטע שעה פון זייער אָפּפלי. דער מאָמענט איז אַן ערנסטער. זיי ווערן אויך אויפגענומען פונעם שטאַב־שעף פון דער באַזע — דורך דעם חבר מיכאיל איוואַנאָוויטש קאַלינין, וועלכער גיט זיי אַ בריוו צום פּאַרטיזאַנישן פירער אין דער נאַליבאָקער פּושטשע — גענעראַל „פּלאַטאָן"*).

עס איז דער 12־טער אַפּריל 1944. עס איז אויך פרילינג אין זייערע הערצער. אָנגעטאָן אין די פאַלשירעמס, זענען זיי געווען גרייט צום וועג. די זון, וואָס האָט שוין אַראָפּגענידערט צום האָריזאָנט, האָט מיט אַזאַ אומ־באַגרענעצטער גוטוויליקייט און מילדקייט זיי געזעגנט מיט אירע שטראַלן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשלאָגן מיט אַ זעלבערנעם בליאַסק אויף די פליגל פון דער מאַשין, וואָס האָט זיי געדאַרפט טראָגן צו דעם אויסגעבענקטן לאַנד. אַ סך צוקונפטיקע פּאַרטיזאַנער זענען געקומען זיי געזעגענען, צווישן

---

*) שפּעטער גענעראַל אין דער פּוילישער אַרמיי.

**) סטאַניסלאַוו ראַדקעוויטש איז געווען שפּעטער דער אינערן מיניסטער פון פּוילן.

זיי אויך זיין חבר פון קראָקעווער ק. ז. מ. און שפּעטערדיקער שטאַב־מיטגליד פון דער פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג פון טשערניאַקאָוו — ראָמאַן ראָמקאָווסקי.

די מאַשין האָט געריררט פון פּלאַץ. דאָס איז געווען אַ ביסל אַ מאָדנע געפיל. זי האָט זיך גענומען הייבן אַלץ העכער און העכער. אויפן פליפּלאַץ זענען געבליבן זייערע פריינד, וועמענס סילועטן זענען געוואָרן יעדעס מאָל קלענער און קלענער, ביז זיי זענען פולשטענדיק פאַרשוווּנדן. דער בלעכענער קאַסטן האָט זיך גענומען וואַקלען, ווי ער וואָלט זיי איינגעוויגט צום שלאָף. דאָס איז געווען זייער ערשטער פלי. אַפילו דאָס ביסעלע בראָנפן וואָס מען האָט אַראָפּגעשלונגען האָט אויך נישט צוגעגעבן קיין הומאָר. איך וויס נישט — מעגלעך, עס האָט געווירקט אַ ביסל די שרעק פאַר דעם אומבאַוווּסטן צו וועלכן זיי זענען געפלויגן... דאָס איז, איבעריקנס, אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך, נאָר מענטשן שעמען זיך, זיך מודה צו זיין אין דעם.

זיי האָבן זיך דערנעענטערט צו דער פראָנט־ליניע. די הערצער האָבן גענומען האַסטיקער קלאַפּן. דאָ און דאָרט באַווייזן זיך גלי־ענדיקע פונקען, וואָס צילן אין אונזער מאַשין. דאָס איז דאָס פייער פון די דייטשע „זעניטקעס״. אָבער דער געניטער קאַפּיטאַן טוט שנעל אַרויספירן דעם עראָפּלאַן פון דער געפאַר.

עס דויערט נישט לאַנג און זיי הערן די פריידיקע מעלדונג פון נאַוויגאַטאָר — „דער ציל״... די מאַשין הייבט אָן אַראָפּלאָזן זיך אַלץ נידעריקער. זיי דערזעען אונטער זיך אַ גרויסן וואַלד. אויף אַ פרייען פון ביימער אָפּשניט באַווייזן זיך פייערלעך, לויטן אָפּגערעדטן צייכן, אין אַ בוכשטאַב פון אַן „אלף״.

— גרייטן זיך צום לאַנדן! — פאַלט אַ באַפעל.

גליקלעך האָבן זיי דערגרייכט די ערד. אויפן אַעראָדראָם האָבן שוין געוואַרט די ווייסרוסישע פּאַרטיזאַנער פון גענעראַל „פּלאַטאָן״, וועלכע האָבן זיי געהאָלפן זיך פאַרלאָדן אויף די צוגעגרייטע וועגענער און מיט זיי אין איינעם זיך געלאָזט צו דער נייער „פּאַרטיזאַנישער היים״, וואָס האָט געהייסן — נאַליבאָקער פּושטשע...

דער ערשטער וואַרשעווער באַטאַליאָן אויף דעם נאָמען פון „טאַדעוּש קאָשטשושקאָ"

דאָ, אין די אוראַלטע וועלדער, אין דעם אַזוי געררופענעם „פּאַרטיזאַנער־לאַנד" פון גענעראַל „פּלאַטאָן", האָבן זיי זיך געפילט ווי ביי זיך אין דער היים.

די מענטשן האָבן דאָ געוווינט אין אויסגעבויטע זעמליאַנקעס און געצעלטן. נישט ווייט פון דער קוואַרטיר פונעם שטאַב האָט זיך געפונען אַ קיך, מיט טישן און בענק פון אויף שנעל צונויפגעקלאַפּטע און נישט געהובלעוועטע ברעטער. עס איז אויך געווען אַ גוט־אָרגאַניזירטער שניידער־וואַרשטאַט, וווּ מען האָט פאַרראַכטן די קליידער פון די פּאַרטיזאַנער און גענייט העמדער פון דעם זייד פון די פּאַלשירעמס. אין דעם שוסטער־וואַרשטאַט, וועלכער האָט זיך געפונען דערנעבן, האָט מען אויך געמאַכט די רימערישע אַרבעטן, ווי למשל, געשפּאַן פאַר די פערד, פאַרריכט זאָטלען און אַנדערע זאַכן פון דעם מין נייטיקע זאַכן.

דאָ, אין דעם „פּאַרטיזאַנישן לאַנד", זענען געווען מענטשן פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן: ווייסרוסן, רוסן, אוקראַיִנער, יידן, פּאָליאַקן, אַפילו דייטשן. די לעצטע זענען שטענדיק אויסגענוצט געוואָרן צו באַזונדערע אויסשפּיר־אונטערנעמונגען.

עס איז אויך כדאַי צו באַמערקן, אַז עס זענען געווען צוויי יידישע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען, וואָס זענען אונטערגעליגן „פּלאַטאָנען". איינע, די אַזוי גערופענע „מזרח", איז באַשטאַנען פון מענטשן פון די סאָוויעטישע געביטן, מיינסטנס פון מינסק און אומגעבונג. דער אָנפירער פון דער אָפּטיילונג איז געווען זייער אַ פעיִקער און אינטעליגענטער מאַן — אַ מינסקער ייד מיטן נאָמען זאָרין.

די צווייטע אָפּטיילונג — „מערב" — האָט זיך רעקרוטירט פון יוגנט, מיינסטנס אַנטלאָפענע פון די געטאָס און פון יידן פון דער שטאָט איוויעניץ. אין ביידע אָפּטיילונגען איז געפירט געוואָרן אַ גרויסע פּאָליטישע טעטיקייט און אויפקלערונגס־אַרבעט. דאָס האַרץ און נשמה פון דער צווייטער פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג איז געווען דער באַקאַנטער וואַרשעווער רעוואָלוציאָנער אברהם שלאַכטאָוויטש.

זייער גרופּע איז גלייך צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. נאָך דער באַראַטונג ביים גענעראַל „פּלאַטאָן״ איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס אויסצוטיילן פאַר זיי אַ לאַגער־אָרט דעם ווינטערדיקן פּאַרטיזאַנישן פּונקט נומער 106. עס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן די פראַגע פון לערנען רייטן אויף פערד, אָן דעם איז איבערהויפּט נישט מעגלעך געווען אויסצופירן וועלכע ס׳איז אויפגאַבן, און שוין דאָס וויכטיקסטע — די מאָביליזאַציע פון פּוילישע פּאַרטיזאַנער פון צווישן די „פּלאַטאָן״־גרופּירונגען, וועלכע האָבן געזאָלט זיין דער קערן פון דער ניי־אַנטשטאַנענער אָפּטיילונג.

אַ געוואַלדיקן איינדרוק האָט געמאַכט אויף דער ציווילער באַפעלקע־רונג דאָס באַוויזן זיך פון זעלנער מיט פּוילישע אָדלערס אויף די היטלען און איבערהויפּט די נייעס, אַז ס׳איז אַנטשטאַנען אַ פּוילישע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונג. אַ גרויסער טייל פון דער פּאַטריאָטיש־געשטימטער יוגנט האָט גענומען פאַרפולן די רייען. אין אַ קורצער צייט אַרום זענען זיי אויס־געוואַקסן צו אַ באַטאַליאָן, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי קאָמפּאַניעס. דערונטער אַן אויסשפּיר־פּלוטאָן און אַ ווירטשאַפטס־פּלוטאָן, וועלכער האָט געטראָגן דעם נאָמען: „ערשטער וואַרשעווער באַטאַליאָן פון טאַדעוש קאָשטשושקאָ״.

עס האָט זיך נאָך אויפגעהיט אין אַרכיוו דאָס באַפעל־בוך פון דער דאַטע 28 מאַי 1944 יאָר, ווו עס זענען באַשטימט געוואָרן אַלס פירער פון דער גאַנצער אָפּטיילונג — פּאָרוטשניק „ווילק״, זיין פאַרטרעטער — פּאָד־פּאָרוטשניק מיכאַל דזשעוויעצקי; שעף פון שטאַב — פּאָדפּאָרוטשניק „בראָדאַטי״; אָנפירער פון דער ערשטער קאָמפּאַניע — פּאָרוטשניק סענדער קאַניע; אָנפירער פון דער צווייטער קאָמפּאַניע — פּאָרוטשניק וואַצעק; אָנפירער פון דער אויסשפּיר־אָפּטיילונג — פּאָדפּאָרוטשניק טשעשעק.

אויסער דער פּאָליטישער אַרבעט, אויף וועלכער ס׳איז דאָ געלייגט געוואָרן אַ גרויס געוויכט, זענען געפירט געוואָרן מיליטערישע איבונגען, געביטס־דערקענטעניש, רעגולאַמינען און אַנדערע טעאָריעס. אַ זייער וויכ־טיקע פּראַקטיק איז פאַר אַ סך געווען דער דורכגעמאַכטער קאַמף בעת דער אַרומרינגלונג פון די נאַליבאָקער אורוועלדער דורך די דייטשן אין 1943 יאָר.

די דייטשן האָבן דעמאָלט געוואָרפן גרויסע מיליטערישע כוחות, זיי־ענדיק זיכער, אַז זיי וועלן פולשטענדיק פאַרניכטן די פּאַרטיזאַנער. גלייך ביים ראַנד פונעם וואַלד האָט זיי באַגעגנט אַ שלאַקסרעגן פון צעגליטן

בליי. אַ הילף די פּאַרטיזאַנער זענען געווען אויך די זומפּן, וועלכע נישט יעדער האָט געקענט און אַוודאי נישט די דייטשן...

מיט פלוצעמדיקע איבערפאַלן, לויט דער פּאַרטיזאַנישער טאַקטיק און שנעלן אָפּרייסן זיך און אַנטרינען מיט די אומבאַקאַנטע פאַר די דייטשן וועגן — האָט מען זיי פאַרשאַפט שווערע פאַרלוסטן אין מענטשן ווי אין מאַטעריאַל און געשאַפן ביי זיי אַ נערוועזע און אומזיכערע סיטואַציע סיי ביי טאָג און סיי ביי נאַכט. די דייטשן האָבן ממש פאַרזייט די נאַליבאָקער פּושטשע מיט קברים. שוין ביזן סוף מלחמה האָבן זיי מער נישט געוואַגט אויפצונעמען אַ קאַמף מיט די פּאַרטיזאַנער, אויב מען האָט געדאַרפט זיך טיף אַריינלאָזן אין דער פּושטשע.

פאַר די פּאַרטיזאַנער איז דאָס געווען אַ „גענעראַל־פּראָבע" צו ווייטערדיקע אונטערנעמונגען פון גרויסן באַדייט, און איבערהויפּט אַ צוגרייטונג צו דער דיווערסיע־אַרבעט אין פרילינג 1944 בעת דער גרויסער סאָוויעטישער אָפענסיווע.

נישט קיין קליינע שווערקייטן האָבן די פּאַרטיזאַנער געהאַט מיט דער פּוילישער פאַשיסטישער באַנדע, וועלכע האָט אָפּעריִרט אין דער געגנט, אונטער דער אָנפירונג פון נאַרקעוויטשן. זיי האָבן דעמאָלט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו זייערע זעלנער, אויפקלערנדיק זיי די שענדלעכע ראָל פון זייער ביז־איצטיקער טעטיקייט, רופנדיק זיי צו אַ געמיינזאַמען קאַמף קעגן אמתן שונא — דעם היטלעריזם.

עס איז ווערט צו באַמערקן, אַז דעם אויפרוף אַרויסגעגעבן האָט געהאָלפן דער אַלטער רעוואָלוציאָנערער טוער, דער חבר הערש סמאָליאַר, אין דער דרוקעריי פון דער פּושטשע, ווו זיי האָבן אַרויסגעגעבן צייטונגען, ביולעטינען און אַנדערע מאַטעריאַלן.

דעם אויפרוף האָבן זיי אויך פאַרטיילט צווישן דער ציווילער באַפעלקערונג. דאָס האָט פאַרשאַפט זייער אַ סך נייע אָנהענגער און פרישע זעלנער און צווישן זיי אויך איבערלויפער פון נאַרקעוויטשן.

עס פליִען איצט דעפּעשעס מיט ביטעס צום פּאַרטיזאַנער־שטאַב וועגן שיקן געווער. די ראַדיאָ־טעלעגראַפיסטין האַלט אָן אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דער „גרויסער ערד".

דאָס איז געווען דעם 28 יוני 1944. זיי באַקומען אַ שיפרירטע ראַדיאָגראַמע: „מאָרגן דעם 29־טן, גרייט אייך אויפצונעמען אַ ,וואָרף' אויף דעם באַקאַנטן פליפלאַץ"...

עס איז געווען שווער איבערצוגעבן די פרייד און גליקצייטיק די

דענערווירונג פון דער נייעס. זיי האָבן שוין נישט איין מאָל געוואַרט אויף אַזאַ „וואָרף" און ער איז נישט געקומען...

אַלע זענען פּינקטלעך געווען אויפן פּלאַץ, צוגעגרייט די הויפּנס טרו־קענע צווייגלעך פאַר די פייערן, די וועגענער פאַרן געווער, אַפילו אַ סאַ־ניטאַר, טאָמער פּאַסירט עפּעס אַן אומגליקס־פאַל. זיי האָבן געוואַרט. די נערוון זענען אָנגעשטרענגט ביז גאָר. אַרום איז שטיל. אויך דער וואַלד טוט אַזוי מאָדנע שווייגן. איבער די שפּיצן פון די ביימער דערטראָגט זיך מיטאָמאָל אַ לייכטער גערויש פון אַ מאָטאָר, וועלכער ווערט פון מינוט צו מינוט שטאַרקער.

— אונטערצינדן די הויפּנס! — פאַלט אַ באַפעל.

די פליִער זענען געווען פּינקטלעך. זיי זענען שוין איבער זייערע קעפּ. עס באַווייזט זיך אַ גרין ליכט. אַלס ענטפער שיסט מען אַרויס אַ ראַקעטע. די פייערן באַלייכטן דעם וואַלד. די פליִער מאַכן אַ קרייז. איין „דוגלאַס" האָט אַ ביסל אַראָפּגעניִדערט און געוואָרפן דעם ערשטן זאַק. אויף די פאַלשירעמס באַמערקן מיר שוין נאָך צוויי... דריי... פיר... דאָס איז שוין פון דער צווייטער מאַשין... זיי מאַכן נאָך איין קרייז און עס קומט דער צווייטער וואָרף...

אַלע שטייען און באַטראַכטן די ווונדערלעכע דערשיינונג און די הער־צער רייסן זיך ממש פאַר פרייד. די פאַלשירעמס האָבן זיך ווי צעבליט אויפן הינטערגרונט פונעם הימל. זיי זעען אויס ווי פאַנטאַסטישע שוואָמען נאָך אַ רעגן. דערנענטערנדיק זיך צו דער ערד זענען זיי געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער.

ביי דער לעצטער רונדע האָבן זיי אָנגעצונדן דאָס פּאָזיציע־ליכט און ווי שאָטנס פאַרבייגעפלויגן איבער דעם פליין פון וואַלד, כדי מיט זיי זיך צו געזעגענען.

אַ ווײַלע זענען זיי נאָך געשטאַנען מיט פאַרריסענע קעפּ, די אויגן געווענדט אין דער ריכטונג, וווּ עס זענען פאַרשוווּנדן די פליִער. דאָס רוישן פון די מאָטאָרן איז געוואָרן שטילער, זיך דערווייטערט און פול־שטענדיק פאַרשוווּנדן געוואָרן...

די פייערן זענען אויסגעלאָשן געוואָרן, בלויז איין ליכט פון דער לבנה האָט זיך אָפּגעשלאָגן די ווייסקייט פון די פאַלשירעמס; צעשפּרייטע אויף דער ערד און וואָס זענען הענגען געבליבן אויף די צווייגן פון די אַרומיקע ביימער.

דער „וואָרף" איז געווען זייער אַ רייכער. זיי האָבן באַקומען די נייסטע

וואָפן, איבערהויפּט אויטאָמאַטן — פּ.פּ.ס.־פּיסטאָלן — פּ. א. אויך עטלעכע שטיק אַזוי גערופענע פאַנצערפויסטן — פּ. ט. ר.

די גאַנצע אָפּטיילונג איז איצט איז געוואָרן גוט באַוואָפנט, זיי האָבן אַפילו אַ ביסל פון דעם געווער אָפּגעגעבן אַנדערע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען.

דער „ערשטער וואַרשעווער באַטאַליאָן אויפן נאָמען פון טאַדעוש קאָשטשושקאָ" איז געווען גרייט צו נייע שלאַכטן מיטן שונא.

די יידישע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונג אין די צומאַנער וועלדער

אַ שמועס מיטן קאָמאַנדיר פון דער 7־טער יידישער ראָטע, אין גענעראַל קאָוופּאַקס אָטריאַד — גד ראַזענבלאַט פסעוו. „גרישאַ"

אין דריטל פון יידישן פאָלק איז אויף אַן אומבאַשרייבלעכן אופן אומגעקומען פון די הענט פון חיהשע היטלער־משחיתים. וועט נאָך לאַנג עקבערן אין די מוחות פון פסיכאָלאָגן און פּאָליטיקער די פראַגע, ווי אַזוי האָט געקאָנט קומען צו אַזאַ אכזריות אין מיטן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

דעריבער איז נויטיק סיי פאַרן היינט און נאָך מער פאַרן מאָרגן צו זאַמלען וואָס מער זכרונות, נאָטיצן און מאַטעריאַלן, גבית עדות פון דער דאָזיקער טראַגישער צייט.

די פּראָוואָקאַציע פון היטלערן, מיט דעם אָנגריף אויף דער ליגניצער ראַדיאָ־סטאַציע, דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939, דורך אָרויסגעשיקטע אַרעס־טאַנטן פון די לאַגערן, איבערגעטוענע אין פּוילישע מונדירן, וועלכע זענען דורך די היטלעריסטן גלייך דאָרטן דערשאָסן געוואָרן — האָט געעפנט דעם וועג פון זיינע האָרדעס אָנצוהייבן פאַרווירקלעכן דעם אַלטן טרוים „מאַרש נאָך לעבענסראַום" און „דראַנג נאָך אָסטען"... פאַרוואַנדלען די סלאַווין אין שקלאַפן און זייער טעריטאָריע איינשליסן אין גרויסן דריטן רייך פאַר גערמאַנען...

די היטלערישע פּראָוואָקאַציע האָט געדאַרפט דינען ווי אַ באַוויז פאַר דער וועלט און איבערהויפּט פאַר דעם דייטשן פאָלק, אַז ער איז געצווינגען צו פאַרטיידיקן דעם דייטשן כבוד און באַשטראָפן די, וועלכע דערלויבן זיך אָנצופאַלן אויף דער מדינה פון דריטן רייך און הרגענען דייטשן.

דער געפּלאַנטער בליצקריג פון דער גוט אָרגאַניזירטער און אויסגע־שטאַטעטער אין וואָפן, פון דער נייעסטער טעכניק היטלעריסטישער אַרמיי, האָלט אָפּ גרויסע נצחונות, שוין פון די ערשטע טעג.

טראָץ דעם פאַרביסענעם ווידערשטאַנד פון פּוילישן זעלנער און זייער העראָישקייט (פאַקטן דערציילן, ווי קאַוואַלעריע מיט אָנטבלויזטע שווערדן האָט זיך געוואָרפן אויף קאָלאָנעס פון טאַנקן) האָבן זיי נישט געקענט

ביישטיין דעם איבערוויגנדיקן כוח פון מענטשן און טעכניק פון דער דייטשער אַרמיי.

דעם 28־טן סעפּטעמבער 1939 זענען די טויערן פון דער פּוילישער הויפּטשטאָט, וואַרשע, געשטאַנען אָפן פאַר דעם אַריינמאַרש פון די היט־לעריסטישע חילות.

די אַנטיסעמיטישע, סאַנאַציע אַנפירונג האָט פאַרלאָזט דאָס לאַנד, מיט־נעמענדיק מיט זיך דעם גאַנצן מלוכה־אוצר, זייערע פאַרמעגנס, גאָלד און זילבער, איבערלאָזנדיק זייער פאָלק אויף הפקר.

די גרויסע פריינדשאַפט צווישן היטלערן און סטאַלינען, האָבן דער־פירט צו דעם טרויעריק באַרימטן „ריבענטראָפּ־מאָלאָטאָוו פּאַקט" און דערמיט צו דער פאַרטיילונג פון דעם פּוילישן לאַנד.

דאָס געבוירן שטעטל פון גד ראָזענבלאַט זאַפּיוווקע איגנאַטוווקע — טראָכענבראָד, — פאַלט אַריין אין תחום פון דער סאָוויעטישער הער־שאַפט. די יידישע באַפעלקערונג האָט אויפגענומען די נייע הערשער מיט אַ געוויסער צופרידנקייט, אָבער אויך מיט פחד, ווייל יעדן זענען דאָ באַקאַנט געווען די טרויעריקע „מאָסקווער פּראָצעסן", די טויט־אור־טיילן און פאַרשיקונגען פון מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן אין די סיבירער טייגעס און לאַגערן, מען איז אָבער גליקלעך וואָס אַ סך פון דער ציוניס־טישער יוגנט האָט זיך געראַטעוועט פון דעם ברוינעם עמלק.

עס איז אַ צייט פון מיט גרויסן אימפּעט זיך אַנטוויקלענדיקע געשעענישן, ווען עס דערנעענטערן זיך מיט גרויסער שנעלקייט די טראַגישע צוזאַמענ־שטויסן צווישן די צוויי טאָטאַליטאַרע מיליטאַריסטישע מלוכות.

שוין דער אָפּמאַך אין מינכען אין יאָר 1938 האָט געגעבן היטלערן פרייע הענט אין זיין רויבערישער עקספּאַנסיע. די כלומרשטע פריינדשאַפט מיט סטאַלינען, האָט היטלער געדאַרפט צו מאָביליזירן זיינע כוחות, כדי צוצוטרעטן צו דער רעאַליזאַציע פון דעם באַרימטן „פּלאַן באַרבאַראָסאַ"...

ס'האָט נישט געהאָלפן דאָס וואָרענען סטאַלינען פון אַלע זייטן, וועגן די צוגרייטונגען פון דער היטלעריסטישער אַרמיי צו אַן איבערפאַל אויפן ראַטנפאַרבאַנד. אויך דער שרייבער פון די שורות האָט אין מערץ 1941 געגעבן אַ מעלדונג אין סאָוויעטישן קאָנסולאַט אין ווין, וועגן „פּלאַן באַר־באַראָסאַ" (אַ גענויע באַשרייבונג וועגן דעם פאַקט, אין מיין בוך „דם טהור") — אָבער סטאַלינס ענטפער אין דער פראַגע איז שטענדיק געווען קורץ — טויט אורטיילן, פאַרשיקונג, סיביר און לאַגער, פאַר אַלע, וועלכע האָבן געבערענגט אַזעלכע ידעות. אַלע זענען באַטראַכט געוואָרן ווי דעפעטיסטן,

קאָמאַנדיר פון דער 7-טער יידישער ראָטע
גד ראָזענבלאַט — „גרישאַ"

קריגס־העצער און פאַררעטער. לאַ די האָט ער, סטאַלין אין משך פון עטלעכע יאָר אַרעסטירט, אומגעבראַכט די בעסטע מיליטערישע סטראַטעגן, גענעראַלן און אַרמיי־פירער.

ווען ס'איז געקומען דער טרויעריקער יוני פון 1941, איז די שלעכט צוגעגרייטע רויטע אַרמיי געווען אין אַ מצב, ווען זי איז אומפעיִק געווען צו שטעלן אַ העפטיקן ווידערשטאַנד די אַריינדרינגענדע היטלעריסטישע חילות.

אין געציילטע וואָכן האָט די דייטשע אַרמיי זיך שוין געפינען טיף אין סאָוויעטישן לאַנד.

די שלאַכטן זענען געווען שווערע. דער סאָוויעטישער זעלנער האָט געקעמפט העלדיש, אָבער די רויטע אַרמיי איז געצווינגען געווען צו אַן אומאויפהערלעכן ריקצוג, איבערגעבנדיק שטעט און דערפער אין די דייטשע הענט.

דער אַריינמאַרש פון די נאַציס איז געווען באַגלייט מיט טויט און פאַרניכטונג. איבערהויפט טראַגיש איז געווען די לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכער ס'איז נישט געלונגען זיך צו עוואַקואירן. עס האָבן נישט געפעלט קיין קאָלאַבאָראַנטן, קיין צוטרעגער און שפיצלען פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג, וועלכע האָבן געהאָלפן, ביים רויבן און מאָרדן יידן. יידיש לעבן איז געוואָרן הפקר. דאָס רויִקע צוזאַמענלעבן פון קריסטן און יידן אין זאַפּיוווקע־איגנאַטאָווקע איז געוואָרן צעשטערט. אַ סך פון די נעכטיקע שכנים האָבן די יידן מער נישט דערקענט... אויך אַ גרויסער טייל האָט גלייכגילטיק זיך צוגעקוקט ווי מען פירט יידן צו דער שחיטה.

די באַוווסטזיניקע יידישע יוגנט האָט שוין נישט געהאַט קיין אילוזיעס וועגן די נאַצישע מאָרד־כוונות, לגבי דעם יידישן פאָלק. איר איז באַקאַנט היטלערס שאַנד־בוך „מיין קאַמף". זי ווייסט זײַן פּלאַן צו ברענגען די יידן אַלס קרבן־לעזאזל. אָט די יוגנט האָט פאַרשריבן רומרייכע קאַפּיטלעך פון יידישן קאַמף, מוט און גבורה, אין דער צייט פון דריטן חורבן.

אין אַ סך געטאָס האָט מען זיך גענומען גרייטן צו אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, אינעווייניק אין די געטאָס, ווי אויך אַרויסרייסן זיך אין די וועלדער און שאַפן פאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען.

אין דעם קליינעם יידיש־אוקראַיִנישן שטעטל זאַפּיוווקע איז דורכגע־פירט געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג מיטן אָנטייל פון יידן פון פאַרשידענע פּאָ־ליטישע ריכטונגען, פון עקסטרעם רעכטס, ביז עקסטרעם לינקס, פון בית"ר

ביז קאָמוניסטן. דער ציל פון דער פאַרזאַמלונג: — אויסצואַרבעטן אַ פּלאַן פון אַ פּאַרטיזאַנישן קאַמף, קעגן די דייטשע רוצחים.

מ׳האָט אויסגעוויילט אַ קאָמיטעט אין וועלכן עס זענען אַריין די חברים: חיים וואַטשין, גד ראָזענבלאַט, חיים ראָזענזאָן און הערשל ניידן. זייער אויפגאַבע איז אַנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט מענטשן פון דער אוקראַיִנישער אונטערגרונד־באַוועגונג, שאַפן געווער, פירן אַ טעטיקייט מיטן ציל צו אָרגאַניזירן אַ פאַרטיידיקונג אין געטאָ און אויפשטעלן אַ פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונג, וועלכע זאָל אַרויס אין וואַלד.

ס׳איז נישט שווער זיך פאָרצושטעלן אַז דער קאָמיטעט און זיינע מענטשן האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף נישט קיין קליינע שוועריקייטן, אויסער דער פּראַקטישער אויספירונג פון דער אַרבעט ווי שאַפן געווער, אָנבינדן קאָנטאַקטן. עס זענען געווען אויך וואַקלענישן מצד אַ טייל חברים פון דער יידישער יוגנט, וואָס איז געקומען פון גרויסער צוגעבונדענקייט ביי יידן צו דער משפּחה. אַ סך האָבן געהאַלטן אַז מען קאָן נישט גיין אין וואַלד און איבערלאָזן טאַטע־מאַמע, זקנים און קינדער אין די רוצחישע הענט. אויב שטאַרבן איז מיט זיי צוזאַמען. אַנדערע ווידער האָבן איבערגעטראַכט וועגן די וואַלד־באַדינגונגען, די שוועריקייטן מיט ברויט, קליידונג, דאָס לעבן ווי חיות אין די זעמליאַנקעס, — און דאָס וויכטיקסטע, ווו נעמט מען געווער?... נאָר די צייט האָט געאיילט. די נאַצישע אויסראָטונגס־מאַשין האָט געאַרבעט פּינקטלעך. טאָג טעגלעך זענען יידן געפירט געוואָרן צום טויט.

דער קאָמיטעט מיט אַ גרופּע יוגנטלעכע פון פופצן מאַן האָט באַשלאָסן אַרויסצוגיין אין וואַלד. אין דער צייט איז אַנטלאָפן פון דער דייטשער קריגס־געפאַנגענשאַפט דער געוועזענער רויטאַרמייער פּסח שמש, וועלכער האָט אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיט דעם אוקראַיִנישן בחור אַלעקסאַנדער פיליוק און זיי זענען אויך געקומען אין די צומאַנער וועלדער.

די גרופּע האָט געאַרבעט אויף אייגענער האַנט, נישט האָבנדיק אַ לענגערע צייט קיין פאַרבינדונג מיט סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנער. אָבער ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און צו דער אָפּטיילונג האָבן גענומען שטראָמען אַלץ נייע און נייע מענטשן, אַנטלאָפענע פון די געטאָס און לאַגערן.

אַלס קאָמאַנדיר פון דער פאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג איז אויסגעוויילט געוואָרן גד ראָזענבלאַט — פּסעוודאָנים „גרישאַ“. אַלס פּאָליטרוק, חיים וואַטשין — פּסעוודאָנים „פּיעטיאַ“.

די יידישע פּאַרטיזאַנער הייבן זיך אָן צו באַוואָפנען אויפן חשבון פון

די וואַלד־וועכטער און אויך מיט געווער, וואָס די פויערים האָבן אויפגע־זאַמלט פון דעם וואָס ס'האָבן איבערגעלאָזט די רויט אַרמייער, ביי זייער צוריקטריט. חיים ראָזענען געלונגט אויך איינצוקויפן ביי באַקאַנטע פּאָליאַקן צוויי ביקסן און עטלעכע רעוואָלווערן.

די יידישע פּאַרטיזאַנישע אָרגאַניזאַציע איז שוין אַן אָנגעזעענער כוח. עס ווערט באַשלאָסן צוצוטרעטן צו געוויסע אַקציעס און אין דער ערשטער ריי זיך אָפּצורעכנען מיט יידן מערדער. אין אַ שיינעם אָוונט האָט אַ גרופּע פון זעקס מאַן אונטער דער אָנפירונג פון „גרישאַ" אַרויסמאַרשירט צום דאָרף רידניק, מיטן ציל צו קאָנפיסקירן די אויטאָמאַטישע ביקס פון דעם אָנפירער פון וואַלד־וועכטער און די שרייבמאַשין פון זיין ביוראָ. די פּאַר־טיזאַנער האָבן זיך פאַרגעשטעלט אַלס סאָוויעטישע פּאַראַשוטיסטן. די אונ־טערנעמונג איז געלונגען. נאָך אַ גוטן אָוונט־ברויט האָבן זיך די יאָטן צוריקגעקערט אויף פויערישע וועגענער, צו זייער באַזע.

אין געציילטע טעג האָט דער פּאַרטיזאַן סוכוי — אַ פּליט פון וואַרשע, וועלכער האָט אין דער צייט פון די סאָוויעטן געאַרבעט אַלס לערער, אָפּגעדרוקט אויפרופן צו דער דאָרפישער באַפעלקערונג, אין וועלכע ס'איז צווישן אַנדערן געזאָגט געוואָרן, וועגן אַנטשטיין פון אַ פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג פון: אוקראַינער, פּאָליאַקן און יידן, צום קאַמף מיט דעם דייטשן אָקופּאַנט.

„גלייבט נישט די דייטשע ליגנערס און זייערע העלפער די שוצמאַנען. הערט נישט זייערע רייד צו פאַרפאָלגן יידן. העלפט זיי מיט ברויט און מיט אַ בגד. לאָזט נישט אַרויספירן אייערע קינדער אויף צוואַנגס־אַרבעט קיין דייטשלאַנד. שליסט אייך אָן אין די פּאַרטיזאַנישע רייען!

זאָל לעבן די האַנט פון נקמה אין דעם פיינד פונעם פאָלק!

זאָל לעבן סאָוויעטיש אוקראַינע!"

די אויפרופן זענען פאַרשפּרייט געוואָרן אין די אַרומיקע דערפער. די פויערים האָבן זיי איבערגעגעבן זיך פון האַנט צו האַנט. די אויפרופן האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם. ביי אַ גרויסן טייל פון די פויערים האָט זיך די שטעלונג צו יידן אַ ביסל געביטן. מיט אַן אַנדער פּנים — זאָגט ראָזענבלאַט — האָבן אונדז די פויערים איצט באַגעגנט, מעגלעך אויס מורא. יעדנפאַלס צו גונסטן פאַר די פּאַרטיזאַנער. אַ ייד, וועלכער האָט אָנגעקלאַפּט ביי נאַכט אין אַ טיר, האָט מען אים מער נישט געיאָגט מיט קיין שטעקן. מ'האָט אַפילו געגעבן אַ שטיקל ברויט. — עס האָבן זיך געמערט פאַקטן ווען פויע־



Тов. Розенблат Г. М.
имеет право с 1 января 44 г.
на получение десяти руб. в месяц
и бесплатный проезд в трамваях
во всех городах СССР, согласно
Положению о медали „ЗА ОТВАГУ".

Секретарь Президиума
Верховного Совета СССР

№ 044030

24 марта 1944 г.

ג. ראָזענבלאַטס דאָקומענט — „פאַר געוואַגטקייט"

רים האָבן געמאָלדן ערטער ווו עס געפינט זיך געווער, וועלכעס די פּאַרטי־זאַנער האָבן קאָנפיסקירט...

טראָץ אַלעמען האָט אַ גרויסער טייל יידן אין די געטאָס זיך געקלאַמערט אין דעם שענדלעכן לעבן און געגלויבט אין די דייטשע הבטחות, אַז די פּאַכלייט זענען אַ נוצלעכער עלעמענט, אין וועלכן עס נויטיקט זיך די דייטשע ווערמאַכט און זיי וועלן בלייבן לעבן...

עס איז ווערט צו דערמאָנען אַ פּאַקט — זאָגט „גרישא" — ווען די יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן געוואָלט ליקווידירן דעם אוקראַינער, פּאַשטשענקאָ, וועלכער האָט זיך איזדיעקעוועט איבער די יידישע גאַרבער, וואָס זענען נאָך געווען נויטיק — האָבן זיי מיט געוויין אָפּגערופן די גזירה. ווייל זיין טויט וואָלט געבראַכט אויף זיי אַן אומגליק. זיי די גאַרבער זענען געווען די מיוחסים ביי די דייטשן און זיי וועט קיין שלעכטס נישט געשען. אויך צו די פּאַרטיזאַנער האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט צו גיין.

צום ביטערן באַדויערן איז זייער סוף געווען אַ טראַגישער, זיי האָבן געטיילט דעם גורל פון אַלע אַנדערע יידן.

עס זענען אויך געווען אין געטאָ יידן העלדן, וואָס האָבן נישט געוואָלט שטאַרבן אויף די קני, פאַר די דייטשע רוצחים. צו זיי געהערן אַזעלכע ווי משה יוסף דער גאַרבער און אַנדערע...

דאָס איז געווען יום כיפור 1942. דייטשן און אוקראַיִנישע פאַשיסטן האָבן אַרומגערינגלט דאָס געטאָ. אַ פּאָר צענדליק יידן האָבן געפּרווט אַדורכרייסן דעם פאַשיסטישן קאָרדאָן און געגומען אַנטלויפן. דער גרעסטער טייל איז אָבער באַלד געפאַלן פון די נאַכיאַגנדיקע קוילן. אַ גרופּע פון צוואַנציק יונגע מענטשן האָט מען אויסגעקליבן צו גראָבן גריבער. אין מיטן דער אַרבעט האָט משה יוסף אַ געשריי געגעבן: „יידן לאָמיר נעמען נקמה, פלעט די קעפּ פון די מערדער מיט די רידלען!" און ער האָט דער ערשטער אַראָפּגעלאָזט זיין רידל אויף דעם קאָפּ פון זיין שומר. די איבעריקע האָבן נאָכגעטון זייןביישפּיל. — עטלעכע דייטשן זענען געפאַלן, פון די יידן האָבן זיך געראַטעוועט בלויז פינף און זענען געקומען צו די פּאַרטיזאַנער.

דאָס איז געווען אַ צייט פון אויפברויז, רעוואָלט און שטורעם. אַ צייט וואָס רופט אַרויס העלדן, מענטשן געוואָגטע, איבערהויפּט צווישן דער יוגנט. נאָר משה יוסף דער גאַרבער איז שוין נישט געווען יונג. ער וואָלט געוויס דורכגעגאַנגען זיין לעבן אומבאַמערקט, ווען נישט די גרויסע טראַגעדיע פון אונדזער פאָלק. — משה יוסף איז געווען אַ מענטש מיט ענערגיע, מוט,

פאַרטיזאַנען־צוזאַמענטרעף

גבורה און שטאָלץ, וואָס נעמען דעם גורל פון דער געשיכטע אין די אייגענע הענט.

די חורבן־תקופה האָט געדאַרפט אַזעלכע מענטשן — שטאַרקע אין גייסט, מיט איניציאַטיוו, קעמפער, פּאַרטיזאַנער, מענטשן אַנטשלאָסענע צו ווידערשטאַנד, גרייט אויף לעבן און טויט...

אַלע אַנדערע האָבן געמוזט פאַרלוירן גיין און פאַרגעסן ווערן...

אַן אַקט פון נקמה

די יידישע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונג אונטער דער אָנפירונג פון גד ראָזענבלאַט איז אין די צוזאַמענער וועלדער שוין געוואָרן אַ ממשותדיקער כוח — אויך די שטראָפנדיקע האַנט אין דעם ראַיאָן, פאַר די אַלע, וואָס האָבן מיט זייערע רציחות געהאָלפן די נאַציס פאַרניכטן דאָס יידישע פאָלק.

ווענן איינע אַזאַ נקמה־אַקט איז אויסגעפירט געוואָרן איבער דעם וואַלד־וועכטער פונעם דאָרף יערמאַלע, אַנטאָן — דאָס איז געווען דעם 20־טן סעפּטעמבער 1942.

— מיר האָבן אַרויסמאַרשירט — האָט דערציילט „גרישאַ" — אַ גרופּע באַוואָפנטע פאַרטיזאַנער אין דער ריכטונג פון דאָרף יערמאַלע. עס איז שוין געווען גוט פינצטער ווען מיר זענען אָנגעקומען צום הויז פון דעם וואַלד־וועכטער.

— „סלאַוואַ אוקראַיִני" האָבן מיר באַגריסט מיט דעם אוקראַיִניש־פאַשיסטישן גרוס.

— „וואָזשדעווי סלאַוואַ" איז געקומען אַן ענטפער, פון אַ הויכן ברייט־פּלייציקן פויער, וואָס האָט געעפנט די טיר.

מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט אַלס שוצמענער פון קיווערצע...

— מען האָט אונדז איבערגעגעבן, דאָס ביי דיר אין שייער באַהאַלטסטו אויס יידן — האָט געזאָגט דער אוקראַיִנישער בחור, פיליוק אַלעקסאַנדער.

— מיינע הערן, איך מיין אַז איר האָט אַ טעות. ערשט נעכטן האָב איך געכאַפּט עטלעכע יידן, צווישן זיי צוויי מיידלעך און כ'האָב זיי איבערגעגעבן דער פּאָליציי. צוויי וואָכן פריער האָב איך אַנטדעקט אַ באַהעלטעניש אין וואַלד ביי יערמאַלע און זיי אַלע דערהרגעט מיט אַ האַק. צוריק מיט אַ חודש האָבן צוויי יידישע קינדער אָנגעקלאַפּט ביי נאַכט אין טיר, איך בין אַרויסגעגאַנגען און זיי גלייך דערהרגעט. און איר קאָנט גאָר מיך באַשולדיקן, אַז איך העלף יידן?

— ס'איז באַשטימט אַ טעות — האָט זיך אַריינגעמישט די פרוי פון דעם פויער — איך קריג זיך מיט אים די גאַנצע צייט. צוליב וואָס יאָגן זיך נאָך זיי און הרגענען? טאָג און נאַכט לויפט ער אַרום איבער די וועגן,

אַ פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונג פון גענעראַל קאָוופּאַקס אָטריאַד
עס זיצן דער ערשטער פון רעכטס: גד ראָזענבלאַט

וועלדער און דערפער און זוכט יידן. דער טייוול האָט זיך אין אים אַריינ־געכאַפּט...

—מיין ווייב איז גערעכט. איך בין שוין אין פּעטליורעס צייטן געווען אַקטיוו אויף דעם געביט. פאַר מיר איז דאָס אַ הייליקע זאַך. איך לייד זיי פּשוט נישט. איר זעט די כלי אין ווינקל, דאָס האָב איך באַשטעלט ביים שמיד אין קיבערצע פאַר פינף מאַרק. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך דאַרף דאָס אויף אַרויסצורייסן ביימער־וואָרצלען, אָבער אין דער אמתן דאַרף איך דאָס אויף צו שפּאַלטן יידישע קעפּ. איך האָב דאָס אויסגעפּרוווט אויף די קעפּ פון די צוויי קינדער, וואָס האָבן מיך ביי נאַכט אויפגעוועקט. נו, און איצט גלייבט איר מיר שוין? — האָט אַנטאָן מיט אַ נצחון־טאָן געענדיקט.

ערשט ווען ער האָט דערזען דעם פינף־עקיקן סאָוויעטישן שטערן אויף אַלעקס פּעלצל, האָט ער פאַרצווייפלט אויסגעשריגן:

— מאַריאַ! איך בין אַ פאַרפאַלענער!...

מיר האָבן אים מיטגענומען מיט אונדז און געבראַכט אין לאַגער. ביי דער אויספאָרשונג האָט ער זיך געבעטן מען זאָל אים לאָזן לעבן, דערפאַר וועט ער דינען מיט אינפאָרמאַציעס און געווער.

דער אורטייל איז געווען אַזאַ ווי ער האָט פאַרדינט.

אויף זיין קבר — האָט דערציילט ראָזענבלאַט — האָבן מיר אָנגעלייגט היי, גראָז און טרוקענע צווייגן און עס אָנגעצונדן. פייער־צונגען האָבן זיך אויפגעהויבן צום הימל. דאָס איז געווען אַ נקמה פאַר די קינדער, פרויען און מענער, וועמענס לעבן איז פאַרשניטן געוואָרן דורך זיינע הענט. דאָס איז אַ נקמה־פייער.

די סאָוויעטישע פּאַראַשוטיסטן

די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונג אין די צומאַנער וועלדער, האָט זיך פּאַר־גרעסערט מיט אַ גרופּע פּאַראַשוטיסטן, וועלכע זענען אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן פון מאָסקווע, כדי אויסצופירן אַ ספּעציעלע אַרבעט אין רוקן פון שונא.

די גרופּע האָט געציילט פיר מענער און איין פרוי, וועלכע איז געווען אַן אויסגעשולטע ראַדיסטין, כדי איבערצוגעבן און אויפנעמען מעלדונגען צו דער „גרויסער ערד". די גרופּע איז געווען אויסגעשטאַט מיט די נייעסטע מאַשין־ביקסן, מיט אַ פונק־אַפּאַראַט, מיט באַטעריעס און אויפרייס־מאַ־טעריאַל.

אַ פרײדיקער טאָג איז דאָס געווען פאַר די יידישע פּאַרטיזאַנער, די באַגעגעניש מיט די רוסישע מענטשן. דער אָנפירער פון דער גרופּע אַליאָשאַ, איז גלייך צוגעטרעטן צו איבערשיקן אַ פונק־דעפּעשע צו זייער עלטסטן, איבערגעבנדיקה דאָס אָרט פון זייער לאַנדן.

די יידישע פּאַרטיזאַנער אין דעם צומאַנער וואַלד האָבן געפילט אַז זיי זענען שוין נישט פאַראייַנזאַמט. מיט דעם מאָמענט איז געקומען דאָס באַ־וווסטזיין אַז זיי זענען שוין איינגעגלידערט געוואָרן אין דער גרויסער פּאַרטיזאַנישער משפחה, פון אַלע פעלקער, וועלכע פירן אַ קאַמף מיט דעם ברוינעם פאַשיזם.

אויך די פּאַראַשוטיסטן זענען געווען אין אַ גוטער שטימונג, וואָס זיי האָבן נישט געדאַרפט לאַנג אַרומבלאָנקען אין אַ פרעמדער געגנט, ווו ס'האָט געדראָט אַ געפאַר אויפגעדעקט צו ווערן דורך די דייטשן.

די פרייד איז אָבער באַלד געוואָרן פאַרשטערט. פּלוצעם קומט צו לויפן דער פּאַרטיזאַן לייזער זעלדמאַן מיט אַ מעלדונג, אַז וואַלד־וועכטער מיט וולאַסאָווצעס רינגלען אַרום די באַזע. אַלע זענען גלייך געשטעלט געוואָרן אַלאַרם־גרייט... מיר זענען געווען געצווונגען אויפצונעמען די שלאַכט.

מיר האָבן זיי דערלויבט צוצוקומען נעענטער און פון זייער אַ קורצער דיסטאַנץ געעפנט אַ פייער. אַ האָגל פון צעגליטן בליי האָט באַדעקט זייערע רייען און מיטאַמאָל זיי צוגעפּרעסט צו דער ערד. אונדזער פייער־כוח איז געוואָרן פאַרשטאַרקט מיט די צוגעקומענע מאַשין־ביקסן פון די פּאַראַשו־טיסטן. די פאַשיסטן האָבן זיך גענומען ראַטשקעווען אויף צוריק און אין

אַ גרויסער בהלה געמנומען אַנטלויפן, איבערלאָזנדיק טויטע און פאַרוווּנדעטע.

איינעם פון די וואַלד־וועכטער איז געלונגען צו נעמען אין געפאַנגענ־שאַפט. ביים פאַרהער האָט ער געמנומען ווײנען מיט ביטערע טרערן און געבעטן רחמנות, איבערגעבנדיק אַז די וולאַסאָווצעס האָבן זיי מאָביליזירט מיט כוח, כדי דורכצוקעמען דעם וואַלד און צו כאַפּן די יידן...

אונדזערע פאַרטיזאַנער — דערציילט ווייטער „גרישאַ" — האָבן אין אים דערקענט איינעם פון די שוצמענער, וועלכע האָבן אָנטייל גענומען אין די שחיטות אין זאַפּיווקע. — דער אורטייל איז געווען אַ קורצער — און גלייך אויסגעפירט געוואָרן — דער פאַראַשוטיסט פון מאָסקווע — סאַשאַ, האָט אים אַריינגעלאָזט אין בויך אַ סעריע קוילן פון זיין „בעזשומקע"...

די אָנפירונג פון דער יידישער פאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג איז געווען איבערצייגט, אַז דאָס אויפדעקן דאָס אָרט פון זייער באַזע, וועט געבן אַ מעגלעכקייט די היטלעריסטן צו קומען מיט גרעסערע כוחות, און פּרוּוון זיי פאַרניכטן. דעריבער האָט מען אָנגענומען אַ באַשלוס אַריבערצוּוואַרפן זיך אין אַ צווייטן וואַלד־אָפּשניט, ווי אויך זוכן אַ מעגלעכקייט צו פאַרבינדן זיך מיט אַ גרעסערער פאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג.

עס מוז געזאָגט ווערן, אַז דאָס אָנשליסן זיך אין אַ צווייטן קאַמפּס־אָטריאַד איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. געווען אַזעלכע סאָוויעטישע אָפּטיילונגען וואָס האָבן פּרינציפּיעל נישט געוואָלט האָבן קיין יידן אין זייערע רייען. עס איז גלייך אַרויפגעשווומען דער אַלטער אַנטיסעמיטישער פּזמון „יידן זענען פּחדנים", יידן ווילן נישט קעמפן, נאָר האַנדלען...

ווען איינצלנע יידן האָבן געוואָלט אָנקומען צו פאַרטיזאַנער, איז דער ערשטער באַדינג געווען — באַזיצן געווער. פיל יונגע בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן מיט האַרץ און נשמה געוואָלט קעמפן קעגן דייטשן שונא, האָבן געמוזט גיין אין פאַמיליען־לאַגערן. דאַקעגן נישט יידן פלעגן אָן פאַרבאַ־דינגונגען באַוואָפנט ווערן. עס זענען אויך געווען פאַקטן, ווען מען האָט ביי אַ ייד צוגענומען זיין געווער, וואָס ער האָט מיט גרויס מסירת נפש דער־וואָרבן און עס פאַרביטן אויף אַן ערגערן סאָרט.

דאָס איז געווען דער ערשטער פּעריאָד פון דער פאַרטיזאַנישער באַוועג־גונג. עס זענען געווען שווערע און ביטערע טעג. די ידיעות פון די פראָנטן האָבן נישט דערמוטיקט. די היטלעריסטישע אַרמיי האָט מיט יעדן טאָג גענומען אַלץ טיפער און טיפער אַריינדרינגען אין רוסישן שטח. די היט־לעריסטן זענען צוגעטרעטן צו דער טאָטאַלער פאַרניכטונג פון די יידן אין די געטאָס.

אין דער צייט האָט דער זעכציק־יאָריקער מאַן — סידאָר קאָוופּאַק, דער שפּעטערדיקער גענעראַל־מאַיאָר און צוויי מאָל העלד פֿון ראַטנפֿאַר־באַנד — געגרינדעט אַ פּאַרטיזאַנישע אײנהייט אין היגטערלאַנד. אַלס פֿאָרזיצער פֿון שטאָט־סאָוויעט אין פּוטיוול — אוקראַינע, האָט ער געשאַפֿן שפּייז־באַזעס אין די וועלדער, און ממש אין דער לעצטער מינוט, ביים אַריינמאַרש פֿון די דייטשן, איז אים געלונגען צו אַנטלויפֿן אין וואַלד.

ער האָט צונויפֿגענומען אַרום זיך אַ גרופּע פֿון עטלעכע צענדליק מענטשן — פּוטילאָווער איינוווינער, וועלכע האָבן זיך געשטעלט פֿאַר אַ ציל: קעמפֿן אין רוקן פֿון דייטשן אַריינדרינגער. זיי האָבן געמוזט זיין אויסער־געוויינלעך וואַכזאַם. מען איז געשלאָפֿן אין די מלבושים, מיט דעם געווער ביי דער זייט, תמיד גרייט אויף אַן אַלאַרם און איבערפֿאַל.

די פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג פֿון קאָוופּאַקן האָט האַסטיק זיך פֿונאַנ־דערגעוואַקסן. עס זענען צוגעשטאַנען מענטשן אַנטלאָפֿענע פֿון געפֿאַנגענ־שאַפֿט, פֿון די אינטערנירונגס־לאַגערן, יידן וואָס האָבן געזוכט אַ מקלט אין די וועלדער, פֿאַר די דייטשע רוצחים. מען איז געגאַנגען אַן קאַמפּאַסן, זיך אָריענטירט לויט די שטערן און אַרויסגעהאָלפֿן פֿון קאָוופּאַקס שליחים, און פֿון גוטע פּויערים.

זייער געפּלאַנטער מאַרש צו די קאַרפּאַטן־בערג האָט אָנגעהאַלטן. דער וועג איז באַגלייט געווען מיט מיליטערישע אַקציעס, איבערפֿאַלן אויף דייטשע אײנהייטן, אויף פּאָליציייִשע וואַך־הייזער און נאָך אַנדערע גע־וואַגטע אונטערנעמונגען. צום פֿאַרטרעטער פֿון קאָוופּאַקן, אין דער פֿראַגע פֿון אויסשפּיר־דינסט, איז באַשטימט געוואָרן דער שפּעטערדיקער גענע־ראַל־מאַיאָר — פּעטראָ ווערשיגאָראַ.

די פּאַרטיזאַנישע פֿאַראײניקונג פֿון קאָפּוואַקן האָט אין אַ קורצער צייט דערגרייכט אַ ממשותדיקן כוח, וואָס האָט געציילט פֿיר באַטאַליאָנען און אין יעדן באַטאַליאָן עטלעכע ראָטעס. קאָוופּאַקס אַרמיי האָט אויך געהאַט האַרמאַטן, קוילנוואַרפֿערס, אויך אַ לייכט באַוועגלעכן האַרמאַט, וועלכן מען האָט געבראַכט מיט אַן עראָפּלאַן פֿון מאָסקווע, ספּעציעל פֿאַר פּאַרטיזאַנער, אויך אַ האַרמאַט, וועלכן מען האָט דערגאָבערט ביים שונא. די האַרמאַטן ביי פּאַרטיזאַנער האָבן געהאַט אַ מער פּסיכאָלאָגישן באַטייט, אָבער אַ סך מאָל אַן אָפּשרעקונגס־כוח פֿאַרן שונא.

אונדזער ציל — האָט פֿאַרגעזעצט „גרישאַ" — איז געווען, זיך אָנ־צושליסן צו די פּאַרטיזאַנער אונטער דער אָנפֿירונג פֿון מישאַ גילדמאַן, דעם באַקאַנטן אַלס „דיאַדיאַ מישאַ", נאָר אין דאָרף ציערמין האָבן מיר

באַגעגנט פּאַרטיזאַנער פון קאָוופּאַקס אָטריאַד. באַלד זענען מיר געקומען צו אַ פאַרשטענדיקונג. אונטער דער אָנפירונג פון זייער קאַפּיטאַן, בערעזנוי האָבן מיר אין מיטן נאַכט דערגרייכט דעם ראַנד פון אַ וואַלד און אין די צעוואָרפענע דאָרפישע הייזלעך באַשלאָסן צו איבערנעכטיקן.

דאָס מאָל זענען מיר רויִק געשלאָפן, ווייל די שומרים פון קאָוופּאַקס פּאַרטיזאַנער האָבן באַוואַכט אויך אונדזערע הייזער. דעם צווייטן טאָג האָבן מיר אויף שליטנס זיך געלאָזט צו דער באַזע פון קאָוופּאַקס פאַראייניקונג. פלוצעם האָט זיך דערטראָגן צו אונדז אַן אָפּהילך פון שאָסן, פון דער נישט ווייט פון אונדז זיך געפינענדיקער הילצערנער בריק. אַלע זענען תיכף אַראָפּגעשפּרונגען פון די שליטנס און פאַרנומען קאַמפּס־פּאָזיציעס. נישט ווייט פון מיר, אונטער אַ בוים איז געשטאַנען דער פּאַרטיזאַן פון אונדזער אָטריאַד, דער אוקראַיִנישער בחור אַנדרעי סאַבין און יעדעס מאָל האָט ער גענומען אַן אַנדער היטלעריסט אויף זיין ציל...

מיטאַמאָל האָב איך באַמערקט ווי סאַבין האָט זיך געטון אַ וואַקל. אַ סעריע פון קוילן האָט דורכגעלעכערט זיין ברוסט. איך בין מיטן אויגנבליק צוגעשפּרונגען צו אים — געפּרוווט באַנדאַזשירן זיין ווונד. סאַבין האָט געעפנט די אויגן און שטיל, מיט די לעצטע כוחות געשעפּטשעט „גיי, גרישאַ, איך בין שוין פאַרלוירן, נעם צו מיין געווער". זיין קאָפּ איז אַרונטערגעפאַלן. מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ האָב איך מיך הילפלאָז צוגעקוקט צו מיין גוססדיקן קאַמפּס־חבר.

די ידיעה וועגן סאַבינס טויט האָבן אַלע אויפגענומען מיט טיפן טרויער און טרערן אין די אויגן. יעדער האָט געטראַכט וועגן דעם אוקראַיִנישן בחור אַנדרעי סאַבין, פון דאָרף רידניק, וועלכער האָט פאַרלאָזט זיין היים, זיין יונגע פרוי און קינדער, זיך אָנגעשלאָסן אין דער יידישער פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג, כדי איר צו העלפן. ער האָט געוואָלט מיט זיין יונג לעבן און מיט זיין בלוט אָפּמעקן די שאַנד פון זיין פאָלק, וועמענס זין האָבן אין אַ גרויסער מאָס געהאָלפן די נאַציס אין די שחיטות פון יידן...

אַ נישט פאַרגעסלעכע דאַטע

דעם וועג צו דער פאַרטיזאַנישער באַזע — האָט דערציילט וויטער ראָזענבלאַט — האָבן מיר דורכגעמאַכט צופוס. אויף די שליטנס זענען געלעגן די פיר פאַרוואונדעטע פאַרטיזאַנער און דער קערפּער פון אַנדרעי סאַבין.

באַלד ביים אָנקומען האָט אונדז דער קאַפּיטאַן בערעזנוי געמאָלדן, אַז מען רופט די אָנפירונג פון דער יידישער פאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג צום גענעראַל קאָוופּאַק. חיים וואַטשין און איך זענען אַריינגעגאַנגען אין אַ גרויס דאָרפיש הויז. ביי אַ טיש אַרום אַ צעלייגטער מאַפּע זענען געשטאַנען זעקס מענער, צווישן זיי: דער קאַפּיטאַן בערעזנוי, דער גענעראַל ווער־שיגאָרא, דער קאָמיסאַר סעמיאַן רודנאָוו און דער גענעראַל קאָוופּאַק. פון די פונקטן וועלכע זענען דערמאָנט געוואָרן אויף דער מאַפּע האָבן מיר געהערט אויסרעכענען נעמען פון אָרטשאַפטן ווו ס׳איז געווען אונדזער פאַרטיזאַנישע טעטיקייט ווי: צומאַן, קיווערצע, רידניק און אַנדערע.

נאָך אַ לענגערן שמועס האָט אונדז דער גענעראַל קאָוופּאַק אויפגע־קלערט אַז עס וואָלט געווען אַ סך בעסער, מיר זאָלן צעטיילט ווערן אין די באַזונדערע אָפּטיילונגען.

דאָס איז געווען דעם 5־טן דעצעמבער 1942 אין דאָרף גלושקאָוויצע, ווו מיר זענען אָפיציעל איינגעגלידערט ווי פאַרטיזאַנער פון זיין פאַראיי־ניקונג.

בעת דעם באַרימטן מאַרש פון קאָוופּאַקן צו די קאַרפּאַטן־בערג, זענען באַפרייט געוואָרן אַ סך ערטער, דערונטער געטאָס און אַרבעטס־לאַגערן. ער האָט אויפגענומען אין זיין פאַרטיזאַנישער אַרמיי פיל יידן אויסבאַהאַל־טענע אין די וועלדער און ביי פויערים און נאָך דעם באַפרייען די יידן פון לאַגער אין סקאַלאַט־גאַליציען, האָט ער געשאַפן אַ יידישע נאַציאָנאַלע ראַטע, מיט אַ יידישער אָנפירונג, פון דערפאַרענע פאַרטיזאַנער פון אַנדערע אָפּטיילונגען. די ראַטע האָט געציילט בערך 75 פאַרטיזאַנער, צווישן זיי צען מיידלעך.

צום קאָמאַנדיר איז אויסגעוויילט געוואָרן יואל טשערבאַטי — פסעוו־דאָנים „וואַניאַ״, פּאָליטרוק חיים וואַטשין — פסעוודאָנים „פּעטיאַ״, קאָ־

מאַנדיר פון דער ערשטער אָפּטיילונג גד ראַזענבלאַט — פּסעוודאָנים „גרישאַ״, קאָמאַנדיר פון דער צווייטער אָפּטיילונג אַדאַם קופּער, קאָמאַנדיר פון דער דריטער אָפּטיילונג זוסיע חייציק, סטאַרשינאַ — אשר פישפּעדער. שפּעטער איז צום קאָמאַנדיר פון דער ראָטע נאָמינירט געוואָרן — גד ראַזענבלאַט.

די יידישע קעמפער זענען געווען אַ זייער געוווּנטשענער עלעמענט, פאַר די סאָוויעטישע פאַרטיזאַנער. זיי האָבן געקענט אַלע שטעגן און וועגן. דאָס זענען געווען אָרטיקע מענטשן וועמען ס׳זענען געווען באַקאַנט אַלע אומוועגן אין די וועלדער, די געגנט, מענטשן און איבערהויפּט די שפּראַך פון דער באַפעלקערונג. אַ סך האָבן אויך געדינט אַלס דאָלמעטשערס, ביים כאַפּן אַ „צונג״...

מיט דער צושטימונג פון דער פאַרטיזאַנישער אָנפירונג האָבן מיר באַשלאָסן אַרויסצושיקן אַ גרופּע קעמפער, מיט הערשל ניידן און זושי חייטשיק אין דער שפּיץ, אין דער געגנט און אין די וועלדער פון צומאַן, קלאָפּאַצקין, רידניק, קאַלקי, מיטן ציל אויפצוזאַמלען אַלע בלאָנקנדיקע אין די וועלדער יידן און דערמעגלעכן זיי אַנצושליסן זיך אין די פאַרטיזאַנישע רייען.

ביי אַ ייד אַ פאַרטיזאַן וואָס האָט איבערגעלעבט די זעקס בלוטיקע יאָר פון דער היטלער־ממשלה, האָבן זיך איינגעקריצט אין זכרון מאָמענטן פון קאַמף, טראַגישע געשעענישן, גוטע און שלעכטע מענטשן אין זייער טאָג־טעגלעכער אויפפירונג. עס זענען פאַרבליבן געשטאַלטן, וועלכע שטייען פאַר די אויגן ווי לעבעדיק. אין די אויערן קלינגט ביז היינט זייער געוויין, זייער וויי־געשריי, ווען מען רייסט פון זיי אַוועק זייערע נאָענטע, זייער פאַרצווייפלונג און יאוש, אָבער, טיף זייער טיף, האָט זיך איינגעקריצט די דאַטע פון 10־טן יולי 1943, די באָמבאַרדירונג פון אונדזער פאַרטיזאַנישער באַזע.

אין איין אָטעם בין איך געלאָפן אין וואַלד — דערמאָנט זיך ראָזענבלאַט — צו אונדזער לאַגער מיט זייער אַ שלעכט פאַרגעפיל. איך בין צוגעקומען צו דער באַזע פון אונדזער ראָטע איז מיר פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. דאָס אָרט איז געווען פול מיט גריבער, פון וועלכע ס׳האָבן זיך דערטראָגן קרעכצן און געוויינען. צווישן די פאַרוווּנדעטע זענען געווען כמעט די גאַנצע אָנפירערשאַפט פון אונדזער 7־טער יידישער ראָטע — יואל שטשערבאַטי, אַדאַם קופּער, חייטשיק זוסיע און אַנדערע. מיר האָבן

זיי אַרויפגעלייגט אויף וועגענער און צוגעפירט צו דער מעדיצינישער אָפּטיילונג ביים שטאַב.

אין די רייען האָבן זיך אויסגעשטעלט, אויף מיין באַפעל, בלויז 45 מאַן. פון דער אַנפירערשאַפט זענען אַרויס גאַנץ בלויז איך, דער פּאָליטרוק חיים וואַטשין און צוויי ווזוואָד־קאָמאַנדירן.

אין דעם מאָמענט קומט צו לויפן דער פאַרבינדלער מיט אַ מעלדונג, אַז דער גענעראַל קאָווּפּאַק און ווערשיגאָראַ גייען צו אונדז. איך בין געווען אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט — פונקט אין אַזאַ חרובן מצב דאַרפן זיי אונדז זען.

עס האָט זיך צו אונדז דערנענטערט קאָווּפּאַק, ווערשיגאָראַ און דער שטאַב־נאַטשאַלניק, באַזימאַ. נאָכן אָפּנעמען דעם ראַפּאָרט, איז קאָווּפּאַק דורכגעגאַנגען זיך צווישן די רייען, באַטראַכטנדיק אויפמערקזאַם די מענטשן.

מיט אַ פאָטערלעכער שטימע האָט ער זיך געווענדעט צו אַלע: „איר דאַרפט פאַרשטיין אַז מיר זענען סאָלדאַטן, וועמען עס שטייט פאַר אַ לאַנגער קאַמפּס־וועג. איך ווייס און פאַרשטיי אייער באַזונדערע לאַגע. מיינע שטאַב־מענטשן האָבן פאַר אייך פאַרשטענדעניש. אָבער, — פאַר־שטייט, — איר קאָנט נישט זיין קיין אויסנאַם. איר מוזט אויספירן באַפעלן, גענוי ווי אַלע. די פון אייך, וואָס ווילן באַשליסן צו בלייבן דאָ ווילן מיר זיי העלפן מיט אַלעמען. מיר האָבן שוין אַ סך פון אייערע מענטשן איינ־געאָרדנט אין דער געגנט ביי פּויערים. מעגלעך, אַז אויך צווישן אייך זענען דאָ שוואַכע מענטשן, זאָלן זיי אַרויסגיין פון די רייען. אָבער ווייסט, אַז די וואָס ווילן פאַרבלייבן, ווילן מוזן אויספירן באַפעלן גענוי ווי אַלע אַנדערע זעלנער. מיר האָבן נאָמינירט איבער אייך אַ גוטע אָנפירונג, פּאַרטיזאַנער מיט אַ קאַמפּס־עבר. איך האָב געהערט, אַז אַ סך פון אייך זענען פאַרווונדעט געוואָרן. פון היינט וועט אייער קאָמאַנדיר זיין גריגאָרי לייבאָוויטש ראָזענבלאַט און דער פּאָליטרוק וועט זיין ווייטער פּעטיאַ וואַטשין.

איצט וועגן דער באָמבאַרדירונג. איר האָט זיך נישט געטאָרט באַוועגן. דער אַעראָפּלאַן אין דער הויך קאָן גאָרנישט באַמערקן, אויב אונטן איז נישטאָ קיין באַוועגונג. די נאַטור האָט געשאַפןביימער און בלעטער, כדי צו קענען זיך מאַסקירן. אין אַ נויטפאַל נעמט בלעטער, צווייגן און פאַרדעקט מיט דעם אייערע קערפּערס. געדענקט דאָס גוט!...

אויך נישט פאַרגעסלעך — איז די באַגעגעניש מיט די רעשטלעך יידן אַנטלאָפענע פונעם סטאַניסלאַווער געטאָ.

יידישע פּאַרטיזאַנער פון קאָווּפּאַקס פאַראייניקונג האָבן זיך אָנגעשטויסן אין „שוואַרצן וואַלד" ביי סטאַניסלאַוו אויף אַ „גרופּע אַנטלויפנדיקע מענטשן, נאָכן פאַרהאַלטן זיי, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די פיר בחורים און מיידלעך זענען יידן.

— מיר — זאָגט „גרישא" — האָבן באַקומען אַ באַפעל פון שטאַב, צו ברענגען די מענטשן צו אַן אויספאָרשונג.

די יידן זענען געווען בלאַס, דערשראָקן און פאַרצווייפלט, ווייל אַ סך פון אונדז זענען געווען געקליידעט אין דייטשע מונדירן, וואָס מען האָט דערוואָרבן בעתן אָנפאַל אויף דעם שטעטל סקאַלאַט. זיי האָבן זיך באַרואיקט ווען מיר האָבן צו זיי אָנגעהויבן ריידן יידיש... אַלע האָבן אויסגעבראָכן אין אַ ביטער געוויין.

דער גענעראַל ווערשיגאָראַ האָט אונדז אָוועקגענומען אין אַ זייט. איך און חיים וואָטשין האָבן אויף זיי געוואַרט. באַלד איז ווערשיגאָראַ צוגעקומען און ערנסט געפרעגט — איר ווייסט אויף זיכער אַז דאָס זענען יידן?

— קלאָר, אָן שום ספק! האָט געענטפערט וואָטשין...

— ווי קאָנסטו עס פעסטשטעלן?

— פּשוט, לויט דער שפראַך.

— און ווי אַזוי וועסטו דערקלערן דעם פאַקט, וואָס איך האָב געפינען ביי דעם בלאָנדן מיידל סם?

— די יידן גרייטן זיך צו סם — האָט דערקלערט „פעטיא" כדי צו פאַרשפּאָרן די יסורים און פּיין, אין פאַל פון אַ סכנה אַריינצופאַלן צו די דייטשן. דאָס איז טראַגיש, אָבער אַזוי איז דער יידישער גורל.

— און איך האָב געגלויבט, אַז דאָס האָבן די דייטשן צו אונדז אַריינגעשיקט שפּיאָנען פאַרמאַסקירטע פאַר יידן, מיטן ציל צו פאַרסמען די שטאַב־קעסלען. פון דעסט וועגן „פעטיא" גיב גוט אכטונג אויף די נייע מענטשן. פאַרזיכטיקייט שאַדט קיין מאָל נישט.

די יונגעלייט זענען שפּעטער אַנגעשלאָסן געוואָרן אין אונדזער פאַרטיזאַנישן אָטריאַד.

אויף דער אַרישער זייט

דערציילט פון פּאַרטיזאַן נתן שחר — אַנאַטאָל מאַנטשקאָווסקי

אויף דער פֿאַראָרדענונג פון די נאַציס אָפּצוטיילן די יידן פון דער אַרטיקער באַפעלקערונג און איינשפּאַרן אין געטאָס, האָט אַ גרויסער טייל יידן אין פאַרשידענע שטעט און דערפער באַשלאָסן נישט אונטערצוּוואַרפן זיך זייער באַפעל, און אַוודאי נישט צו טראָגן די שענדלעכע געלע לאַטע.

פּרויען האָבן אָנגעהויבן זיך צו פאַרשאַפן לינקע דאָקומענטן, מיט נישט יידישע נעמען, אויך מענער, וועלכע האָבן געהאַט „אַ גוטן אויסזען" ווי מען האָט געזאָגט אויף די יעניקע, וועלכע זענען געווען ענלעך צו גוים, האָבן נאָכגעטון זייער ביישפּיל. מען האָט זיך איבערגעצויגן אין אַנדערע ערטער, ווי מען איז נישט געווען באַקאַנט, און געפּרוווט זיך ווייטער פאַרמעסטן מיטן גורל — אויף דער אַרישער זייט...

נתן שחר — אַנאַטאָל מאַנטשקאָווסקי מיט זיין טאַכטער אַני קומען אין וואַרשעווער געטאָ. אין אַ קורצער צייט שפּעטער געלונגט אַנין צו באַקומען אַ דאָקומענט פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג אין וואַרשע, אויף דעם נאָמען אַננאַ כאַרנאַשיק און גייט אַריבער אויף דער אַרישער זייט. נתן און זיין ברודער ישראל הייבן איצט אָן צו זוכן וועגן, מיט וועלכע זיך דורכקלייבן צו די פּאַרטיזאַנער.

זיי גיבן זיך אָפּ אַ דין וחשבון, אַז דאָס לעבן אין וואַלד געהערט נישט צו די לייכטע זאַכן. די קלימאַטישע באַדינגונגען אויף וועלכע דער מענטש איז אויסגעשטעלט, זומער אין די היצן און די רעגנס, ווינטער אין די פרעסט און אין שניי, איז נישט געווען פאַרלאָקנדיק; אויך די פראַגע פון קליידונג און לעבנסמיטל, און שוין דאָס וויכטיקסטע — געוווער מיט וועלכן זיך צו פאַרטיידיקן און אָן וועלכן מען קאָן איבערהויפּט נישט קומען צו די פּאַרטיזאַנער — האָט נישט איבעריק געצויגן אין וואַלד אַריין. נאָר דער האַס צום אכזריותדיקן פיינט און דער ווילן צום קאַמף און נקמה, האָט גובר געווען אַלע קווענקלעניש.

סוף כל סוף האָבן זיי זיך דערשלאָגן אין דיווישקאָווער וועלדער. זיי האָט זיך נישט איינגעגעבן אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט קיין איינציקער



נתן שחר

פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג און נאָך אַ לאַנגער וואַנדערונג זענען זיי געצוווּנ־גען געווען זיך אומצוקערן אין וואַרשעווער געטאָ.

נתנס טאָכטער אַני (פּסעוודאָנים אַננאַ כאַרנאַשיק), איז שוין דעמאָלט געווען אַן אַקטיווער מיטגליד אין דער אונטערערדישער באַוועגונג פון דער פּאָלקס־גוואַרדיע (ג.ל.), זי איז געווען אַ פאַרבינדלעריןן, איבערגעטראָגן געווער, באַפעלן און ליטעראַטור צו די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען, און אַזוי אַרום האָט זי דערמעגלעכט דעם טאַטן און זיין ברודער ישראל אָנצו־קניפּן אַ קאָנטאַקט מיט אַ פרוי, (פּסעוודאָנים „איקס") און יענע האָט זיי געברענגט ביז צום דאָרף אָזשעכוּוו־דוזשי. אויף דעם וועג טרעפן זיי אַ סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונג. דאָ זענען זיי פאַרבליבן עטלעכע טעג. זייער ציל איז אָבער די יידישע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונג, מיט וועלכער ס'האָט אָנגעפירט דער לעגענדאַרער קאַפּיטאַן דאָמבראָווסקי, וועמענס אמתער נאָמען איז כיל גרינשפּאַן.

די טעטיקייט פון כילס פּאַרטיזאַנער האָט געפינען אַ ברייטן אָפּקלאַנג אין אַ סך געטאָס. זייערע אַקציעס און נקמה אין די דייטשע מערדער האָט ביי אַלע פאַרפּאָלגטע אַרויסגערופן ממש באַגייסטערונג. דער בחור מיט דעם נאָמען כיל איז אויסגעוואַקסן ביי יידן צו אַ פאַנטאַסטישן העלד. — טאַקע צו אים אין די פּאַרטשעווער וועלדער האָבן זיי באַשלאָסן צו גיין.

ביי די פּאַרטיזאַנער פון כילן האָבן זיי געטראָפן אַ וואַרעמע סביבה, עס איז דאָ געוואָרן פאַר זיי די צווייטע היים. זיי האָבן אויך געהאַט, קאָן מען זאָגן, אַ „ספּעציעל גליק" גלייך אַריינגעצויגן צו ווערן אין דער דייטשער אַקציע, אין די פּאַרטשעווער־וועלדער. די ברידער שחר האָבן שפּעטער אויך אנטיילגענומען אין פאַרשידענע פּאַרטיזאַנישע קאַמפּס־אַקציעס, ווי: צעשטערן בריקן, אונטערשניידן טעלעפאָן־סלופּעס און צעשטערן די פאַר־בינדונגען פון דער דייטשער אַדמיניסטראַציע, די אַקציע אויף דער ליניע פּאַרטשעוו־וולאַדאָוואַ־ברעסט און אַנדערע. — אין דער זעלבער צייט שפּילט די טאָכטער פון נתן שחר — דאָס אייניקל פון דעם חסיד פונעם גערער רבן, רב יהושע מאַקאָווער ווי מען האָט אים גערופן — אַ גרויסע און געפערלעכע ראָלע, אויף דער אַרישער זייט, אין די רייען פון ג.ל. אונטערן נאָמען אַננאַ כאַרנאַשיק...

ס'איז פאַראַנען אַ מיינונג אַז שיינע פרויען פאַרנאַכלעסיקן אָפט מאָל זייערע פעיקייטן אויף אַ סך געביטן, אָבער אַני איז געווען אַ דירעקטע אָפּלייקענונג פון דער דאָזיקער אויפפאַסונג. זי איז געווען שיין — אָבער

נתנס טאָכטער אַננאַ כאַרנאַשיק

אויך קלוג און באַלעזן, זי איז געווען אַ מיידל מיט אַ גרויסער אינטעליגענץ, מיט אַ מעשׂים־גיריקן טעמפּעראַמענט און אָרגאַניזאַטאָרישן כּוח. מיט דעם גאַנצן יוגנטלעכן ברען וואַרפט זי זיך אין די געפערלעכסטע שליחותן פון דער אונטערערדישער אַרבעט.

אין די קעמפער־רייען באַגעגנט זי דעם פּוילישן בחור יעזשי דוראַטש, דער זון פון דעם באַקאַנטן פּאַרטיידיקער אין די פּאָליטישע פּראָצעסן אין סאַנאַצישן פּוילן טעאָדאָר דוראַטש — איר שפּעטערדיקער לעבנס־באַגלייטער און איינער פון די חסידי אומות העולם, וועלכער האָט אין דער פינצטערער נאַצי־תּקופה געהאָלפן ראַטעווען יידישע מענטשן.

אין די פאַרשיידענע אַקציעס אונטער דער אָנפירונג פון יעזשי דוראַטש (פּסעוודאָנים — „פּעלעק”) נעמט אנטייל אויך די חברטע פון אַניק, ניוטע טייטלבוים (פּסעוודאָנים — „וואַנדאַ”). מ'האָט זי גערופן „פלאָנאַנצאַ פּאַכאַ־דניאַ”, ביי די דייטשן איז זי געווען באַקאַנט אַלס די „קליינע בלאָנדע”. אין דער אַקציע אויף „קאַמער־שפּיעלע־ליכטענטעאַטער” וואָס איז געווען נאָר פאַר דייטשן, אויפן „קאַפּע־קלוב” אין סאַמע האַרץ פון וואַרשע, אויף עק נאָווי שוויאַט און אַלעע יעראָזאַלימסקע, האָט זי זיך אויסגעצייכנט מיט איר דרייסטקייט.

דאָס איז געווען זומער 1943. זיי האָבן דאָס לאָקאַל אַטאַקירט מיט האַנט־גראַנאַטן. עס זענען דעמאָלט פאַרוווּנדעט און געהרגעט געוואָרן עטלעכע צענדליק נאַצישע אָפיצירן. דער אַטענטאַט איז געווען אַ נקמה־אַקט פאַר דער עקזעקוציע אין וואַרשע, פון פופציק פּוילישע אונטערערדישע קעמפער.

אין דער אַקציע אויפן „קאַפּע קלוב” האָט אויך אנטייל גענומען און געפאַלן, דער ברודער פון דעם באַקאַנטן יידישן היסטאָריקער יעקב שאַצקי.

צוזאַמען מיט איר מאַן יעזשי דוראטש „פּעלעק” נעמט אני אנטייל אין דעם פּוילישן אויפשטאַנד אין וואַרשע, פון א.ק. אויגוסט 1944. אני האָט געאַרבעט אין הויפּטקוואַרטיר פון אויפשטאַנד, און איר מאַן יעזשי איז אַן אָנפירער פון אַ דיווערסאַנטן־גרופּע, וועלכע פירט אויס די געפער־לעכסטע אויפגאַבן אויף די גאַסן פון וואַרשע.

דער קאַמף איז אַ פאַרביסענער, מיט גוואַלדיקע קרבנות, אני און יעזשי דוראט פאַלן אַריין אין דייטשער געפאַנגענשאַפט.

עס קומט דער לאַנג אויסגעבענקטער טאָג — דער 9 מאַי 1945 — דער זיג איבער דער היטלעריסטישער בעסטיע און די קאַפּיטולאַציע פון דריטן רייך. די פאַמיליע דוראטש קערט זיך אום צוריק קיין פּוילן.

אין ערשטן פעריאָד פון דעם באַפרייטן לאַנד, האָט יעזשי און אננא דוראַטש פאַרנומען אפילו זייער וויכטיקע רעגירונגס־פּאָזיציעס. יעזשי דוראַטש איז באַשעפטיקט אין יוסטיץ־מיניסטעריום און אננא אין מיניסטאָרן־ראַט אַלס די סעקרעטאַרין פון יאַקוב בערמאַן, דער אַזוי גערופענער „שארא עמינענציא״ און דעה־זאָגער אין פאָלקס־פוילן.

אָבער דאָס האָט געדויערט נישט לאַנג. די סטאַלינישע שפּיאָנאַזש־מאַניע האָט געטראָפן אויך דאָס כלומרשטע פרייע פוילן. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן אַרעסטירונגען פון געוועזענע שפּאַנישע קעמפער, פון מענטשן וועלכע מ׳האָט צוגעשריבן נאַציאָנאַליסטיש־טראָצקיסטישע אָפּנויגן און דער ווירבל האָט ארייַנגעכאַפּט אויך אַננאַ דוראַטש, מ׳האָט איר פאָרגעוואָרפן קאָנטאַקטן מיט דעם אַמעריקאַנער שפּיאָן — נאָעל פיעלד.

אין יאָר 1949 ווען ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די פינצטערע פּראָצעסן קעגן די קאָמוניסטישע פירער אין די איינגעגלידערטע צו סאָוועט־רוסלאַנד, פאָלקס דעמאָקראַטישע לענדער, האָט אויף דעם פּראָצעס פון ראַיקן אין בודאַפּעשט, דער „אַמעריקאַנישער הויפּט־שפּיאָן״ נאָעל פיעלד, דערמאָנט וועגן אַ בריוו צו יאַקוב בערמאַנען, וועלכן ער האָט איבערגעוויזן דורך דער פאַרמיטלונג פון דער סעקרעטאַרין אַננאַ דוראַטש. — דאָס איז שוין געווען גענוג, אַז נישט נאָר בעריע, נאָר דער „פאָטער פון די פעלקער״ אַליין זאָל פּערזענלעך זיך אַריינמישן אין דער פראַגע. און דער „אַמעריקאַניש ציוניסטישער שפּיאָן״ אַננאַ דוראַטש, זאָל דורך איר שעף אויסגעליפערט ווערן אין די הענט פון די סטאַליניסטישע הענקער.

מען האָט אָנגעהויבן צוריקגיין צו די טרויעריקע צייטן פון די מאָסקווער־פּראָצעסן. פאַרבינדן די טראַגעדיע פון ראַיק, סלאַנסקי, קאָסטאָוו, אַננאַ פאָוקער און אַנדערע מיט די אַרעסטן פון וולאַדיסלאַוו גאָמולקא און מאַריאַן ספּיכאַלסקי, וועלכע זענען געווען פאַרבינדן מיט דער ג.ל. און א.ל. וועמענס אויסשפּיר־דינסט האָט געזאָלט דינען דער דייטשער ווערמאַכט.

ס׳איז געקומען צו אַ קאָנפראָנטאַציע פון אַננאַ דוראַטש מיט מאַריאַן ספּיכאַלסקי (שפּעטערדיקער פאַרטיידיקונגס מיניסטער פון פוילן), שוין אַ צוזאַמענגעבראָכענער האָט ער זיך געבעטן ביי איר, אַז זי זאָל זיך מודה זיין — ווייל „זיי״, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט ווייסן שוין אַלץ...

די העלדישע יידישע קעמפערין האָט דאָס אַלץ מער נישט געקאָנט איבערטראָגן און אין דער צעלע געוואָלט אַ סוף מאַכן צו איר לעבן, דורך איבערשניידן די אָדערן... עס געלונגט זי אָפּצוראַטעווען.

ס׳איז דאָס יאָר 1956. אַ סך האָבן געגלויבט אַז די קאָשמאַרע טעג זענען פאַרשווינדן. דער בלוטלאָזער „פּוילישער־אָקטאָבער" באַפרייט אַ סך אומשולדיקע מענטשן פון די אַרעסטן, אויך אַננאַ דוראַטש איז געוואָרן רעהאַביליטירט... אַ פיזיש צעבראָכענע קומט זי צוריק צו איר משפחה.

יעזשי און אַננאַ דוראַטש לעבן איצט איבער אַ ביטערע אַנטוישונג, זיי פירן אַ צוריקגעצויגן לעבן. מיט אומרו טוען זיי אָבסערווירן דעם נייעם רעזשים פון זענאָן קלישקאָ און וולאַדיסלאַוו גאָמולקאַ, אַ רעזשים וועלכער האָט זיך אין גרונט נישט פיל געביטן, אַ חוץ נאָר אין דעם וואָס אים איז צוגעקומען אַ נאַציאָנאַליסטיש־אַנטיסעמיטישער שטריך.

פיזיש צעבראָכן פון די איבערלעבונגען, קומט אַני קיין ישראל, וווּ עס וווינט איר טאַטע נתן שחר, אָבער איר פרייד פון איר לעבן איז רעזומירט און דאָס געזונט אויסגעשעפּט.

יוני 1975 האָט די העלדישע יידישע טאָכטער אויף אייביק פאַרמאַכט אירע אויגן.

כבוד איר אנדענק!

די פּאַראַשוטיסטין חנה גרינשפּאַן פּסעוודאָנים „לענאַ"

עס איז אַ מנהג ביי פעלקער אין זייערע מיליטערישע אָפּטיילונגען איינצואָרדענען אַ געדענק־טאָג, פאַר זייערע געפאַלענע העלדן. די ביים אַפּעל פאַרזאַמלטע זעלנער, וועלכע האָבן געקעמפט אויף דעם זעלבן פראָנט מיטן שונא, אונטער דער זעלבער פאָן, שטייען אויף אַכטונג. עס קלאַפּן די פּויקן און ווערבלען, ביי אַ יעדן אויסגערופענעם נאָמען פון די געפאַלענע אין קאַמף און מען רופט אים צו שטעלן זיך צום אַפּעל — עס קומט אַן ענטפער פון די רייען — „געפאַלן אויפן שלאַכטפעלד מיט אַ העלדישן טויט"...

אויך ביי יידן איז פאַראַן אַן אַלטער באַגריף, אַלט ווי דער זכרון פון דעם געפייניקטן פאָלק, אויף זיין דורותדיקן, טראַגישן וועג פון זיין גע־שיכטע, וואָס ווערט באַצייכנט מיט דעם וואָרט יזכור. זאָלן די געציילטע שורות זיין אַ יזכור, אַ דערמאָנונג, אַ מצבה, דער העלדישער יידישער טאָכטער, דער פּאַראַשוטיסטין — חנמה גרינשפּאַן...

חנה האָט געשטאַמט פון אַן אָרעמער היים. דער טאַטע אַ בעקער־אַרבעטער, וועלכער האָט מיט גרויס מי און מאַטערניש אַרויסגעשלעפּט דאָס שטיקל ברויט פאַר זיין משפחה. געוווינט ווי אַלע אָרעמע לייט אין יידישן פערטל, אין טשאַרטקעוו, אין אַ הינטערגעסל, אין אַן איינגעהויקערט ליימענעם שטיבל, וואָס דער ווינט האָט עס על־פּי־נס נישט אָוועקגעטראָגן.

ביי דעם בעקער האָט זיך דערצויגן אַ הויך, שלאַנק מיידל, מיט אַ שיינעם בלאָנדן קאָפּ האָר. מיט איר רונד פּנימל, מיט דעם פאַרריסענעם נעזל און אירע העל בלויע אויגן, איז זי ווייט נישט ענלעך געווען צו אַ יידישער טאָכטער.

אין דער דעמאָלטיקער טרויעריקער צייט, איז דאָס געווען אַ גליק, אַ רעטונגס־ברעט פאַר אַ יידיש קינד...

ביים איבערפאַל פון היטלער־דייטשלאַנד אויף פּוילן איז זי אַלט געווען 19 יאָר. אין לויף פון דער מלחמה ווערט פּוילן פונאַנדערגעטיילט צווישן דייטשלאַנד און סאָוויעט־רוסלאַנד. חנה האָט חתונה און אין יאָר 1940

חוה גרינשפּאַן

פאַרלאָזט זי פּוילן און קומט קיין דאָנבאַס, צו די עלטערן פון איר מאַן, וועלכע האָבן געאַרבעט אין אַ קאָלכאָז.

דאָס לעבן אין דעם קאָלעקטיוו איז נישט געווען לייכט, באַזונדערס שווער זענען געווען די וווינונגס־באַדינגונגען, נאָר חנה האָט נישט געזוכט קיין גליקן אין דער עוואַקואַציע. באַשיידן, האָט זי אָנגענומען אַלץ פאַר ליב אין דער נייער היים — אויף דער גאַסטפריינדלעכער ערד...

היטלערס פּלאַן „באַרבאַראָסאַ" איז געוואָרן אַ ווירקלעכקייט. דעם 22 יוני 1941, האָבן די ראַדיאָ־הילכערס איבערגעגעבן די טרויעריקע ידיעה, וועגן קריגס־אויסברוך צווישן דייטשלאַנד און סאָוויעט־רוסלאַנד.

די פאַשיסטישע פאַרבינדעטע דייטשלאַנד, איטאַליע און יאַפּאַן זענען צוגעטרעטן רעאַליזירן זייערע רויבערישע פּלענער. היטלער האָט אָנגעהויבן, דעם אַזוי גערופענעם בליץ־קריג. אויסנוצן די שלעכטע צוגרייטונג פון דער סאָוויעטישער אַרמיי, די דעמאָבליזאַציע, די אַרעסטן, דאָס אַנטקעפּן די אַרמיי פון אירע בעסטע מיליטערישע סטראַטעגן און אָנפירער, לויט סטאַלינס באַפעל.

די טרויעריקע לאַגע האָט געגעבן דער היטלעריסטישער אַרמיי אין די ערשטע טעג פון מלחמה־אויסברוך אַ מעגלעכקייט צו נעמען די איניציאַטיוו אין זייערע הענט. אין געציילטע וואָכן געפינען זיי זיך שוין טיף אין סאָוויעטישן לאַנד.

די מאָביליזאַציע האָט אָבער אַרומגענומען אַלע קרייזן פון דער באַפעלקערונג. אין מיליטער איז געגאַנגען אַלט און יונג. אויך חנהס מאַן איז מאָביליזירט געוואָרן און זי איז געבליבן מיט אַ קליין קינד אויף די הענט. די ראַדיאָ־מעלדונגען זענען נישט קיין פריילעכע, אויך די צייטונגען האָבן געשריבן וועגן דער ביטערער לאַגע און פאַרביסענע שלאַכטן אויף די פראָנטן; די רויטע אַרמיי האָט זיך צוריקגעצויגן אָן אויפהער און איבערגעגעבן יעדעס מאָל אַנדערע שטעט, וועלכע זענען פאַרנומען געוואָרן פון דעם שונא. ס'האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז דער פּחדן סטאַלין גרייט זיך צו פאַרלאָזן מאָסקווע און זיין זיץ־אָרט איבערטראָגן ערגעץ טיף אין הינטערלאַנד.

די היטלעריסטישע רוצחים האָבן שוין פאַרנומען דאָס געביט פון דאָנבאַס. זיי האָבן דאָ געפינען שנעל פאַרבינדעטע. די אוקראַינישע ערד, וועלכע איז דורכגעזאַפּט מיט יידיש בלוט, פון די שחיטות און פּאָגראָמען אונטער דער אָנפירונג פון דעם טרויעריק באַרימטן העטמאַן, סעמען

פעטלוראַ און „באַטקאַ מאַכנאָ" — שטעלט צו דעם נאַצישן אָקופּאַנט פּאָליציי, שפּיצלען און צוטרעגער.

די „גוטע" שכנים האָבן זיך גענומען סודן, אַז די בלאָנדע, מיט דעם פּאַרריסענעם נעזל, איז נישט פון זייערע, זי איז גאָר אַ יידישקע.

חנה גרינשפּאָן איז געצוווּנגען זיך איבערצוטראָגן אין אַ צווייטן קאָלכאָז, אָבער אויך אָהער דערגייען די ידיעות, וועגן איר יידישן אָפּשטאַם.

די געפּלאָגטע יידישע פרוי חנה גרינשפּאָן (פּסעוודאָנים „לענאַ") גיט איבער איר נישט געמאָלטע זונדעלע צו אָנשטענדיקע קריסטן און אַליין לאָזט זי זיך אין וואַלד — צו די פּאַרטיזאַנער.

די פּאַרטיזאַנישע אָנפירונג האָט אויסגענוצט איר באַקאַנטשאַפט מיט די פּוילישע פּויערים אין מזרח גאַליציע, איר שפּראַך־קענטעניש און אויך דאָס, וואָס זי האָט נישט קיין סאָוויעטישן אויסזען — און זי צוגעטיילט צום אויסשפּיר־דינסט, אויף די באַזעצטע פּוילישע געביטן.

חנה גייט אַריבער דריי מאָל די דייטש־סאָוויעטישע פראָנט־ליניע. „לענאַ" מיט נאָך אַ פּוילישן פּאַרטיזאַן (פּסעוודאָנים „יאַנעק") האָט באַקומען אַ באַפעל אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט, מיט דעם באַקאַנטן, פּוילישן, פּויערים־פירער, ווינצענטי וויטאָס, כדי מיט זיין הילף און ווירקונג אָרגאַניזירן פּויערישע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען, צום קאַמף קעגן די היטלעריסטן.

יולי 1944 ווערט חנה גרינשפּאָן „לענאַ" צום פערטן מאָל אַראָפּ־געוואָרפן, מיט אַ פּאַלשירעם, צו די פּאַרטיזאַנער אין קעלצער וועלדער. מיט זיי צוזאַמען האָט זי געקעמפט ביז וואַנען די פּוילישע ערד איז אָפּגערייניקט געוואָרן פון דער ברוינער פעסט.

אין דער צייט קערט זיך אום צוריק אין זייער חרובער היים, פון מיליטערישן שפּיטאָל איר מאַן, אַ קריגס־אינוואַליד, מיט איין פוס.

געלאַנדעט מיט דעם פּאַלשירעם אין וואַסער

דערציילט פון דעם פּאַראַשוטיסט, פּולקאָווניק יעקב וואָלקאָוו פּסעוודאָנים „יאַשאַ"

דאָס קומען פון דער „גרויסער ערד" צו די פּאַרטיזאַנער, האָט נישט געהערט צו די לייכטע זאַכן. טראָץ אַלעמען האָבן זיך אַלע געריסן און געזוכט וועגן, וואָס פריִער אַריינצופאַלן אין דער רשימה פון די, וואָס ווערן געשיקט אין באַזעצטן געביט.

יעקב וואָלקאָוו איז געשטאַנען מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ פאַר דעם קאַדרען־לייטער פונעם „שטורעם־באַטאַליאָן", דאַניע קראַוס, ווי אַמאָל יום־כּיפּור אין שיל ביים יום הדין און געוואַרט אויף זיין משפּט.

אַלע האָבן געוווּסט, אַז מיט זיין וואָרט און זיין אונטערשריפט, רעכנט זיך שטאַרק דער פירער פונעם באַטאַליאָן, דער פּולקאָווניק הענריק טאָרונטשיק.

— וואָס פאַר אַ קורס האָט איר געענדיקט? — האָט אים אַ געמיט־לעכן טאָן געפרעגט — קראַוס.

— אַלס ראַדיאָ־טעלעגראַפיסט און שיפראַנט, אין דער קאָמפּאַניע פון פּראָפעסאָר פּאַוועל שולקין, ביי דער פּרוי אינזשעניער אַננאַ מעקלער. אויך די איבונגען מיט דעם פּאַלשירעם פאַרענדיקט מיט אַן אויסצייכענונג — האָט וואָלקאָוו געענטפערט, און איצט פאַרענדיק איך דעם קורס פון אויסשפּירער, ביים פּראָפעסאָר פּאַרנאַס...

דאַניעל קראַוס האָט נאָר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. דאָס האָט באַטייט, אַז ער איז מסכּים מען זאָל וואָלקאָוון איינשליסן אין דער ליסטע.

דאָס איז שוין געווען אין זשיטין אונטער ראַוונע. יעקב וואָלקאָוו האָט שוין גענומען פּלעכטן פּלענער און זיך גרייטן צו דעם לאַנג אויסגעבענקטן פּלי, אמת טאַקע צו די פּאַרטיזאַנער, אין די וועלדער, אָבער דאָרט וועט שוין זיין דער קאַמף אויף אייגענער ערד, צווישן מענטשן וואָס ער קען זייער שפּראַך, די געוווינהייטן פון די איינוווינער, זייערע דינים און מנהגים, צווישן אייגענע.

לעגיטימאַציע־אָפּצייכענונג פון קאָשטשושקאָ

ביי טאָג און ביי נאַכט האָט ער איצט געחלומט וועגן זיין געבוירן־אָרט אזשדשוטיטשע. ער האָט זיך שוין געזען אין זיין באַפרייטער קרייז־שטאָט לוצק. ער האָט אין דמיון ווידער שפּאַצירט אויף די יידישע לוצקער גאַסן... זיך געטראָפן ווידער מיט פריינד, חברים און באַקאַנטע. אָבער באַלד האָט אַ קלעם געטאָן אין האַרץ אַ וויטיקלעכע פראַגע: צי לעבן זיי נאָך ?...

די פּסיכיק פון אַ מענטשן איז שוין אַזעלכע — ער ווייסט פון דעם גרויסן אומגליק, וועגן די שחיטות, וואָס די נאַציס האָבן אויסגעפירט איבער דער יידישער באַפעלקערונג, וועגן די געטאָס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן, קרעמאַטאָריומס. ער האָט געהערט און געלייענט וועגן דעם פאַרניכטונגס־לאַגער מיידאַנעק, טרעבלינקע, אוישוויץ, סאָביבאָר און אַנדערע. אָבער טיף אין האַרצן, טליעט אַ האָפנונג... אין מוח גריבלט אַ געדאַנק — אפשר דאָך ?... אפשר אַ נס ?... אַלץ איז דאָך מעגלעך...

דער פּולקאָווניק יעקב וואָלקאָוו איז אַ פריידענקער. ער גלויבט נישט אין ניסים. נאָר ער האָט נישט געוואָלט צולאָזן דעם געדאַנק, וועגן זייער טויט. ער האָט גענוי שטודירט און געפאָרשט די מעלדונגען, די ידיעות אין די צייטונגען — עס זענען יידן מאַסנווייז אומגעקומען. מען האָט די גריבער פאַרשיט מיט נאָך לעבעדיקע מענטשן. נאָר זייניקע האָבן זיך אפשר געראַטעוועט ?... אין די וועלדער, ביי די פּאַרטיזאַנער, אָדער זיך אויסבאַהאַלטן ביי גוטע מענטשן ?...

זיין האָפנונג איז נישט אויסגעלאָשן. ער מוז אַלץ אַליין זען, מיט די אייגענע אויגן. אַליין זיך איבערצייגן אַז אַלץ איז פאַרלוירן. ער וויל שוין זיין דאָרט... ער גאַרט שוין דעם קאַמף. ער וויל זיך שוין אָנקוויקן מיט נקמה...

פאַר זיין געזעגענונג מיט דעם „שטורעם־באַטאַליאָן" האָט יעקב נאָך איבערגעלעבט אַ שווערע באָמבאַרדירונג פון די דייטשן אויפן וואָקזאַל אין ראָוונע. עס זענען געווען טויטע און פאַרוווּנדעטע, אויך אַ טייל פון זיינע חברים מיט וועלכע ער האָט געדאַרפט קומען צו די פּאַרטיזאַנער, זענען געטראָפן געוואָרן.

אויף שנעל האָט מען איצט צוזאַמענגעשטעלט דעם טראַנספּאָרט. אין אַן אַמעריקאַנער מאַשין „דוגלאַס" האָט וואָלקאָוו מיט נאָך פינף אָפיצירן זיך געלאָזט אין וועג...

דער דייטשער שפּיאָנאַזש־דינסט האָט באַלד איבערגעגעבן אַ גענויען באַריכט, וועגן דער ניי אַנטשטאַנענער פּאַרטיזאַנישער באַזע אין שפּאַנווו

ביי ראָוונע און דעם וועג, מיט וועלכן עס ווערן איצט איבערגעפירט אינסטרוקטאָרן און געווער צו די פּאַרטיזאַנער אין לאַנד.

אויף דער ליניע האָט די היטלעריסטישע, מיליטערישע אָנפירונג אַוועקגעשטעלט אַ שטאַרקע פאַרצוימונג פון זעניט־אַרטילעריע, כדי צו פאַרניכטן די טראַנספּאָרטן.

זייער מאַשין איז באַלד ביים אַרויספליִען געוואָרן געוואָרן אונטער אַ שטאַרק פייער פון דייטשער אַרטילעריע. דער קאַפּיטאַן וועלכער האָט פּילאָטירט די מאַשין, האָט זי אַ הייב געטאָן העכער ווערטיקאַל, כדי זיך אַרויסצורייסן פון דער באַשטימטער ליניע און ביים לאַנדן צעזייעט די פּאַראַשוטיסטן אויף אַ גרויסן שטח.

דאָס איז שוין געווען אין פרילינג 1944. אין דער גרופּע פון יעקב וואָלקאָוו (פּסעוודאָנים „יאשאַ") איז אויך געווען דער מאַיאָר „קלים" וועמענס פאַלשירעם ביים שפּרינגען האָט זיך פאַרטשעפּעט אין אַ בוים און איז געבליבן הענגען. מיט דעם צוגעגרייטן צו דעם צוועק מעסער, האָט „קלים" איבערגעשניטן די שטריק פון דעם פאַלשירעם, אָבער ביים אַראָפּפאַלן האָט ער צעבראָכן אַ פוס. אין די וואַלד־באַדינגונגען, האָט די סאַניטעט־שוועסטער, נאַטאַליאַ שולץ אַריינגעלייגט דעם פוס אין צוויי שטיקלעך האָלץ, אים פעסט אַרומגעוויקלט מיט אַ שטריק, און אויף אַזאַ מין אופן אָפּגעראַטעוועט דעם פוס.

דער ראַדיסט יעקב וואָלקאָוו האָט געהאַט אַ בעסער „גליק" — ער איז אַריינגעפאַלן מיט דעם פאַלשירעם אין וואַסער, אין דער געגנט פון קראַשניק, לעבן דאָרף טישמיניצע, נישט ווייט פון אַ בריק, וווּ ס'האָבן סטאַציאָנירט דייטשע מיליטערישע אָפּטיילונגען.

שטייענדיק אין וואַסער האָט ער אויף שנעל צוזאַמענגענומען דעם פאַלשירעם און אים פאַרשטעקט צווישן די הויכע שאַוער־געוויקסן. אַרויסקריכנדיק פון דער בלאָטע האָט ער זיך דערשלאָגן צו אַ וועלדל, וווּ ער איז פאַרבליבן אַ גאַנצן מעת־לעת. אונטערגעטריקנט זיינע קליידער און אַ ביסל אָפּגערייניקט פון דער בלאָטע, האָט וואָלקאָוו זיך געלאָזט זוכן אַ קאָנטאַקט, מיט פאַרטיזאַנער.

אין דאָרף באַיקי איז ער געבליבן ביי אַ פּויער אַ גאַנצן טאָג. דער פּויער וועלכער איז געווען אין קאָנטאַקט מיט די וואַלד־מענטשן, האָט אים באַלד אַניפאָרמירט ווו עס געפינען זיך זייערע פּונקטן, די קאָנצענטראַציע פון דייטשע אָפּטיילונגען, די פּאָליטישע לאַגע אין לאַנד און די שטימונג

ביי די פּויערים מיט דעם דערנענטערן זיך פון דער סאָוויעטישער אַרמיי. דער גאַסטגעבער אַליין האָט זיך גענומען שטאַרק אינטערעסירן און אויס־פרעגן ביי וואָלקאָוון, וועגן די קאַלכאָזן אין רוסלאַנד, פאַר וועלכע די פּויערים האָבן אַזוי שטאַרק געציטערט.

ווען ס׳איז שוין געווען גוט פינצטער האָבן ביידע זיך געלאָזט אין וועג אַריין. דער פּויער האָט דאָ געקאָנט אַ יעדעס שטעגל און געסל, געגאַנגען פאַרזיכטיק כדי זיך נישט אָנצושטויסן אויף נישט געווונטשענע פאַרשוינען. מיט זיין הילף האָט וואָלקאָוו זיך דערשלאָגן צו דער פּאַרטי־זאַנישער אָפּטיילונג פון א. ל. (אַרמיאַ־לודאָוואַ) אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל גזשעגאָזש קאַרטשינסקי.

יעקב וואָלקאָוו, „יאַשאַ״, האָט זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט אַלס ראַדיאָ־טעלעגראַפּיסט און איבערגעגעבן אַ מעלדונג צו דעם פּאַרטיזאַנער־שטאַב אין שפּאַנוו ביי ראָוונע. ער האָט ביי דער געלעגנהייט זיך אויך באַנוצט מיט די ידיעות, וואָס ער האָט באַקומען פון זיין באַגלייטער צו די פּאַרטיזאַנער.

וואָלקאָוון קומט אויס אָנטייל צו נעמען אין צאָלרייכע בלוטיקע צו־זאַמענשטויסן מיט היטלעריסטישע אָפּטיילונגען און איינער פון די שווער־סטע איז געווען ביי דער אַרומרינגלונג אין די פּאַרטשעווער וועלדער, דעם 18 יולי 1944 דורך אָפּטיילונגען פון עס. עס. וולאַסאָוועצעס און זשאַנדאַר־מעריע.

— עס איז ווערט צו דערמאָנען — האָט געזאָגט וואָלקאָוו — אַז אַ גרויסע הילף האָט אונדז דעמאָלט געגעבן, דער קאַפּיטאַן כיל גרינשפּאַן (פּסעוודאָנים „דאָמבראָווסקי״), מיט זיין יידישער רייטער־קאָמפּאַניע. אַ דאַנק זיי זענען מיר אַרויס פון דער אַרומרינגלונג מיט גאָר קליינע פאַרלוסטן.

אַ שמועס מיט דעם פּאַראַשוטיסט, מאַיאָר אפרים ווייכסעלפיש

פריינד ווייכסעלפיש האָט אָנטייל גענומען אין דער מלחמה פון 1940 ביז זייער ענדגילטיקער מפלה. און אויף דער פראַגע וועלכע מאָמענטן, וועלכע געשטאַלטן און קאַמפּס־אָפּשניטן אין זיין לאַנגער מיליטערישער און פּאַרטיזאַנישער טעטיקייט האָבן זיך צום שאַרפסטן איינגעקריצט אין זיין זכרון — ענטפערט ער:

— שווער, זייער שווער, אויף אַזעלכע פראַגן צו געבן אַן ענטפער. יעדע דערינערונג, יעדער קאַמפּס־אָפּשניט, יעדער געפאַלענער פּאַרטיזאַן, שטייט אַזוי לעבעדיק פאַר די אויגן און פרעגט: צי וועט איר אָן מיר פאַרגעסן?... עס קלעמט דאָס האַרץ, עס נאָגט און ציטערט ביי יעדער דערינערונג. צי איז מעגלעך עמעצן פון זיי צו פאַרגעסן?...

פאַר די אויגן זענען אים געשטאַנען אַזעלכע קעמפער ווי דער פּאַרוטשניק שמעון ראַגאַזשינסקי, אָדער דער רב זאַוואַדאַ. זייער ענטוזיאַזם, זייער אומדערשראָקנקייט אין קאַמף, זייער גלויבן אין נצחון, זייער העלדישקייט. ער האָט נישט געקענט פאַרגעסן, ווי זיי זענען אים געקומען רופן צו כל־נדרי...

— קומט אפרים — האָט געזאָגט דער רב זאַוואַדאַ — לאָמיר גיין בעטן ביי גאָט, ער זאָל אונדז געבן כוח און אויסדויער, צו באַזיגן דעם בלוטיקן שונא פון יידישן פאָלק. איך הער זיין ליבלעכע שטים, עס קלינגט נאָך היינט זיין קול אין מיינע אויערן. ער לעבט אין מיין זכרון...

דאָס איז געווען אָקטאָבער 1943, פאַר דער שווערער שלאַכט ביי לעניגאַ, אין וועלכער ס׳האָט אָנטייל גענומען די ערשטע פּוילישע דיוויזיע אויפן נאָמען פון נאַציאָנאַלן פּוילישן העלד — טאַדעוש קאָשטשושקאָ. דער אָרגאַניזאַטאָר און אָנפירער איז געווען דער גענעראַל זיגמונט בערלינג.

נאָך דעם אַרויסציען די ערשט־אָרגאַניזירטע פּוילישע אַרמיי פון ראַטנפאַרבאַנד, אין יאָר 1942, אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל וולאַדיסלאַוו אַנדערס, אין וועלכער יידן זענען נישט געווען קיין געוווּנטשענער עלעמענט — אַזוי זענען יידישע פרייוויליקע אין דער „קאָשטשוקאָ־

גאָלדהאַר — ווייכסעלפיש אפרים

דיוויזיע״ געווען פאַרטרעטן אין אַ גרויסער צאָל, אויף אַלע שטאַפּלען פון דער מיליטערישער היעראַרכיע.

אפרים איז געוואָרן צוגעטיילט צום ערשטן פולק אינפאַנטעריע, אַלס אָנפירער פון דער 6־טער קאָמפּאַניע, אין 2־טן באַטאַליאָן.

די איבערקאָמאַנדאָ פון דער ווערמאַכט, די גערופענע אָ.ק.וו. האָט גענוי געוווּסט וואָס פאַר אַ פאַרביסענעם קעגנער זיי האָבן אויף דער צווייטער זייט פראָנט־ליניע, קעגן זיך. זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ רעכנונג, אַז פון די רייען וועלן נישט זיין קיין געפאַנגענע אָדער איבערלויפער... זיי האָבן נישט געוואָלט דערלאָזן אַפילו צו דעם מינדעסטן זיג פון דער פוילישער דיוויזיע, וועלכער קאָן אַרויסרופן אַ נישט באַשרייבלעכן ברען און דערמוטיקונג ביים גאַנצן פוילישן פאָלק, סיי ביי די, וועלכע געפינען זיך אין ראַטנפאַרבאַנד, ווי ביי די, וועלכע געפינען זיך אין לאַנד. אַזאַ זיג וואָלט געקאָנט געבן אַ גרויסן צופלוס פון יונגע מענטשן צו די פּאַר־טיזאַנישע רייען, פון וועלכע זיי האָבן שוין אַזוי אויך געהאַט גענוג צרות.

די דייטשן האָב געוואָרפן אויף דעם אָפּשניט רעזערוון פון אַנדערע קאָמפּס־ליניעס, מיט דער בעסטער מיליטערישער אויסשטאַטונג, מיטן ציל, די דיוויזיע אָפּצומעקן פון דער אויבערפלאַך פון דער ערד.

אויך די פּוילישע דיוויזיע האָט זיך מיט דעם גערעכנט און געבעטן ביי דער סאָוועטישער אָנפירונג אויף דעם אָפּשניט אַ פאַרשטאַרקונג פון זייערע מיליטערישע כוחות. די שלאַכט איז געווען אַ פאַרביסענע פון ביידע זייטן. זי גייט אַריין אין דער געשיכטע פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, מיט דעם שטאָלצן נאָמען „די שלאַכט ביי לענינאָ״. קריגסלייט און היס־טאָריקער דערציילן פון גרויסער מענטשלעכער געוואַגטקייט, אָפּפערוויליל־קייט און העלדישקייט, מיט וואָס די שלאַכטלייט האָבן דאָ זיך אויסגעצייכנט.

— אין טאָג פון יום־כיפור — האָט דערציילט אפרים, זענען מיר אַרויס צום אָנגריף. מיר האָבן געעפנט אַ פייער פון אַלע מינים געווער. הימל און ערד האָט געברענט. אין דער לופטן האָט זיך געוומען קרייצן דאָס פייער פון אייגענער און פיינטלעכער אַרטילעריע. די מינען־וואַרפער האָבן געקלאַפּט ביז צו פאַרטויבונג. די קרוינען פון די ביימער זענען געפלויגן פון זייערע שטאַמען ווי זאַנגען אונטער דער קאָסע פונעם שניטער. די דייטשע באָמבאַרדירונג איז געוואָרן שטאַרקער פון מינוט צו מינוט. די ערד האָט זיך אויסגעמישט מיט די מענטשן צוזאַמען. דער הימל איז



דאָקומענט וועגן דער פאַרווונדונג פון אפרים ווייכסעלפיש

געווען רויט פון דעם פייער פון די ברענענדיקע דאָרפישע הייזלעך. דאָס איז געווען אַ טאָג פון אמתן גהינום.

— הילף! הילף! חברים! האָב איך דערהערט אַ רופן פון מיין רעכטער זייט. קריכנדיק אויפן בויך האָב איך זיך דערנענטערט צום באַרג פון וואַנען ס׳האָט זיך געטראָגן דער הילפסרוף. דאָרט איז געלעגן דער פּאָרוטשניק שמעון ראָגאָזשינסקי אָן איבערגעשניטענער מיט אַ סעריע קוילן פון מאַשין־געווער. ער האָט שוין קיינעמס הילף נישט געדאַרפט. שמעון האָט שוין אָנגעהויבן גוססן.

דער קאַמף האָט זיך צעפלאַקערט מיט דער גאַנצער קראַפט און פאַרביסנקייט. אונדזערע רייען זענען ממש געצעגטלט. טראָץ אַלעם געלונגט דער דיוויזיע צוריקצוּוואַרפן די דייטשן אויף אַ סך פראָנט־אָפּשניטן, צו פאַרסירן דעם טייך מיערעאַ, נעמען דאָס דאָרף פאַלוזכי און קומען ביז צו דער אָרטשאַפט טריגובאָוואַ...

די זון האָט שוין גענומען אַראָפּנידערן, פאַרשטעלט דורך צעריסענע שטיקער וואָלקנס, וואָס האָבן געוואַנדערט איבערן הימל. דאָס דונערן פון די האַרמאַטן איז געוואָרן שוואַכער. ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט.

די סאַניטאַרן האָבן גענומען אָפּצורייניקן דאָס שלאַכטפעלד פון טויטע און פאַרוווּנדעטע.

צווישן די טויטע דערקען איך אויך דעם רב זאַוואַדאַ, דער צווייטער, וועלכער איז מיך געקומען רופן צו כל־נדרי. ער האָט אויסגעזען ווי ער האָט זיך נאָר וואָס אַנידערגעלייגט שלאָפן.

פרומע יידן פאַרענדיקנדיק דאָס קאַפּיטל וועלן זאָגן, אַז ביידע געפינען זיך איצט אין גן־עדן, אין דער רעכטער זייט פונעם כסא הכבוד, ווייל זיי האָבן ביידע אָפּגעגעבן דעם אייבערשטן זייערע נשמות, אין סאַמע יום־כיפּור, און געפאַלן פאַר דעם כבוד פונעם יידישן פאָלק.

ביים שבתדיקן טיש פון גענעראַל סאָסקין

דער מאַיאָר אפרים ווייכסעלפיש איז דערצויגן געוואָרן אין לאָדזש, אין אַ יידיש־רעליגיעזער משפחה. דער טאַטע ר׳ ישראל־משה, ווי מען האָט אים גערופן, איז געווען אַ הייסער גערער חסיד און געהאָפט אַז זיין אפרימל וועט גיין אין זיינע וועגן, וועט אויסוואַקסן אַ בן־תורה, אַ למדן, מיט וועלכן גאָט און לייט וועלן אים מקנא זיין. זיין האָפנונג איז אָבער נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. דעם יונגן בחור האָט געצויגן צו קאַמף. זיין טרוים איז געווען מיט געווער אין האַנט באַפרייען דאָס יידישע לאַנד. ער ווערט באַאיינפלוסט פון דער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע פון בית״ר און ווערט אירער אַן אַקטיווער מיטגליד. אפרים מאַכט מיט אַ מיליטערישע אויסבילדונג אין פ. וו. (פזשיספּאָסביעניע וואָיסקאָווע) אין דער אָפּטיילונג, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון פּולקאָווניק בערעק יאָסעלעוויטש, מיטן ציל צו ווערן אַ זעלנער אין דער יידישער אַרמיי, אין אייגענעם לאַנד.

צום ביטערן באַדויערן איז דאָס אין יענער צייט געווען נאָך זייער וייט פון פאַרווירקלעכט ווערן.

עס איז דער 22 יוני 1941. היטלער האָט געבראָכן דעם נישט אָנגריפס־פּאַקט מיט זיין פריינד סטאַלין. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה.

די קאָנצענטרירטע דייטשע כוחות, וועלכע האָבן אָנגעגריפן דעם ראַטנפאַרבאַנד האָבן געציילט 153 דיוויזיעס אין דעם 34 פּאַנצער־צוגן און מאָטאָריזירטע, אויך 29 דיוויזיעס און 16 בריגאַדעס פון פאַרבינדעטע. דאָס איז געווען אַ כוח, וואָס האָט געהאַט צו איר דיספּאָזיציע 3 און אַ האַלבן טויזנט טאַנקן און 5 טויזנט עראָפּלאַנען.

אויסנוצנדיק די שלעכט צוגעגרייטע רויטע אַרמיי צו איר פאַרטיידי־קונג, האָבן די דייטשן גענומען די סטראַטעגישע איניציאַטיוו אין זייערע הענט און אָפּגעהאַלטן גרויסע און בליציקע נצחונות.

„דער גרויסער סטאַלין״, דער „געניאַלער פאָטער פון די פעלקער״ איז געוואָרן צעמישט, באַהערשט פון אַ פּאַניק. ער האָט קיינעם צו זיך נישט צוגעלאָזט. דער פחדן האָט אַפילו געפּלאַנט צו פאַרלאָזן מאָסקווע כדי צו ראַטעווען זיין פעל. מענטשן וועלכע האָבן אים געזען אין אַזאַ מצב

האָט מען פאַרשיקט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אָדער בכלל ליקווידירט אַפילו די סאַמע נאָענטע. זיין באַמבאַסטישע רעדע „נאַשע דיעלאָ פּראַוואַיע — מי פּאָביעדים" אונדזער זאַך איז אַ גערעכטע — מיר וועלן זיין די זיגער, איז געקומען דעמאָלט ווען די דייטשע חילות זענען שוין געשטאַנען טיף אין סאָוויעטישן לאַנד. אויך דאָס איז געווען אויפגעצווונגען, ווייל ס'האָבן שוין געקרייזט ביים פּאָלק פאַרשידענע נישט היימלעכע געשיכטעס וועגן אים.

אפרים ווייכסעלפיש האָט אין דער צייט זיך געפונען אין ווילנע. ער ווערט מאָביליזירט אין דער סאָוויעטישער אַרמיי, אין 63־טן פּולק אינפאַנטעריע און אַלס סטודענט געשיקט געוואָרן אין אַן אָפיציר־שולע, אין דער פאַרטשטאָט מאַכאַטשקאַלאַ אין דער דאַגעסטאַנער אויטאָנאָמער רעפּובליק, ווו ער ענדיקט אין ראַנג פון אַ פּאָדפּאָרוטשניק.

זיין ערשטער קאַמף מיטן שונא איז געווען ביי דער אָזיערע לאַדאָגאַ, מיט דייטשע מאָטאָריזירטע אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן גענומען אַרומרינגלען די היסטאָרישע שטאָט לענינגראַד. אין יאָר 1942 האָט אפרים ווייכסעלפיש אויך אָנטייל גענומען אין די שווערע קאַמפן ביי סטאַלינגראַד. דער קאַמף וועלכער איז געווען דער ווענדפּונקט אין דער געשיכטע פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. דער גורל האָט אים צוגעשפּילט און פון די אַלע שווערע און בלוטיקע שלאַכטן אין וועלכע ער האָט אָנטייל גענומען, איז ער אַרויס מיט גאַנצע און געזונטער אברים.

אין יוני 1943 האָט אין דאָרף שיעלץ ביי דער אָקע, ריאַזאַנסקער קרייז, דער שפּעטערדיקער גענעראַל זיגמונט בערלינג, צוגעטרעטן אָרגאַניזירן די ערשטע דיוויזיע אינפאַנטעריע, אויף דעם נאָמען פון טאַדעוש קאָשטשושקאָ. פון אַלע עקן לאַנד האָבן צו דעם קליינעם דאָרף שיעלץ זיך געצויגן פרייוויליקע, זיך שטעלן אין דינסט פון דער נייאַנטשטאַנענער פּוילישער אַרמיי. צווישן זיי דער שפּעטערדיקער מאַיאָר און פּאַראַשוטיסט, דער לאָדזשער בחור אפרים ווייכסעלפיש.

נאָך אַ געשפּרעך מיט בערלינגן דעמאָלט נאָך אין ראַנג פון פּולקאָווניק, איז ווייכסעלפיש צוגעטיילט געוואָרן צו דער מאָביליזיר־קאָמיסיע. עס קומט אים אויס אַ סך מאָל אַרומצופאָרן אין געביט, צו פירן אַן אַגיטאַציע צווישן דער פּוילישער באַפעלקערונג, וועלכע האָט אויסגעוואַנדערט קיין רוסלאַנד, אין דער צייט פון דער מלחמה — זיך איינצורייען צווישן די קעמפער, פאַר באַפרייען זייער פּויליש פאָטערלאַנד.

צוליב דער גרויסער צאָל יידן וואָס האָבן זיך מאָביליזירט, איז געבאָרן

דער געדאַנק צו טוישן די יידישע נעמען, אויך נעמען פון אַנדערע פעלקער, כדי דאָס זאָל נישט אָפּשטויסן די יידן־פיינטלעכע עלעמענטן זיך אַנצושליסן אין דער אַרמיי.

דער געדאַנק האָט זיך אַנגענומען. אַ גרויסע צאָל קעמפער זענען אַפילו נאָך דער מלחמה געבליבן ביי די פרעמדע, נישט־ייִדישע נעמען. דאָס האָט נישט געשטערט סיי די רוסן, ווי אויך די פּאָליאַקן צו פאַררעכענען די ייִדישע העלדן אין זייערע נאַציאָנאַלע רעגיסטערס.

מיט דער ערשטער דיוויזיע א. נ. פון קאָשטשושקאָ, האָט אפרים ווייכסעלפיש אָנטייל גענומען אין דער דערמאָנטער היסטאָרישער שלאַכט ביי לענינאָ, און דעם 14טן אָקטאָבער 1943 ביי טריגובאָוואָ איז ער שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן, אָבער אויך דאָן פאַרגעסט ער נישט אין שמעון טאָפּ פון וואַרשע וועלכער איז געווען פאַרשיט. צוליב דעם גרויסן בלוט־פאַרלוסט האָט מען ווייכסעלפישן איבערגעפירט קיין מאָסקווע וועגן אַ בלוט־טראַנספוזיע. נישט קיין אַנדערע ווי די טאָכטער פון גענעראַל סאָסקין איז געווען די בלוט־שפּענדערין.

אין מאָסקווער שפּיטאָל האָט ווייכסעלפיש געטראָפן אַ סך ייִדישע פאַרוווּנדעטע וועלכע האָבן אָנטייל גענומען אין די שלאַכטן ביי לענינאָ. צווישן אַנדערע — דעם דאָקטער מאַרצעלי העכט, וועמען מ׳האָט שוין געהאַט אַמפּוטירט אַ פוס; שמעון טשאַפּניק, אברהם הילף (שפּעטער געפאַלן אין שלאַכט) און אַנדערע.

אפרים בלייבט אין שפּיטאָל איבער פיר מאָנאַט. אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט מען אים איינגעלאַדן אויף שבת צו דעם ייִדישן גענעראַל סאָסקין, וועמעס טאָכטער איז געווען זיין בלוט־שפּענדערין.

— דעם פרייטיק צו נאַכטס — זאָגט ווייכסעלפיש — וועל איך קיין מאָל נישט פאַרגעסן. אויפן טיש זענען געשטאַנען צוויי לייכטער מיט שבתדיקע בענטש־ליכט. ס׳האָט עפּעס אַזאַ קלעם געטאָן ביים האַרצן. דאָס האָט דערמאָנט די מאַמע, אירע צאַרטע, ווייסע וואַרעמע פינגער מיט וועלכע זי האָט פאַרשטעלט דאָס פּנים ביים ליכט־בענטשן, ס׳האָט דערמאָנט די היים, דעם טאַטן, אין זיין זיידענער בעקעשע, אין וועלכער ער פלעגט פאָרן צום גערער צדיק, די חברים און פריינד, אַלץ גייט דאָרט אָפּ אין בלוט, אונטער דער האַק פון די נאַצישע הענקער...

— וואָס זענט איר אַזוי פּלוצעם טרויעריק געוואָרן — האָט מיך אַרויסגעשלאָגן פון מיינע געדאַנקען דער גענעראַל סאָסקין — און מיך איינגעלאַדן צום טיש.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פריינדלעכער און מען קאָן זאָגן אַפילו אַן אינטימער שמועס. צווישן אַנדערן האָט ער מיר דערציילט, אַז ער האָט אַ ברודער אין ייִדישן לאַנד, ער איז אַן אַגראָנאָם און וווינט אין מקוה־ישראל. מיט אים האָב איך טאַקע שפּעטער אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט.

אין שטורעם־באַטאַליאָן

נאָכן פאַרלאָזן דאָס שפּיטאָל, איז דער מאַיאָר אפרים ווייכסעלפיש צוגעטיילט געוואָרן צו דער צווייטער דיוויזיע, צו אַן אָנפירער פון אַ באַטאַליאָן ביים פּולקאָווניק זשאַרקאָווסקי. ער קומט ווידער אויף דער פראָנט־ליניע, ביזן דראָבערן זשיטאָמיר. אין דער צייט איז שוין אָרגאַניזירט אין די ביעלאָמוטער וועלדער אונטער דער אָנפירונג פון פּולקאָווניק הענריק טאָרונטשיק דער ספּעציעלער באַטאַליאָן כדי אויסצושולן קאַדרען וועלכע וועלן שפּעטער אַראָפּגעוואָרפן ווערן אויפן געביט, באַזעצטן פון שונא.

ווייכסעלפיש ווערט דעלעגירט צו דעם ספּעציעלן באַטאַליאָן. ער מאַכט דורך אַ קורס פון דיווערסיע און מינערן און פאַרענדיקט דעם קורס פון שפּרינגען מיט אַ פּאַראַשוט. מיט דער שולונג פאַרנעמט זיך דער וועלט־באַרימטער מייסטער אין פאַלשירעם־שפּרונג, דער אַרמענער אַמישאַיעוו.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט מען אים גערופן צום קאַדרען־לייטער קראַוס, און אים באַקאַנט געמאַכט אַז ער איז פאַררעכנט צווישן די וועלכע וועלן אַראָפּגעוואָרפן ווערן איבער דער פראָנט־ליניע...

אין אַ יוני־אָוונט פון 1944טן יאָר ווען די זון איז ערשט פאַרגאַנגען און פאַררויטלט דעם גאַנצן האָריזאָנט פונעם שפּאַנעווער הימל, האָט מען זיי צונויפגענומען צען אָפיצירן, וועלכע האָבן געדאַרפט אין יענער נאַכט אַריבערגעוואָרפן ווערן איבער דער פראָנט־ליניע צו די פּאַרטיזאַנער, אין די קאָזלאָוויעצקער וועלדער. צווישן זיי זענען געווען: אפרים ווייכסעלפיש, חיים קרישער־עוגעניוש, יולעק קאַנאַר־קאַן, יאַשאַ וואַלקאָוו און אַנדערע.

אויפן סטאַרט־פּלאַץ זענען געשטאַנען די מאַשינען און געוואַרט אויף זייערע פּאַסאַזשירן. די באַדינונג האָט נאָך געוואָרפן דעם לעצטן פאַכמענישן בליק, וואָס האָט באַשטעטיקט אַז זיי זענען גרייט צום סטאַרט. מ׳האָט זיך געזעגנט מיט די חברים, מיט דער רוסישער ערד. אָט לאָזט מען אין באַוועגונג די מאַשין. אָט דערפילט מען אַ לייכטן ציטער, ווי מע וואָלט וועלן פלוצעם אָוועקנעמען אונטער זיי די זיץ־פּלעצער. די מאַשין האָט זיך אָפּגעריסן פון דער ערד. זיי וויגן זיך לייכט אין דעם בלעכענעם קאַסטן. אַ טייל דרימלען איין. מע פליט. ווי לאַנג? פלוצעם האָט די מאַשין געטאָן

זיך אַ וואַקל און זיך אַ ריס געטאָן ווערטיקאַל צום הימל. גליִענדיקע פונקען האָבן זיך געטראָגן פון דער ערד, ווי בינען פון אַ בינשטאָק. דאָס האָט דער שונא אויפגעדעקט די מאַשין. אַלע זענען געוואָרן וואַך. די שטימונג איז געוואָרן אַן ערנסטע. דער דערפאַרענער קאַפּיטאַן האָט בליצשנעל אַרויס־געפירט די מאַשין פון דער נעץ, אָבער די שטימונג איז געבליבן אַ גע־דריקטע ביז צום לאַנדן...

די שנורן ציִען זיך אָן, עס טוט מיט די מענטשן אַ וואָרף. דאָס איז אַ סימן אַז דער פאַלשירעם האָט זיך מיט הצלחה געעפנט. אַרום זעען זיך אָפענע שירעמס, וואָס זעצן זיך אַלץ נידעריקער. דער ווינט טראָגט. נישט איינער טראַכט: ווו וועט עס אים פאַרטראָגן? און דאָס האַרץ הייבט אָן האַסטיקער קלאַפּן. פון די פייערלעך לויפן שוין מענטשן זיי באַגעגענען. די מאַשין מאַכט נאָך אַ קרייז און גיט עטלעכע ליכט־צייכנס. זי געזעגנט זיך, צוריק פליִענדיק צו דער באַזע.

☆

ביים מאַיאָר אפרים ווייכסעלפיש הייבט זיך איצט אָן אַ נייע קאַמפּס־ערע, מיט פאַרשידענע איבערראַשונגען, אויפטרייסלונגען און מעשים פון נקמה.

— איינער אַזאַ שווידערלעכער מאָמענט, וואָס האָט זיך מיר איינגע־קריצט אין מיין זכרון — האָט מיר געזאָגט ווייכסעלפיש — איז געווען דאָס אַרויסציִען צוויי קינדער דערטראָנקענע אין אַ ברונעם, אין קיווערץ ביי קאָוועל. צוזאַמען מיט דעם פאַרטשניק מענדל מאַרגנשטערן האָבן מיר געוואָלט שעפּן וואַסער פון אַ ברונעם, איז צוגעלאָפן צו אונדז אַן אַלטע קריסטין און גענומען וויינען מיר זאָלן נישט טרינקען דאָס וואַסער, ווייל די דייטשן האָבן אַריינגעוואָרפן אין דעם ברונעם צוויי דערמאָרדעטע ייִדישע קינדער.

שווידערלעך איז געווען די מראה פון די צוויי קליינינקע קדושים, ווען מיר האָבן זיי אַרויסגעצויגן פון דעם ברונעם. נישט איבערצוגעבן אונדזער ווייטיק און צאָרן. ווער זיי זענען און וועמעס, האָבן מיר נישט געקענט דערגיין. טרויעריקע האָבן מיר זיי געבראַכט צו קבר ישראל.

אין איינער אַ שיל אין קאָוועל האָבן מיר געטראָפן אַן אויפשריפט „יידן נעמט נקמה פאַר אונדזער אומשולדיק פאַרגאָסענעם בלוט".

אַ שווערן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט, האָט דערציילט ווייטער

ווייכסעלפיש, די שטאָט קוטנאָ, אַן אויסגעפּלאַסטערטע מיט ייִדישע מצבות. צוזאַמען מיט דעם רבֿ, פּולקאָווניק כהנא, האָבן מיר די צעבראָכענע מצבות צוזאַמענגענומען און אויך דאָס אַש פון די קדושים פון כעלמנאָ און אין אַ סימבאָלישער לוויה געבראַכט אויפן בית הקבֿרות. אין דער זעלבער שטאָט זענען מיר געוואָר געוואָרן אַז אַ געוויסער שומאַיסקי האָט אויס־באַהאַלטן צוויי ייִדישע קינדער און ווען דאָס געלט האָט זיך ביי זיי גע־ענדיקט האָט ער זיי איבערגעגעבן דער געסטאַפּאָ. איך האָב אָפּגעזוכט דעם בעל דבר און ווען איך האָב אים געפרעגט ווו ער האָט אַהינגעטאָן די קינדער האָט ער פרעך און מיט איראָניע געענטפערט: ביי דער געס־טאַפּאָ. דעם אורטייל האָב איך אַליין אַרויסגעטראָגן ,און אַליין אויפן אָרט אים אויך אויסגעפירט.

אין יולי 1944 איז כעלם באַפרייט געוואָרן פון די דייטשע מערדער. דער דעמאָלט שוין גענעראַל זשאַרקאָווסקי האָט געפּאָדערט דעם מאַיאָר ווייכסעלפיש צוריק אין זיין מיליטערישער איינהייט, מיט איר איז ער אין שלאַכטן קעגן די נאַציס דערגאַנגען ביז זייער הויפּט־בערלאָגע, בערלין.

בעתן פאַרהייען זיך אין כעלם האָט ער אויסגעפילט די פונקציע פון מיליטערישן קאָמענדאַנט פון דער שטאָט. ער האָט אָרגאַניזירט דעם ייִדישן קאָמיטעט, דאָרט האָט ער אויך באַגעגנט זיין פרוי מרים, מיט וועמען ער האָט אין 1947 פאַרלאָזט די פּוילישע מדינה און זיך באַזעצט אין מדינת ישראל.

די שחיטה אין קאָסעוו־פּאָלעסקי

דערציילט פון פּאַרטיזאַן יצחק וואַלק, פּסעוודאָנים „וואָלטשאָק"

אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו — משפט נישט דיין חבר, ביז דו וועסט זיך נישט געפינען אין זיין מצב... דער פילאָזאָפישער געדאַנק איז געזאָגט געוואָרן נאָך אַ לאַנגן פאָרשן די באַנעמונג פון מענטש צו מענטש אין אַ שווערער לאַגע, זיין כאַראַקטער, זיין ווילן און זיין „איך". דער לעבעדיקער אמת קומט צום אויסדרוק אין זייער קריטישע מאָמענטן פון מענטשלעכן קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ, פאַר זיין לעבן...

דער געדאַנק קאָן אין פולער מאָס געשטעלט ווערן, ווען מיר באַהאַנדלען די פראַגע „ייִדן אין געטאָ און לאַגערן אין דער צייט פון דער היטלער־ממשלה".

געוויס וועלן מיר פאַראורטיילן די קאָלאַבאָראַנטן מיט די דייטשן, די יודנראַטן, די פּאָליציי־שפּיצלען און צוטרעגער. קיין באַרעכטיקונג וועלן מיר נישט געפינען, פאַר אַזעלכע פּאָליציי־לייט, וועלכע האָבן געפירט צום אומשלאַג־פּלאַץ זייערע קרובים, פריינד, אַפילו אייגענע משפחה־מיטגלידער און בכלל ייִדן, כדי נאָר צו ראַטעווען די אייגענע הויט. מיר וועלן אויך נישט האָבן קיין מילדן אורטייל פאַר די יעניקע, וועלכע האָבן געהאָלפן דער דייטשער פּאָליציי און געסטאַפּאָ, אויפדעקן אָדער אויסגעפינען אַפילו בלויז אָנווייזן, די ערטער ווו ייִדן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן.

מען טאָר אָבער נישט פאַרגעסן אין אַזעלכע ייִדן, וואָס האָבן געטראָגן דעם פּאָליציייִשן מונדיר, כדי צו קאָנען ברענגען נוצן דער אונטערגרונד־באַוועגונג ווי איבערגעבן פאַרשידענע געהיימע מעלדונגען צוגעשיקטע פון דער דייטשער פּאָליציי צום יודנראַט, וויכטיקע ידיעות, אָדער צוגעגרייטע אַקציעס...

עס מוז געזאָגט ווערן, אַז אויך אין די יודנראַטן זענען געווען ערלעכע מענטשן, וועלכע האָבן אָנגענומען דעם אַמט מיט דער איבערצייגונג, אַז זיי וועלן קאָנען העלפן לינדערן די נויט, דעם שווערן מצב פון די גע־פּלאָגטע ייִדן. דער גרעסטער טייל פון זיי האָט זיך פריִער, אָדער שפּעטער אַנטוישט און נישט קאָנענדיק איבערטראָגן די צרות, אַפילו באַגאַנגען



דער פּאַרטיזאַן יצחק וואָלק, פּסעוודאָנים „וואָלטשאָק"

זעלבסטמאָרד. איינער פון אַזעלכע העלדישע ייִדן־מאַרטירער, איז געווען דער זון פון דעם קאָסעווער רב, דער קדוש מאָטל כייקין.

מאָטל כייקין איז געצוווּנגען געוואָרן פון די דייטשן איבערצונעמען די אָנפירערשאַפט פון דעם יודנראַט אין קאָסעווער געטאָ. מיט דער צו־שטימונג פון זיין טאַטן, און נאָך לאַנגע וואַקלענישן איז ער מסכים איבער־צונעמען דעם דאָזיקן טראַגישן אַמט. מאָטל איז געווען זייער אַן ענערגישער און אינטעליגענטער מאַן. ער האָט געהאַט די פולע איבערצייגונג, אַז ער וועט זיין אין שטאַנד בייצוקומען אַלע פאַרשטייענדיקע שוועריקייטן. מאָטל כייקין האָט באַקומען אויך די פאַרזיכערונג פון דעם קאָמיסאַר פון דער דייטשער זשאַנדאַרמעריע אין קאָסעוו, גוסטאַוו לאַנגע, אַז אַזוי לאַנג ווי ער וועט זיין באַפעלסהאַבער איבער די דייטשן, וועט די ייִדן אין די צוויי קאָסעווער געטאָס קיין שלעכטס נישט געשען.

דאָס זיק־פּלאַץ פונעם יודנראַט איז געווען אין געטאָ נומער 1, אין דעם דריי שטאָקיקן בנין פון געוועזענעם שולהויז. דאָרט האָבן זיך אויך גע־פינען די וואַרשטאַטן פון די ייִדישע האַנטווערקער ווי: שניידערס, שוס־טערס, סטאָלערס, קירזשנערס, זייגערמאַכערס, פריזירערס, היטלמאַכער און אַנדערע פאַכלייט וועלכע האָבן געמוזט אויספירן אַלע באַשטעלונגען פאַר די דייטשן.

דאָס צווייטע געטאָ איז געווען אַן ערך דריי קילאָמעטער פון דער שטאָט, אין דעם געוועזענעם שלאָס פון סטאַראָסטע, וואָס מ׳האָט גערופן מאַרשטשוטשיזנע. דאָס איז געווען אַ גרויס, געמויערט הויז פון עטלעכע שטאָק, מיט צענדליקער און צענדליקער צימערן. דאָרט האָט מען איינ־קוואַרטירט פרויען, קינדער, קראַנקע, איבערהויפּט ייִדן אומפּעיִקע צו אַן אַרבעט.

יונגע, געזונטע מענער האָט מען יעדן טאָג, פינף אין דער פרי אַרויס־געפירט דרייצן קילאָמעטער ווייט פון דער שטאָט, צו דער סטאַציע ניכאַ־טשעוואַ, בויען אַ שאָסיי. מיט זייער פרימיטיווע מכשירים האָבן די נאַציס געצוווּנגען די ייִדן אויסצופירן די שווערע אַרבעט. אויף צונויפגעקלאַפּטע פון ברעטער טראַגבעטלעך האָבן זיי איבערגעפירט שטיינער, זשוויר, צע־מענט, זאַמד און אַנדערע נייטיקע בוי־מאַטעריאַלן. עס האָט נישט איין מאָל זיך געטראָפן, אַז יונגע, קרעפטיקע מענער זענען געפאַלן אונטער דער צו שווערער לאַסט, וועלכע איז געווען באַשטימט פאַר די כוחות פון אַ פערד. דאָרט איז אויך געווען דער טראַגישער פאַל מיט דעם ייִדישן בחור

פון קאָסעוו, ישראל פּאַקטער, וועלכער איז דערשאָסן געוואָרן, ווען ער איז אַנידערגעפאַלן בעת דער אַרבעט.

פאַר דער שקלאַפן־אַרבעט האָבן ייִדן באַקומען אַ שטיקל ברויט, מיט אַ שיסל שיטערע זופּ פאַרבראַקט מיט עטלעכע קאַרטאָפל, באַגלייט מיט פּאָליציייִשע קאַלבעס און גומי־פּאַלקעס. די אַרבעט האָט זיך אַזוי געצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט. מיד, הונגעריק און דערשעפּט האָבן זיך די מענטשן אונטער פּאָליציייִשער וואַך, דערשלעפּט צום געטאָ.

אין דער אַרבעטס־גרופּע האָט זיך אויך געפינען דער 18 יעריקער בחור יצחק וואָלק, אַן אָפּשטאַמיקער פון סלאַוואַטיטשע, לובלינער קרייז.

יצחק איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין אַ רעליגיעזער היים. דער טאַטע ר׳ הערשל וואָלק איז געווען אַ שטענדיקער תושב ביים גערער רבי. אַ ייד מיט יראת שמים, בקי אין אַ בלאַט גמרא מיט תוספות. ר׳ הערשל אָדער הערשל דעם רבס ווי מען האָט אים אין שטאָט גערופן איז נישט געווען צופרידן פון זיין זון דעם אַפּיקורס, וואָס האָט געוואָלט פאָרן קיין פּאַלעסטינע, געוואָרן אַ ציוניסט, ווי רופט מען דאָס, אַ שומר הצעירניק, רחמנא לצלן. אַ קליינקייט אַן איינקל פונעם דאַמאַטשעווער רב ר׳ אליעזר ז״ל, וויל גאָר פאָרן אַליין קיין ארץ ישראל, ווערן אַ משיח... נאָר איצט נאָך דער דייטש־פּוילישער מלחמה, ווען דאָס לאַנד לויט דעם אָפּמאַך פון די צוויי מדינות רוסלאַנד און דייטשלאַנד איז צעטיילט געוואָרן און די שטאָט סלאַוואַטיטשע איז אַריינגעפאַלן צום דייטש, האָט ר׳ הערשל מסכים געווען מיט זיין זון יצחק, אַריבערצופאָרן אויף דער סאָוויעטישער זייט, צו דער משפּחה פון זיין טאַטן ר׳ אליעזר קיין דאַמאַטשעוו.

נאָך שווערער מי און מאַטערניש איז אין נאָוועמבער 1939 די גאַנצע משפּחה וואָלק שוין געווען אויף דעם געביט, דעם באַהערשטן פון די סאָוויעטן. צופרידענע וואָס ס׳איז זיי געלונגען צו אַנטלויפן פון דעם ברוינעם עמלק, האָבן זיי אַפילו נישט געחלומט, וואָס עס שטייט זיי נאָך פאָר איבערצולעבן.

פון פּוילן זענען געקומען טרויעריקע ידיעות. די נאַציס האָבן דורכ־געפירט אַרעסטן אין גאַנצן לאַנד. קיינער איז נישט זיכער געווען מיטן מאָרגן. באַזונדערס האָבן זיי זיך איזדעקעוועט איבער דער יידישער באַפעל־קערונג. עס זענען שוין אַרויסגעגאַנגען קלאַנגען, וועגן איינפירן געטאָס פאַר יידן אין די שטעט.

אָבער אויך דאָ האָבן זיי נישט קיין רו. פּלוצעם איז געקומען אַ באַפעל פון מאָסקווע, אַז איבערזידלער פון די פּוילישע געביטן קאָנען נישט וווינען אין נאָענט פון דער גרענעץ, ווי אַ נישט פאַרלעסלעכער עלעמענט...

עס האָט זיך אָנגעהויבן ווידער אַ וואַנדערונג. דאָס מאָל זענען זיי עוואַקואירט געוואָרן קיין קאָסעווו־פּאָלעסקי. דאָרט האָט מען זיי איינקוואַרטירט אין אַ בית המדרש, צוזאַמען מיט נאָך איינער ווי זיי, אַן עוואַקואירטער יידישער משפּחה.

די היטלערישע באַנדעס זענען גלייך אין די ערשטע טעג פונעם קריג שוין געווען אין קאָסעוו. זייער אַריינמאַרש האָט באַלד דערפילט די יידישע באַפעלקערונג. ס'האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ רויב און מאָרד־וואַקכאַנאַליע. פאַר דעם קלענסטן ווידערשפּרוך האָבן זיי אָנגעווענדט טויט־שטראָף; אין דער ערשטער ריי, פאַרשטייט זיך, לגבי יידן. אַזוי, צום ביישפּיל איז עפנטלעך דערשאָסן געוואָרן לייזער לעווקאָוויטש, דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר טראָגן די געלע לאַטע און אויפזעער אַז יידן זאָלן נישט באַטרעטן דעם טראָטואַר...

דער יונגער בחור וואָלק האָט שוין נישט קיין שום אילוזיעס וועגן רייסט אַיין וועלטן כדי צו ראַטעווען לעווקאָוויטשן, ער זאַמלט געלט און מתנות פאַר די לייט פון דער געסטאַפּאָ. אָבער ס'האָט גאָרנישט נישט געהאָלפן. די דייטשן האָבן געוואָלט אָנוואַרפן אַ מורא אויף דער יידישער באַפעלקערונג, זיי צעברעכן פיזיש און מאָראַליש כדי עס זאָל זיין לייכטער זיי צו פאַרניכטן. עס ווערן צונויפגעטריבן די יידן פונעם געטאָ, זיי זאָלן זיך צוקוקן צו דער עקזעקוציע.

אין הערבסט 1942 זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען וועגן פאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען וואָס האָבן זיך אָרגאַניזירט פון די סאָוועטישע זעלנער אַנטלאָפענע פון דער דייטשער געפאַנגענשאַפט און פון יידן פון די געטאָס, כדי צו קעמפן מיט דער ברוינער היטלער־חיה.

דער יונגער בחור וואָלק האָט שוין נישט קיין שום אילוזיעס וועגן די היטלערישע כוונות צו פאַרניכטן דאָס יידישע פאָלק. ער האָט אָנגעהויבן טרוימען פון אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד.

איין מאָל אין אַ טריבן אָוונט, טריב ווי ס'איז געווען ביי אים אויפן האַרצן, האָט דער יונגער בחור זיך געפינען צופעליק נישט ווייט פונעם געטאָ־טויער. אַרום איז געווען שטיל. אויף דער גאַס — קיין לעבעדיק נפש. פון ערגעץ ווייט האָט זיך געטראָגן נאָר אַ יאָמערלעך וואָיען פון אַ הונט, אויף וועלכן ס'האָבן זיך אָפּגערופן אַנדערע, צוגעבונדענע צו די קייטן. דאָס אימהדיקע וואָיען איז געוואָרן וואָס אַ מאָל שטאַרקער, ווי זיי וואָלטן אים, יצחקן, געוואָרנט פאַר דעם שרעקלעכן גורל וואָס ווערט צוגעגרייט פאַר די קאָסעווער יידן.

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט דער אָפּהילך פון שווערע טריט. פאַר־שטעקט אונטער אַ קוסט האָט ער געזען אַ גרופּע פויערים מיט ראַדניקעס אונטער די מאַנטלען, גייען אין דער ריכטונג צום שלאָס־מאַרטשושטשיזנע, ווו ס'האָט זיך געפונען דאָס צווייטע געטאָ. אין זיין קאָפּ האָט אויפגעבליצט אַ טרויעריקער געדאַנק. נישט פאַרלירנדיק קיין צייט, איז יצחק געלאָפן אַן אַ נשמה צום קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי, אַ לאָדזשער בחור מיט דעם נאָמען גאָלדנבערג, מיט וועלכן ער איז געווען באַפריינדעט אוןביידע צוזאַמען זענען אַוועק צום אַנפירער פונעם יודנראַט.

ס'איז געווען פרייטיק ביינאַכט. מאָטל כייקין איז געזעסן ביים שבתדיקן טיש, אויף וועלכן עס זענען געשטאַנען די לייכטער מיט די ברענענדיקע ליכט. מאָטל האָט געהאַלטן אין מיטן קידוש. דערזעענדיק זייערע בלאַסע, פאַרצויגענע פּנימער, און אויסהערנדיק זייער גרויס האָט דאָס אים ממש עלעקטריזירט. מאָטל כייקין איז גלייך אַוועק צום קאָמיסאַר פון דער זשאַנ־דאַרמעריע — גוסטאַוו לאַנגע.

די עלטערע שוועסטער פון יצחק וואָלק איז דעמאָלט געווען באַשעפטיקט אַלס קעכין ביים בירגערמייסטער פון קאָסעוו — אַ פּאָליאַק, ער האָט געוווסט וועגן דער צוגעגרייטער אַקציע. האָט ער זי געשיקט אַהיים ברענגען צו אים אויך די יונגערע שוועסטער און זיי בלייבן ביי אים ביז איבער שבת.

יצחק מיט דער מאַמען און איבער אַ צענדליק יידן האָבן זיך פאַר־שטעקט אונטערן דאַך פונעם בנין פון יודנראַט. אָבער דער טאַטע האָט זיך נישט געוואָלט באַהאַלטן — „מען קאָן פונעם גורל נישט אַנטלויפן" — האָט ער געזאָגט — און זיך געלאָזט צום בית־מדרש זאָגן תהלים.

מאָטל כייקין איז צוריקגעקומען פונעם קאָמיסאַר אַ צעבראָכענער. דער נאַצי, וועלכער האָט אים געגעבן זיין וואָרט און פאַרזיכערט, אַז אונטער זיין הערשאַפט וועט די יידן קיין שלעכטס נישט געשען, האָט זיך איצט פאַרטיידיקט אַז דאָס איז אַ באַפעל פון דער העכערער מאַכט, קעגן אים איז ער אוממעכטיק. ער האָט בלויז מצליח געווען צו באַקומען אַ פאַרזיכערונג־שיין פאַר אים, דעם פירער פונעם יודנראַט, מאָטל כייקין.

אין יענער נאַכט — איז קיינער נישט געשלאָפן. יעדער האָט מיט האַרץ־קלאַפּן זיך איינגעהערט אין דער שטילקייט פון דער טראַגישער פאַר אונדז פינצטערער נאַכט.

אין דרויסן הייבט שוין אָן צו טאָגן. דורך די דאַך־קאַפּלעס באַווייזט זיך אַ טונקלער שיין, וואָס באַלויכט די טרויעריקע געזיכטער פון די צום

טויט פאַראורטיילטע מענטשן. אַרום געטאָ באַוויזן זיך סילועטן פון דער ווייסרוסישער פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע אונטער דער אָנפירונג פון קאָמיסאַר גוסטאַוו לאַנגע. עס איז זעקס אַ זייגער פרי — דער טרויעריקער שבת פון 1942, אין וועלכן די נאַציס האָבן דורכגעפירט די שחיטה איבער די קאָסעווער יידן.

דורכן געטאָ־טויער זענען אַריינגעפאָרן די לאַסטוואָגנס, וועלכע האָבן געדאַרפט ארויספירן די יידן צו די אויסגעגראָבענע גריבער. דער רעש פון די געלאָזטע אין גאַנג מאָטאָרן האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם יאָמער און געוויין פון די געטריבענע צום טויט פרויען און קינדער פון קאָסעווער געטאָ. אַ סך האָבן גענומען אַנטלויפן — און זענען גלייך דערשאָסן געוואָרן.

אין שפּיץ פון דער עדה, איז געגאַנגען מיט זיין משפּחה דער קאָסעווער רב און אין ביי זיין זייט זיין זון, דער קדוש מאָטל כייקין.

אין די וועלדער פון וואלטשי נארי

דאָס אונטערצינדן דעם רייכסטאַג אין יאָר 1933 דורך דעם אויבער־נאַצי הערמאַן געריגג און זיינע מיטהעלפער, האָט געגעבן אַ סטימול די היטלערישע באַנדעס צו אַ מאַסן־טעראָר, צו שחיטות, וואָס די קולטורעלע וועלט האָט אַזעלכע זיך אַפילו נישט געקאָנט פאָרשטעלן. אין דער ערשטער ריי האָט זיך דאָס אָפּגערופן אויף דער יידישער באַפעלקערונג. יידיש פאַרמעגן, יידיש לעבן איז געוואָרן הפקר. די תפיסות און די קאָנצענטראַציע־לאַגערן זענען געוואָרן איבערגעפילט מיט מענטשן — קעגנער פון דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם.

דער פּראָגרעסיווער כח איז צעשמעטערט געוואָרן און איז נישט פעיִק געווען זיך אַקעגנצושטעלן דעם אכזריותדיקן רעזשים. היטלער הייבט אָן די ערשטע טריט פון זיין ממשלה מיט אַן אימפּעטיקער באַוואָפע־נונג. פון איין זייט באַשעפטיקט ער אַ גרויסן טייל פון דער דייטשער באַפעלקערונג אין דער מיליטערישער אינדוסטריע און מילדערט טיילווייז די אַרבעטסלאָזיקייט פון דער צווייטער זייט וואַרפט ער די שולד פאַר דער נויט פון דייטשן פאָלק אויף די יידן און באַרעכטיקט די נאַצישע פאַר־ברעכנס. דער ווילדער אַנטיסעמיטיזם כאַפּט אַרום אַלץ ברייטערע קרייזן פון דער דייטשער באַפעלקערונג, צעשפּרייט זיך ווי אַ מגיפה. און די וועלט האָט זיך צוגעקוקט צו היטלערס וואַקסנדיקער מיליטערישער מאַכינע און זיינע צוגרייטונגען צו דער צווייטער וועלט־מלחמה און איז געבליבן גלייכגילטיק, פּאַסיוו.

דעם 13־טן מערץ 1938 באַשטעטיקט דער מערב די אַנעקסיע פון עסטרייך און אין דעם זעלבן יאָר זענען מיר עדות פון באַזעצן טשעכאָסלאָ־וואַקיע. די נאָכגיביקע פּאָליטיק פון ענגלאַנד און פראַנקרייך דערפירט אויך צום איבערפאַלן פון דער היטלער־אַרמיי אויף פוילן און דערמיט צייטיקט זיך אויס דער אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די לייכטע נצחונות אויף די פראָנטן האָבן אַריינגעטריבן דאָס דייטשע פאָלק ממש אין קאָפּ־שווינדל. די ווייט גרעסטע מערהייט איז דעמאָראַליזירט געוואָרן פון אומבאַשטראָפטע גזלות און רויבערייַ פון יידישן פאַרמעגן. די נאַציס האָבן זיך שוין געזען אַלס הערשער פון דעם גאַנצן ערדקיילעך.

„דויטשלאַנד איבער אַלעס"... די לעגענדע פון אומבאַזיגבאַרן דייטשן זעלנער ווערט אַ טרויעריקע ווירקלעכקייט.

די וועלט האָט אָנגעהויבן צאָלן אַ ביטערן פּרייז פאַר איר לייכטזין. דעם 22־טן יוני באַפאַלן די היטלער־אַרמייען דעם סאָוועטנפאַרבאַנד. די רויטע אַרמיי איז שלעכט צוגעגרייט צום קריג און די היטלער־אַרמיי פאַרנעמט בליצשנעל אומגעהייערע שטחים פון דעם „מעכטיקן" ווי זיי האָבן זיך געריסמט, רוסלאַנד. ס'איז נישטאָ דער כוח צו צוימען דעם ברוינעם גזלן. די נאַציס זייען אויף זייער מאַרשרוט טויט און פאַרוויסטונג.

דעם גרעסטן קרבן גיט דאָס יידישע פאָלק, מיט די שחיטות, אין די געדיכט באַוווינטע שטעט און דערפער פון ראַטנפאַרבאַנד און צווישן אַנדערע די גרויזאַמע שחיטה אין קאָסעוו־פּאָלעסקי אין יאָר 1942.

אין דעם מאַסן־פּאָגראָם זענען אומגעקומען איבער דריי טויזנט קרבנות. פון די לעבן געבליבענע האָט מען אַרויסגענומען אַ גרופּע יונגע מענער, און זיי באַפוילן צונויפצונעמען און באַערדיקן די דערשאָסענע, וועלכע האָבן געפּרוווט אַנטלויפן בעת דער אַקציע. אין דער גרופּע איז געווען אויך יצחק וואָלק.

אַ מידער און פאַרביטערטער, אויסגעשמירט אין בלוט, איז ער בייַנאַכט אַהיימגעקומען פון דער הייליקער אַרבעט. ער איז געליגן און נישט געקאָנט איינשלאָפן. די וויעס זענען שווער געווען ווי בליי, די אויגן האָבן זיך צוגעמאַכט, אָבער דער שלאָף איז נישט געקומען. פאַר די אויגן האָט ער געזען די היימישע געשטאַלטן, וועמען ער האָט היינט געבראַכט צו אייביקער רו. אַ טייל האָבן געהאָט אָפענע אויגן, ווי זיי וואָלטן געפרעגט — פאַר וואָס? פאַר וואָס איז מיר געקומען אַזאַ טויט? פאַר וואָס האָט מען גערויבט מיין יונג לעבן? פאַר וועלכע זינד? דערפאַר וואָס איך בין געבוירן אַ ייד? דאָס האַרץ האָט געקלעמט פון ווייטיק ווי מיט אייזערנע צוואַנגען, אין קאָפּ זענען אַרומגעקראָכן פאַנטאַסטישע געדאַנקען — צי דען וועט ניט זיין קיין נקמה?

דער גורל האָט געוואָלט אַז די געלעגנהייט זאָל שנעל קומען. אַ סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונג, וואָס האָט סטאַציאָנירט אין די וועלדער פון וואָלטשי נאָרי מאַכט אַ רעיד נאָך פּראָוויאַנט און פאַרט פאַרביי קאָסעוו־פּאָלעסקי. אין שטאָט באַווייזט זיך פּלוצעם אַ גוט באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונג, אויך וועגענער, צווישן זיי אַ גרופּע יידן וועלכע קומען גלייך אין קאָנטאַקט מיט דער איבערגעבליבענער פון דער שחיטה יידישער באַפעלקערונג. דאָס באַווייזן זיך פון פּאַרטיזאַנעס גראָדע אין דער צייט, האָט שטאַרק געווירקט אויף אַ גרויסער צאָל אָנצושליסן זיך אין זייערע

רייען. עס ווערט גלייך אויסגענוצט די געלעגנהייט אָפּצורעכענען זיך מיט די אויסוואורפן פון דער פּאָליציי און געסטאַפּאָ. די היטלעריסטישע „העלדן" צו מאָרדן פרויען און קינדער, זענען זיך צעלאָפן ווי שטשורעס פון אַ זיך טרענקענדיקער שיף און באַהאַלטן זיך אין דער שטאָט איוואַדעוויטש.

יונגע מענטשן וועלכע קענען טראָגן געווער, האָבן זיך גלייך אָנגעשלאָסן אין די קעמפנדיקע רייען. פּאָר אַלטע דאָקטוירים, און פּאָר קינדער איז געשאַפן געוואָרן אַזאַ גערופענער פאַמיליע־לאַגער ווו די מענטשן האָבן זיך פאַרנומען מיט פאַרשיידענע ווירטשאַפט־אַרבעטן.

דער קאַמפּסגייסט פון די קעמפער האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. יידישע יינגלעך און מיידלעך האָבן זיך געמאָלדן פרייוויליק צו די געפערלעכסטע אויפגאַבעס, זוכנדיק נקמה צו נעמען פאַר דעם אומשולדיק פאַרגאָסענעם בלוט פון זייערע נאָענטע.

איין חודש בלויז נאָך זייער אַרויסמאַרש אין וואַלד, האָט מען דורכגעפירט אַן אַקציע אונטער דער אָנפירונג פון קאַפּיטאַן באַקאָוו. אין דער אַקציע האָבן אָנטייל גענומען אויך קאַסעוואַר יוגנטלעכע, צווישן זיי יצחק וואָלק, יוסף פאַקטער, ליובע זשאַגעל און אַנדערע. דער ציל איז געווען — די קאַסעוואַר פּאָליציי וועלכע האָט זיך געפירט אכזריותדיק בעת דער ליקווידאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג. די רוסישע יאַטן האָבן מיט פאַרשטענדעניש אָפּגעטרעטן דאָס פּלאַץ אין דער אַקציע דער יידישער יוגנט, כדי זיי צו געבן אַ געלעגנהייט זיך אָפּצורעכענען מיט די פאַשיסטישע באַנדיטן.

ס'איז געווען אַ קאַלטער אָוונט. דער הימל פאַרצויגן מיט שווערע וואָלקנס, געיאָגטע פון מזרח אויף מערב ווי אין אַ ווילד געיעג. די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונג האָט מאַרשירט האָפערדיק. די נעכטן נאָך געשטעמפּלטע מיט דער געלער לאַטע, יונגעלייט האָבן מאַרשירט באַוואָפנטע צו אַן אָפענעם קאַמף מיטן שונא. דאָס איז געווען אַ מחנה שטאָלצע יידן, וועלכע האָבן אויסגעוויילט דעם וואַלד און דעם קאַמף...

צעטיילט אויף דריי גרופּעס, האָבן זיי מיט פאַרשיידענע וועגן זיך אַריינגעקליבן אין שטאָט. אַ ספּעציעל באַשטימטע גרופּע האָט איבערגעשניטן די טעלעפאָן־פאַרבינדונג מיט סלאָנים פון די פּאָליציייאישע און זשאַנדאַרמעריע־קאַזאַרמעס. לויט אַ צייכן פון אַ ליכט־ראַקעטע האָט מען געעפנט אַ פייער פון אַלע מינים געווער. די איבעראַשטע פּאָליציי, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן האָט געשטעלט אַ שוואַכן ווידערשטאַנד. אייניקע

האָבן זיך געפּרוווט ראַטעווען שפּרינגענדיק דורך די פּענצטער, אָבער די קויל איז געווען שנעלער פון זיי. אויף דעם פּלאַץ זענען געבליבן אַן ערך דרייסיק טויטע פּאָליציאַנטן. מ'האָט דעראָבערט אַ גרויסע צאָל ביקסן, אַמוניציע, מונדירן און מיליטערישע קאַצן. די פּאַרטיזאַנער זענען יענע נאַכט געווען די האַרן פון דער שטאָט, אַנוואַרפנדיק אַ גוואַלדיקן פּחד אויף דער היטלעריסטישער באַנדע און אויף זייערע מיטהעלפער. אויף אַן ערך צוואַנציק וועגענער האָט מען אויפגעלאָדן דאָס גאַנצע מעל פון די דריי מילן, וועלכעס איז געווען באַשטימט פאַר די דייטשן און אַרויסגעפירט אין וואַלד פאַר די פּאַרטיזאַנעס. די יידישע יאַטן האָבן דאָ געקענט יעדער משפּחה פון די פּאָליציאַנטן וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין די געטאָ־אַקיצעס און גערויבט יידיש פאַרמעגן, אַלץ איז פאַרלאָדן געוואָרן אויף גרויסע, דראָביניאַסטע, צו דעם צוועק צוגעגרייטע וועגענער און אַרויס־געפירט אין וואַלד. אויך יצחק האָט אויפגעזוכט דעם פויער, וועלכער האָט אויסגעגעבן דער געסטאַפּאָ דאָס באַהעלטעניש פון זיין טאַטן — דערשיסנדיק אים אויפן פּלאַץ.

יצחק וואָלק (פּסעוודאָנים „וואָלטשאַק") איז נאָך דער אַקציע אויף דער פּאָליציי באַשטימט געוואָרן אַלס אויסשפּירער. טאָג און נאַכט איז ער געווען אונטערוועגנס, רייטנדיק אויף זיין פערד, וואָס איז איצט געוואָרן זיין איבערגעגעבענער פריינד, מיט וועלכן ער האָט זיך נישט געשיידט. ער האָט נישט איין מאָל זיך דערוויטערט פון דער באַזע אויף צענדליקער קילאָמעטער, כדי זיך צו טרעפן מיט זיינע אינפאָרמאַטאָרס, וועלכע האָבן אים איבערגעגעבן פאַרשידענע באַריכטן און פּלענער וועגן די דייטשן פאַר דער פּאַרטיזאַנישער אָנפירונג.

אין אַ פראָסטיקן נאָכמיטאָג פון יאַנואַר 1943, האָט יצחק זיך אומ־געקערט פון אַ וויטן רעיד, פון אַ אויסגעפירטער פּאַרטיזאַנישער שליחות. דערנענטערנדיק זיך צו דער באַזע איז ער אַראָפּ פון זיין פערד און זיך געלאָזט גיין צופוס, כדי זיך אַ ביסל צו דערוואַרעמען. דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער די פיס צום טאַקט פון זיינע טריט, ווי באַגלייט פון אַ מאָדנער מוזיק ; די לופט איז געווען שאַרף, און ממש געשטאָכן אין פּנים. דאָס פערד האָט מיטאַמאָל אַ ריס געטאָן דאָס ציימל. יצחק איז שטיין געבליבן און באַמערקט די אויפגעשפּיצטע אויערן פון זיין באַגלייטער. פון דערווייטנס האָט זיך דערטראָגן אַן אָפּהילך פון ביקס־זאַלפן. יצחק האָט אָנגעשטרענגט זיין געהער. יאָ — האָט ער צו זיך געזאָגט — דאָס פייער איז פון דער זייט פון די פאַמיליע־לאַגערן. ער האָט גענומען האַסטיקער

שפּאַנען אין דער ריכטונג צו דער זעמליאַנקע פון דער פּאַרטיזאַנישער אָנפירונג. אויף דעם וועג האָט ער שוין באַגעגנט דעם קאָמאַנדיר קאַפּיטאַן באַבקאָוו און זיין פּאַרטרעטער, ניקאָליי ניקאָלאַיעוויטש. פון דער ווייטנס דערזען אויך זיין ראַטע־קאָמאַנדיר, באָריס יוסקאָווסקי.

— דאָס פייער איז פון די פאַמיליען־לאַגערן — געזאָגט מיט טיפער זאָרג יוסקאָווסקי און זיי האָבן דאָך נישט קיין געוועזן.

— אַלע וועט מען נישט אויסשיסן — האָט מיט איראָניע געענטפערט דער קאָמאַנדיר באַבקאָוו. איך האָב שוין לאַנג געזאָגט, אַז מען דאַרף די יידן באַזייטיקן פונעם וואַלד זיי וועלן נאָך ברענגען אויף אונדז אַן אומגליק.

די צוויי יידן זענען געבליבן שטיין אַן לשון.

ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן האָבן די דייטשן זיך געוואָלט אָפּרעכענען מיט די פּאַרטיזאַנער פאַר זייער איבערפאַל אויף דער פּאָליציי אין קאָסעוו און אויסגעקליבן דעם נישט באַוואָפנטן פאַמיליע לאַגער.

ווען דאָס שיסן איז שטיל געוואָרן, האָט דער קאַפּיטאַן באַבקאָוו באַשלאָסן צו שאַפן אַ לאָקערונג, אויף די זיך צוריקקערנדיקע היטלעריסטן. די דייטשן אָנטרעפנדיק אויף באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנעס זענען אין אַ בהלה אַנטלאָפן. ס׳איז אויך געלונגען אָפּצושלאָגן די צוויי פרויען, וועלכע זיי האָבן מיטגענומען פאַר אַן אויספאָרשונג.

אין וואַלד אויפן שניי האָט מען געפונען צוויי און פופציק דערמאָרדעטע פרויען, זקנים און קינדער. מען קאָן נישט אַריבערגיין שווייגנדיק דעם פאַקט, אַז איינע פון די צוויי פרויען וועלכע די פּאַרטיזאַנער האָבן גערעטעוועט, אָפּשלאָגנדיק זיי ביי די דייטשן האָט דער קאַפּיטאַן באַבקאָוו דערשאָסן, אַלס כלומרשטן דייטשן שפּיאָן.

נאָך דער טראַגעדיע, האָט דער שונא ישראל באַבקאָוו, שוין געהאָט אַ פּרעטעקסט אַרויסצוגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע יידן זאָלן פאַרלאָזן דעם וואַלד, און אָפּגעבן דאָס געווער.

צו די אַלע קרבנות איז צוגעקומען נאָך איין קרבן — דער סלאָנימער בחור טשערניכאָווסקי וועלכער האָט נישט געוואָלט אָפּגעבן דאָס געווער, ער איז דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט.

די טראַגעדיע פון די וועלדער פון וואָלטשי נאָרי דערגייט צו דער פּאַרטיזאַנישער אָנפירונג קיין מאָסקווע. האָט מען אַראָפּגעוואָרפן אַ דעסאַנט מיטן פּולקאָווניק פעטיא אין דער שפּיץ, וועלכער פאַרשיקט דעם קאָמאַנדיר

באָבקאָוון צו די פּאַרטיזאַנער, אין די מינסקער בלאָטעס, און אויף זיין אָרט האָט מען באַשטימט דעם מאַיאָר וויקטאָר לאַסאָוו. דעם פּאַרטרעטער פון באָבקאָוון האָט מען עפנטלעך דערשאָסן.

די ליקווידאַציע פון די דריי היטלעריסטישע נעסטן

די בריסקער פּאַרטיזאַנישע פאַראייניקונג „סאָוויעטסקאַיאַ־ביעלאַרוש" אויף דעם נאָמען פון „פּאָנאָמאַרענקאָ" איז זיך צעוואַקסן אין אַ מעכטיקן כוח, פאַר וועלכן די דייטשן האָבן געציטערט אימת מות. אין די וועלדער פון וואָלטשי נאַרי, ווי ס'איז געווען זייער באַזע האָבן די היטלעריסטן נישט געוואָגט אַ פוס אַריינצושטעלן. כדי אַרויסצוגיין אויף אַן אַקציע קעגן די פּאַרטיזאַנער זענען זיי געווען געצוווּנגען אָפּצוציִען אַן ערנסטן כוח פון דעם פראָנט.

כדי צו שאַפן זיך אַ שוץ־וואַנט קעגן אַן עווענטועלער געפאַר מצד די פּאַרטיזאַנעס, האָבן זיי גענומען באַזעצן, די נאָענט, צו די פּאַרטיזאַנישע וועלדער ליגנדיקע דערפער, מיט שטאַרקע פּאָליציישע כוחות, פון ליט־ווינער, ווייסרוסן וולאַסאָווצעס און אַנדערע נאַציסטן. אַזוי למשל זענען באַזעצט געוואָרן די דערפער: סוטשקי, פּעלעשקי, אָקאַנינאָוואָ און אַנדערע. די דערפער זענען געלעגן אָפּגעטיילט צווישן זיך אויף אַ מהלך פון אַן ערך דריי ביז פיר קילאָמעטער. די אָרטשאַפטן ווערן ממש אויסגערייניקט פון פּויערים אויף וועלכע עס פאַלט בלויז דער מינדעסטער פאַרדאַכט פון סימפּאַטיע צו די סאָוויעטן. זייערע זין און טעכטער ווערן אַרויסגעשיקט אויף צוואַנגס־אַרבעט קיין דייטשלאַנד. אויף די פּויערים ווערט אַרויפ־געלייגט צו געבן גרעסערע קאָנטיגענטן און משפּחות וועמענס קרובים האָבן געאַרבעט אויף רעגירונגס־פּאָסטנס, ביי די סאָוויעטן, ווערן ממש געצוווּנגען צו פאַרלאָזן דאָס געביט.

פאַר דער פּאַרטיזאַנישער פאַראייניקונג איז דער דייטשער פּלאַן אַ שטאַרקער קלאַפּ. זיי פאַרלירן דורך דעם זייערע פאַרבינדלער, אַגענטן, אינפאָרמאַטאָרס און באַזונדערס זייערע ברויט־געבערס. די דערפער ווערן באַזעצט מיט דייטשע שפּיצלען און צוטרעגער. די פּאַרטיזאַנעס האָבן נישט מער קיין דריסת־רגל אין די דאָזיקע אָרטשאַפטן. עס מערן זיך אויך פאַלן פון איבערגעבן פון פּאַרטיזאַנער אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ.

עס ווערט אָנגענומען אַ באַשלוס פון דער פּאַרטיזאַנישער אָנפירונג די דריי דערפער צו ליקווידירן.

אין סוף 1943 האָבן פון דער פּאַרטיזאַנישער באַזע אַרויסמאַרשירט איבער צוויי הונדערט גוט באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער. אַ טייל פון זיי איז געווען אויסגעשטאַט מיט ברען־קוילן. אויפגעטיילט אין דריי גרופּעס ציט יעדער אין איר ריכטונג. ביים סוף פון דער מיטלער אָפּטיילונג איז אויף צוויי וועגענער געפאָרן די סאַניטאַרע גרופּע צו וועלכער ס׳האָבן געהערט די דאָקטוירים וואַלקאָוויסקי און בערקאָוויטש און די סאַניטעטס־שוועסטער, רבקה וואַלק.

יעדער אָנפירער פון אַן אָפּטיילונג שיקט אַרויס זיינע אויסשפּירער, און פון ביידע זייטן אַ פאַרזיכערונג. ביים פאַרלאָזן דעם וואַלד קומט אַ באַפעל: — נישט רויכערן!

ס׳איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט. אַרום שטיל. פון ערגעץ ווייט האָט זיך געהערט בלויז אַ יאָמערלעך וואָיען פון אַ הונט, אויף וועלכן ס׳האָבן זיך אָפּגערופן אַנדערע צוגעבונדענע צו די קייטן. וואָס נעענטער ס׳איז צוגעקו־מען צו די דערפער האָט דאָס בילן זיך פאַרשטאַרקט, ווי די הונט וואָלטן געפילט דאָס שרעקלעכע, וואָס דערנעענטערט זיך. דאָ און דאָרט הייבן זיך שוין אָן באַווייזן קליינע פייערלעך פון די נאָך נישט אויסגעלאָשענע לאָמפּן. יצחק וואַלק מאַרשירט אין דער פאַרזיכערונגס־גרופּע, פאַררייסנדיק פון צייט צו צייט דעם קאָפּ צום הימל מיט אַן אָנגעשטרענגטן בליק, צי עס באַווייזט זיך נישט דער אָפּגערעדטער צייכן פון דער ראַקעטע. דאָס האַרץ קלאַפּט האַסטיקער, ער האָט נישט געוווּסט צי פאַר פרייד, וואָס ער האָט דערלעבט די שעה צו שטיין אויג אויף אויג מיט געווער אין האַנט קעגן דעם דייטשן אכזר, צי גאָר פאַר דענערווירונג, נישט צו ווערן אויפ־געדעקט פונעם שונא.

זיי זענען שוין געווען גאָר נאָענט פון דעם באַשטימטן פּאַר זיי ציל, און פּלוצעם — אַ ליכטיקער שטערן פון אַ ראַקעטע האָט גענומען פאַלן פונעם הימל און האָט באַלויכטן די פינצטערע נאַכט.

— פייער! — איז געפאַלן אַ באַפעל פונעם קאָמאַנדיר.

— פייער!... פייער!... האָבן זיך געהערט ווייטערדיקע באַפעלן.

פון לינקס און פון רעכטס האָט זיך געהערט אַ גרעגערן פון מאַשין־ביקסן. ס׳האָבן שוין געברענט די ערשטע הייזלעך מיט די שטרויענע דעכער. ס׳האָט זיך שוין פאַרויטלט דער הימל פון די דערנעבן ליגנדיקע אָרט־שאַפטן. מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ קורצער פייף — און אַ קראַך. אויף אַ ווײַלע איז די לופט געוואָרן אויסגעשעפּט ווי מיט אַ פּאָמפּע. אַ גוואַל־דיקער פלאַם האָט באַלויכטן די געגנט. גראַנאַטן־שפּליטערס האָבן באַדעקט

דאָס גאַנצע דאָרף. געשרייען און הילפס־רופן פון די נאַציס אין פאַרשידענע שפּראַכן האָבן זיך געטראָגן אין דער לופט. דער הימל איז רויט געוואָרן פון דעם פייער פון די ברענענדיקע דאָרפישע הייזלעך — די פּאַרטיזאַנעס האָבן געשטערט דאָס לעשן דורך זייער אָנאויפהערנדיקן שיסן. עס איז אויך נישט מעגלעך געווען צו דערנענטערן זיך צו די שריפות, דורך דעם שטענדיקן רייסן זיך פון אמוניציע און גראַנאַטן.

די פאַשיסטן האָבן אין פּאַניק גענומען אַנטלויפן פונעם ברענענדיקן דאָרף, און זענען אריינגעפאַלן אין די נעצן פון די לויערנדיקע אויף זיי פּאַרטיזאַנער אין געפּענגעניש.

דער זיג איז געווען אַ גוואַלדיקער. די פאַשיסטן האָבן געגעבן אַ סך קרבנות אין טויטע, פאַרווונדעטע און געפאַנגענע. אָבער אויך מיר — האָט געזאָגט יצחק וואָלק — האָבן געהאַט פיר טויטע, און צווישן זיי, דער וואָס האָט זיך פרייוויליק געמאָלדן צו דער אַקציע — יונה גילאַרי.

די נקמה פאַר די דריי אויפגעהאָנגענע יידן

דער קאַמף ביי דער וואָלגע, וועלכער האָט זיך געצויגן פון יולי 1942 און זיך פאַרענדיקט מיט אַ פולשטענדיקער מפּלה פון דער דייטשער אַרמיי אין פעברואַר 1943, איז געווען אַ ווענדפּונקט אין דער תקופה פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. די היטלעריסטישע אַרמיי ווערט צוריקגעשטויסן ווייט אויף מערב, פאַרלירנדיק די סטראַטעגישע איניציאַטיוו שוין ביז צום סוף פון דער מלחמה.

דער קאַמף גייט אַריין אין דער געשיכטע פון דער דייטש־סאָוועטישער מלחמה מיטן נאָמען „די סטאַלינגראַדער שלאַכט". זייט דער דאָטע האָלטן די דייטשע חילות אין איין צוריקציִען זיך אויף אַלע פראָנטן. די ביז דעמאָלט זיך וואַקלענדיקע עלעמענטן הייבן אָן גלייבן אין דער מפּלה פונעם דריטן רייך. עס הייבן זיך אָן מערן די פרייוויליקע אין די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען, ווי אויך די איבערלויפער פון דער פאַררעטערישער אַרמיי פון גענעראַל אַנדרעי וולאַסאָוו, די אַזוי גערופענע „וולאַסאָווצעס".

די פּאַרטיזאַנער טרעטן צו, צו אַ וואָס אינטענסיווער טעטיקייט אויף אַלע אָפּשניטן. צווישן אַנדערע ווערט געוואָרפן די לאָזונג „קאַמף אויף די רעלסן" דערמיט צו באַשווערן דאָס צוריקציִען זיך פון דער דייטשער אַרמיי, ווי אויך מיט אויפרייסן די באַן־ליניעס כדי אוממעגלעך מאַכן דאָס ליפערן פאַרן פראָנט, וואָפן, קליידונג, ברויט און אַנדערע נייטיקע זאַכן. יעדער מלוכישער יום טוב ווערט באַערט מיט פאַרשטאַרקטע פּאַרטיזאַנישע אַקציעס.

אויך די יידישע פּאַרטיזאַנער פון דער „בריסקער פּאַראַייניקונג" ווילן נישט בלייבן די לעצטע אין דעם הייליקן קאַמף. מיט אַ דינסטלעכן וועג ווענדן זיך די יאַטן פון באַראַ יוטקאָווסקיס ראָטע, צו דעם ניי באַשטימטן קאָמאַנדיר, וויקטאָר לאַסאָוו, אַז זיי ווילן אָפּמערקן דעם יום־טוב פון דער „אָקטאָבער רעוואָלוציע" מיט ליקווידירן די טעלעפאָן־פאַרבינדונג אויף דער ליניע סלאָנים־באַראַנאָוויטש.

דאָס איז זייער אַ שווערע אַקציע — האָט געזאָגט דער מאַיאָר לאַסאָוו — איבערהויפּט וויל איך נישט געבן קיין סאַטיספאַקציע די אָנהענגער פון באָבקאָוון, און אַזעלכע זענען זיכער פאַראַן, טאָמער מאַכט זיך אַז די אַקציע

װעט נישט געלונגען — אפשר זאָלן מיר צושליסן נאָך איין ראַטע צו דער אונטערנעמונג ?

— די יידן האָבן זיך געװוּנטשן אַליין דאָס אויסצופירן, חבר מאַיאָר — האָט געענטפערט יוטקאָװסקי.

— גוט — האָט געזאָגט דער קאָמאַנדיר — איך בין מסכים.

אַן אָפּטיילונג פון צען מאַן האָט אַרויסמאַרשירט פון דער באַזע. צווישן זיי איז געװען יצחק װאָלק און אהרן יאָסעלעװיטש, װעלכע האָבן גענומען אויף זיך די פאַראַנטװאָרטלעכקייט פאַר דער אונטערנעמונג. באַװאָפנט מיט פּיסטאָלעטן און מאַשין־ביקסן אויף אַן עװענטועלער פאַרטיידיקונג אָדער אַנגריף, זעגן, שערן, העק און אַ באַנקע נאַפט האָבן זיי געריכט אין װעג. די גאַנצע גרופּע װי איין מאַן איז געװען פעסט אַנטשלאָסן, עס זאָלן אַפילו נייטיק זיין די גרעסטע קרבנות, די אַקציע אויסצופירן געניו. צעטיילט אין צוויי קאָמאַנדעס זענען זיי צוגעטרעטן צו דער אונטערנעמונג.

קניִענדיק האָט מען גענומען שניידן די טעלעפאָן־סלופּעס, און זיי צו־נויפטראָגן צום מיט װעג אין אַ הויפן. אַנדערע האָבן מיט די שערן צעשניטן די דראָטן מען זאָל זיי נישט קאָנען מער באַנוצן. די אַרבעט איז געגאַנגען װי ביי געבוירענע סאַבאָטאַזשניקעס.

ס'איז געװען אַ ליכטיקע נאַכט. דער רונדער לאָמטערן אין הימל האָט געלויכטן װי לויט אַ באַשטעלונג. פון צייט צו צייט האָט אַ קיל װינטל אויפגעפרישט די פאַרשװיצטע געזיכטער. אַרום איז שטיל געװען, קיין לעבעדיק נפש, װאָס זאָל שטערן. די פּאַרטיזאַנער האָבן שוין אַ גרויסן װעג־אָפּשניט פאַרענדיקט. דער הויפן אונטערגעשניטענע סלופּעס האָט גע־װאַקסן אומאונטערבראָכן. ס'איז שוין נאָך האַלבער נאַכט. עטלעכע סלופּעס װערן צעשפּאָלטן אויף דינע שפּענער און צוזאַמען מיט טרוקענע צװייגן באַגאָסן מיט נאַפט. די פּאַרטיזאַנער זענען אַרויס פאַרזאַמלט װי זיי װאָלטן געװאַרט אויף אַ באַלוינונג. דער אַריינגעװאָרפענער ברענענדיקער פאַקל זעצט אַרויס מיט אַ ריזיקן פלאַם און נעמט אַרום דעם גרויסן הויפן.

צופרידענע פון דעם גוט אָפּגעטוענעם שטיקל אַרבעט, שפּאַנען זיי מיט ראַשע שריט צו דער פּאַרטיזאַנישער באַזע, מעלדן דעם קאָמאַנדיר װעגן דעם אויסגעפירטן באַפעל.

✡

די פּאַרטיזאַנער פון דער „בריסקער פּאַראייניקונג" אויפן נאָמען פון „פּאַנאַמאַרענקאָ" האָבן געמוזט זיין שטענדיק אויף דער וואַך. מ'האָט גע־מוזט זיין גרייט אויפצונעמען יעדע אַקציע אָדער קאָנטר־אַקציע מצד די דייטשן, אַפילו נאָך דער שווערסטער דורכגעלעבטער נאַכט. שוין אָפּגערעדט ווען עס האַנדלט זיך אין אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן, וועלכער זוכט אַליין אַ געלעגנ־הייט צו נעמען נקמה אין די רוצחים.

ס'איז נאָך געווען בלוי אין דרויסן, וואָלק האָט זיך נאָר וואָס צוריק־געקערט פון דער ביינאַכטיקער עסקאַפּאַדע, ווי דער שליח פון דעם קאָמאַנ־דיר לאַסאָוו איז אים געקומען רופן.

— מיר האָבן באַקומען אַ מעלדונג — האָט געזאָגט דער קאָמאַנדיר — אַז מאָטאָריזירטע דייטשע כוחות ציִען פון סלאָנים... ביי אַן ערנסטער לאַגע זאָלט איר געבן אַ פייער־צייכן !...

אין געציילטע מינוטן זענען יצחק וואָלק, מולאַ מענדעלעוויטש און יעקב פּריבולסקי שוין געזעסן אויף די פערד. אין גרעסטן גאַלאָפּ האָבן די דריי אויסשפּירער געריררט פונעם אָרט...

אין דער פּאַרטיזאַנישער באַזע איז אַלץ געשטעלט געוואָרן אַלאַרם־גרייט. עס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ באַוואָפנטע אָפּטיילונג צו די פּאַ־מיליען־לאַגערן. צו די לייכטע קאַנאָנען האָט מען איינגעשפּאַנט די פערד. די לאַגע איז געווען אַ געשפּאַנטע... אַלץ האָט געוואַרט אויפן סיגנאַל פון די אויסשפּירער...

ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָבן די דייטשן געגרייט אַן אַרומרינגלונג פון דער „בריסקער פּאַרטיזאַנישער פּאַראייניקונג", וואָס האָט סטאַציאָנירט אין די וועלדער פון וואָלטשי נאָרי. צו דער אונטערנעמונג האָבן זיי אַריינגעפירט אַ מאָטאָריזירטע אָפּטיילונג פון טאַנקעטקעס, זשאַנ־דאַרן און ווייסרוסישע פּאָליציי.

די אויסשפּירער האָבן נישט פאַרקלענערט זייער גאַלאָפּ. די פערד האָבן זיך געריסן פאָרויס מיט שוים אויף די מיילער. די רייטער האָבן זיך אָפּ־געגעבן אַ דין וחשבון ווי וויכטיק ס'איז יעדע מינוט, ווייל עס גייט אין גורל פון אַזויפיל אייגענע מענטשן.

פון דערווייטנס האָט זיך שוין געהערט דער רעש פון דער זיך דער־נענטערנדיקער מחנה. דאָס קלאַפּן פון די רעדער אויפן מיט שטיין־ברוקירטן וועג איז געוואָרן אַלץ דייטלעכער. מען דאַרף שוין געבן אַ צייכן, האָט געטראַכט וואָלק, עס זאָל נישט ווערן צו שפּעט... זיי האָבן אויסגעדרייט

די פערד אויף צוריק. אַ זאַלפּ האָט אָפּגעהילכט אין דער לופטן, וועלכער האָט אָפּגעענטפערט מיט אַ ווידערקול אין טיפן ענדלאָזן וואַלד...

די פּאַרטיזאַנישע אָנפירונג האָט באַשלאָסן צוצוגרייטן אַ לאַקערונג. אונטער דער אָנפירונג פון קאָמאַנדיר וויקטאָר לאַסאָוו איז מען צוגעטרעטן צו פאַרנעמען קאַמפּס־פּאָזיציעס ביים ראַנד פונעם וואַלד. די אַרטילעריסטן האָבן צוגעפירט זייערע לייכטע קאַנאָנדלעך צו אַלע וואַלד אויסגעגג, און אויסגעשפּאַנט די פערד, אַריינפירנדיק זיי ווייטער פון דער פאַרטיידיקונגס־ליניע. אַהין און צוריק זענען געלאָפן די פאַרבינדלער פון קאָמאַנדיר מאַיאָר וויקטאָר לאַסאָוו מיט באַפעלן, אויף אַלע אָפּשניטן. אומעטום האָט געהערשט אָרדנונג און דיסציפּלין. דאָס האָט געשאַפן אַ רויִקייט טראָץ דער גרויסער געפאַר, וואָס האָט זיך דערנענטערט.

די היטלעריסטן און זייערע העלפער האָבן געצויגן פאָרויס ווי אויף אַ פּאַראַד־מאַרש. ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט ווי ס׳האָט זיך דערהערט די מעכטיקע שטימע פון קאָמאַנדיר לאַסאָוו...

— פייער !... פייער !...

פון אַלע זייטן האָט זיך אַ שאָט געטאָן אַ האָגל פון צעגליטן בליי. ס׳האָט זיך דערהערט אַ ריטמיש גרעגערן פון מאַשין־ביקסן, וואָס מאַכט דעם איינדרוק פון אַ גרויסן אָרקעסטער, וואָס שפּילט בלויז אויף ווערבלען. געשטאַנען אין פלאַמען זענען שוין די ערשטע דייטשע טאַנקעטקעס. איבער די פּאַרטיזאַנישע קעפּ זענען געפלויגן פייַנטלעכע גראַנאַט־שפּליטערס, אָבער דאָס פייער איז נישט געווען קיין צילנדיקס. די דייטשן האָבן געשאָסן, נישט זייענדיק אָריענטירט אינעם פאַרנעם פון די פּאַרטיזאַנישע פּאָזיציעס.

אין די פאַשיסטישע רייען איז אַנטשטאַנען אַ פּאַניק. אין אַ גוואַלדיקער בהלה האָבן זיי גענומען פאַרלאָזן דאָס שלאַכטפעלד, איבערלאָזנדיק אַ גרויסע צאָל טאַנקעטקעס און נאָך מער טויטע און פאַרוווּנדעטע.

אין די פּאַרטיזאַנישע רייען זענען געווען גאַנץ קליינע פאַרלוסטן. דאָס זענען געווען דריי דורך די דייטשן געפאַנגענע, וועלכע דער קאָמענדאַנט פון דער ווייסרוסישער פּאָליציי אין זשיראָווע האָט פערזענלעך אויפגע־האַנגען. דאָס זענען געווען די צוויי ברידער אברהם און חיים פּאָסמאַניק, פון קאָסעוו־פּאָלעסקי און רחל אָסטראָווסקי פון סלאָנים...

די ידיעה וועגן דעם ברוטאַלן אויסגעפירטן מאָרד, האָט זיך בליץ־שנעל פאַרשפּרייט אין גאַנצן פּאַרטיזאַנישן לאַגער. דער קאָמאַנדיר מאַיאָר וויקטאָר לאַסאָוו באַשליסט פאַר יעדן פּרייז צו נעמען נקמה.

די אויסשפּירער האָבן געמאָלדן, אַז דער מערדער אין וועמענס הענט

די דייטשן האָבן געגעבן די דריי געפאַנגענע, כדי אויסצופירן דעם אורטייל, האָט אַ געוווינהייט טאָגטעגלעך צו מאַכן אַ שפּאַציר, אויף זיין מאָטאָציקל צו די טאָרף־פעלדער אונטער זשיראַווע צו קאָנטראָלירן דאָרט די אַרבעט.

פינף ווייסרוסישע פּאַרטיזאַנער פון דער געגנט, איבערגעטאָן אין דייטשע מונדירן פאָרן אַרויס מיט אַ מאַשין, כלומרשט אויך אויף אַ קאָנ־טראָל. איינער פון זיי מיט אַן אַזוי גערופענעם „לעקער" אין דער האַנט, איז געשטאַנען אויפן וועג ווו דער קאָמענדאַנט האָט געדאַרפט פאַרבייפאָרן און געפאָדערט ער זאָל זיך פאַרהאַלטן וועגן אַ קאָנטראָל.

מיט שטאָלץ האָט דער מערדער זיך פאָרגעשטעלט אַלס דער קאָמענ־דאַנט פון דער ווייסרוסישער פּאָליציי. דאָך האָבן זיי אים געבעטן מיט־צוגיין מיט זיי, צוליב אַ פאַרדאַכט אַז דאָס זענען געפעלשטע דאָקומענטן...

ווי איבערראַשט איז ער געוואָרן ווען זיי האָבן אים דערקלערט, אַז ער איז אַרעסטירט אויפן באַפעל פון קאָמאַנדיר פון דער פּאַרטיזאַנישער פאַראייניקונג.

ווען זיי האָבן אים געבראַנגט אין וואַלד, האָבן שוין אַלע פּאַרטיזאַנער געוואַרט מיט אומגעדולד און נייגער, צי עס וועט זיי געלונגען אים צו נעמען אַ לעבעדיקן. זיין באַנעמען איז פון ערשטן מאָמענט געווען פרעך. ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון וואָס עס דערוואַרט אים. ער דער־לויבט זיך אַפילו צו באַליידיקן דאָס פּאַרטיזאַנישע געריכט.

אויפן באַפעל פון דער פּאַרטיזאַנישער אָנפירונג האָט מען אים צו־געבונדן צו אַ בוים...

שטייענדיק באָרוועס, אַלס צייכן פון דערנידעריקונג, ווערט דער נאַצי געמשפּט...

דער אורטייל איז געווען אַ קורצער — טויט! דורך פאַרברענען...

פון סיבירער טייגעס צום לייטער פון דער אָפיצירן קאָמפּאַניע

דערציילט פון פּאַראַשוטיסט, מאַיאָר זלמן ביאַלאָסטאָצקי, פּסעוודאָנים „זענעק"

שווערע טעג האָבן ייִדן איבערגעלעבט ביי דער פּאַרטיילונג פון פּוילן, צווישן היטלער־דייטשלאַנד און סאָוויעט־רוסלאַנד אין יאָר 1939. ייִדן זענען געזעסן ממש אויף די רענצלעך און אויפגעכאַפּט אַלע ידיעות, ווי און צו וועמען וועט די אָדער יענע שטאָט געהערן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ וואַנדערן אַהין און צוריק צו פאַרשידענע שטעט און דערפער.

ענדלעך איז געקומען דער טאָג און עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן די גרענעץ צווישן די צוויי גרויסמאַכטן. אַ סך ייִדן וועלכע דער גורל האָט צוגעשפּילט צו קומען אויף דער סאָוויעטישער זייט, האָבן אויפגענומען פאַר אַ גרויס גליק, וואָס ס'איז זיי געלונגען צו אַנטלויפן פון די היטלעריסטישע באַנדיטן. אויך די משפחה ביאַלאָסטאָצקי איז אַ צופרידענע געקומען אין דער געגנט, וואָס איז אונטערליגן דער סאָוויעטישער שליטה. די פרייד האָט זיך אָבער ביי זיי שנעל פאַרענדיקט...

עס זענען אין דער צייט פאָרגעקומען טראַגיש־קאָמישע סצענעס, ביים אָפּשאַצן ווער צו וועלכן קלאַס געהער, לויט דער אָפּשאַצונג פון די נייע הערשער. אַ ייִד אַ סוחר, וואָס האָט געהאַט אַ געוועלבל פון „דריי הערינג מיט עטלעכע נאָדלען", אַ פּרנסה פון וועלכער ס'האָט געסטאַיעט אויף אָונטברויט בלויז דאָס שוועבל פון אַ הערינג מיט אַ ביסל יויך אין וועלכער ער האָט געטונקען דאָס ברויט — איז שוין פאַררעכנט געוואָרן צו די ספּעקולאַנטן, און ווער שמועסט נאָך איינער וואָס איז געווען אַן אייגנטימער פון אַ גאַרבעריי, ווי דער טאַטע פון זלמן ביאַלאָסטאָצקי, אברהם?... ער איז באַלד געווען אַ קאַנדידאַט אַרויסגעשיקט צו ווערן צו די „ווייסע בערן"...

אברהם ביאַלאָסטאָצקי און זייער עלטערער זון ווערן גלייך אַרעסטירט און שוין דעם 13 אַפּריל 1940 קומט די ריי אויך אויף זלמנען. צוזאַמען מיט דער מאַמען און צוויי שוועסטער ווערן זיי פאַרשיקט קיין סיביר.



מאַיאָר יעקב קאַפּלאַן און מאַיאָר זלמן ביאַלאָסטאָצקי

אויפנעמענדיק די ביטערע ידיעות וועגן דעם מצב אויף די פראָנטן און וועגן די גרויזאַמע נאַצי־שחיטות פון דער יידישער באַפעלקערונג וועלכער ס׳איז צוליב פאַרשיידענע סיבות נישט געלונגען זיך צו עוואַקוּ־אירן, האָט זלמן ביאַלאָסטאָצקי שוין אָנגענומען פאַר ליב זיין ביטערן גורל אין דער פאַרשיקונג. דאָך האָט ער נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק אַז ער מוז זיצן אין ווייטן הינטערלאַנד, אין דער צייט ווען אויף די פראָנטן גייט אָן אַ פאַרביסענער קאַמף מיט די ברוינע קאַניבאַלן, וועלכע באַדראָען דער ציוויליזירטער וועלט און אין דער ערשטער ריי דראָט אַ פאַרניכטונג דעם גאַנצן יידישן פאָלק.

אין פּאַריז אַנטשטייט אין דער צייט אַ פּוילישע עמיגראַציע־רעגירונג אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל וולאַדיסלאַוו שיקאָרסקי. דעם 30־טן יולי 1941 קניפּט שיקאָרסקי אָן דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען מיטן ראַטנ־פאַרבאַנד און צוליב דעם קומט שפּעטער צו דער באַפרייונג פון אַ סך פּוילישע בירגער פאַרשיקטע קיין סיביר.

אויך זלמן ביאַלאָסטאָצקי געהער צו די, וועלכע ווערן אָנערקענט ווי פּאָליאַקן און אויף דעם גרונט באַפרייט פון דער פאַרשיקונג.

די פריידיקע נייעס פאַרשפּרייט זיך בליצשנעל צווישן אַלע לאַגערניקעס און איז ווי אַ זונשטראַל אין דעם טיפן זומפּ פון געפאַלנקייט און ברוטאַ־ליטעט, פאַר די מענטשן, פאַרשיקטע אין די ענדלאָזע סיבירער טייגעס.

אין יאָר 1943 אַנטשטייט דער פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן, אַזוי גערופענע ז. פּ. פּ. — וועלכער טרעט צו אָרגאַניזירן אַ פּוילישע אַרמיי, אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל זיגמונט בערלינג.

צווישן די פּאָליאַקן באַפרייטע פון די לאַגערן און אויך צווישן די פון די פרייע געביטן זענען געווען דער גרעסטער טייל פּויערים און געוויינ־לעכע אַרבעטער, מענטשן מיט העכערער בילדונג זענען באַלד אַריינגע־טרעטן אין דער אַרמיי פון גענעראַל אַנדערס און פאַרלאָזט דעם ראַטנ־פאַרבאַנד.

די נייע אָרגאַניזאַטאָרן זענען דעריבער געצוווּנגען צו מאָביליזירן אין דער אַרמיי אַ גרויסע צאָל יידן, וועלכע זאָלן פאַרטרעטן מיט זייער בילדונג די קאַדרען פון די סאַנאַציִשע־אָפיצירן פון גענעראַל אַנדערס.

זלמן ביאַלאָסטאָצקי האָט פיגורירט אַלס אינטעליגנט. (ער האָט געענ־דיקט די העברעיִשע גימנאַזיע אין ביאַליסטאָק). אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט ער באַקומען אַן איינבאַרופס־קאַרטע, צו שטעלן זיך צום מאָביליזאַציע־פּונקט אין ראַיאָן.

WOJSKO POLSKIE

ZAŚWIADCZENIE TYMCZASOWE Nr 7984

Ob. Mjr. Białostocki Zelman

(Stopień, nazwisko, imię, imię ojca i pseudonim)

Rozkazem Ministra Obrony Narodowej

Nr 8 z dnia 16. 10 1946 r.

Za zasługi bojowe w bohaterskiej walce zbrojnej w oddziałach partyzanckich z hitlerowskim najeźdźcą o Niepodległość, Wolność i Demokrację został odznaczony:

„KRZYŻEM PARTYZANCKIM"

M. p. 30 maja 1947 r.

Szef Departamentu Personalnego Ministerstwa Obrony Narodowej

Podpis wręczającego

Zawadzki Stanisław
gen. bryg.

(imię, nazwisko i stopień)

ספּעציעלער באַפעל פון אָנערקענונג פאַר מאַיאָר זלמן ביאַלאָסטאָצקי מיטן „פּאַרטיזאַנער קרייץ"

באַזיצנדיק אין אַלגעמיין אַ גענוגנדיקע בילדונג, איז ער דורך דער פּוילישער, מיליטערישער קאָמיסיע, קוואַליפיצירט געוואָרן אַלס קאַנדידאַט צו דער נאָר וואָס אָרגאַניזירטער אָפיצירן־שולע.

די לערע איז דאָרט געפירט געוואָרן לויטן מוסטער פון די שולן אין דער סאָוויעטישער אַרמיי, ווי אויך באַנוצנדיק זיך מיט זייער באַוואָפנונג און טעכנישער דערפאַרונג. די סאָוויעטישע מיליטערישע אָנפירונג האָט אויך צוגעטיילט אַ גרויסע צאָל אינסטרוקטאָרן, וועלכע זענען גלייכצייטיק אָנגעשלאָסן געוואָרן צו אַלע אָפּטיילונגען פון דער ניי־אַנטשטאַנענער פּוילישער אַרמיי. דאָס זענען געווען רוסישע אָפיצירן און זעלנער, וועלכע האָבן געהאַט פּוילישע נעמען, מיינסטנס קינדער פון פּאָליאַקן, וועלכע זענען געבוירן געוואָרן אין רוסלאַנד, זייערע עלטערן אָדער אורעלטערן זענען פאַרשיקט געוואָרן דורך דעם צאַר, קיין סיביר, נאָך אין די צייטן פון די פּוילישע באַפרייונגס־אויפשטאַנדן.

זלמן פאַרענדיקט די שולע מיט אַ הויכער אויסצייכענונג און דעם 17 דעצעמבער 1943 אַוואַנסירט ער צום ראַנג פון אָפיציר.

מיט אַ גרופּע אָפיצירן צווישן וועלכע עס געפינט זיך אויך זיין חבר יעקב קאַפּלאַן, קומט ער אין די סאַסנאָווע, ביעלאָמוטער וועלדער, וועלכע ציִען זיך אויף דעם גאַנצן שטח צווישן מאָסקווער און ריאַזאַנסקער ראַיאָן, צו דעם באַקאַנטן שוין „שטורעם־באַטאַליאָן" וועמענס אָנפירער איז דער פּולקאָווניק הענריק טאָרונטשיק.

זלמן ביאַלאָסטאָצקי ווערט באַשטימט אַלס אינסטרוקטאָר אין דער קאָמפּאַניע צו שולן קאַדרען פון אָפיצירן, וועלכע דאַרפן שפּעטער קומען אין קאַמף, מיט דער היטלעריסטישער מאָרד־מאַכינע, אויף די באַזעצטע געביטן.

דאָ אין דער שולע האָט זלמן זיך צוריק דערפילט אַ נוצלעכער מענטש. ס'איז אים צוריקגעקומען זיין זיכערקייט און זעלבסטגלויבן. דער דער־שלאָגענער מענטש פון די סיבירער טייגעס, דער דערנידעריקטער און געשטעמפּלטער פון די לאַגערן, האָט דערפילט צוריק זיין מענטשלעכע ווירדע. דאָס דערהייבן אים צום ראַנג פון אַן אָפיציר און אינסטרוקטאָר פון אַ שולע, האָט אים אויפגעמונטערט, ער זאָל גלויבן און געטרויען זיינע פעיִקייטן, צו זיין אַנטשלאָסן און געוואָגט.

מיט יוגנטלעכן ברען און פלייס האָט ער אויסגעפירט זיין אַרבעט און מיט נאָך אַנדערע ווי ער יידישע אינסטרוקטאָרן און לערער, פאַרדינט דעם פולן צוטרוי.

דער „שטורעם־באַטאַליאָן" וועלכער איז אויך אָנגערופן „ספּעציעלער" האָט דעם נאָמען ערלעך פאַרדינט. אין דער צייט פון זיין אַנטשטייונג (דאָס איז דער 18 אָקטאָבער 1943 ביז 1945), זענען אין דעם באַטאַליאָן דורכ־געגאַנגען איבער צוויי טויזנט זעלנער, דערונטער אַ גרויסע צאָל ייִדן. לויט דער ליסטע פון די, וועלכע זענען אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן פונעם באַטאַליאָן, אויף דעם באַזעצטן געביט פונעם שונא, בלויז אין דער צייט פון מיי ביז דעצעמבער 1944, האָט די צאָל אויסגעשולטע אָפיצירן, אונטעראָפיצירן און זעלנער דערגרייכט די צאָל פון 321.

די גרעסטע גרופּע איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן אין די פּאַרטשעווער וועלדער צו דעם פּאַרטיזאַנישן קאַמפּס־אָפּשניט, אונטער דער אָנפירונג פון מאַיאָר טשעסלאַוו קלים. אַ גרויסע צאָל איז אויך אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן אין דער קעלצער געגנט, צום מאַיאָר יוזעף סאָביעסיאַק, צום פּולקאָווניק ראָזענפּאַרב־ראָב נאַרבוט (פּסעוודאָנים „סלאָוועק"), אין לובלינער געגנט צום אָנפירער פון דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג א. נ. „נאָך איז פּוילן נישט פאַרלוירן", צו דעם ייִדישן בחור פּולקאָווניק ראָבערט סאַטאַנאָווסקי, צו די פּאַרטיזאַנער פון פּולקאָווניק זיגפריד סקוטעלי — יצחק גוטמאַן, וועלכע זענען געווען טעטיק אין פּאַדאָלער געביט, אין די טוכאָלער וועל־דער, צו דער אָפּטיילונג „וואָלגאַ" אונטער דער אָנפירונג פון פּאָרוטשניק יאַן מיענסקי און אַנדערע.

אויסער אָפיצירן און אינסטרוקטאָרן אויסגעשולטע אין „שטורעם־באַטאַליאָן" זענען געשיקט געוואָרן: מינירער, שיפּראַנטן, ראַדיסטן, אויס־שפּירער און אויך דאָקטוירים און סאַניטעטס־שוועסטער.

אויף די פראָנט־אָפּשניטן קומען פאָר יעדן טאָג גרויסע ענדערונגען. די רויטע אַרמיי האָט שוין איבערגענומען די איניציאַטיוו אין אירע הענט. די היטלעריסטן ליידן איין מפּלה נאָך דער אַנדערער. טראָץ אַלעם שטעלן זיי נאָך אַ העפטיקן ווידערשטאַנד. די קאַמפן טראָגן זיך איבער אַלץ ווייטער אויף מערב. גרויסע טיילן פון דעם פּוילישן לאַנד זענען שוין באַ־פרייט. עס איז דעריבער בויטיק אַן אָנפירונג וואָס זאָל צעמענטירן אַלע פּאַרטיזאַנישע כוחות אין לאַנד.

צו דעם צוועק איז אַנטשטאַנען אַ פּאַרטיזאַנישער שטאַב אין שפּאַנווו ביי ראָוונע, וועלכער האָט געדאַרפט קאָאָרדינירן די אַקציעס קעגן די זיך צוריקציִענדיקע טיילן פון דער היטלעריסטישער אַרמיי. די פּאַרטיזאַנער האָבן אויך פאַרשטאַרקט זייער קאַמף און גלייכצייטיק פאַרלאַנגט פון דער „גרויסער ערד" מער אויסגעשולטע קאַדרען, ווי אויך גרעסערע „וואָרפן"

מיט געווער, אַמוניציע און מעדיקאַמענטן, כדי צו קענען איבערגיין פון פּלוצעמדיקע איבערפאַלן, צו אָפענע קאַמפן מיט די אָפּטרעטנדיקע דייטשע חילות.

אין דער אָנפירונג פונעם שטאַב אין שפּאַנוו בײַ ראָוונע איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן דער גענעראַל אַלעקסאַנדער זאַוואַדזקי. צו דער שווערער און פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט זענען אים צוגעטיילט די בעסטע און פעיִקסטע אָפיצירן. איינער פון זײַנע אינסטרוקטאָרן צו שולן קאַדרען איז דער מאַיאָר זלמן ביאַלאָסטאָצקי (פּסעוודאָנים „זענעק״).

דער קאַמף מיט די אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטישע באַנדעס, אונטערן צייכן פון סטעפּאַן באַנדעראַ, טאַראַס בולבאַ און או.פּ.א.

אין דער דורותדיקער געשיכטע פון דער מענטשהייט, האָבן זיך אַ סך גרויסמאַכטן צוגעאייגנט די מעטאָדן פון „טייל און רעגיר". אין דער לעצטער צייט האָבן מיר ייִדן דאָס שטאַרק אָפּגעפילט, בעת דעם ענגלישן מאַנדאַט, איבער אונדזער לאַנד. דאָס העצן אַראַבער קעגן ייִדן און ייִדן קעגן אַראַבער האָט דערפירט ממש צו מאַסן־שחיטות. דערמיט האָבן די ענגלישע הערשער זיך פאַרזיכערט זייער עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג אויף דעם געביט — צו זיין די היטער פון „שלום", ביי די קולטורעל־אָפּגעשטאַנענע פעלקער, נאָך נישט דערוואַקסענע צו אַן אייגענער, זעלבסטשטענדיקער מדינה...

מיט די זעלבע מעטאָדן האָט זיך אויך באַנוצט דער פירער פון דריטן רייך, אַדאָלף היטלער. דער לאַנגיעריקער דייטשער „דראַנג נאָך אָסטן" הייבט אָן פאַרווירקלעכט ווערן, מיט דעם קומען צו דער מאַכט פון די נאַציס, דעם 30 יאַנואַר 1933. זייערע פאַנטאַזיעס צו שאַפן אַ „גרויס דייטשלאַנד" האָבן געפירט צו די רוסישע געביטן, נאָך דעם פאַרלאַנגטן „לעבענס־ראַום"...

דאָס משוגעת פון דעם נאַציאָנאַל סאָציאַליזם האָט באַהערשט אַלץ ברייטערע קרייזן פונעם דייטשן פאָלק. די נצחונות פון די היטלעריסטישע באַנדעס אויף די פראָנטן האָט נאָך מער מוט צוגעגעבן די נאַציס. זיי האָבן שוין געזען אַ מעגלעכקייט פון איינפירן דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם אויף דער גאַנצער וועלט. „דויטשלאַנד דויטשלאַנד איבער אַלעס"! האָט ביי זיי אָנגעהויבן ווערן אַ ווירקלעכקייט.

אין די הויכע קרייזן פון דער נאַציאָנאַל סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט מען שוין אָנגעהויבן קלערן ווי אַזוי מען זאָל אַנדערע פעלקער באַהערשן מיט דער הילף פון אויסגעוויילטע מענטשן פון דעם אַרטיקן פאָלק, אונטער דער אויפזיכט פון די נאַציס.

עס שוועבט אויף דער באַקאַנטער פּלאַן פון שאַפן ריין ראַסיקע. די ערשטע פּראָבע האָט מען געדאַרפט אָנהייבן פון די פריינדלעך־געשטימטע צו די דייטשן אויקראַיִנער, וואָס ווינען אין די געוועזענע פּוילישע געביטן.

עס איז נישט געווען קיין לייכטערע זאַך, ווי פון דעם לאַגער פון די געפאַנגענע פון דער פויליש־דייטשער מלחמה, ווו ס'איז געווען אַ גרויסע צאָל יונגע און געזונטע אוקראַיִנישע מענער, שוין אויסצוווילן די ערשטע פּאַרטיע, באַפרייען פון דער געפאַנגענשאַפט, געבן די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט דייטשע פּרויען, געבן זיי אַלע פּריווילעגיעס — און פון זיי שאַפן די ערשטע מיליטערישע אָפּטיילונגען, וועלכע וועלן קעמפן אין דער זייט פון דייטשן, קעגן די סאָוויעטן, פאַר „סאַמאַסטיינע־אוקראַיִנע" (זעלבסטשטענדיקע אוקראַיִנע)...

דער פאַרמעסט מיט די סאָוויעטן האָט היטלער דאָך שוין געהאַט אין זיין פּלאַן גלייך ביים קומען צו דער מאַכט. טאַקע דערפאַר האָט ער גלייך אָנגעהויבן מאָביליזירן אַרום זיך אַלע צו די סאָוויעטן־פיינדלעך־געשטימטע עלעמענטן און אין דער ערשטער ריי די אַנטלאָפענע נאָך דער רעוואָלוציע, ווייסגוואַרדייער.

צו דער מלחמה האָט ער זיך גענומען גרייטן שוין אויף די שלאַכט־פעלדער פון שפּאַניע. דאָרט האָט ער געדאַרפט אויספּרוּוון זיין געווער, צו דעם שפּעטערדיקן פּלאַן „באַרבאַראָסאַ"...

אין דער ערשטער ריי טרעט דאָ צו צו אַן ענערגישן צוגרייטונגס־פּלאַן, זיין אָנפירער פון דייטשן שפּיאָנאַזש־דינסט, ווילהעלם קאַנאַריס. ער האָט גענומען אָרגאַניזירן די אַזוי גערופענע פינפטע קאָלאָנע, אויף אַלע געביטן פון זייער אָנגריפס־ציל. עס ווערט אויסגעבויט די צווייטע אָפּ־טיילונג, וועלכע האָט זיך געדאַרפט פאַרנעמען מיט סאַבאָטאַזש און די־ווערסיע אין רוקן פון שונא. דעזאָרגאַניזירן די פאַרטיידיקונג, אַרויסרופן אויפשטאַנדן, אַטענטאַטן אויף פּאָליטישע פירער. צו דער אָפּטיילונג האָט געהערט אַלץ, וואָס מען קאָן אָנרופן — פּסיכאָלאָגישע מלחמה.

ווילהעלם קאַנאַריס איז נישט געבליבן צוריקשטעליק מיט אַן אָפּ־טיילונג, וועלכע האָט געדאַרפט באַקעמפן דעם אויסלענדישן שפּיאָנאַזש, אויך באַקעבפן דאָס פאַרשפּרייטן שלעכטע קלאַנגען וועגן דייטשן זעלנער, צווייפלען אין זיג, סאַבאָטאַזש אין די ריסטונגס־פאַבריקן און אַנדערע. פון דער אָפּטיילונג זענען שפּעטער אומגעקומען צוויי פון אונדזער „סאַבאָטאַזש־גרופּע" — איוואַן פריכאָדקאָ און האַווריל א דאַנילוק.

וועגן דער מלחמה האָט שוין היטלער געטרוימט ווען ער האָט גענומען שרייבן זיין בוך „מיין קאַמף". לויט זיינע ווערטער אין דעם דאָזיקן בוך: „אונדזער פאָלק וועט נישט באַקומען קיין ערד, קיין עקזיסטענץ־מעגלעכ־

קייטן אַלס מתנה פון קיין שום פאָלק, נאָר וועט דאָס מוזן דעראָבערן מיט דער שאַרף פון דער זיגרייכער שווערד"...

זיין טרוים וועגן אַ גרויס רייך און „לעבענס־ראַום" איז נאָר געווען געצילט קעגן רוסלאַנד, צו דער שוואַרצער, פעטער, אוקראַיִנישער ערד. בלויז סטאַלין האָט דאָס נישט פאַרשטאַנען, אָדער נישט געוואָלט פאַר־שטיין...

היטלער האָט דאָך נישט געהאַט קיין וויטן וועג צו די אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטן. זייער צוזאַמענאַרבעט ציט זיך נאָך פון יאָר 1918, ווען מיט דער דייטשער הילף איז דער צאַרישער גענעראַל פּאַוועל סקאָראָפּאַדסקי באַשטימט געוואָרן אַלס העטמאַן פון אוקראַיִנע, און נאָכן פאַלן פון זיין רעגירונג איז ער אַנטלאָפן קיין דייטשלאַנד. אין בערלין האָט זיך אויך געפונען די צענטראַלע פון דער אוקראַיִנישער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע (או. וו. א.) מיט וועלכער ס'האָט אָנגעפירט יעווגעני קאָנאָוואַלעץ און נאָך זיין טויט האָט איבערגענומען די אָנפירונג אַנדריי מעלניק...

קאַנאַריס האָט אויסגענוצט די אוקראַיִנישע, פאַשיסטישע גרופּעס שוין אין קאַמף קעגן פּוילן. ער האָט זיי געשולט אין מיליטערישע לאַגערן, זיי געגעבן געווער. נאָך דער אינוואַזיע אין עסטרייך האָבן זיי זיך געשולט אין ווינער נוישטאַט.

אין מערץ 1941 איז פאָרגעקומען די באַגעגעניש מיט איינעם פון זייערע אָנפירער, אין דער שולע פאַר ראַסיקע אוקראַיִנער. פּאַווּשיק, שטעלט זיך שוין דעמאָלט פאָר, אַלס דער קאָנסול פון דער „סאַמאָסטינע אוקראַיִנע". איך באַקום דעמאָלט פון אים אַ באַפעל צו אָרגאַניזירן אַ קאָמפּאַניע פון דער אַזויגערופענער עס. עס. האַליטשינאַ, וועלכע דאַרף זיין גרייט צום אַרויסמאַרש אויפן פראָנט, ביים רעאַליזירן דורך היטלערן דעם פּלאַן „באַרבאַראָסאַ". דעמאָלט האָבן די אָפּטיילונגען זיך שוין גע־שולט אין ציווילע קליידער אויך אונטער קראָקע...

ווען עס הייבט זיך אָן די צווייטע וועלט־מלחמה האָט אין קראָקע זיך געפינען דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטן אונ־טער דער אָנפירונג פון פּראָפעסאָר וו. קוביאָוויטש, וועלכער איז געווען אין פאַרבינדונג מיט סטעפּאַן באַנדעראַ, קיין קראָקע זענען געקומען סקאָראָפּאַדסקי און אַנדערע נאַציאָנאַליסטישע גדולים.

ס'איז אַנטשטאַנען דער אוקראַיִנישער לעגיאָן „נאַכטיגאַל" אונטער דער אָנפירונג פון ראָמאַן שוכעוויטש (פּסעוודאָנים טאַראַס טשופּרינקאַ), וועל־

כער האָט זיך טרויעריק באַרימט געמאַכט מיט די שחיטות אויף ייִדן אין לעמבערג, צוזאַמען מיט דעם צווייטן לעגיאָן „ראָלאַנד״. נאָכן אויס־פירן זייער שמוציקע אַרבעט פאַר די דייטשן ווערן זיי אַנגעשלאָסן אין דער דיוויזיע פונעם גענעראַל פון דער פּאָליציי און עס. עס. — פאָן באַך זאַלעווסקי.

אין לעמבערג איז אַנטשטאַנען אַן אוקראַיִנישע רעגירונג, מיט דעם באַקאַנטן סטעפּאַן באַנדעראַ אַלס פּרעמיער. עס ווערט אויך אָרגאַניזירט אַן אוקראַיִנישע פּאָליציי, אין מונדירן מיט דעם טרויזוב (דריי ציינער) אויף די היטלען. אוקראַיִנישע אָפּטיילונגען שלאָגן זיך שוין איצט אויפן סאָוויעטישן פראָנט, אַלס דיוויזיע עס. עס. „האַליטשינאַ״ פון די דייטשן גערופן עס. עס. „גאַליציען״.

פון די זיגן אויף די פראָנטן האָט ביי היטלערן און זיינע לייט זיך פאַרדרייט דער קאָפּ. זיי האָבן אַליין אָנגעהויבן גלויבן אַז די דייטשע אַרמיי איז נישט צו באַזיגן. די נאַציִשע גדולים הייבן ווידער אָן באַטראַכטן די פראַגע פון אַ זעלבסטשטענדיקער אוקראַיִנישער מדינה. דאָס אָפּגעבן די פּעטע, שוואַרצע, אוקראַיִנישע ערד איז איצט זיי מער נישט צום האַרצן. היטלער באַשליסט אויפצולייזן די רעגירונג פון דער „סאַמאָסטינע או־קראַיִנע״ אין לעמבערג, און אַרעסטירט אירע אָנפירער.

אין דער צייט מאַכט די אוקראַיִנישע דיוויזיע עס. עס. „האַליטשינאַ״ דורך אַ ביטערע צייט אויפן סאָוויעטישן פראָנט. די קאַמפן זענען פאַר־ביסענע, פון ביידע זייטן. די אוקראַיִנישע זעלנער פון דער עס. עס. גיבן זיך אָפּ אַ דין־וחשבון, אַז קיין לעבעדיקע קענען זיי נישט אַריינפאַלן אין דער סאָוויעטישער געפאַנגענשאַפט, די סאָוויעטן ווידער וויסן ווער זיי האָבן קעגן זיך. קעמפט מען מיט אַ גוואַלדיקער פאַרביסנקייט, נישט צו לאָזן פון זיי קיין שריד ופליט.

די אוקראַיִנישע דיוויזיע עס. עס. ווערט ממש געצעצנטלט. איז געקומען אַ באַפעל פון דער אָבערקאָמאַנדאָ דער ווערמאַכט (א. ק. וו.) זי אַרויס־צוציִען פונעם פראָנט. אין דייטשלאַנד האָט מען דורכגעפירט אַ רעאָרגאַ־ניזאַציע און זיי געוואָרפן אין קאַמף מיט די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען פון יוזעף בראָז טיטאָ...

אַ גרויסער טייל פון זיי איז צוגעטרעטן אָרגאַניזירן אַן אונטערער־דישע באַוועגונג, מיט דער האָפענונג ווייטער צו קעמפן פאַר אַ זעלבסט־שטענדיקער אוקראַיִנע. ס'איז אויך אויפגעשטאַנען אַ פּאַרטיזאַנישע באַ־

ווענגונג אויפֿן נאָמען פֿון סטעפּאַן באַנדעראַ, די אַזויגערופֿענע „באַנדע־ראָווצעס" און אַ צווייטע פּאַרטיזאַנישע גרופּע, וועלכע טראָגט דעם נאָמען פֿון טאַראַס בולבאַ „בולבאָווצעס" און דער טרויעריק באַקאַנטער ראָמאַן שוכעוויטש, פֿירט אָן מיט דער אוקראַיִנישער אויפֿשטאַנד־אַרמיי — או.פּ.א.

די אַלע דריי אָרגאַניזירטע אוקראַיִנישע, נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונ־גען האָבן באַקומען געווער פֿון די דייטשן, ווייל זייער קאַמף איז געווען קעגן די סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנער און קעגן די פּאָליאַקן, וואָס איז אין יענער קריטישער צייט געווען די נאַציס אויף דער האַנט... אין דער זעלבער צייט גיבן די דייטשן געווער אויך די פּוילישע פֿאַשיסטן, פֿון אונטערן צייכן פֿון א. ק. (אַרמיאַ קראַיאָוואַ). די אוקראַיִנישע פֿאַשיסטן האָבן דורכ־געפֿירט מאַסן־שחיטות איבער דער פּוילישער ציווילער באַפֿעלקערונג, ווי דאָס אויסמאָרדן דאָס פּוילישע דאָרף סטאַריקי אין יאָר 1943, ווי דער מאַסן־מאָרד אין שטעטל וואַריש און אַנדערע. און די פּאָליאַקן רעוואַנשירן זיך אויף דעם זעלבן אופֿן, און ביידע צוזאַמען קוילען ייִדן און סאָוויעטישע...

מיט די גוט־אָרגאַניזירטע אוקראַיִנישע, נאַציאָנאַליסטישע באַנדעס פֿון אונטערן צייכן פֿון או. פּ. א., באַנדעראָווצעס, בולבאָווצעס, נאַציאָנאַליסטישע, מיליטערישע פּוילישע אָפּטיילונגען פֿון א.ק. ווי אויך מיט די רעשטלעך פֿון די צעשלאָגענע דייטשע אָפּטיילונגען, וועלכע בלאָנקען זיך אַרום אין די וועלדער — איז דער ניי־אָרגאַניזירטער פּאַרטיזאַנער־שטאַב אין שפּאַנוו ביי ראָוונע געצוווּנגען פֿירן אַ פֿאַרביסענעם קאַמף. אין די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן געפֿינען זיך אַ סך ייִדן זעלנער אויסגעשולטע אין „שטורעם־באַטאַליאָן". צווישן זיי אויך זלמן ביאַלאָסטאָצקי און זיין פֿריינד יעקב קאַפּלאַן.

דער פּאַרטיזאַנער־שטאַב האָט צווישן אַנדערע באַקומען אַ באַפֿעל, אין דער ערשטער ריי זיך אָפּצורעכנען מיט די פֿאַשיסטישע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען פֿון או. פּ. א. און באַנדעראָווצעס, וועלכע זענען שולדיק אין טויט פֿונעם סאָוויעטישן גענעראַל ניקאָלאַי וואַטוטין.

דער ערשטער קרבן אין קאַמף מיט די דאָזיקע באַנדעס, איז געווען דער אינסטרוקטאָר פֿונעם „שטורעם־באַטאַליאָן", דער פֿרייוויליקער קעמ־פֿער אויף די שלאַכטפֿעלדער פֿון שפּאַניע, דער ייִדישער בחור דאַנסקי.

אין די אַלע אונטערנעמונגען און אַקציעס האָט ביאַלאָסטאָצקי גענומען אָן אַקטיוון אָנטייל.

נאָכן זיג איבער די נאַציס, האָט דער מאַיאָר זלמן ביאַלאָסטאָצקי פאַר־לאָזט פּוילן און אין יאָר 1947 איז ער געקומען אויף שטענדיק זיך באַזעצן אין מדינת ישראל.

ייִדן מעלדן זיך פרייוויליק צו דער אַרמיי פון גענעראַל אַנדערס

דערציילט פון מאַיאָר יעקב קאַפּלאַן — פּסעוודאָנים „יאַשאַ", דער פּאַראַשוטיסט פונעם „שטורעם־באַטאַליאָן" פון די ביעלאָמוטער וועלדער

דער מאַיאָר יעקב קאַפּלאַן איז דערצויגן געוואָרן אין אַ ציוניסטישער סביבה. דער טאַטע אַ פּאַרוואַלטער פון אַ גוט, דריי קילאָמעטער פון דעם שטעטל קראַשנע, ווילנער קרייז, האָט געטרוימט פון אַ ייִדישער מדינה און איז געווען אַן אַקטיוויסט פון דער ציוניסטישער אידעע. אין דעם גוט האָט ער איינגעאָרדנט די צוגרייטונגען פון חלוצים, די אַזוי גערופענע הכשרה פאַר די קומענדיקע בויער פון דעם ייִדישן לאַנד. די הכשרה האָבן דאָרט מיטגעמאַכט ציוניסטן פון פאַרשידענע פּאָליטישע גרופּירונגען ווי: השומר הצעיר, החלוץ, רעוויזיאָניסטישער יוגנט־פאַרבאַנד — בית״ר און אַנדערע.

דער יונגער בחור באַאיינפלוסט פון דער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע פון בית״ר ווערט אירער אַן אַקטיווער מיטגליד. זיין ציל צו ווערן אַ זעלנער אין אַ ייִדישער אַרמיי, אויף דער אייגענער ערד, איז צום באַדויערן נאָך דעמאָלט געווען זייער ווייט פון פאַרווירקלעכט ווערן...

ס'איז געקומען דער איבערפאַל פון די היטלעריסטישע חילות אויף פּוילן. דער אָפּמאַך צווישן היטלער־דייטשלאַנד און דעם ראַטנפאַרבאַנד, דער אַזויגערופענער „ריבענטראָפּ־מאָלאָטאָוו־פּאַקט" האָט דערפירט צו דער פאַרטיילונג פון דעם לאַנד און דער ליקווידאַציע פון דער פּוילישער מדינה.

דאָס שטעטל קראַשנע, דאָס וווינאָרט פון דער משפחה קאַפּלאַן, איז אַריין אונטער דער סאָוויעטישער הערשאַפט.

די ייִדישע באַפעלקערונג האָט די נייע הערשער אויפגענומען מיט פרייד און גלייכצייטיק מיט אַ לייכטן ציטער. דאָס שטעטל קראַשנע און איבערהויפּט ווילנע און איר קרייז איז געווען באַווינט פון אַ גרויסער צאָל הענדלער און פאַרמעגלעכע וואַלד־סוחרים, וועלכע האָבן אין סאָוויעט־רוסלאַנד שוין געהייסן „בורזשויען"... אין אַ שיינעם פרימאָרגן דערוווּסט

מען זיך, אַז עס זענען פּלוצעם נעלם געוואָרן געוויסע ציוניסטישע און געזעלשאַפטלעכע עסקנים. אין דער זעלבער צייט האָבן זיך שוין דער־טראָגן די טרויעריקע ידיעות פון יענער זייט גרענעץ, וועגן די גוואַלט־טאַטן פון די „ברוינע איבערמענטשן" און די אכזריות לגבי דער ייִדישער באַפעלקערונג. עס מערן זיך איבערלויפער, פון ביידע זייטן.

ייִדן זענען געווען אין אַ געדריקטער שטימונג, אָבער קיינעם האָט זיך אַפילו נישט געחלומט, וואָס פאַר אַ טראַגעדיע ס'איז זיי נאָך באַשערט איבעצולעבן.

אין טרויעריקן יוני פון 1941 איז יעקב קאַפּלאַן שוין אַ זעלנער פון דער רויטער אַרמיי, מיט אַ געוויסן מיליטערישן סטאַזש און אויסבילדונג. אויך די פריערדיקע דערפאַרונג, וועלכע ער האָט דערוואָרבן אין דער אָרגאַניזאַציע פון רעוויזיאָניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד האָט געהאַט איר ווירקונג. דאָס האָט אים גלייך אויסגעטיילט פון די אַנדערע זעלנער מיט זיין האַלטונג און דיסציפּלין.

דער ערשטער צוזאַמענשטויס מיטן שונא, איז פאָרגעקומען ביים טייך דווינע. דער ברייטער טייך, וואָס שניידט איבער די שטאָט דווינסק אויף צוויי טיילן, האָט געשאַפן גוטע נעסטן פון ביידע זייטן פאַר די פאַרבינדעטע פון די דייטשן — די אַזוי גערופענע „פינפטע קאָלאָנע" פון ליטווינער, וועלכע האָבן געשאָסן פון די הייזער און באַהעלטענישן אויף די זיך צוריקציענדיקע סאָוויעטישע זעלנער.

יעקב מיט נאָך צוויי זעלנער האָבן געדעקט דעם ריקצוג פון זיין קאָלאָנע. ווי איבעראַשט זענען זיי געוואָרן ווען זיי האָבן זיך פּלוצעם אָנגעשטויסן אויף אַ דייטשן דעסאַנט מיט ליטווינער אין ציווילע קליידער. זיין שנעלע האַנדלונג און אָריענטאַציע, דאָס שטאַרקע פייער פון זיין מאַשין־ביקס און גלייכצייטיק די רעאַקציע פון זיינע צוויי באַגלייטער האָט צוגעפּרעסט דעם דעסאַנט צו דער ערד, פאַרשאַפנדיק אים שווערע פאַרלוסטן.

דער ייד קאַפּלאַן איז געוואָרן עפנטלעך געלויבט פון זיין קאָמפּאַניע־פירער, פאַר זיין געוואַגטן אָנגריף קעגן שונא, דאָס האָט אויך געהויבן זיין אויטאָריטעט אין די אויגן פון זיינע מיטקעמפער.

די שלאַכטן האָבן זיך געפירט אויף אַלע אָפשניטן. די סאָוויעטישע איינהייטן האָבן געשטעלט אַ פאַרביסענעם ווידערשטאַנד די אַלץ שטאַרקערע אָנגריפן פון דער היטלעריסטישער מאָטאָריזירטער אַרמיי. אָבער די איבער־מאַכט אין מיליטערישער טעכניק און אויסשטאַטונג איז געווען ביי די

מאַיאָר יעקב קאַפּלאַן („יאַן")

דייטשן. שוין נישט ריידנדיק וועגן דער גוט אויסגעפּלאַנירטער סטראַטעגיע פון דער היטלערישער אָנפירונג און פון זייער טאַקטיק וואָס האָט לחלוטין געפעלט דער רויטער אַרמיי צוליב די שוין גוט באַוווּסטע סיבות אַ דאַנק וועלכע די אַרמיי איז געבליבן אָן פירנדיקע קאַדרען.

די אָבערקאָמאַנדאַ דער ווערמאַכט (א.ק.וו.) האָט אַלע מאָל געענדערט די קאַמפּס־מעטאָדן. דאָס אָנגרייפן פון די פלאַנקן און שאַפן „מיליטערישע קעסלען" אין וועלכע עס פאַלן אַריין גאַנצע אַרמייען מיט זייער באַוואָפענונג אין דייטשער געפאַנגענשאַפט איז געוואָרן אַ טאָגטעגלעכע דערשיינונג.

די פּאַניק איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט. די מעלדונגען דורכן ראַדיאָ זענען געווען פאַרצווייפלטע. מ'האָט שוין אויפגעהערט פאַרהוילן דעם אמת וועגן מצב אַז יעדן טאָג און נאָך יעדער שלאַכט פאַרלאָזט מען אַן אַנדער שטאָט. די היטלעריסטישע אַרמיי איז שוין אַריין טיף אין סאָוויעטישן לאַנד און געבראָכן יעדן ווידערשטאַנד פון דער רויטער אַרמיי. ס'האָט זיך געשאַפן אַ מיף, וועגן דער אומבאַזיגבאַרקייט פון די דייטשע מיליטערישע כוחות. די פּאַניק האָט אַרומגעכאַפט גרויסע טיילן פון דער ציווילער באַפעל־קערונג און באַזונדערס פון דער יידישער, צו וועלכער עס זענען שוין דערגאַנגען קלאַנגען וועגן די מערדערייען פון די נאַציס איבער די יידן פון פוילן.

די וועגן זענען געוואָרן באַלאַגערט מיט עוואַקואירטע, וועלכע האָבן זיך געצויגן אַלץ ווייטער, אויף מזרח. פויערים אויף וועגענער, געשפּאַנט אין אויסגעמאַטערטע פערדלעך, זענען אַנטלאָפן מיט זייערע פרויען און קינדער, מיט זייער לעצט ביסל אָרעמקייט. מ'האָט געזען אויך נישט שלעכט געקליידעטע ציווילע און מיליטערלייט, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט דער עוואַקואַציע פון וויכטיקע פאַבריקן און מאַשינען, וועלכע מען וועט אין ווייטן הינטערלאַנד צוריק אויפשטעלן, מאָנטירן כדי צו קענען ווייטער אַרבעטן פאַרן פראָנט.

דער פיעכאָטע־פּאָלק פון דער 11־טער אַרמיי, אין וועלכן ס'האָט זיך געפונען יעקב קאַפּלאַן איז שוין אויך אַריינגעפאַלן אין אַ „קעסל". צוזאַמען מיט זיי איז אויך אַרומגערינגלט די 27־טע און טיילן פון דער 23־טער אַרמיי. זיי זענען אַזוי געווען אין קלעם שוין עטלעכע טעג. די זעלנער זענען מיד געווען און דערשלאָגן. ס'האָט געפעלט פּראָוויאַנט. אין די סאַניטעטס־פּונקטן האָט זיך געפילט אַ מאַנגל אין מעדיקאַמענטן.

דאָס איז שוין געווען אין סוף אויגוסט, אָנהייב סעפּטעמבער. דער געראַנגל מיט די דייטשע כוחות איז אָנגעגאַנגען אויף לעבן און טויט, כדי



MINISTERSTWO BEZPIECZENSTWA PUBLICZNEGO (WYCIAG)

Dnia 30-go marca 47 r.

ROZKAZ SPECJALNY Nr. 10.

Oficerowie i Podoficerowie kadry Szkoly Oficerskiej Korpusu Bezpieczenstwa Wewnetrznego ; Podchorazowie i Absolwenci Szkoly Oficerskiej Korpusu Bezpieczenstwa Wewnetrznego .

W zwiazku z ukonczeniem kursu 1-go rocznego Szkoly Oficerskiej Korpusu Bezpieczenstwa Wewnetrznego z zadawalniajacym wynikiem egzaminow .

2). U D Z I E L A M P O C H W A L Y :

3. P.O. Z-cy Komendanta Szkoly d/s. Wyszkolenia

mjr. KAPLANOWI Janowi.

Dowodca Korpusu B.W. | Minister Bezpieczenstwa Publicznego

S W I E T L I K
gen.bryg.

R A D K I E W I C Z.
gen.bryg.

Za zgodnosc z oryginalem :

P.O. Szefa Wydz. Personalnego Szkoly Ofic.

S I E R S I C K I
por.

באַשטעטיקונג פון קריגס־מיניסטעריום וועגן באַלוינונג פון מאיר יעקב קאַפּלאַן

זיך דורכצורייסן אויף דער ליניע צו וויעליקי לוקי, מיט דער האָפנונג, צוזאַמען מיט די מאָביליזירנדיקע זיך דאָרט גרעסערע כוחות, צו שטעלן אַ העפטיקן ווידערשטאַנד דעם שונא.

וויעליקי לוקי, די פאַבריק־שטאָט פאַר וואַגאָנען־בוי, אַ וויכטיקער קניפּ־פונקט פון די באַנען, אויף דער ליניע קיין מאָסקווע, איז געווען פאַרויסגעזען מיט אַלע מיטלען צו פאַרטיידיקן און האַלטן דעם פראָנט.

די קאַמפן זענען אָנגעגאַנגען מיט אַ גוואַלדיקער פאַרביסנקייט, פוןביידע זייטן. די דייטשן האָבן געוואָרפן אויף דעם אָפשניט אַלץ נייע און נייע רעזערוון. די היטלעריסטישע אָנפירונג האָט זיך שוין געזען אויף זייער פאַראַדע־מאַרש אין מאָסקווע.

אין דער רויטער אַרמיי האָבן זיך געמערט פאַלן פון דעזערציע, ביי עלעמענטן פיינטלעך־געשטימטע צו דער ראַטנמאַכט. ס׳איז געקומען דערצו, אַז אויף פיל ערטער האָבן הויכע אָפיצירן, געמשפּט און אויסגעפירט טויט אורטיילן אויפן אָרט.

אין אַזאַ־אָ צייט איז געקומען דער „געניאַלער" פּלאַן פון סטאַלינען, אַרויסצוציען פון דער אַרמיי דעם „נישט פאַרלעסלעכן עלעמענט". דאָס איז געווען געריכטעט הויפּטזאַכלעך קעגן די אָפּשטאַמיקע פון די נייע מערבדיקע איינגעגלידערטע געביטן.

פאַרשטייט זיך אַז דער באַפעל האָט געטראָפן אין דער ערשטער ריי יידן, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון היטלערן און מיט האַרץ און נשמה זיך געמאָלדן צו דער רויטער אַרמיי, כדי צו קענען קעמפן מיט געווער אין האַנט, קעגן זייער בלוטיקן שונא, וועלכער האָט צעשטערט זייערע היימען, אויסגעקוילעט זייערע משפחות און געקומען פאַרניכטן זייער קולטור.

דער באַפעל צו לייגן דאָס געווער איז פאַר יעקב קאַפּלאַן געווען ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג. די דעמאָביליזירטע זעלנער זענען געבליבן בלויז אין די צעריסענע מונדירן, נישט וויסנדיק איבערהויפּט וועגן זייער ווייטערדיקן גורל.

אויף שנעל זענען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן עשאַלאָנען, כדי די מענטשן אַוועקצופירן ווייט אין הינטערלאַנד, און שאַפן דאָרט פון זיי אַרבעטס־קאָלאָניעס.

צום פירער פון עשאַלאָן אין וועלכן ס׳האָט זיך געפינען יעקב קאַפּלאַן, איז באַשטימט געווען אויך אַ דעמאָביליזירטער זעלנער, אַ דייטש פון לענינגראַד, אַן אַלטער קאָמוניסט, מיטן נאָמען פּפאַף.

דער וועג האָט געפירט אויף צפון פון סוויערדלאָווסק, צו דער שטאָט

ניזשני טאַגיל, דער גרעסטער צענטער פון קוילן־גרובנס אויפן אוראַל. אַ שטאָט פון קרוב פיר מאָל הונדערט טויזנט איינוווינער, מיט פאַבריקן און פאַרשידענע אונטערנעמונגען. קיין ניזשני טאַגיל זענען אויך עוואַקו־אירט געוואָרן אַ סך פאַבריקן פון די איבערגעלאָזענע געגנטן און פאַרנומענע שפּעטער דורך די דייטשן.

די מענטשן פון די עשאַלאָנען האָט מען איינקוואַרטירט אין געשאַפענע צו דעם צוועק, זעמליאַנקעס. גלייכצייטיק האָט מען זיי צוגעטיילט צו פאַר־שידענע אַרבעטן, מייגסטנס אָבער אין די עוואַקואירטע פאַבריקן, וועלכע האָבן געאַרבעט פאַרן פראָנט.

די דעמאָביליזירטע זעלנער זענען געווען פאַרביטערט. ווייטיקלעך איז זיי געווען נישט אַזוי, פון דער שווערער מאַטעריעלער לאַגע, פון נישט עסן צו דער זעט און נישט פונעם וווינען אין די היילן ווי אין די פאַרהיסטאָרישע צייטן, ווי פון דער עוולה באַזייטיקט צו ווערן פון דער אַרמיי. די באַזייטיקונג האָט דאָ דאָך באַטייט — מאַנגל אין צוטרוי ווי צו מענטשן פון צווייטן ראַנג.

יעקב קאַפּלאַן האָט אין דעם לאַנגן וועג זיך באַפריינדעט מיט דעם פירער פון זייער עשאַלאָן — פּפאַף. אַ סך מאָל פלעגן זיי פירן צווישן זיך פאַרשידענע פּאָליטישע דיסקוסיעס און אויך שמועסן וועגן זייער פּריוואַטן לעבן אין די היימען פון וועלכע זיי זענען געקומען. אין איינעם אַזאַ חברישן שמועס האָט פּפאַף מיט אַנטוישונג און מיט ביטול גענומען רעדן וועגן סטאַלינען, וועלכן מ'האָט דעמאָלט געהאַלטן ממש פאַר אַ גאָט און געניאַלסטן פּאָליטישן און מיליטערישן אַנפירער.

— ער איז שולדיק אין אונדזער גרויסן בראָך אויף די פראָנטן — האָט מיט צאָרן געזאָגט פּפאַף — דאָס האָט ער פאַרשיקט אין די לאַגערן, אָדער אויסגעהרגעט די בעסטע זין פון אונדזער לאַנד און פון דער קאָמו־ניסטישער פאַרטיי. די גרעסטע פּאָליטישע און מיליטערישע אַנפירער ווי: לעוו טראָצקי, דעם מאַרשאַל מיכאיל טוכאַטשעווסקי, יונה יאַקיר, וואַסילי בליוכער און נאָך אַ סך אַנדערע גרויסע אָפיצירן און מיליטערישע סטראַטעגן — דאָס האָט ער אָפּגעריייניקט אַרום זיך אַלע, וואָס האָבן פאַרשטאַנען און געוווסט מער פון אים.

אַזוי האָבן זיך געצויגן חדשים, וואָכן און טעג ווי אַן אייביקייט. מאָנאָטאָן איז געווען דאָס לעבן, נישט ווויסנדיק קיין מאָל וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען.

ענדלעך איז דערפלויגן די ידיעה וועגן דער אָרגאַניזירונג פון אַ

פּוילישער אַרמיי, וועלכע וועט קעמפן מיט די נאַציס, אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל וולאַדיסלאַוו אַנדערס.

דעם 8 מערץ זענען זיי געקומען קיין טאַשקענט, צו דער מאָביליזאַציע. זייער האָפנונג און פרייד ווערט שנעל אויסגעלאָשן. ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן זענען די טויערן פון אַנדערסעס אַרמיי געווען געשלאָסן פאַר יידן. מיט בייסנדיקער איראָניע האָט דערציילט קאַפּלאַן וועגן דער פאָרם פון מאָביליזירן יידישע ייִנגלעך אין דער דאָזיקער אַרמיי, אונטער דער אָנפירונג פון די פּוילישע סאַנאַציע־אָפיצירן.

— עס שטייט מיר נאָך פאַר די אויגן דאָס בילד — ווי דער ראָוונער בחור — לעאָן קאַצעוו, איז אַרויסגעקומען פון דער קאָמיסיע. זיין דערשלאָגן בלאַס געזיכט, ווי ער וואָלט פאַרלוירן דעם ציל און די האָפנונג פון זיין לעבן. ער האָט גענומען דערציילן ווי אַזוי ער איז דורכגעפאַלן ביי דעם „גייסטיקן" עקזאַמען — ביים צלמען זיך.

די אָנפירונג פון דער אַרמיי האָט שוין פון אָנפאַנג געפּלאַנט אַרויסצוציען זיך פון ראַטנפאַרבאַנד און זיך אָנשליסן צום מערב און האָט נישט געוואָלט אַז די יידן זאָלן זיי שטערן...

יעקב האָט אָבער די האָפנונג נישט פאַרלוירן צו קעמפן מיט געווער אין האַנט, קעגן די היטלערישע טייוולאָנים. דערווייל איז ער געווען געצוווּנגען, זיך אומקערן צו זיין טאָגטעגלעכער אַרבעט, פאַר חיונה, צו קאָנען לעבן, אויסהאַלטן, איבערטראָגן און... זיך דערוואַרטן.

דער פּאַראַדע־מאַרש
אין דער חרובער שטאָט לובלין

אין מערץ 1943, אונטער דער אָנפירונג פון דער באַקאַנטער פּוילישער שרייבערין וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ און אַלפרעד לאַמפּע, איז אַנשטאַנען דער „פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן" אין ראַטנפאַרבאַנד (ז.פּ.פּ.). ס'האָט זיך אָרגאַניזירט אַ פּוילישע אַרמיי, אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל זיגמונט בערלינג, וועלכע וועט קעמפן צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמיי קעגן די דייטשן.

אין דער אַרמיי האָבן זיך געמאָלדן פרייוויליקע פון אַלע עקן און ווינקעלעך פון סאָוויעטישן לאַנד. דעם 1־טן אויגוסט 1943 האָט יעקב קאַפּלאַן באַקומען אַ באַפעל, זיך צו שטעלן אין דער פּוילישער שולע פאַר אָפיצירן.

פריידיק געזעגנט פון אַלע, האָט ער גלייך דעם זעלבן טאָג זיך געלאָזט אין וועג, מיט דער מאָביליזאַציע־קאַרטע ווי מיט אַ הייליקער שריפט, האָט ער זיך געשטעלט אויפן באַפעל.

יעקב האָט זיך גענומען מיט ערנסט און פלייס צו דער לערע, ווי אַמאָל אין די מיליטערישע רייען פון בית"ר. שוין דעם 17 דעצעמבער 1943, אַוואַנסירט ער צום ערשטן אָפיצירן־ראַנג כאָראַנזשע.

אויף די פראָנטן זענען שוין פאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען. זייט דער מפּלה ביי סטאַלינגראַד און דער קאַפּיטולאַציע פון דער דייטשער אַרמיי פון גענעראַל פּאַולוס, דעם 31 דעצעמבער 1943, האָבן די סאָוויעטן איבער־גענומען די איניציאַטיוו אויף אַ סך פראָנט־אָפּשניטן. דאָס איז געווען אַ ווענד־פּונקט אין דער געשיכטע, פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

יעקב קאַפּלאַן מיט אַ גרופּע פון צוואַנציק אָפיצירן, פון זיי צוועלף יידן, צווישן וועלכע ס'האָט זיך געפינען אויך זיין חבר זלמן ביאַלאָסטאָצקי, זענען איבערגעשיקט געוואָרן צו דעם ערשט אָרגאַניזירטן דורך דעם יידישן בחור פון וולאַצלאַוועק־הענריק טאָרונטשיק, דעם אַזויגערופענעם „שטורעם־באַטאַליאָן".

דאָ אין די ביעלאָמוטער, סאָסנאָווע וועלדער, הייבט זיך אָן אַ נייע ערע אין לעבן פון יעקב קאַפּלאַן. אָנערקענענדיק זיינע מיליטערישע פעיקייטן,

ווערט ער באַשטימט צום אָנפירער פון דער אונטעראָפּיצירן־קאָמפּאַניע, צו שולן זעלנער וועלכע, זאָלן שפּעטער אַראָפּגעוואָרפן ווערן אַלס פּאַרטיזאַנער, אויף די באַזעצטע פּוילישע געביטן.

ווען דער גענעראַל אַלעקסאַנדער זאַוואַדזקי ווערט באַשטימט צום אָנפירער פון פּאַרטיזאַנישן שטאַב, מיט דעם זיץ־אָרט אין ראָוונע, כדי דאָרט צו שולן נייע קאַדרען פאַר די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען, ווערן צו אים געשיקט אינסטרוקטאָרן פונעם „שטורעם־באַטאַליאָן" און צווישן אַנדערע יעקב קאַפּלאַן.

אויף די נייע־באַפרייטע פּוילישע געביטן, שאַפן זיך ספּעציפישע קאַמפּס־פאַרהעלטענישן, מיט רעשטלעך פון די צעקלאַפּטע דייטשע אַרמייען, וועלכע וואנדערן אין די וועלדער און מיט די פּאַרטיזאַנישע אוקראַינישע באַנדעס פון סטעפּאַן באַנדעראַ, די גערופענע „באַנדעראָווצעס" און טאַראַס בולבאַ — „בולבאָווצעס". אַ סך מאָל איז אויך געקומען צו צוזאַמענשטויסן מיט אָפּטיילונגען פון פּוילישע נאַציאָנאַליסטן, פון א.ק. (אַרמיאַ קראַיאָוואַ).

אין די אַלע קאַמפן האָט גענומען אַן אַקטיוון אנטייל, דער שוין באַקאַנ־טער אָפיציר יעקב קאַפּלאַן (פּסעוודאנים „יאַשאַ").

דעם 24־טן יולי 1944 איז אין באַפרייטן לובלין געשאַפן געוואָרן די נייע צייטווייליקע, פּוילישע רעגירונג, וועלכע האָט געטראָגן דעם נאָמען פּ.ק.וו.נ. (פּוילישער פאַלקס־באַפרייאונגס־קאָמיטעט). מען האָט זיך געגרייט צו אַ גרויסן יום־טוב. פון אַלע זייטן האָבן זיך געצויגן מיליטערישע אָפּטיי־לונגען, צו דער צייטווייליקער, פּוילישער הויפּט־שטאָט לובלין.

אויף דער אויפגעבויטער טריבונע, באַפּוצטער מיט בלומען און נאַציאָ־נאַלע פענער, זענען געשטאַנען די פּוילישע מלוכה־פירער: באָלעסלאָוו ביערוט, אָסובקא מאָראַווסקי, ראָלאַ זשימיערסקי און נאָך אַ סך אַנדערע ציווילע און מיליטערישע פאַרשטייער פון פּוילישן פאָלק.

אויך דער מאַיאָר יעקב קאַפּלאַן (פּסעוודאנים „יאַשאַ"), דער פּאַראַ־שוטיסט פונעם „שטורעם־באַטאַליאָן" איז געשיקט געוואָרן מיט אַ קאָמפּאַניע, כדי אנטייל צו נעמען אין דעם פּאַראַד.

אין פולן אויסגעפּוצטן כלי־זין, אין ריינע מונדירן, און גלאַנצנדיקע העלמען אין דער זון, האָבן זיי מיט האַרטן טראָט פאַרביימאַרשירט, פאַר דער טריבונע. יונגע מיידלעך זענען געלאָפן פון ביידע זייטן און געטיילט די זעלנער בלומען. די פרייד איז געווען גרויס. די אָוואַציעס, די אויסרופן פון די פאַרזאַמלטע לענגאויס די טראָטוארן האָבן געהילכט ביזן הימל.

מיט אַן אָנטבלויזטער שווערד, דער קערפּער געשפּאַנט ווי אַ סטרונע



WOJSKO POLSKIE

ZAŚWIADCZENIE TYMCZASOWE Nr. ______

Ob. Kaplan Jan s. Abla

(Stopień, nazwisko, imię, imię ojca i pseudonim)

Rozkazem Ministra Obrony Narodowej

Nr. 74 z dnia 4 II 1946 r.

Za zasługi bojowe w bohaterskiej walce zbrojnej
w oddziałach partyzanckich z hitlerowskim najeźdźcą
o Niepodległość, Wolność i Demokrację
został odznaczony:

„KRZYŻEM PARTYZANCKIM"

(Podpis wręczającego
zajęte stanowisko i stopień)

M. p.

יעקב קאַפּלאַנס אויסצייכענונג פאַר „ספּעציעלע פאַרדינסטן"
מיטן פּאַרטיזאַנער קרייץ

WOJSKO POLSKIE
Samodzielny Batalion
Specjalny (Szturmowy)

LEGITYMACJA SPADOCHRONIARZA

L.p.	Data	Nr rozkazu	Cel skoku	Wysokość w m.	Typ samolotu
1.	4.I.44	83	Ćwiczebny	500	Aerostat
2.	[illegible]	91	„ „ z bronią	500	„ „
3.	7.I.44	96	„ „ „ [illegible]	[illegible]	„ „
4.	19.[illegible].44				
5.	29.[illegible].44				
6.	20.III.44				
7.					
8.					

Nazwisko Kapłan
Imię Jan
Imię ojca
Zgodnie z rozkazem Batalionu Nr 145
z dnia 6 kwietnia 1944 r. ma prawo na noszenie
odznaki Spadochroniarza
Data 11.IV.1944 r.
SZEF SZTABU
kapitan

יעקב קאַפּלאַנס („יאַן") לעגיטימאַציע פון פּאַראַשוטיסט

האָט דעפּילירט דער מאַיאָר יעקב קאַפּלאַן אין שפּיץ פון זיין קאָמפּאַניע. אונטער זיין אָנפירונג האָבן געציילט הונדערט פופציק מאַן, צווישן זיי עט־לעכע און צוואַנציק יידישע בחורים, ווי טרייביש איזידאָר, גראָסמאַן, קאַץ פּאַוולאָטשקאָ, דער זון פון לעמבערגער רב — לעווין און אַנדערע.

זיי האָבן מאַרשירט צום טאַקט אונטער די קלאַנגען פון אָרקעסטער, די קעפּ געווענדעט אויף רעכטס, צו די פּאַרזאַמלטע אויף דער טריבונע... יעקב האָט געזוכט יידישע פּנימער, סעמיטישע טיפּן. אָבער די גאַנצע מענטשן־מאַסע האָט זיך צונויפגעגאָסן צוזאַמען, ווי אין אַ נעפּל. זיי האָבן געשפּאַנט איבער די לובלינער יידישע גאַסן און די אויגן האָבן געזוכט די רונדע יידישע היטעלעך, יידן אין לאַנגע שוואַרצע קאַפּאָטעס און ווייסע זאָקן. יעקב האָט געהערט דאָס געזאַנג פון די בחורים ביי דער גמרא, אין דער לובלינער ישיבה, וואָס האָט זיך אים אויסגעמישט מיטן גאַסן־טומל פון די אלטוואַרג־הענדלער. ער האָט געזען די באָרוועסע יידישע יינגלעך, מיט דעם געפּאַרבטן וואַסער אין די הילצערנע קאַנען, געהערט זייער רופן, אין די אויערן האָט געקלינגען זייער קול — „אַ קאַלטס און אַ גוטס"... „אַ קאַלטס און אַ גוטס!!!"...

— צי איז דאָס מעגלעך — האָט ער זיך אַליין געפרעגט — אַז זיי זענען שוין מער נישטאָ? און וועלן שוין קיין מאָל נישט זיין? און דער אָרקעסטער האָט געשפּילט...

אים האָט זיך געדאַכט אַז די לופט איז נאָך פיל מיט דעם ריח, פון די נאָר וואָס פאַרלאָשענע אויוונס פון מיידאַנעק...

חרובע, לובלינער יידישע גאַסן אָן יידן...

סוף.

אינהאַלט

הקדמה 7
אַ וואָרט פון אויטאָר 11
די פּאַראַשוטיסטין חנה סענעש, פּסעוו. „הגר" 15
חנה באַגעגנט זיך מיט דער מאַמען 20
די פּאַרטיזאַנישע פּאַראייניקונג „נאָך איז פּוילן נישט פאַרלוירן" . . 23
אויף דעם פּוילישן באַזעצטן געביט 31
צוויי מאָל אין דער דייטשער געפאַנגענשאַפט 35
דער לאַגער אין נאָווי שוויערזשען 41
דער מינירער פּאַרוטשניק יאיר קירשנבוים, פּסעוו. „יורעק" 43
די מינערישע אַרבעט 47
אין דער פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג א. נ. פון וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ . . 51
דער אָנטייל אין דעראָבערן יאַנוור־לובעלסקי 56
די געהיימע דרוקעריי אויף דער דלוגאַ־גאַס אין קראָקע 61
דער פּאַראַשוטיסט יעקב באַנק, פּסעוו. „מאַזור" 69
דאָס איז נישט געווען קיין חלום 74
דער וועג צום „שטורעם באַטאַליאָן" 77
פרייוויליק אין דער „רויטער אַרמיי" 87
דער דייטשער דעסאַנט 92
די אויפגעריסענע בריק אויפן דניעפּר 96
אַ נישט געלונגענער פלי 100
אויפן לעניגראַדער פראָנט 104
אין קאַמף מיט די באַנדעס פון „אופּאַ" 110
אין דייטשער געפאַנגענשאַפט 112
אין די וועלדער פון אַרכאַנגעלסק 117
דאָס צווייטע מאָל אין קאַמף מיט די דייטשן 121
דער פּאַראַשוטיסט מאיר ברוך צוקער —
וויטאָלד קאָלסקי, פּסעוו. „פּלאַריאַנסקי" 129
פאַראַכטונג פון טויט 133
דער טויט פון פּאַרטיזאַן הערשל פּאַסאַסאַרסקי 137
די אַקציע אויפן טאַרטאַק אין נאָווי סוויערזשען
און דער טויט פון פעלע ווײַנבערג 144
דער יאָרטאָג פון מלחמה־אויסברוך יוני 1941 148
אין ניינטן באַטאַליאָן „זאַ ראָדינו" 152
אונטער כאַרפּון 161
די צוויי יידישע מינירער 166
דאָס פליפלאַץ אין רוקן פון פײַנט 172
דער פּאַראַשוטיסט פּנחס קאַרטין, פּסעוו. „אַנדזשעי שמידט" 178
פּונק־דעפּעשע פון פּאַוועל פינדער צו געאָרגי דימיטראָוו 191
דער פּאַראַשוטיסט מיעטעק היימאַן 198
אַזוי שטאַרבן העלדן 204
אין דער נאַליבאָקער פּושטשע 206
דער ערשטער וואַרשעווער באַטאַליאָן פון טאַדעוש קאָשטשושקאָ . . 210
די יידישע פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג אין די צומאַנער וועלדער . . . 215
אַן אַקט פון נקמה 225

די סאָוועטישע פּאַראַשוטיסטן 228
אַ נישט פּאַרגעסלעכע דאַטע 232
אויף דער אַרישער זייט 236
די פּאַראַשוטיסטין חנה גרינשפּאַן, פּסעוו. „לענאַ“ 243
געלאַנדעט מיט דעם פּאַלשירעם אין וואַסער 247
אַ שמועס מיט דעם פּאַראַשוטיסט מאַיאָר אפרים ווייכסעלפיש 252
ביים שבתדיקן טיש פון גענעראַל סאָסקין 257
אין שטורעם־באַטאַליאָן 261
די שחיטה אין קאָסעוו־פּאָלעסקי 264
אין די וועלדער פון וואלטשי נארי 271
די ליקווידאַציע פון די דריי היטלעריסטישע נעסטן 277
די נקמה פּאַר די דריי אויפגעהאָנגענע יידן 280
פון סיבירער טייגעס צום לייטער פון דער אָפּיצירן קאָמפּאַניע 285
דער קאַמף מיט די אוקראַאינישע נאַציאָנאַליסטישע באַנדעס 292
יידן מעלדן זיך פרייוויליק צו דער אַרמיי פון גענעראַל אַנדערס 298
דער פּאַראַדע־מאַרש אין דער חרובער שטאָט לובלין 306